STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00946

HAIFA

Permanent preservation of this book was made possible
by Seymour Milton Ebner
in memory of
Sara & Eli Stern

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח י פ ה

יאָרבוך פאַר ליטעראַטור און קונסט

רעדאַקטירט:

מרדכי קראַשניץ / דוד ראַדין

חיפה

יאָרבוך פאר ליטעראטור און קונסט

4

רעדאקטירט:

מרדכי קראָשניץ / דוד ראָדין

ארויסגעגעבן פון דער חיפהער אָפטיילונג

פון יידישן ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאראיין אין ישראל

פארלאג חיפה

חיפה ★ תשכ"ז—1967

"HAIFA"

YEARBOOK FOR LITERATURE AND ART

Edited by
M. KROSHNITZ and D. RODIN

Published by
Haifa Branch of Yiddish Authors and Journalists in Israel
HAIFA, ISRAEL — P.O.B. 4267

©

נדפס בישראל, תשכ"ז
Printed in Israel, 1967

סודר במסדרת־דפוס "ספרוני", חיפה

נדפס: "המדפיס החדש", חיפה



א בריוו פון שלום-עליכם

(זאמלונג פון חיפהער מאָלער א. ישכיל)



קלאַרא בראַט : מוטער און טאָכטער (סקולפּטור)

מרדכי קראַשניץ

נחלאים *

אבי רייף און אבינועם אבנשטיין, וועלכע
האָבן מיט זייער בלוט געהייליקט די ערד
פון אלמגור, — געווידמעט.

דער בלאָנדער הויכוואוקסיקער אורי איז געבוירן געוואָרן אין בית-חיים, א קליין דערפל, וואָס ליגט באהאלטן צווישן גרינע פּרדסים אין דער שרון געגנט.

זיין טאטע דוד בערמאן, איז געקומען אין לאנד אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, נאָכן אָפּזיין א פּאָר יאָר אויף א הכשרה-פּונקט, אין א גרויסער פּוילישער פאבריק-שטאָט. דאָ, אין לאנד, איז ער עטלעכע יאָר געווען אין א קיבוץ, וואָס האָט זיך נאָר וואָס באזעצט אויפן באָדן. ער האָט דאָרט געארבעט שווער, געוואוינט די ערשטע צייט אין א געלט, דערנאָך אין א באראק, — זעקס בחורים אין א צימער. אין די נעכט פלעגט ער, א באוואָפנטער מיט א פּרימיטיווער ביקס, ארויסגיין אויף שמירה צו היטן די פריש-געפלאנצטע פּרדסים און די שלאָפנדיקע חברים, געגן די אראבישע כנופיות, וואָס האָבן דעמאָלט געווילדעוועט אין לאנד.

דאָרט, אין קיבוץ, האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט רבקה'ן, — א קליין, צארט, בלאָנד, בלוי-אויגיק מיידל, — וואָס איז מיט געציילטע וואָכן פריער געקומען אין לאנד פון טעלזש, אין דער ליטע, וואו זי האָט פארענדיקט א העברעאישן לערער-סעמינאר.

איינמאָל, אין צייט פון דער מיטאָג-הפסקה, ווען ער איז געזעסן מיט רבקה'ן ביי איין טיש, האָט דוד גאנץ אומדערווארט מיט פויערישער אָפנהארציקייט זיך אָנגערופן צו איר:

— דו ווייסט, רבקה, ווען איך קוק אריין אין דיינע אויגן דאכט זיך מיר, אז איך זע פאר זיך צוויי בלויע קאָרן-בלימלעך, וואָס איך האָב ייִנגלווייז ליב געהאַט צו רייסן אויף די קאָרן-פעלדער ארום מיין שטעטל. אויך איצטער האָב איך א שטארקן פארלאנג אריינצונעמען דיין קאָפּ אין מיינע הענט און אויסקושן די טיפע בלויקייט פון דיינע אויגן.

---

* נחלאים — זעלנער פון דער לאנדווירטשאפטלעכער פאָרמאציע פון דער ישראל-ארמיי.

— און פאַרוואָס זשע טוסטו דאָס ניט ? האָט אים רבקה שטיפעריש קורץ געענטפערט.

מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן זיי געשטעלט א חופה, און זיינען אריבער וואוינען אין א באַראַק-צימער, צוזאַמען מיט נאָך א יונג פּאָרל.

אפשר טאַקע איבער די שותפים צום צימער און דאָס פעלן פון אן אייגענעם אינטימען ווינקל, האָבן זיי אין א רעגנדיקן ווינטער-טאָג פאַרלאָזן דעם קיבוץ און זיינען אריבער אין בית-חיים, א דאָרף וואָס האָט דעמאָלט זיך אָנגעהויבן בויען.

ווען אורילע איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געבוירן געוואָרן, איז שוין דאָס דערפל געווען באַשאָטנט פון ביימער ; די פּרדסים האָבן שוין געגעבן פרוכט ; אין די שטאַלן האָבן געמוקעט קי, און אין די הינער-שטייגן האָבן אין כאָר זיך איבערגערופן ווייסע הינער.

אין דער דאָזיקער דאָרפישער רואיקייט זיינען געוואָקסן די קינדער פון בית-חיים, און צוזאַמען מיט זיי, — אורילע. אָט, ערשט ניט לאַנג, דאַכט זיך, האָט ער אָנגעהויבן צו גיין אין קינדער-גאָרטן, און אָט איז ער שוין א תלמיד פון צענטן קלאַס מיטלשול ; אָט, ערשט נעכטן איז עס געווען, ווי ער איז ביינאַכט געלעגן מיט דער מאַמען אין א בונקער, בעת די אַראַבישע כנופיות זיינען באַפאַלן דאָס דערפל, ווען די יידישע מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, און אָט גייט ער שוין אַרויס אין די נעכט, אָנשטאָט דעם טאַטן, אויף שמירה, צו היטן דאָס דערפל פון מסתננים (אריינדרינגלער), וועלכע קומען פון יענער זייט גרעניץ צו רויבן און מאָרדן.

ער ווייסט שוין ווי צו באַגיין זיך מיטן „עוזי״, ווייסט צו זיין פאָרזיכטיק, ניט שיסן פריצייטיק, כדי חלילה, ניט צו טרעפן אן אומשולדיקן. ער שפּאַצירט אַרום אָן פחד צווישן די פּרדסים און בויערט דורך די פינצטערניש מיט זיין בליק, אויפצוכאַפּן דעם סילועט פון א פאַרטייעטן רויבער.

אלע וועגן און סטעזשקעס זיינען אים דאָ באַקאַנט און אייגן. דאָ, צווישן די פּרדסים, שפּילן זיך בייטאָג די קינדערלעך פון בית-חיים: זיי שפּילן אין „מחבואים״ (באַהעלטעניש), און אין „תופסת״ (כאַפּעניש) ; זיי דראַפּען זיך אויף די הייכע ציפּרעסן, און בויען ביידלעך אויף די צווייגן פון די ברייט-צעוואָקסענע עקאַליפּטוסן. אויך ער, אורי, פלעגט זיך דאָ שפּילן, ווען ער איז געווען אין זייער עלטער. הייַנט, אָבער, איז ער שוין א גרויסער, א „גבר״ (מאַן), ווי די מאַמע האָט אים ליב צו רופן. און דערפאַר טרויט מען אים אָן אזא אחריותדיקע אויפגאַבע, ווי — נאַכטיקע שמירה.

אין דער יוגנט-באַוועגונג, צו וועלכער ער געהערט, מעסט ער זיך מיט זיינע חברים מיט דער גרויס און האַרטקייט פון די מוסקולן. חברה פלאַצט פשוט פון

קנאה, ווען מען גיט זיך א כאַפּ אַרום מיט די ידיים, — ווער ווען ס׳וועט בייקומען ; ס׳גערדויערט א פּאָר סעקונדעס און דער געגנער ליגט שוין אויסגעצויגן אויף דער ערד און בעט זיך : אורי, די ! גענוג, אורי ! לאָז מיך אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אין דער יוגנט-פאַרמאַציע פאַר מיליטערישער אויסשולונג, „גדנע״, איז ער שטענדיק דער ערשטער אין לויפן, שפּרינגען, קלעטערן אויף שטריק און אנדערע פאַרמעסטן. דערצו האָט ער שטענדיק גרייט א ווערטל און א וויץ, וואָס מאַכט לייכט דאָס געמיט, אפילו ווען מען איז טויט-מיד פון די איבונגען. די חברה זאָגט וועגן אים :

— אורילה הוא חברהמן (אורילע איז א חברהמאַן) !

זיין בלאָנדע טשופּרינע פאַלט אים שטיפעריש איבער די בלויע אויגן, וועלכע בליקן אַרויס מיט דער תמימותדיקייט פון א קינד. די מיידלעך גייען אויס נאָך אורילעס א בליק ; זיי טוליען זיך צו אים ביי יעדע געלעגנהייט ; און ניט איינע פון זיי חלומט צו ווערן אורילעס חברטע. אָבער אורי האָט ניט קיין חשק צו פאַרבינדן זיך מיט איינער.

— למה, פאַרוואָס און צו וואָס טויג עס אים ?

אָט האָט ער געטראָפן ציפּין, א תל-אביבער מיידל, וואָס איז אין די שול-פעריען געקומען צו א פעטער אין בית-חיים. חברה האָט געמיינט, אז דאָס מאָל איז אורילע שוין „געכאַפּט געוואָרן״ ; די „שטאַטישע״ האַלט אים שוין אין אירע הענט. ערשט וואו ? ס׳הויבט זיך ניט אָן ! גאַנצע זעקס וואָכן האָט אורי איר אַרומגעפירט אין אלע זיינע באַהעלטענישן און באַליבטע ווינקעלעך ; צוזאַמען געמאַכט שפּאַצירן אויף ראַווערן אין דער אַרומיקער געגנט ; געבאָדן זיך צוזאַמען אין שווים-באַסיין, פאַרברוינט געוואָרן אויף דער זון און — דערציילט וויצן און מעשיות. אָוונט נאָך אָוונט פלעגן זיי אוועקגיין שפּאַצירן צווישן די פּרדסים. גייענדיק אַרומגענומענע און צוגעטוליעטע פלעגן זיי אויסמעסטן די סטעזשקעס ביז אין שפּעטער נאַכט אַריין. און ווען חברה פלעגט א פרעג טאָן :

— אורי, איך זה הולך לך עם החתיכה ? ווי גייט עס דיר, אורי, מיט דער חתיכה (מיידל) ? פלעגט אורי א שמייכל טאָן און ניט ענטפערן קיין וואָרט.

ציפּי האָט אים שוין געזאָגט, אז זי האָט אים ליב ; אז זי וואָלט געווען גליקלעך צו ווערן זיין חברטע. און ער, — ער ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר ס׳גלוסט זיך אים ניט צו ווערן איר שטענדיקער חבר. ניין ! שפּאַצירן מיט איר, — אפילו קושן זיך, — דאָס יאָ. אָבער ווערן איר חבר, זיין צוגעבונדן צו איר, שלעפּן זיך קיין תל-אביב, — דאָס ניט. ניין !

און אז ציפּי איז אוועקגעפאָרן, איז זי פאַרבליבן אין זיין זכרון ווי א חלום,

פון וועלכן מען כאפט זיך אויף און מען געדענקט אים נאָר טיילווייז, ביז ער ווערט אינגאנצן פאַרשוואומען און ס׳בלייבט פון אים גאָרניט.

— — — — — — — — — —

עס שטייען הייסע ברענענדיקע זומער-טעג אין ישראל; בית-חיים ליגט אין די טעג ווי פאַרגליווערט: די לאָדנס פון די הייזער פאַרמאַכט, א סגולה געגן דער היץ; די רויטע דאַכלקעס פון די דעכער זעען אויס ווי גליאיקער פייער; די קי שטייען אין די שטאַלן, שמייסן מיט די עקן די פליגן און מעלה-גירה׳ן פויל; די הינער אין די שטייגן שטייען אומבאַוועגלעך, אָטעמען מיט אָפענע שנאָבלען און זופן אָפט פונעם וואַסער, וואָס רינט מיט א דינעם שטראָמל אין די קאָריטעס; די הייכע שלאַנקע ציפּרעסן זיינען באַדעקט מיט א ווייסן שטויב, זייער שטענדיקע גרינקייט האָט באַקומען א גרויע קראַנקע מראה.

אורי האָט מיט א פּאָר טעג צוריק פאַרענדיקט די געגנטלעכע מיטלשול, מיט אַן אומעטיק געפיל זיך געזעגנט מיט די לערער און חברים, און איצט וואַרט ער אויפן צעטל, וואָס וועט אים רופן צום מיליטער-דינסט אין דער פרייוויליקער נחל-פאָרמאַציע.

דערווייל אַרבעט ער צוזאַמען מיט די עלטערן אין דערווירטשאַפט: רייניקט אויס דאָס מיסט אין רפת; גיט עסן די קי; באַוואַסערט דעם פּרדס; עפנט אויף פאַרנאַכט די וואַסער-וואַרפערס אויף די גרינס-גערטנער און פירט אַראָפּ אויף א צווי רעדערדיק וועגעלע, געשפּאַנט צו א מויל-אייזל, די קעסטלעך מיטן צייטיקן גרינוואַרג.

ער אַרבעט כמעט א נאַקעטער: אָנגעטאָן נאָר אין סאַנדאַלן, א פּאָר קורצע הויזן און א „טעמבעל" אויפן קאָפּ. זיין קערפּער איז ברוין-שוואַרץ פון די זון-שטראַלן און גלאַנצט פונעם שווייס. פון אונטערן „טעמבעל" קוקט אַרויס א בלאָנדער לאָק האָר און די אויגן שמייכלען גוטמוטיק און שטיפעריש.

— אורי! רופט די מאַמע. אורי, קום טרינק אויס א גלאָז מיץ!

— בסדר, אמא, ענטפערט אורי, און טרינקט א צופרידענער דעם זאַפט וואָס די מאַמע האָט אַרויסגענומען פון עלעקטרישן אייז-קאַסטן.

— אפשר וועסטו, זונעלע, זיך אָפּרוען א ביסל פון דער אַרבעט?

— אמא, דער טאָג איז טאַקע גרויס, אָבער די אַרבעט קען ניט וואַרטן, און ס׳איז א שאָד יעדע מינוט, — ענטפערט ער דער מאַמען.

— ביסט גערעכט, זונעלע. אָבער, יאָג זיך ניט אַזוי ביי דער אַרבעט, — די היץ איז צו גרויס. פאַרענדיקט רבקה דעם קורצן שמועס און איילט אַוועק צוריק צו איר אַרבעט.

ווען ס׳איז אָנגעקומען דער רוף צו אורין, צו שטעלן זיך צום מיליטער-

דינסט, האָבן זיינע עלטערן געמאַכט א מסיבה פאַר די נאָענטסטע שכנים און חברים. מען האָט געטרונקען לחיים, געוואונטשן אז עס זאָל זיין שלום, אז ער זאָל זיך אויסדינען, קומען צוריק א געזונטער און מען זאָל דערלעבן נחת פונעם בן-יחיד.

צומאָרגנס גאנץ פרי האָט אורי זיך געזעגנט מיט דער מאמען ביים טויער פון זייער הייף. רבקה האָט געוואָלט זיך באהערשן, ניט צו וויינען, האָט אָבער ניט געקענט, די טרערן האָבן איר געשטיקט, — פאַרט א יידישע מאמע. זי האָט אים, וויינענדיק, אָנגעזאָגט צו זיין פאַרזיכטיק, ניט קריכן סתם אזוי אין סכנות, און שטענדיק געדענקען די עלטערן און די היים ; זי האָט אים לאנג צוגעדריקט צו זיך און אויסגעקושט זיין פּנים און די בלויע אויגן אין וועלכע זי האָט געזען זיך אליין.

דוד האָט דעם זון באגלייט צום זאמלפונקט, געוואַרט דאָרט ביז דער אויטאָבוס איז געקומען, און ביים געזעגענען, אים געזאָגט נאָר דריי ווערטער : „היה גבר בגוי", — זיי א מאַן מיין זון ! אים ארומגענומען, זיך צעקושט, און נאָכגעקוקט ווי דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט פון אָרט און האָט זיך דערווייטערט.

אורי איז געוואָרן א זעלנער אין דער ישראל ארמיי, — א נחלאי.

✶

ווען שמואל סאבאג, דער צורף פון קאזאבלאנקא, איז מיט זיין ווייב מסעודה, צוויי זין און דריי טעכטער, אָנגעקומען אין מדינת ישראל, האָט אים די סוכנות באזעצט אין א לייוונטביידל, אין א מעברה, אין עמק זבולון, ניט ווייט פון דער כרמל-שטאָט חיפה.

זיין עלטסטע טאָכטער, אָסנת, איז דעמאָלט אלט געווען 9 יאָר. געווען איז דאָס א מיידעלע — הויט און ביינער ! פון איר קליין פּנימל האָבן ארויסגעקוקט א פּאָר גליאיקע שווארצע אויגעלעך, וואָס האָבן מיט פארוואונדערונג און נייגע-ריקייט באטראַכט דעם ארום.

א פּאָר וואָכן שפּעטער, נאָכן באזעצן זיך אין דער מעברה, האָט אָסנת אָנגעהויבן צו לערנען אין בית-ספר, אין דעם שכנותדיקן יישוב „עיר-גנים", צוזאמען מיט די קינדער וועלכע זייגען דאָרט געבוירן געוואָרן.

ווען די קינדער זייגען בעת דער ערשטער הפסקה מיט פריידיקן געפילדער ארויס אין דרויסן זיך שפּילן, איז אָסנת געבליבן שטיין אָן א זייט, געקוקט אומבאהאָלפן אויף די קינדער און מורא געהאַט צו באטייליקן זיך אין זייער שפּיל : ווער ווייסט, צי זיי וועלן איר ניט פארטרייבן ?

— אָסנת, בואי לשחק ! אָסנת, קום זיך שפּילן ! איז צוגעלאָפן א בלאָנד

מיידעלע פון איר קלאַס, אָנגענומען זי פּאר א הענטל און איר אריינגעצויגן אין מיטן פון קרענצל טאַנצנדיקע קינדער.

ווען אָסנת איז אַלט געוואָרן 12 יאָר, איז זי צוזאַמען מיט אירע חברטעס אריין אין דער יוגנט-באַוועגונג, וואָס האָט געגעסטעט אין א קליינעם אַלטן באַראַק אין „עיר-גנים”.

ס׳איז ניט אויסצודערציילן די אַלע נסיונות פאַר וועלכע שמואל סאַבאַג מיט זיין הויזגעזינד איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער יידישער מדינה; וויפל גלגולים ער האָט אדורכגעמאַכט ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו זיין איצטיקן מעמד, א קוואַליפיצירטער אַרבעטער ביי איידעלע מעכאַניזמען אין א פאַבריק פון עלעקטראָנישע מכשירים.

שמואל סאַבאַג האָט שוין פון לאַנג פאַרלאָזן די מעברה, וואָס איז אויך שוין פאַרשוואונדן פונעם ישראל-פּייזאַזש. היינט וואוינט ער אין א שיינער דירה פון דריי צימערן, אין איינער פון די שטעטלעך ביי חיפה, ניט ווייט פונעם ים. אַרום די הייזער וואַקסן ביימער, בלומען און עס גרינען גראָזן אויף וועלכע ס׳איז אַזוי גוט זיך אוועקלייגן און אויסגלייכן די ביינער אין א זומערדיקן אָוונט, נאָך א שווערן אַרבעטס-טאָג, כאַפּן דערביי א שמועס מיט די שכנים, אָדער שפּילן אין „שעשבעש”, צוהערנדיק זיך דערביי צום ציקלענדיקן קול פון אן אַראַבישן זינגער, וואָס טראָגט זיך פון טראַנזיסטער אַרויס: „יא חבי-אי-אי-בי, חבי-אי-אי-בי!”

— — — — — — — —

די יאָרן גייען יאָר נאָך יאָר און צוזאַמען מיט זיי גייט מיט דער מענטש, וואַקסט, אַנטוויקלט זיך און ענדערט זיך.

אָסנת איז שוין מיט מזל אַלט געוואָרן 18 יאָר, פאַרענדיקט די מיטלשול און דאַרף אָט באַלד אוועקגיין אין מיליטער, אין דער נחל-פאָרמאַציע, אין וועלכער זי האָט זיך פרייוויליק מאָביליזירט מיט אירע חברטעס און חברים פון דער יוגנט-באַוועגונג.

אָסנת באַטראַכט זיך אַליין אין שפּיגל און גלויבט זיך ניט, צי איז עס טאַקע זי? פון שפּיגל קוקט אַרויס א הויך, שטאַלטיק מיידל, מיט א רונד, טונקל-הויטיק פּנים; אַלע גלידער זיינען ביי איר פאַררונדיקט, ווי געשניצט מיט דער האַנט פון א קינסטלער; לאַנגע טונקעלע וויעס דעקן צו א פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן; א קליין ברוין חן-פינטעלע טונקלט זיך אויף דער לינקער באַק, און א דיקער צאָפּ וויקלט אַרום דעם שטערן ווי א קראַנץ.

פונקט דעמאָלט, ווען זי קוקט אַריין אין שפּיגל, קומט אָן די מאַמע:

— ביסט שיין, יאַ, בענטי! זאָל דיין מזל זיין אַזוי שיין! ווינטשט איר די מאַמע און ווישט דערביי אויס א טרער, דערמאָנענדיק זיך, אַז נאָך א פּאָר

טעג וועט אָסנת אָנטאָן מיליטערישע קליידער און אריבערגיין אין רשות פון פרעמדע מענטשן.

— ווייַן ניט, אמא, כאַפּט אָסנת אריין דער מאַמען אין אירע אָרעמס : וויין ניט, ס׳וועט אַלץ זיין גוט. זי קושט דער מאַמען און פילט ביט ווי אירע אייגענע אויגן ווערן פייכט, פאַרצויגן מיט טרערן-טוי.

ווען אָסנת איז אוועק צום זאַמלפּונקט, האָט איר באַגלייט די גאַנצע משפחה. און ווען דער אויטאָבוס האָט געריִרט פון אָרט און זיך געגומען דערווייטערן, האָט מסעודה פאַרבראָכן די הענט און גענומען קלאָגן אויפן קול :

— יא, בענטי ! יא, בענטי !

אָסנת האָט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער, צוגעשיקט צו אלעמען א לופט-קוש און עפּעס וואָס אויסגערופן, אָבער איר שטים איז פאַרשלונגען געוואָרן אינעם גערויש פון מאָטאָר. דער אויטאָבוס האָט זיך דערווייטערט און איז באַלד פאַר-שוואונדן פונעם אויג.

אָסנת איז געוואָרן א זעלנערין אין דער ישראל-ארמיי, — א נחלאית.

✶

דער שאָסיי טבריה — ראש-פינה שניידט דורך די באַרגיקע געגנט צפונדיק פונעם כנרת. פון ביידע זייטן כביש ליגט א וויסטער שטח אויף וועלכן עס זיינען כאַאָטיש אָנגעוואָרפן גרויסע שוואַרצע באַזאַלט-שטיינער, — א זכר פונעם גרויסן געלאַגישן ברוך, וואָס איז דאָ פאַרגעקומען מיט צענדליקער-טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די ערד איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט גליִאיקע שטיינער, ארויס-געשפּייטע פון די וואולקאַנישע איינגעווייִדן. פון צווישן די שטיינער קוקט ארויס די שוואַרצע ערד, ניט באַריִרט פון א מענטשלעכער האַנט, און ס׳דאַכט זיך אַז די געגנט וויינט און קלאָגט אויף איר וויסטן מזל.

אויפן באַרג צווישן די שטיינער געפינען זיך די חורבות פון אַן אלטן בית כנסת, געבויט פון די זעלבע שטיינער אין וועלכע עס זיינען אויסגעהאַקט באַרעליעפן, אלט-יידישע עמבלעמען און צייכנס, — א שטומער עדות אַז דאָ האָבן אַמאָל געלעבט יידן. די געשיכטע ווייסט צו דערציילן, אַז אין די צייטן פון בית שני איז דאָ געשטאַנען דאָס שטעטל כורזין, און אַז אויך אין זעכצנטן יאָר-הונדערט איז דאָ געווען א יידישער יישוב. די דאָזיקע געגנט קוקט אראָפּ צום כנרת און צום גריגעם טאָל, וואו דער ירדן גיסט זיך אריין אינעם כנרת.

הונדערטער יאָרן איז די געגנט געלעגן אין איר וויסטקייט, און זעלטן ווען האָט דאָ א מענטשלעכע פוס געטראָטן. די גרויסע שוואַרצע שטיינער האָבן אָנגעיאָגט א פחד, און דער פאַרמעסט מיט זיי איז געווען צו שווער. אויך יאָרן נאָך דעם ווי ס׳איז אויפגעקומען מדינת ישראל און די געגנט איז איינגעשלאָסן

געוואָרן אין אירע גרעניצן, האָבן זיך ניט געפונען קיין בעלבים צו וועלן בויען זייער היים דאָ. זעלטן ווען פלעגט א קליינער פאַטראָל פון צה״ל-זעלנער זיך לאָזן קלעטערן איבער די שטיינער צו אָבסערווירן די גרעניץ-פונקטן פון דעם סירישן שכן, וואָס ליגט פון צווייטן זייט ירדן. דער שכן האָט וויזט אויס געוואוסט, אז אין דער געגנט געפינען זיך ניט קיין יידן, און טראָט נאָך טראָט האָט ער גענומען קריכן פאָראויס, איז אריבער דעם ירדן, און האָט דאָרט, אויף זיין צווייטן ברעג, וואו דער ירדן גיסט זיך אריין אין כנרת, אויפגעבויט פעסטונגען, די געפאַנצערטע „פילבאָקסעס״, האָט זיי באזעצט מיט זיין מיליטער און האָט ניט איינמאָל באשאָסן די פרידלעכע ניט באוואָפנטע ישראל-פישער.

אזוי לאַנגזאַם, שטיל, פאַרטייעט ווי א חיה, האָבן די סיריער זיך ארויפגע-דראפּעט אויפן בארג פון כורזים, און אייגנמאָל, ווען א ישראל-פּאַטראָל האָט זיך דערנעענטערט צום בערגל, וואָס איז אויף די מאַפּעס באצייכנט מיטן נאָמען „מוטילה״, האָט אים באגעגנט א פייער פונעם שונא, וועלכער איז שוין געלעגן פאַרפעסטיקט אין די בונקערס פון אייזן און בעטאָן, אריינגעהאַקט אינעם באָדן פון בארג כורזים.

די כראָניקער פון מדינת ישראל וועלן האָבן צו דערציילן וועגן דער גבורה פון א קליינער גרופּע ישראל-זין, וועלכע האָבן באפרייט דאָס בערגל „מוטילה״ און אָפּגערייניקט די כורזים-געגנט פון דעם שונאס ארייגדרינגלער. אָבער ביידע זייטן פונעם ירדן, און די געגנט אונטן, אינעם טאָל, איז שוין פאַרבליבן אין די הענט פון די סיריער.

— — — — — — — —

ס׳וועלן די כראָניקער פאַרשרייבן: אין יאָר טויזנט ניין-הונדערט איין און זעכציק, דרייצן יאָר נאָכן אנטשטיין פון מדינת ישראל, זיינען אויף די שטיינער פון כורזים ארויף שווערע מאַשינען, בולדאָזערס און טראַקטאָרן, און מיט זיי — צענדליקער יידישע ארבעטער, באוואָפנטע מיט ביקסן, צו פאַרטיידיקן זיך געגן אן אָנפאַל. מען האָט זיך גענומען דורכברעכן א וועג איבער דער גאנצער ברייט פון כורזים, ביז צום פונקט וואו די געגנט הויבט אָן אראָפּנידערן צום ירדן. די אויפרייסן פונעם דינאַמיט, דאָס רוישן פון די מאָטאָרן, און דאָס קרעכצן פון די שטיינער ביים ארויסרייסן זיי פונעם באָדן, האָבן אָפּגעהילכט ווייט ארום און זיך צעטראָגן מיט אן עכאָ איבער די בערג. די ידיעה האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאנצער מדינה, אָנזאָגנדיק אירע תושבים, אז ס׳לעבט נאָך אין לאנד דער גייסט פון חלוציזם, פון פאַרמעסט און געוואַגטקייט.

און ווען ס׳איז דורכגעבראָכן געוואָרן דער וועג, נאָך איידער מען האָט אים גענומען אויסגלייכן און באדעקן מיט אספאַלט, האָבן זיך שוין איבער אים געטראָגן שווער-באלאָדענע אויטאָס מיט בוי-מאַטעריאַלן. אויפן סאַמע ברעג פונעם בארג, הויך איבער דעם שונאס פאַרפעסטיקונגען און דערפלעך, זייבען

אויפגעשטעלט געוואָרן באַראַקן אַרומגערינגלט מיט שטעכיקן דראָט און אַרום־גענומען מיט ליכט פּראָזשעקטאָרן, וועלכע בויערן די נאַכטיקע פינצטערניש.

אויף דער מאַפּע פון ישראל איז אויפגעקומען אַ נייער יישוב מיטן סימבאָלישן נאָמען „אלמגור״, — „קיין שרעק״, — אַ נייער גרעניץ־פּונקט פון דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער נחל־פאַרמאַציע פון דער ישראל ארמיי.

צווישן די וואָס זיינען אַרויס צו באַזעצן אלמגור, האָבן זיך אויך געפונען אורילע און אָסנת; ביידע אין זייערע באַזונדערע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען איצטער געוואָרן ווי איין משפּחה.

★

אַ טאָג פאָלגט נאָך אַ טאָג. יעדער טאָג איז אַזוי ענלעך צום צווייטן, און יעדע נאַכט טראָגט אין זיך די זעלבע קולות פון ווילדע חיות, וואָס לויפן אַרום אין דער געגנט, און די זעלבע געפאַרן פון דעם שונא, וועלכער ליגט איבעם טאָל און וואַרט אויף דער געלעגנהייט צו איבערפאַלן די זעלנער, וועלכע פאַרנעמען זיך אַ גאַנצן טאָג מיט פּשוטער ערד־אַרבעט.

יעדן טאָג גייען די אלמגור־מענטשן אַרויס צו דער אַרבעט, און דווקא באַרג אַראָפּ, אַלץ נעענטער און נעענטער צום ירדן. זיי רייסן אַרויס די שטיינער און רייניקן אָפּ דעם שטח. דער טראַקטאָר גייט זיי נאָך און אַקערט אויף די ערד, וואָס גלאַנצט אויף דער זון מיט איר שווארצער פעטקייט. די מיידלעך גייען נאָך דעם טראַקטאָר, זעצן אַריין אין דער אויפגעגראָבענער ערד יונגע פלאַנצן פון וויינטרויבן און פאַרשיידענע ירקות, פאַרשיטן זיי אַרום און אַרום מיט ערד, און פון די ניי פאַרלייגטע וואַסער־רערן שפּריצט אַרויס דאָס וואַסער, וואָס צעטאַנצט זיך פון די וואַסער וואָרפערס אין אַ רעדל.

אַ פּאָר מאָל האָבן די סירישע זעלנער געעפנט אַ פייער אויף דעם געפּאַנ־צערטן טראַקטאָר: די קוילן האָבן ווי בינען זיך צעזשומעט אַרום אים; די מענטשן האָבן זיך צעלייגט אויף דער ערד, זוכנדיק אַ שוץ געגן די קוילן; אָבער דער טראַקטאָריסט האָט פאַרפעסטיקט דעם מעטאַלענעם העלם אויפן קאָפּ, נאָך שטאַרקער געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר, איינהילנדיק זיך אין אַ בלויען רויך. דער טראַקטאָר האָט זיך ממש צעטאַנצט אויפן באָדן, געריסן שטיקער פון אים, און ווי זיך אויסגעלאַכט פון די קוילן.

די זון האָט געוואַרעמט די יונגע פלאַנצן, דאָס וואַסער האָט זיי אָנגעטרונקען, די נאַכט האָט זיי געקושט מיט טויאיקע ליפּן, און די פעטע ערד האָט זיי גענערט. האָבן זיי גענומען אָנקליידן זיך מיט צווייגן און בלעטער און הייבן זיך אין דער הויך. די ערשטע ירקות זיינען שוין אויפן טיש איבעם שותּפותדיקן עס־צימער, און יעדן פאַרטאָג פאָרט אַרויס אַ לאַסט־אויטאָ אָנגעלאָדן מיט קעסטלעך אָפּצופירן די ירקות אין די „תנובה״ מאַגאַזינען.

אורי ארבעט אינעם וויינגאָרטן. ער קען זיך אויס אויף דעם געביט: ער ווייסט וועלכע צווייגלעך אָפּצושניידן, ווען צו געבן וואַסער און וויפל וואַסער די פלאַנצן דאַרפן באַקומען; ער ווייסט ווי אַזוי צו באַקעמפן די פאַרשיידענע פּאַראַזיטן, וואָס זיצן אויף די בלעטער און זויגן אויס לאַנגזאַם די זאַפטן — און דאָס קען דערפירן צום סוף פון עם געוויקס; ער היילט די פלאַנצן פון זייערע מחלות, — שטויבט אויף זיי שוועבל, קריאָסייד, ד.ד.ט., און אַנדערע כעמישע שטאָפן. די חברה רופט אים אין א שפּאַס „ד״ר גפן״, — דאָקטאָר וויינשטאָק. זיי לאַכן אַפילו ווען ער קומט מיט רויטע אָנגעצונדענע אויגן פון עם שוועבל-שטויב, און אורילע לאַכט צוזאַמען מיט זיי.

אין די אָוונט-שעהן זיצט די חברה אויפן גראָז פאַר די באַראַקן. מען דערציילט וויצן, ניט איינמאָל פּעטע, גראָבע, וואולגאַרע, פון וועלכע אַלע לאַכן שטאַרק, און ניט ביי איינעם צעגליט זיך א תאווה׳דיק פייערל אין די אויגן. מען דערציילט אויך עפּיזאָדן און „טשיזבאַטן״, — מעשיות שהיו, וואָס יעדער איינעמס פאַנטאַזיע קען נאָר צוטראַכטן.

פאַראַן אָוונטן ווען מען ציגדט אָן א מדורה (שייטער). מען זעצט זיך אויס אויף דער ערד אַרום פייער און מען פאַרציט ניגונים. צוערשט זינגט מען בלחש, שטיל, קוים הערבאַר, — ס׳איז מער א ברומען אין זיך, ווי א געזאַנג. אָבער באַלד צעוואַרעמט זיך דער ניגון, פלאַקערט אויף, ס׳איז שוין ניט קיין געזאַנג, נאָר א שאַלן פון יונגע שטאַרקע שטימען, וואָס צערייסט די נאַכטיקע שטילקייט, קייקלט זיך אַוועק איבערן טאָל און דערגייט צו דער צווייטער זייט גרעניץ. די סיריער גייען אַרויס פון די בונקערס, שפּיזן נייגעריקע דורך די פינצטערניש, צו זען וואָס די „יאַהודים״ טוען דאָרט. דאָס געזאַנג וועקט ביי זיי א בענקשאַפט צום היימישן דערפל; צו די סטאַדעס ציגן און שעפּסן; צו די ווייבער און עלטערן וואָס מען האָט דאָרט איבערגעלאָזט. זיי זעצן זיך אויס אַרום די בונקערס און ציקלען אויס א מאַנאָטאָן צעצויגן ניגון, כמעט אָן ווערטער. די נאַכט כאַפּט אויף ביידע ניגונים, מישט זיי צוזאַמען, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל קיין שנאה ניט געווען צווישן ביידע זינגענדיקע מחנות.

*

מיט אָסנתן האָט זיך אורי געטראָפן עטלעכע טעג נאָכן אָנקומען קיין אַלמגור: זיי האָבן יענעם טאָג צוזאַמען געאַרבעט אין גרינס-גאָרטן. אורי איז פונעם ערשטן בליק פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט; ער האָט כמעט ווי פאַרגעסן וואָס ער האָט צו טאָן, איז שטיין געבליבן אין מיטן דער אַרבעט און האָט זיך איינגעגעסן מיט זיין בליק אין אָסנתן. זי, ווידער, האָט תיכף דערפילט אויף זיך זיינע אויגן, האָט זיך פאַררויטלט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און גענומען אויף שנעל אויסרייסן דאָס ווילדגראָז פון די בייטן.

אורי איז צוגעגאַנגען צו אָסנתן, אַראָפּגעלאָזט זיך נעבן איר און, ווי זי, גענומען אויסיעטן דאָס ווילדגראָז.

— ווי רופט מען דיך ? האָט ער איר א פרעג געטאָן.

— אָסנת. איז געפאלן א קורצער ענטפער.

— פון וועלכער שטאָט ביסטו, אָסנת ?

— פון חיפה. האָט אָסנת אָפּגעענטפערט אין זעלבן טאָן.

אזוי פראגע נאָך פראגע האָט זיך דער שמועס פארצויגן, ביז פלוצלינג, גאנץ אומדערוואַרט, איז ביי אורילען ארויסגעשפרונגען א פראגע :

— צי האָסטו שוין א חבר, אָסנת ?

— איך האָב א סך חברים. האָט אָסנת זיך געמאכט ניט פארשטייענדיק זיין פראגע.

— כ׳מיין, האָט אורילע ווייטער געפּאָרשט : צי האָסטו א שטענדיקן חבר ?

אָסנת האָט אים אָנגעקוקט מיט א חידוש אין די אויגן און, אַנשטאָט אן ענטפער, זיך צעלאכט מיט א קלינגעוודיק געלעכטער, כא-כא-כא ! באוויַיזנדיק דערביי צוויי רייען ווייסע ציינדלעך.

אורי האָט זיך אויפגעהייבן א פארשעמטער ; פארשטאַנען אז ער האָט זיך א ביסל נארעש געמאכט מיט זיין צושטיין צו איר, שוין ביי דער ערשטער באגעגעניש. דעם גאנצן טאָג נאָך דעם האָט ער געארבעט אין א בערוועזער שטימונג, פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן א פארגנבעטן בליק צו אָסנתן, און געטראַכט ווי אזוי צו באנייען מיט איר דעם שמועס.

אין אָוונט, נאָך א קאלטער שפּריצבאָד, איבערגעטאָן אין א ווייס העמד און קורצע כאקי-הויזן, איז אורי אוועק אויפזוכן אָסנתן. ער האָט איר געפונען אין עס-צימער ביים לייענען א בוך.

— אָסנת, איז ער צו איר צוגעגאנגען, זיי ניט ברוגז אויף מיין היינטיקער בייגעריקייט און צודרינגלעכקייט. די סיבה איז א פשוטע, — ביסט מיר געפעלן געוואָרן, און, איך האָב געוואָלט וויסן מער פרטים וועגן דיר.

— מה פתאום ? פארוואָס פלוצלינג ברוגז ? וואָס פאלט דיר איין אזא געדאנק ? איך האָב זיך צעלאכט ווייל דו האָסט אויסגעזען קאָמיש זיצנדיק אראָפּגעבויגן אויף די קני, דערצו נאָך מיט אן אויסגעשמירט פנים און מיט אויגן — תמימותדיקע ווי פון א קינד.

אורי האָט זיך צוגעזעצט נעבן אָסנתן, אָפּגעענטפערט אויף אירע רייד, און אריינגעצויגן איר אין א שמועס וואָס האָט זיך לאנג פארצויגן. זיי האָבן אליין ניט געפילט ווי די פינגער פון זייערע הענט האָבן זיך איינגעפלאָכטן איינס אינעם צווייטנס, אריבערגייסנדיק פון איינעם צום אנדערן הייסע שטראָמען פון ליבשאפט.

✶

אַסנת אַרבעט אין גרינס גאָרטן. אַ גאַנצן טאָג איז זי געבויגן איבער די בייטן: יעטעט אויס דאָסווילדגראָז, צעשפּרייט מיסט, שיט אונטער ערד אויף די וואָרצלען און שטעלט אַריין שטעקלעך אין דער ערד צו וועלכע זי בינדט צו די צווייגלעך פון די טאָמאַטן קוסטעס.

די מיידלעך וועלכע אַרבעטן מיט איר צוזאַמען, האָבן זי ליב אי צוליב איר פריילעכקייט, — וואָס שטענדיק זינגט זי, און שטענדיק לאַכט זי; און אי צוליב איר פליסיקייט, — וואָס די אַרבעט ברענט פּשוט אונטער אירע פינגער און, — זי געפינט נאָך צייט צו העלפן אַ צווייטן. זיי, די מיידלעך, האָבן אויך ליב צו הערן אַסנתן דערציילן מעשיות און לעגענדעס, וואָס זי האָט קליינערהייט זיך אָנגעהערט פון איר זיידן דעם צורף: יעדע מעשה האָט אַ גוטן סוף, — דאָס שלעכטע ווערט באַשטראָפט, און דאָס גוטע באַלוינט.

ווען זי שטייט ביינאַכט אויף שמירה, איז זי דרייסט ווי אַ בחור, — ווייזט ניט אַרויס קיין סימן פון פּחד. און ניט איינער פון די בחורים איז איר פּשוט מקנא: „אַזאַ ברען אַ מויד!"

אין איר צימער, אויף דער עטאַזשערקע, ליגן שטענדיק עטלעכע ביכער, וועלכע זי לייענט. אין אַ קליין וואַזעלע אויפן טיש שטייען פרישע בלימלעך, וואָס זי שניידט אָן יעדן טאָג פונעם קליינעם בייט אונטער איר פענצטער, וואו זי האָט זיי פאַרזייט און קולטיווירט. די אַנדערע דריי מיידלעך אין צימער, קענען אַסנת׳ס שוואַכקייט צו בלומען, און וואו נאָר זיי קריגן ערגעץ אַ בלימל, ברענגען זיי דאָס אין צימער, צו פאַרשאַפן איר אַ נחת-רוח.

אין די בריוו, וואָס אַסנת שרייבט אַהיים, דערציילט זי די עלטערן וועגן איר אַרבעט, וועגן דער פרייד וואָס זי פילט, ווען זי זעט ווי עס וואַקסן און בליען די פלאַנצן, וואָס אירע פינגער האָבן געפלאַנצט; זי שרייבט זיי וועגן די גרויסע געשמאַקע טאָמאַטן, וואָס זי נעמט אַראָפּ פון די קוסטעס און לייגט זיי גלייך אין די קעסטלעך צום אָפּשיקן אויפן מאַרק. אפשר עסט איר די טאָמאַטן וואָס איך האָדעווע? פרעגט זי טיילמאָל אין אַ בריוו. מסעודהן שמעקן דעם טאָג די טאָמאַטן צענפּאַכיק; זי איז זיכער אַז זי פילט אין זיי דעם ריח פון איר קינדס פינגער.

— — — — — — — —

אַסנת און אורי האָבן ליב אין די פאַרנאַכטן, נאָך דער אַרבעט, צו ליגן אין אַ באַהאַלטן ווינקל וואָס קוקט אַראָפּ צום כנרת, און צוקוקן זיך צו דער וואונדער-לעכער פאַרבן-שפּיל פונעם ים: דאָס וואַסער, וואָס איז דעם גאַנצן טאָג בלוי ווי דער הימל, ווערט איצט אָנגעצונדן מיט אַ בלוטיקן פלאַם, פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ רויט-גאָלדענער קיילעך; באַלד הויבט זיך אָן לעשן די רויטע פאַרב און ווערט איבערגעגאָסן אין אַ טונקעלן גרין; ס׳דויערט ניט לאַנג און ווידער בייט

זיך די פאַרב, דער כּנרת באַקומט אַ בלוילעך גרויען שטאָל-קאָליר; די מילדקייט פון זיינע וואַסערן פאַרשווינדט און דער ים זעט איצט אויס שטרענג און שרעקעוו-דיק. די זון זעצט זיך. די ווייסע מעוועס יאָגן צוריק צום ברעג פון עין-גב און זעען אויס פון דער ווייטן ווי גרויסע זילבערנע פלאַטערס. די פינצטערניש הויבט אָן אַרויסקריכן פון צווישן די בערג און דעקט צו דעם כּנרת מיט אַ שוואַרצן צודעק. דעמאָלט צינדן זיך אָן די ליכטער פון די יישובים, וועלכע רינגלען אַרום דעם כּנרת. די ליכטער פינקלען און שימערירן אין דער פינצטערניש און דערגייען צו אַלמגור, ווי אַנזאָגער פונעם פרידלעכן, רואיקן ישראל-לעבן.

איבערן כּנרת צעשפּרייטן זיך פישער-שיפלעך מיט אָנגעצונדענע לוקס-לאָמפּן. זיי שווימען אַרויס פון טבריה, פון עין-גב, פון גינוסר, און קומען אַלץ נעענטער און נעענטער צו אַלמגור. ניט ווייט פונעם ברעג, דאָרט וואו דער ירדן גיסט זיך אַריין אינעם כּנרת, — געציילטע מעטערס פון די סירישע פאַרפעסטיקונ-גען, — שפּרייטן זיי אויס זייערע נעצן.

אָסנת ליגט אַ צוגעטוליעטע צו אורין און דערציילט אים פון איר היים. וועגן אירע קינדער-יאָרן אין מאַראָקאָ געדענקט זי נאָר געוויסע פּרטים. זי דערציילט אים וועגן דער גרויסער שרעק, וועץ אַן אויפגעהעצטער המון איז, נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, באַפאַלן די יידישע באַפעלקערונג און זיך נוקם געווען פאַרן „פאַרכאַפּן" דאָס „הייליקע מוסולמענישע לאַנד". דעם טאַטנס קרעמל איז געוואָרן אויסגערויבט, און אים האָט מען איבערגעלאָזט מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן, כּמעט אַ גוססן. נאָך דעם האָט שוין דער טאַטע מער ניט געוואָלט בלייבן אין קאַזאַבלאַנקאַ און איז עולה געווען קיין ישראל.

זי דערציילט וועגן דער מעברה און די לייוונטענע ביידלעך, אין וועלכע די מעברה-מענטשן האָבן געוואוינט. ביז היינט שוידערט זי אויף, ווען זי דערמאָנט זיך די שריפה אין אַזאַ ביידל, פון אַן איבערגעקערטן נאַפט-לאָמפּ: דריי קינדער זיינען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן. די מעברה-מענטשן זיינען יענעם טאָג ניט אַרויס צו דער אַרבעט; זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַ דעמאָנסטראַציע מיט שוואַרצע פענער צו דער סוכנות, צו פאָדערן מענטשלעכע וואוינונגס-באַדינגונגען. ווען זי דערציילט אים וועגן דעם, נעמען אירע אַקסלען ציטערן און אירע אויגן ווערן פייכט פון טרערן.

— ווייץ ניט, מיידעלע, באַרואיקט איר אורי און קושט איר אויס די טרערן.

אורי דערציילט איר וועגן בית-חיים, וועגן די דאָרטיקע פּרדסים, און וועגן זיינע עלטערן.

— האָסט ליב די היים? פרעגט אים אָסנת.

— זיכער. ענטפערט איר אורי.

— און ווען האָסטו מער ליב, — די היים, אָדער מיך ? פרעגט אָסנת ווידער, ווי מען פרעגט עס ביי א קליין קינד.

אורי ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן אויף אזא מאָדנער פראַגע ; אַנשטאָט אן ענטפער, דריקט ער איר שטאַרקער צו זיך און פאַרמאַכט מיט זיין מויל אירע ליפּן.

טיילמאָל פאַרקריכט דער שמועס אויך וועגן דער צוקונפט. אורי דענקט, אז דאָס בעסטע וואָלט געווען, — נאָכן פאַרענדיקן דאָס מיליטערישע דינסט, — ארויסצוגיין מיט דער חברה אויף סטאַבילער קאָלאָניזאַציע און בלייבן לעבן אין א קיבוץ. און אפשר וועט גאָר אלמגור ווערן אזא סטאַבילער יישוב ? דאָס אָרט איז אזוי שיין, און דערצו האָט מען שוין דאָ אריינגעלייגט אזויפיל אייגענעם שווייס.

אָסנת איז ניט מסכים, זי וויל זיין אליין, אָן שותפים :

— באַר איין שותף וויל איך, — דיך. דריקט זי אויס איר פאַרלאַנג אין ווערטער. זי וואָלט מסכים געווען צו וואוינען אין בית-חיים, נעבן אוריס עלטערן, וועלכע זי קען נאָר פון זייער בילד, וואָס אורי טראָגט שטענדיק מיט זיך.

— גוט, איז אורי מסכים. אז מירן האָבן חופש וועלן מיר פאָרן צו מיינע עלטערן. כ׳בין זיכער, אז זיי וועלן דיך ליב האָבן ניט אנדערש, ווי זיי האָבן מיך ליב.

— און צוריקוועגס וועלן מיר באזוכן מיינע עלטערן, פאָדערט אָסנת פון אורין. און זי באַקומט זיין צוזאָג אויך צו דעם.

אָסנת פאָרשט אויס אורין וועגן די עסנס וואָס זיין מאַמע קאָכט, — זי וויל וויסן וואָס ער האָט ליב, און זי טראַכט דערביי : צי וועט זי קענען קאָכן פאַר אים די אשכנזישע עסנס ? און אפשר, אפשר וועלן אים גאָר שמעקן די עסנס פון איר היים ?

— אורילע, פרעגט זי אים, האָסט שוין אמאָל געגעסן קוסקוס ?

הערנדיק די פראַגע, צעלאַכט זיך אורי מיט א הילכיק געלעכטער, — בא, כא, כא ! און ענטפערט ניט קיין וואָרט.

— וואָס לאַכסטו, אורי ? ווערט שוין אָסנת באַליידיקט ; ס׳איז זייער א געשמאַקער עסן, וואָס ביי אונדז קאָכט מען אים פון געדעמפּטע מאַננע-גרייפּלעך, געווירצט מיט פאַרשיידענע געווירצן, און מען עסט עס מיט פלייש. נו, און מופלעטא האָסטו שוין ווען פאַרזוכט ?

— וואָס פאַר א משונהדיקער מאכל איז דאָס ? פרעגט שוין אורי.

— דאָס מאַכט מען פון אייל, מעל און האָניק. ווען דאָס שוין ביי מיר עסן,

מיין יינגעלע! אַלץ וועסטו ביי מיר עסן! ווייצלט זיך אָסנת און, פאַר אַן אַדערויף, גיט זי אים דערווייל אַ קוש.

ניט איינמאָל ווען זיי ליגן אַזוי אויסגעצויגן אויף דער ערד און וועבן זייערע פּלענער, פאַלן ביידע אַריין אין אַ פיבערדיקן עקסטאַז. אורי בייסט זיך איין אין אָסנתס ליפּן, נאָגט און זויגט פון זיי די זיסקייטן. ער דריקט איר מיט כּוח צו זיך, רופט איר מיט פאַרשיידענע צערטלעכע נעמען און אָטעמט אַריין אין איר זיין ליידנשאַפטלעכן באַגער. אָסנת ענטפערט אויף זיינע צערטלעכקייטן מיט שטילע זיפצן און אירע קושן פאַלן אויף אים ווי אַ רעגן אויף דורשטיקער ערד. אָבער ווען אורי ווערט איין פיבערדיקער קנויל, און וויל מיט ציטעריקע פינגער אַראָפּציען אַ טייל פון אירע קליידער, גליטשט זי זיך פּלוצלינג אַרויס פון אונטער זיינע הענט, שפּרינגט אויף ווי אַ פלינקע קאַץ פון איר אָרט, און נעמט אים איינשטילן :

— באַרואיק זיך, טייערער ; באַרואיק זיך, זיסער ; ברען ניט אַזוי, האָב געדולד ביז צו אונדזער חתונה.

בשעת-מעשה איז אורי אין כּעס : ס'פאַרדריסט אים וואָס זי איז אַזוי אַלט-פרענקיש און ציט אים אַרויס די נשמה. אָבער נאָך דעם ווי אירע שטילע רייד באַרואיקן אים און זיי גייען ביידע אַרומגענומענע צוריק צו זייערע צימערן, איז אורי צופרידן, וואָס זיין אָסנת איז אַנדערש פון אַ סך אַנדערע, וועלכע ער האָט געקענט. זי איז, טראַכט ער, ריין ווי אַ וואַסער פון וועלכן קיינער האָט נאָך ניט געטרונקען, און זי היט די ריינקייט אירע פאַר מיר. און וואָס איז דאָ די עוולה, אויב זי וויל ווערן מיינע אויפן זעלבן אופן, ווי מיין מאַמע איז עס געוואָרן מיט מיין טאַטן, און זי וויל באַקומען די ברכה פון עלטערן און משפּחה. אַ פרייד נעמט אים אַרום ביים דאָזיקן געדאַנק. און ווען ער שלאָפט איין, חלומט ער, ווי אָסנת באָדט זיך אין כּנרת :

ס'איז פאַרטאָג, די זון איז נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, די וואַסערן פון כּנרת זעען אויס ווי צעגאָסענער זילבער, צווישן זיי טראָגט זיך אַ שוואַרצער פלעק, — אָסנתס צעלאָזענע האָר. ער הויבט איר אָן צו רופן ביים נאָמען : אָסנת! אָסנת! אויף זיין רופן קומט זי אַרויס פון וואַסער, איר קערפּער איז דורכזיכטיק ווי גלאָז, און דאָס וואַסער וואָס רינט אַראָפּ פון איר, קייקלט זיך ווי שטיקלעך זילבער צו זיינע פיס, רינגלט אים אַרום אַלץ מער און מער, ביז ער שטייט שוין אין מיטן פון אַ זילבערנעם בערגל. אָסנת שפּרינגט אַרויף צו אים אויפן בערגל, טוליעט זיך צו אים מיט איר דורכזיכטיקן קערפּער און פרעגט אים מיט אַ געלעכטער :

— וואָס זעסטו, אורילע ?

און ער ענטפערט איר :

— דורך דיין קערפּער, וואָס איז איצט דורכזיכטיק ווי גלאָז, זע איך אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום, — איך זע די בערג און דעם כּנרת; איך זע די פישער, וואָס שווימען צוריק צום ברעג מיט שיפלעך אָנגעלאָדענע מיט פיש. וואָס איז דאָס, אָסנת, וואָס דו ביסט געוואָרן אַזוי דורכזיכטיק און איך קען דורך דיר אַלץ זען? אָסנת ענטפערט ניט, נאָר הויבט אָן צו וויינען און גיט זיך פּלוצלינג א הייב אין דער לופט, ווערט אַלץ דורכזיכטיקער און דורכזיכטיקער, ווי א וואָלקן וואָס צעגייט זיך, ביז זי ווערט אינגאַנצן פאַרשוואונדן ערגעץ וואו אינעם הימל.

— אָסנת! אָסנת, קום צוריק! רופט איר אורי, און כאַפּט זיך אויף פון זיין חלום.

*

צוויי בריוו זיינען אינעם זעלבן טאָג אַרויס פון אלמגור: איין בריוו קיין חיפה, פון אָסנתן צו איר עלטערן; און דער צווייטער פון אורין — צו זיינע עלטערן אין בית-חיים.

אין איר בריוו האָט אָסנת געשריבן די עלטערן וועגן איר חבר, דעם בלאָנד-האָריקן סאַברע, און וועגן זייער באַשלוס צו פאַרבינדן צוזאַמען זייער לעבן נאָכן פאַרענדיקן דאָס דינסט אין נחל. זי שרייבט אויך, אַז דאָס לעבן איז פול מיט פרייד און גליק, און זי קושט אַלעמען פון גרויס גליק.

ווען שמואל סאַבאַג האָט איבערגעלייענט דעם בריוו איין מאָל און א צווייט מאָל, האָט ער פון פרייד אַרומגעכאַפּט דער דיקער מסעודהן, צוגעדריקט איר צו זיך, און הויך אויפן קול זיך צעדרשנט:

— פריי זיך מסעודה, יאָ, זוגתי! אונדזער טאָכטער האָט געפונען איר זיווג, — דערצו אַן אשכנזי! מיר וועלן, יאָ, זוגתי, האָבן מחותּנים אשכנזים, און אונדזערע אייניקלעך וועלן האָבן שוואַרצע אויגן און בלאָנדע קעפּ, און וועלן זיין געלערנטע מענטשן — יאָ, מסעודה! די דרשה האָט שמואל סאַבאַג פאַרענדיקט מיט א פּאָר גלעזלעך ברענענדיקן אַראַק, אין דער געזעלשאַפט פון עטלעכע גוטע שכנים, וועלכע האָבן אים פון גאַנצן האַרצן צוגעוואונטשן א מזל-טוב.

ווען אוריס בריוו איז אָנגעקומען קיין בית-חיים, איז רבקה, נאָכן איבער-לייענען אים, געבליבן שטיין ווי א פאַרשטיינערטע. עפּעס האָט זיך איר א ריס געגעבן אינעם האַרץ. אורילע שרייבט וועגן חתונה האָבן, וועגן אויפשטעלן א היים פאַר זיך... איר איינציק קינד וועט אויף שטענדיק פאַרלאָזן די היים... און דערצו שרייבט ער, אַז דאָס מיידל איז פון מאַראָקאָ. פון מאַראָקאָ? שלאָגט איר א פראַגע אין קאָפּ. איר אורילע, מיט א מאַראָקאַנער מיידל, — ווי פּאַרט זיך עס? זי האָט זיך דאָך אָנגעהערט אַזויפיל שלעכטע זאַכן וועגן די עולים פון מאַראָקאָ... גאָט מייבער, קרעכצט זי אַרויס, פאַרוואָס קומט דאָס מיר?

און מיטן בריוו אין האַנט לאָזט זי זיך לויפן אָנזאָגן די בשורה דודן, וועלכער אַרבעט אין רפת.

דערזען דודן, האָט אים רבקה דערלאַנגט דעם בריוו און זיך אָנגערופן:

— נאַ, לייען וועגן דעם שיינעם נחת וואָס מיר האָבן דערלעבט. און האָט זיך צעוויינט, הויך, אויפן קול.

דוד האָט צוערשט, אונטערן קראַן, אָפּגעוואַשן די הענט פונעם מיסט, אָפּגעווישט זיי, און ערשט נאָך דעם זיך גענומען צום לייענען דעם בריוו. איבערגעלייענט, האָט ער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס זשע וויינסטו, נאַרעלע! פרייען דאַרף מען זיך, וועזן אונדזער זון וויל בויען זיין אייגענעם לעבן.

— און דאָס וואָס ס'מיידל איז אַ מאַראָקאַנערין, דאָס גייט דיר בכלל ניט אָן? ניין?

— ניט קיין מאַראָקאַנערין, רבקה טייערע, האָט דוד באַרואיקט איר צעוויי̇טיקט געמיט, — נאָר אַ יידיש מיידל, וואָס אירע עלטערן זיינען, פונקט ווי מיר, געווען פאַרוואָגלט אין אַ פינצטערן גלות וואָס מען רופט מאַראָקאָ.

— אָבער דו ווייסט דאָך, דוד, וואָס מען דערציילט זיך אַלץ אָן וועגן די עולים פון מאַראָקאָ. האָט רבקה שוין רואיקער געענטפערט.

— נאַרעשקייטן, אַלץ נאַרעשקייטן וואָס מען דערציילט! זיי זיינען פונקט אַזעלכע מענטשן, ווי מיר זיינען. פאַראַן צווישן זיי גוטע, איידעלע און האַרציקע מענטשן, ווי ביי אונדז. און אויך ביי אונדז פעלן ניט אויס קיין שלעכטע מענטשן. צי האָסטו, רבקה, שוין פאַרגעסן וואָס די גויים — כאָטש אַליין האָבן זיי געקענט זיין די גרעסטע אויסוואורפן — פלעגן זאָגן וועגן די יידן? אין וועלכע פאַרבן זיי האָבן אונדז געמאָלן? צי דאַרפן מיר גיין אין זייערע דרכים און זיך לערנען ביי זיי דאָס שלעכטע? דערצו, רבקה, גלויב איך, אַז אונדזער אורי האָט גענוג שכל, און אוודאי איז דאָס מיידל, וואָס ער האָט ליב, ווערט, אַז מען זאָל זי ליב האָבן. קום, רבקה, אין שטוב עסן מיטאָג, און לאָמיר די גוטע בשורה באַנעצן מיט אַ גלעזעלע משקה.

רבקה האָט אירע פינגער איינגעשלאָסן אין דודס האַרטע, פון אַרבעט פאַר־גרעבטע פינגער, דאָס האָט אָנגעפילט איר האַרץ מיט בטחון און רואיקייט, און אַזוי זיינען זיי ביידע אוועק אין שטוב עסן זייער מיטאָג.

✶

חמסין: אַ הייסער ווינט יאָגט איבערן באַרג. די לופט איז געדיכט און אָנגעגליט ווי פייער. די בערג טונקלען זיך הינטער אַ גרויען נעפל, און די זון וויקלט זיך אין גרויע וואָלן.

אן אומעט ליגט אויסגעגאָסן אויף דער געגנט! א גרויסע שווארצע יאַש־טשערקע ליגט אויסגעצויגן אויפן שאָטנדיקן זייט פון א שווארצן שטיין און גליווערט אומבאַווועגלעך; די געוויקסן שטייען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים; זייערע צווייגן און בלעטער הענגען ווי קראַנקע גלידער, — אָט באַלד וועלן זיי זיך צעשיטן און אראָפּפאַלן צו דער אויסגעטריקנטער ערד.

אַלמגור ארבעט אין דעם טאָג, ווי ס׳וואָלט גאָר קיין חמסין ניט געווען: א בולדאָזער רייסט די שטיינער פון דער ערד און גרייט צו דעם באָדן צום פּאַרזיי; פון גרויסע לאַסט־אויטאָס ווערן אויסגעלאָדן פאַרשיידענע קעסטלעך און זעק; די מיידלעך ארבעטן — אויך אין דעם חמסין־טאָג — אין גאָרטן, אין די הינער־שטייגן, און אין קיך ביי די גרויסע טעפּ, אין וועלכע עס קאָכט זיך דאָס עסן; זיי פילן אָן קאַנען מיט קאַלט־וואַסער פונעם פריזשידער און טראָגן עס אוועק צו די חברים, וועלכע ארבעטן אין דרויסן, צו שטילן דעם ברענענדיקן דורשט.

א בלייענע שווערקייט דריקט דעם קערפּער און דער זאַלציקער שווייס קלעפּט די קליידער צום לייב. דער טאָג ציט זיך היינט לאַנג, פּויזעט קוים, קוים, ביז ענדלעך קומען די נאָכמיטאָג שעהן.

אורי איז אויפגעשטאַנען פונעם בעטל, אויף וועלכן ער האָט אין דער מיטאָג־הפסקה געכאַפּט א לייכטן דרימל, און איז אוועק עפענען די וואַסער־רערן אינעם ווייַנגאָרטן און אויף די גרינס־גערטנער.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין זיין צימער, האָט ער זיך צוגעזעצט שרייבן א בריוו אַהיים, אָן ענטפער אויף דעם בריוו פון טאַטע־מאַמע, אין וועלכן זיי שרייבן אויך צו אָסנתן און פאַרבעטן איר צו קומען אויף אורלויב קיין בית־חיים, — ווי אַן אייגן קינד צו זיך אַהיים.

די מלאָכה פון שרייבן קומט־אָן אורין ניט גרינג. ער וויל דערציילן זיינע עלטערן וועגן דעם לעבן אין אלמגור, וועגן זיין טראַכטן און פילן; ער וויל זיך טיילן מיט זיי וועגן זיין ליבע צו אָסנתן, אָבער, עס באַקומט זיך ניט דאָס וואָס ער וויל. ער מעקט דאָס געשריבענע, רייסט דאָס פּאַפּיר און הויבט אָן פונדאָסניי. אוודאי איז אין דעם שולדיק דער חמסין, קומט אורי צום אויספּיר: די געדאַנקען זיינען אין אזא טאָג שווערע, האַמעטנע; די מידקייט, וואָס דריקט דעם קערפּער, מאַכט אויך מיד דעם מוח; פאַרענדיקט ער ניט דעם בריוו און לאָזט זיך גיין צו אָסנתן, וועלכע איז שוין געקומען פון דער ארבעט און וואַרט אויף אים אין עס־צימער.

דעם אָוונט־ברויט האָבן זיי געגעסן צוזאַמען. די קאַלטע זויערמילך אין די קלייבע גלעזלעך, און די פרישע טאָמאַטן, האָבן אָפּגעפרישט דעם קערפּער, געהייבן די שטימונג, און דער עס־צימער איז פאַרפולט געוואָרן מיט א הילכיק גערעדעריי און טומל.

ווען עס איז געוואָרן זייער שפּעט און דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערגיין — יעדער איינער צו זיין צימער, — האָט אורי זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז צייט צו פאַרמאַכן די שפּרינקלערס, וואָס ער האָט נאָך דער מיטאָג-הפסקה געעפנט אויף די גערטנער.

— כ׳וועל מיט דיר מיטגיין, האָט אָסנת זיך אָפּגערופן, — אין צווייען וועט דויערן ווייניקער צייט.

— ניין, מען דאַרף ניט, אָסנת. בעסער גיי לייג זיך און רו זיך אויס פונעם שווערן טאָג. האָט אורי זיך געבעטן ביי איר.

— אורילע טייערער, כ׳וועל אַלצאיינס ניט שלאָפן אין אַזאַ הייסער נאַכט. און איך וויל גיין מיט דיר צוזאַמען. ס׳וועט דיר זיין פריילעכער און מיר וועלן גיכער פאַרענדיקן די אַרבעט.

א קוש האָט פאַרענדיקט דעם וויכוח, און ביידע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט באַרג-אַראָפּ צו די גערטנער.

*

קאַרפּאַראַל אַבדול ראַזאַק איז שטאַרק דענערווירט און אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף אים דער חמסין. ס׳איז ניט קיין קלייניקייט אָפּצוליגן אַ גאַנצן טאָג אינעם ענגן בעטאָנירטן „פּילבאָקס״, שטיקן זיך אָן לופט, און נאָכשפּירן מיט שפּיזיקע בליקן די באַוועגונג אויפן בערגל געגנאיבער.

שוין דריי וואָכן ווי ער געפינט זיך דאָ און לעבט אין כסדרדיקער שפּאַנונג. די אָפיצערן האָבן אים אָנגעשראָקן, אַז אויב ער וועט ניט זיין שטענדיק אויף דער וואַך און וועט ניט נאָכהיטן יעדע באַוועגונג פון די „יאהודים״, קענען זיי נאָך קומען אַהער און זיי אַלעמען אויסקוילענען. אַ שרעק נעמט אים אַרום ביי דעם געדאַנק : וואָס וועט דעמאָלט ווערן מיט זיין פעטלייביקער סאַמירא, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין דמשק ?

דערמאָנט סאַמיראַן, הויבן אָן אַרומצוטאַנצן יאַשטשערקעס איבער זיין קערפּער. ער דערמאָנט זיך ווי אירע פעטע הענט מיט די פּוכקע קישלדיקע פינגער פאַרפלעכטן זיך אַרום אים, ציען אים אַריין אין דער גן-עדנדיקער וואַרעמקייט פון איר הויכן בוזעם, איר זיפצן און קרעכצן דערביי, — מאַכט אים שיכור . . . און קיין גרעסערן גליק דאַרף גאָר אַ מענטש ניט האָבן אויף דער וועלט !

און אָט צוליב זיי, — צוליב די פאַרשאָלטענע כופרים, די „יאהודים״, — וואַלגערט ער זיך דאָ, שלאָפט אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע, און איז אַזוי ווייט פון סאַמיראַן מיט אירע פאַרגעניגנס ! ווי גוט עס וואָלט געווען, נאָך אַזאַ חמסין-

טאָג, זיך איינצובייסן אין סאמיראס לייב, ווי אין א זאפטיקן מעלאָן, און נאָגן פון דאָרט די זיסקייט...

פארנאכט, נאָך זון-פארגאנג, האָט דער פעלד-טעלעפאָן אין בונקער זיך צעקלונגען. אבדול ראזאק האָט האסטיק אראָפּגעכאפּט דאָס הער-טרייבל און צוגעשטעלט צום אויער:

— האללאָ, האללאָ, קאָרפּאָראל אבדול ראזאק הערט הכנעהדיק.

פון צווייטן זייט האָט א טרוקענע מענער-שטים באפוילן:

— אבדול ראזאק, נעם מיט 2 זעלנער, — לויט דיין אויסוואל; נעם מיט ביקסן און גראנאטן; גייט צו די גערטנער פון די יאהודים און הרגעט אוועק וועמען איר וועט נאָר קענען! מען דאַרף זיי, די פארשאָלטענע, ניט לאָזן רואיק זיצן אויף אונדזער ערד, — זיי דאַרפן מיט בלוט צאָלן דערפאַר! נאָר זע, אבדול ראזאק, צו זיין פּאָרזיכטיק: טוט אָן גומענע שיך, עס זאָל ניט דערגיין צו זיי אייער טראָט; פאַרטייעט זיך, אז מען זאָל אייך ניט באמערקן. גייט, אין אללאַס נאָמען! און מוכאמעד, זיין נביא, איז מיט אייך!

ווי ס׳הויבן אָן צו ציטערן די נאָזלעכער ביי א רויב-חיה ווען עס דערשפּירט דעם ריח פון בלוט, אזוי האָבן גענומען ציטערן די נאָזלעכער ביי אבדול ראזאק, נאָכן באקומען דעם באפעל. און אויף אים קען מען זיך פאַרלאָזן, — ער וועט דעם באפעל אויספירן. קיין איין „יאהוד" וועט פון זיינע הענט ניט ארויס א לעבעדיקער!

אבדול ראזאק און זיינע צוויי באגלייטער פויזען אין דער פינצטער אויף אלע פיר. די לאנגע פינגער פון די פּראָזשעקטאָרן אויפן בערגל קענען זיי ניט אָנטאפּן, ווען זיי ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. און אָט איז שוין דער וויינגאָרטן, וואָס די „יאהודים" האָבן אויפגעהאָדעוועט; הינטער די געדיכטע בלעטער פון די פלאנצן איז גוט צו באהאלטן זיך און לויערן מיט גיריקע אויגן אויפן קרבן.

לאנג ווארטן איז זיי ניט אויסגעקומען. אָט קומען און דערנענטערן זיך צוויי געשטאלטן; זיי בויגן זיך איין פון צייט צו צייט און טוען עפּעס אין דער פינצטער. נאָך יעדן אזא איינבויגן זיך, ווערט שטילער דאָס רוישן פון די וואסער-ווארפערס און מען הערט קלאָרער דאָס שאָרכען פון זייערע שיך. אָט הערט מען דאָס רופן פון א מענער-שטים, — „אסנת"! און א פרויען-שטים ענטפערט, — „אורילע, סיימתי". (אורילע, כ׳האָב געענדיקט).

דערהערט א פרויען-שטים, גיט אבדול ראזאק א טראכט: צי דאַרף מען אויך איר הרגענען? פאַרט א „מארא" (פרוי). אָבער, דאָ שווימט ארויס פאַר זיינע אויגן סאמיראס נאקעט געשטאלט, און זיין צאָרן צעוואקסט זיך אין אים:

— פאַרשאָלטענע! צוליב אייך בין איך איצט אזוי ווייט פון סאמיראס זיסן גוף,

— א טויט אייך, פאַרשאָלטענע! רעדט ער שטיל, אין זיך, און וואַרט אַז זיי זאָלן קומען נעענטער צו זיין לויערונג. און אָט דערזעט ער זיי ביידן נאָענט פון זיך: דער בחור האַלט זיין רעכטע האַנט אויף דעם מיידלס פּלייצע און איר קאָפּ איז צוגעטוליעט צו זיין ברוסט; זיי גייען שווייגעוודיקע אויף דער שמאָלער סטעזשקע צווישן די בייטן, און ס׳פאַלט זיי אפילו ניט איין, אַז עמיץ לויערט דאָ אויף זייער לעבן.

אבדול ראַזאַק צילט דעם מיידל גלייך אין פּנים אַריין און גיט אַ שטילן באַפעל: דריי אויטאָמאַטישע ביקסן צעבילן זיך מיט פייער. זיי זעען ווי דאָס פּאָרל פאַלט צו דער ערד ווי אונטערגעשניטענע ביימער. אבדול ראַזאַק וואַרפט נאָך צו אַ מיאוס זידל-וואָרט, און אַלע דריי לאָזן זיך לויפן צוריק, ווי חיות, אין זייער נאָרע אַריין.

ווען די באַוואָפנטע וואַך איז געקומען צו לויפן אויפן אָפּהילך פון די שיסע-רייען, איז שוין אָסנת געווען טויט, — זי איז געלעגן אַ צונויפגעקאָרטשעטע נעבן אוריס פיס, און איר פּנים איז געווען צעשמעטערט ביז צום דערקענען.

אורי איז געלעגן מיטן פּנים צום הימל, ניט געפילט וואָס אַרום אים טוט זיך און דאָס ליכט פון די טאַשן-לעמפּלעך גיסט זיך אויף אים ווי צעגאָסענער זילבער... ער זעט ווי אָסנת, אַ דורכזיכטיקע ווי גלאָז, קומט אַרויס פון כנרת און הויבט אָן שוועבן אין דער לופט. ער וויל זי נאָכיאָגן, נאָר זי דערווייטערט זיך פון אים, אַלץ העכער צום הימל און ווערט נאָך מער דורכזיכטיק. ער קוקט אַרויף צו איר מיט דערשטוינונג, און פּלוצלינג דערזעט ער דורך איר, ווי גלאָז דורכזיכטיקן, קערפּער זיין היימיש דערפל בית-חיים; ער זעט אויף ווייטע מרחקים: אָט איז ירושלים — די הויפּט-שטאָט פון לאַנד; און אָט זעט ער ווי עס טונקלען זיך די בערג פון יהודה; און אָט צעבלויט זיך דער ים-סוף, מיט די שיפן פאַראַנקערטע אינעם פּאָרט פון אילת. ער זוכט מיט זיין בליק אָסנתן, אָבער זי צעגייט זיך ווי אַ וואָלקן, ביז זי ווערט אינגאַנצן פאַרשוואונדן... ער וויל שרייען, ער וויל זי רופן ביים נאָמען, נאָר ער קען ניט אַרויסברענגען קיין וואָרט אויף די ליפּן... ער שטיקט זיך, שטיקט זיך, און קען ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם...

ווען אַ חבר האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער אים, געוואָלט אויפכאַפּן וואָס ער רעדט, האָט ער נאָר געהערט אַ צעצויגענעם, קוים אויסגעשטאַמלטן — „אָ-ס-נ-ת".

— — — — — — — —

די נאַכט ליגט ווידער פאַרטייעט מיט געפאַרן, און די פּראָזשעקטאָרן שניידן דעם אַרום מיט לאַנגע ליכטיקע פינגער.

חיפה, מערץ 1966.

אברהם ישכיל : איוב

פעסיע פּאָמעראַנץ-האָניגבוים

ל י ד ע ר

אויף דיינע אלטע חומש טראקטן

א.

האָסט איינגעזאמלט די געפּרוווטע קינדער
פון דיין פאָלק, —
די שפּליטערס פון בלוט באפלעקטע לענדער —
דערשיטערטע,
דורך טויט באדראָט,
אויף סכנותדיקע וועגן
קוים לעבעדיק דערשטראָמט
צו דיינע האָפנונגספולע ברעגן.

האָסט מאמעדיק צעפּראַלט פאר זיי
די טויערן פון רחמים,
מיט ליבשאפט איינגעגלידערט זיי
אויף דיינע גרעניץ פראָנטן,
גענומען היילן זיי
די אומהיילבארע וואונדן
און פאראנקערט זיי צום זון-אויפגאנג
פון דיינע בלויע האָריזאָנטן.

ב.

באשערט איז מיר צו זיין אן עדות דאָ
פון אויפגעבליטע שטעט און דערפער,
צו טרעטן ווידער אויף דיין יחוסדיקער ערד
פון אויפגעבליטן פעלד און וואלד;
פון שטיינער טויזנטיאָריקע און קברים
וואָס אָטעמען מיט פאָלקס לעגענדעס;
און פון מצבות פון די ייִנגסטע זין און טעכטער דיינע —
אָ, לאנד פון מיינע אבות!

ווי גוט איז מיר צו זען אַן אַלטן יידן דאָ
אָן מורא אויסגלייכן זיין מידן רוקן;
צו זען דאָ דיינע יונגע זין און טעכטער,
מיט פרייען בליק אין אויג, מיט זוניקן געלעכטער,
אַראָפּטרייסלען פון זיך די שרעקן
פון וואַנזיניקן נעכטן,
און ווידער גלויבן
אין דעם עכטן און גערעכטן.

באַשערט איז מיר צו זיין אַן עדות דאָ
צו דיין פאַרבנרייכער סאַגאַ,
אויפגעשפּילט פון דיינע יידן-פעלקערשאַפטן,
נאָך דורותדיקער בענקשאַפט
פון זיידעס און פון טאַטעס —
אויף דיינע אַלטע חומש טראַקטן.

צ פ ת

דער וועג צו דיר — אַ ספּיראַלישער
וואָס שרויפט זיך אַרויף און אַרויפער;
ווי בלויע, האַרבאַטע קעמלען
קייטלען זיך און בלויען די בערג אַרום;
אין דיין שמאָלן,
געדרייטן און ליימיקן געסל
וויינטיקט אַ פאַלע,
פלאַטערט אַ פּיאה
און עס הויערט אַ שאָטן
פון אַ פאַרצייטיקן מקובל.
איבער דעם דאַך
פון דיין עלצטער שול
פינטלט אַ שטערן
פינקלט,
ווי אַ זילבערנע קמיע,
נאָר איך רעמל דיך איין
אין מיין זכרון, צפת,
ווי אַ פאַרהייליקט בילד
פון טויזנטער יאָרן.

כ נ ר ת

ווער האָט דיך איינגעראַמט
אין דער ראַם פון א האַרפע, כנרת ?
דיינע ברעגן ציטערן
מיט רחלס געזאַנגען,
קליינע וואָלקנדלעך
ווי ווייסע שעפּסעלעך —
באָדן זיך אין דיין איינגעווייד, כנרת ;
א פאַרבלאָנדזשעטער פויגל
קרייזט אַרום דיין צוקאַפּנס,
באַרירט מיט א פליגל
דיין בלויען וואַסער-פלאַך
און צעלעכערט די שטילקייט
מיט זיין איינזאַם געוויין, —
ווער קאָן אַן איינזאַמען פייגל פאַרשטיין ?

ל ב נ ה - ש ט ו י ב

צו מ.ה.

ערגעץ וואו אין א קעמערל פון מיין זכרון
האָב איך אויפגעהיט און פאַרבאַהאַלטן
אַלע ליכטיקע רגעס, וואָס איך און ער,
האָבן געאָטעמט בייַנאַנד.
ס'האָט אים א שטורעם-ווינט פאַרטראָגן
צו יענעם לאַנד, פון וואַנען
קיינער קערט זיך ניט צוריק ;
מיין בליק געוואָרן איז פאַרנעפּלט
איך האָב פאַרקנעפּלט טיף אין זיך
מיין צער, וואָס האָט אין רייפן
פון אומזיכערקייט מיך איינגעקלעמט
און מיך פאַרשעמט,
עס האָט די איינזאַמקייט געשטאָכן מיך,
געברענט,
און געשראָקן האָבן מיך
די שטומע שאָטנס
אויף די ווענט ;
ביז עס האָט א שטראַל פאַרבלאָנדזשעט

אויף מיין שוועל,
און העל א בלענד געטאָן די אויגן מיר,
האָב איך געלאָזט זיך פירן פון לבנה-שטויב
און מיך דערפירן צו א לאנד
וואו עס גרינען תפילהדיקע פּאלמעס,
און וואו דער אייביק יונגער ים
וויל שטענדיק איינשלינגען
דעם זאמדיק-ווייכן ברעג.
און דאָ, אין שטאָט פון ווייסע כמארעס
וואָס לויערן שטענדיק איבער די ווייסע מויערן,
האָב איך דערקענט דיך, פריינד מיינער,
געבייטשט ווי איך פון זעלבן גורל,
געטריבן פון דער צייט
צום בין-השמשותדיקן בריק פון לעבן —
מיר האָבן זיך תקיעת-כף געגעבן
מיר זאָלן קאָנען נאָך באווייזן
צו אָנצינדן, א שטערן וואו
איידער ס׳וועט די וועלט פאר אונדז
אינגאנצן פינצטער בלייבן.

מיאמי ביטש, פלאָרידא

עזרא להד

שלום-עליכם
אויף דער העברעאישער בינע

אריינפיר

אַז שלום -עליכם איז אויך איינער פון די באַליבטסטע שרייבערס ביי די העברע-אישע לייענערס, דאָס איז אַלגעמיין באַקאַנט. זיינע ווערק אין דער איבערזעצונג פון י.ד. בערקאָוויטש זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. עס וועט דעריבער זיין אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן אַ ווייניק באַקאַנטן פאַקט: אין 1917, האָט אַ ייִד אין צפת אַרויסגעגעבן אַ ביכל מיט עטלעכע דערציילונגען פון אונדזער גרויסן פאָלקס-שרייבער. דאָס ביכל האָט דעם פאָלגנדיקן שער: „שלום-עליכם בעברית. חוברת זכרון. תרגם והו״ל י. קרניאל״. אונטער דעם קעפּל קומט שלום-עליכם׳ס מאָטאָ: „הצחוק יפה לבריאות — הרופאים מצוים לצחוק״. אין דער אינעווייניקסטער זייט פון שער שטייט: „נדפס ברשיון הבקרת הצבאית בבירות״, דאָס מיינט, אַז דאָס ביכל איז געדרוקט געוואָרן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און האָט דעריבער געדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש פונעם טערקישן מיליטערישן צענזאָר.

אין זיין הקדמה צו דער איבערזעצונג פון די פיר דערציילונגען — „דער נס פון הושענה רבה״, „דער דייטש״, „דער פּריזיוו״, און „אַלעמען גלייך״, שרייבט קרניאל: „... אין משך פון אַ קורצער צייט האָט זיך אונדזער עולם דאָ אין לאַנד צוגעבונדן צו שלום-עליכמען. זיין נאָמען איז ביי אים זייער באַליבט געוואָרן, און אַ סך פון די ספרדים און אויך אשכנזים און אויך דער יונגער דור, וועלכער האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט לייענען שלום-עליכמען דווקא אין אָריגינאַל, האָט זיך געפּרייט צו לייענען און הערן זיינע מעשיות אין עברית״ (1).

אויף וויפל שלום-עליכם איז געווען באמת באַליבט ביי דעם דאַן גאָר יונגן און שיטערן יישוב אין ארץ-ישראל, זאָגט עדות דער פאַקט, אַז דאָס ביכעלע איז ביי היינט צו טאָג אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט (1א).

די ערשטע פּרוואון

שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער דראַמאַטישער ליבהאָבער-טרופּע, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין יפו, איז שלום-עליכם אַריינגענומען געוואָרן אין איר רעפּערטואַר. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די טרופּע האָט אָנגעהויבן איר

טעטיקייט אויף יידיש (זע וועגן דעם אין מיין ארבעט: „יידיש טעאטער אין א״י״ „חיפה״ נומער 2-3) נאָך חנוכה, 1904, האָט זי געשפּילט „צעזייט און צעשפּרייט״ אין אָריגינאַל (2). ערשט א יאָר שפּעטער הויבט אָן די טרופּע איר טעטיקייט אין עברית.

די טרופּע „אגודת חובבי הבמה העברית״ האָט זיך געגרינדעט אין יפו דורך א גרופּע לערערס, צווישן זיי: אשר ערליך, חיים בלאָמבערג-הררי, מנחם גנעסין, טורקעניץ, פּאפּער און אנדערע. זי האָט דאָס רוב געשפּילט איבערגע-זעצטע פּיעסן פון יידיש.

די ערשטע ידיעה וועגן א שלום-עליכם-אויפפירונג האָבן מיר פון חנוכה, תרס״ח (ווינטער 1907). לויט דער כראָניק אין „הפועל הצעיר״, האָט מען יענעם אָוונט געשפּילט דעם איינאקטער „די אסיפה״, צוזאמען מיט שלום אש׳ס איינאקטער: „די עלטערע טאָכטער״. כמעט א יאָר שפּעטער האָט די אָרגא-ניזאציע „הדור הצעיר״ געשפּילט די קאָמעדיע „דער רב און די רביצן״ (3), די דאָזיקע קאָמעדיע איז דערשינען אין פארלאג „תושיה״ אין אָדעס, אין ראַווניצקיס איבערזעצונג. איר יידישער אָריגינאל איז פארלאָרן געגאנגען און האָט זיך ערשט אָפּגעזוכט אין יאָר 1949, און געדרוקט געוואָרן אין ערשטן נומער „גאָלדענע קייט״, תל-אביב.

די ירושלימער אָפּטיילונג פון דער פּאַרטיי „פּועלי ציון״ פירט אויף דעם איינאקטער „אגענטן״ אין יאנואר 1909 (4). פּורים, דעם זעלבן יאָר, האָט די טרופּע אין יפו אויפגעפירט צוויי קאָמעדיעס פון ש.ע. לויטן „הצבי״ האָט באזונדערס אויסגענומען ביים עולם: „אן עצה״. וועלכער עס איז געווען דער צווייטער איינאקטער ווערט אין דער צייטונג ניט דערמאָנט (5). די ווייטערדיקע ידיעה איז פון ל״ג-בעומר 1909. אין ירושלים האָט זיך געגרינדעט אן אָפּטיילונג פון דער יפוער טרופּע וועלכע האָט צו דער פּייערונג פון עפענען דעם „בית העם״, אויפגעפירט דעם איינאקטער: „א דאָקטער״ (6).

וועגן די אלע אויסגערעכנטע פּאָרשטעלונגען איז מיר ניט געלונגען צו געפינען קיין גענויערע ידיעות. אן אויספירלעכע רעצענזיע וועגן דער פּאָרשטעלונג פון „צעזייט און צעשפּרייט״, געשפּילט אין יפו, אויף ל״ג-בעומר, 1909, האָט געשריבן דער לערער און איבערזעצער פון א ריי יידישע פּיעסן אין העברעאיש, און מחבר פון אייניקע אָריגינעלע העברעאישע פּיעסן: קדיש יהודה סילמאַן.

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין דער איבערזעצונג פון י. אזרחי-קרישעווסקי. ווי מנחם גנעסין דערציילט אין זיינע זכרונות (7), איז דאָס שפּילן ניט געשטאנען אויף קיין באזונדערער הויך. ביי די „חובבים״ איז געווען דער עיקר דאָס ריידן עברית פון דער בינע. אלע אנדערע זאכן זיינען געווען תפל. גנעסין גיט אָבער צו, אז די געלונגענע איבערזעצונג פון שלום-עליכמ׳ס שפּרודל-דיקער שפּראַך האָט גורם געווען, אז דער עולם האָט געלעקט די פינגער. די

פאַרשטעלונג איז געשפּילט געוואָרן לטובת די קינדער-גערטנער אין יפו, און א געוויסער פּראָצענט פון דער הכנסה איז אסיגנירט געוואָרן פאַרן קראַנקן שלום-עליכם, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אויף קוראַציע אין קלאַראַן, אין דער שווייץ. אין זיין רעצענזיע וועגן דער פאַרשטעלונג שרייבט סילמאַן, אַז בדרך כלל האָבן די חובבים געשפּילט ניט שלעכט. ער לויבט דער עיקר דעם אַקטיאָר זרחי, אין דער ראָל פון מאיר שאַלאַנט, און די פרויען — הררית און ח. בערגער, אין די ראָלן פון מלכה׳ן און פעסלען, דער אָרעמער קרובה. די הויפּט טענות האָט סילמאַן צו דער ניט צוגעפּאַסטער דעקאָראַציע; צו דעם, וואָס טייל אַקטיאָרן, דער עיקר אין ערשטן אַקט, האָבן ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן אויף דער בינע; אַז דער גרים פון עטלעכע איז געווען ניט פּאַסיק; „אויף ר׳ מאירס פינגער האָט געגלאַנצט א קידושין-רינגעל, א זאַך וועלכע פּאַסט לחלוטין ניט פאַר א קליינשטעטלדיקן חסיד; די טאַקטער חנה האָט די גאַנצע צייט גערעדט פון הינטערן טיש אין הינטערגרונט, אַזוי שטיל, אַז אפילו דער עולם אין די ערשטע שורות האָט זי ניט געהערט. און נאָך אַזעלכע פעלערן וועלכע מען איז זיך נוהג צו פאַרגעבן ליבהאָבער, אויסערן חטא פון ניט קענען די ראָלן ווי ס׳דאַרף צו זיין. דאָס קען מען ניט מוחל זיין קיין אַקטיאָר, ווייל עס איז אין א געוויסער מאָס ניט קיין ערנסטע באַציאונג צו דער אַרבעט און צום עולם״ (8).

די טרופּע האָט אַרויסגעשיקט צו שלום-עליכמען א געוויסע סומע און באַקומען פון אים א דאַנק-בריוו. אין דעם בריוו, דאַטירט דעם 30-טן מאַי, 1909, אין העברעאיש, דריקט אויס שלום-עליכם זיין פרייד, וואָס זיינע א פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן „אין דער שפּראַך פון אונדזער דערוואַכונג״. ער דריקט אויך אויס זיין טיפן וואונטש אליין צו קומען און זען „די אַלע ניסים וועלכע קומען פאָר אין לאַנד פון אונדזערע אָבות, און הערן מיט מיינע אייגענע אויערן דעם קלאַנג פון דער לעבעדיקער העברעאישער שפּראַך״. צום סוף פון דעם בריוו בעט שלום-עליכם מען זאָל אים צושיקן א קאָפּיע פון דער איבערזעצונג (9). פאַרשטייט זיך אַז די טרופּע האָט גלייך אויסגעפירט דעם מחבר׳ס וואונטש.

לויט ווי עס שרייבט דער „הפועל הצעיר״, זיינען די פּרייזן פון די בילעטן געווען טייערע. א סך פון די אַרבעטער און די חלוצים האָבן זיך ניט געקענט דערלויבן צו זען די פאַרשטעלונג. די טרופּע האָט דעריבער באַלד געגעבן א צווייטע פאַרשטעלונג צו ביליקע פּרייזן, כדי צו דערמעגלעכן די אַלע, וועלכע האָבן ניט געקענט קויפן די טייערע בילעטן, זי צו זען (10).

דער קליינער יישוב האָט ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט מער ווי צוויי מאָל צו שפּילן א פּיעסע. דער גרעסטער טייל אויפפירונגען זיינען באַלד נאָך דער פּרעמיערע אַראָפּ פון דער בינע. „צעזייט און צעשפּרייט״ איז געווען איינע פון די וויניקע פּיעסן, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן מער ווי איין מאָל.

די ירושלימער טרופּע „חובבים״ האָט זומער, 1909, אויפגעפירט אין „בית

העמ״ די קאָמעדיע „דער גט״, אין קרניאַל׳ס איבערזעצונג. דער רעצענזענט אין „הצבי״ איז ניט צופרידן מיט דער ראָלן-פאַרטיילונג, אויסער דער ראָל שרה-חנצי, געשפּילט פון שרה מעלער, שפּעטער א פּראָפעסיאָנעלע אקטריסע אין „תיאטרון עברי״.

„עס פרייט מיך — שרייבט דער רעצענזענט — צו זען מיט וואָס פאַרא ענערגיע און פלייסיקייט באַמיען זיך די אמאַטאָרן צו פאַרבעסערן און פאַרפול-קומען. נאָר איין גרויסער פעלער לאָזט זיך פילן — א חסרון אין וועלכן זיי וועלן אליין מודה זיין — דאָס פעלן פון א רעזשיסאָר. זיי בייטיקן זיך אין א מענטש, וואָס די בינע איז זיין פאַך, וועלכער זאָל דערציען זיינע אקטיאָרן און זיי לערנען הכל, בכל, מכל, כל: פון די פּשוטסטע באַוועגונגען, ביז די קאָמפּלי-צירטסטע מיזאַנסצענעס. הקיצור, ער זאָל זיין פאַר זיי א לערער, דאַן וועלן אונדזערע ליבהאָבער קענען פאַרשטיין זייער חוב, וויסן למשל וועמען צוטיילן די וויכטיקע ראָלע פון ראובן-הערשן און וועמען ניט״ (11). אין רעפּערטואַר פון די „חובבי הבמה העברית״ זיינען אויך געווען ש.ע.׳ס איינאַקטערס און מאַנאָלאָגן: „אגענטן״, „מזל-טוב״, „אָן עצה״ און „ווען איך בין ראָטשילד״. די צייטונג „החרות״ ברענגט א גרעסערע רעצענזיע וועגן אזא אָוונט אין ירושלים. פון דער רעצענזיע באַקומען מיר א בילד וועגן דעם אומבאַהאָלפענעם אופן שפּילן פון די אמאַטאָרן, און גלייכצייטיק איז זי אַן עדות וועגן דער גרויסער פּאָפּולאַריטעט פון שלום-עליכמען ביים עולם, כאָטש דעם רעצענזענט איז די פאָרשטעלונג ניט געפעלן (11א):

„די ׳אגודת חובבי הבמה העברית׳ האָט אויפגעפירט אין זאַל פון ׳בית העם׳ אין ירושלים די פּיעסן: „אברהמל דער שוסטער״ פון בער שאַפּיר, „מזל-טוב״ פון ש.ע., אין סילמאַנס איבערזעצונג, און „ווען איך בין ראָטשילד״, אין קרניאַל׳ס איבערזעצונג. נאָך אַן ערגערן רושם ווי „אברהמל דער שוסטער״ מאַכט די קאָמעדיע „מזל-טוב״. אויך אין אָריגינאַל איז עס פון שלום-עליכמ׳ס שוואַכע שאַפונגען, האָבן זיך נאָך דערצו דער איבערזעצער און די אקטיאָרן דערלויבט צולייגן אייגנס און נאָך מער קאַליע געמאַכט. אַזוי ווי די טיפּן זיינען סייווי גראָטעסקע, איז וואָס האָט זיי געאַרט זיי צו מאַכן נאָך מער לעכערלעך? שטעלט זיך פאָר, אז בשעת ברריינע די קעכין (פרוי מעלער) דערלאַנגט ר׳ אלטערן דעם מוכר-ספרים א גלאָז ווייַן, ענטפערט ער העפלעך: ׳א דאַנק, צו וואָס דאַרף זיך ברריינע מטריח זיין׳; און דער זאַץ ווערט איבערגעחזרט אכט מאָל כסדר. א מאָדנעם איינדרוק און א גרילץ אין די אויערן לאָזט איבער דער געזאַנג פון פראַדלען (פרוי פאַפער). מען האָט געקענט גלויבן אז מיר געפינען זיך ניט ביי א פאָרשטעלונג פון די „חובבי הבמה העברית״ אין ירושלים, נאָר עפּעס אין א זשאַרגאָנישן באַלאַגאַן („באַלאַגאַן ז׳אַרגוני״), ביי א פאָרשטעלונג פון „חינקע פּינקע״, אָדער „שלמה גאָרגל״; און אז מיר וועלן נאָך צוגעבן די ניט נאַטיר-לעכקייט פון ר׳ אלטערן ווען ער זאָגט: ׳א ייד איז קיינמאָל ניט שכור׳ און בשעת מעשה שאָקלט ער זיך אויף אלע זייטן, און גייט נאָך צוויי מאָל ארויס אָן א

בארעכטיקונג (און אפשר כדי צו מאכן לאכן דעם עולם?) וועלן מיר האָבן פאר אונדזערע אויגן א פולשטענדיקן בילד פון דער פאָרשטעלונג. אויך דער מאָנאָלאָג „ווען איך בין ראָטשילד" (אויסגעפירט פון ה׳ טייטלמאן) האָט זיך ניט אויסגעצייכנט. בכלל איז טייטלמאן געווען דעם אָוונט א „פאַלנדיקער שטערן". נאָך אלעמען איז דער עולם געווען צופרידן, זיך געקאטשעט פאר געלעכטער, געפאטשט בראווא, און איינס פון די לידער אויפגעפאָדערט צו זינגען צוויי מאָל".

דער רעצענזענט אין „הצבי" לויבט דווקא דאָס שפילן פון טייטלמאנען. ער שרייבט (12): „— — — די קאָמעדיע „מזל-טוב" איז ניט זייער געלונגען, און ווען ניט דער ה׳ טייטלמאן, וועלכער האָט געשפילט די ראָל פון ר׳ אלטערן מיט א סך טאלאנט און געמאכט דעם עולם לאכן ביז זייערע בייכער האָבן זיך צוגעקלעפט צו דער ערד („עד שדבקה לארץ בטנם"). ווען ניט דאָס שיינע ליד „לויטן געשמאק פון דער צייט", וואָס האָט ארויסגערופן התפעלות ביים עולם; ווען ניט די שיינע וויצן, וועלכע זיינען געלונגען דעם איבערזעצער, וואָלט בכלל ניט געווען כדאי עס צו דערמאָנען. „מזל-טוב" איז ניט געלונגען, אפשר צוליבן שוואכן אינהאלט פון דער זאך, און אפשר וויל דער איבערזעצער האָט אביסל איבערגעמאכט שלום-עליכמ׳ס אָריגינאל. צום סוף האָט טייטלמאן געלייענט דעם מאָנאָלאָג „ווען איך בין ראָטשילד" און מיר האָבן שוין לאנג ניט געלאכט פון גאנצן הארצן — ביז טרערן ממש, און זיך ניט געקאטשעט פאר געלעכטער, ווי דעם דאָזיקן אָוונט. שוין לאנג ווי די ווענט פון בית העם האָבן ניט געהערט אזא שטורמישן געלעכטער וועלכער האָט זיך ארויסגעריסן פון מאָל צו מאָל פון די מיילער פון הונדערטער מענער און פרויען..."

די אלע שלום-עליכם פיעסן זיינען געבליבן אין רעפּערטואר פון דער טרופּע ביזן יאָר 1915. מיטן גירוש פון די רוסישע בירגער דורך דער טערקישער מאכט איז זיך די טרופּע צעפאלן.

אויך אין חוץ-לארץ האָבן זיך אָרגאניזירט דראמאטישע קרייזן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שפּילן אין העברעאיש.

אין 1912, האָט אן אמאטאָרן-טרופּע אין ניו-יאָרק אויפגעפירט דעם איינאקטער „אגענטן". געווען איז עס די טרופּע פון דער אָרגאניזאציע „ציון-הערצל-קלאָב", וועלכע האָט נאָך אין 1906, געשפילט גאָלדפאדענס העברעאישן איינאקטער „דוד במלחמה" (13). לויט א בריוו פון דניאל פּערסקי, האָט דער קלוב איינגעאָרדנט די פאָרשטעלונג לטובת דער דרוקעריי פון „הפועל הצעיר" און געהאט א גרויסן דערפאָלג (14).

כדאי אויך צו דערמאָנען אז דעם איינאקטער „מזל-טוב" האָט יהושע בערטאָנאָוו רעזשיסירט אין 1913, מיט דער ביאליסטאָקער „הבימה", געגרינדעט פון נחום צמח. געשען איז עס אין ווארשע, נאָכן דורכפאל פון דער טרופּע מיט

איר פּרואוו צו שפּילן דימאָוו'ס „דער אייביקער וואנדערער" אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין (15).

גלייך נאָכן באפרייען ארץ-ישראל פון די טערקן דורך גענעראל אלענביס ארמיי, האָט זיך ווידער אָרגאניזירט די טרופּע פון „אגודת חובבי הבמה העברית

חברי

ביום החמשי, כ״ב שבט התרפ״ג (8-II-23)
באולם „עדן" תל-אביב

הזכיה הגדולה

קומדיה עממית ב 4 מערכות
מאת שלום עליכם
תרגום א. זרובבל (שצ'גלוב)

המשתתפים:

שימלי סְרוקֶר חייט	מאיר תאומי
עטי־מֶני אשתו	שרה מלר
בֵּילְקָה בתם	פרידה כרמלית
מוטיל קוסוי } שוליות אצל שימלי	אלכסנדר מילנר
קופיל פַּלְבֶּן } שוליות אצל שימלי	ב. קֶדֶר
ר' אשר פיין בעלת בית חשוב	פלמיאל
גב' פיין אשתו	צבעונית
סולומון בנם	יעקב בן־משה
סולוביצ'יק שדכן	ברוך כתם־פז
הימלְפַּ־ב, מנהל חשבונות בבנק הסוחרים	שמשון גֶרשוני
וִינדורצ'יק אַנגטיזריסטן (סוכן הפילמים)	יעקב מאור
גולדֶנטולֶר מנהל בנק הסוחרים	יעקבי יצחק
ובנו „המשרתת בבית שימלי	שפרה בת־חיים

קהל של יהודים

ההתחלה ב8.45 בדיוק.

רג'יסור: הא' מ. תאומי

הסדרנים מבקשים את הקהל להמצא על המקומות המסומנים תיכף אחרי הצלצול השני.

דפוס א. איתן וש. שושני, תל־אביב.

„דאָס גרויסע געווינס", פּראָגראם
פון ערשטער אויפפירונג, 1923.

ביפו". אין יאנואר, 1920, באגייט זי די אויפפירונג פון „צעזייט און צעשפּרייט". עס איז געווען איינע פון אירע לעצטע פאָרשטעלונגען, ווייל סוף יאָר איז

געקומען קיין ארץ-ישראל דער רעזשיסאָר דוד דאַווידאָוו און געשאַפן דעם ערשטן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער „תיאטרון עברי״.

דער „תיאטרון עברי״ וועלכער איז געווען, לויט ווי די רעצענזענטן פון יענער צייט האָבן אים באַצייכנט, „א יידישער טעאַטער איבערגעזעצט אין עברית״, האָט פאַרשטענדלעך געהאַט אין זיין רעפּערטואַר אויך שלום-עליכמען.

אין פעברואַר 1922, מיטן עולה זיין פון אַקטיאָר מיכאל גאָר (דעמאָלט האָט ער געהייסן בן-מנחם), הויבן זיך אָן זיינע אַרויסטריטן מיטן מאָנאָלאָג: „אין צווייען א זעקס און זעכציק״. זיין לייענען דעם מאָנאָלאָג האָט געהאַט א גרויסן דערפאָלג (16). די ערשטע פּיעסע שלום-עליכמ׳ס אין „תיאטרון עברי״ איז געווען „שווער צו זיין א ייד״, די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען דעם 9-טן נאָוועמבער, 1922 (17). די צווייטע פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם 21-טן דעצעמבער, 1922. געווען איז עס אַן אינסצעניזאַציע פון מנחם-מענדל׳ס בריוו אונטערן נאָמען: „אין מזל״, רעזשיסירט פון מרים בערנשטיין-כהן. לויטן פּראָגראַם איז עס געווען אַן אינסצעניזאַציע פון דער מעשה מיט די צוויי כלות (18). אין יאָר 1923, פירט אויף דער טעאַטער וויטערדיקע צוויי פּיעסן פון שלום עליכמען. דעם 8-טן פעברואַר ווערט אויפגעפירט „דאָס גרויסע געווינס״, און חול-המועד פסח ווערט אויפגעפירט „יקנה״ז״ (19), א פּיעסע וועלכע איז אין יידיש — אויסער דער אויפפירונג אין ניו-יאָרק אין 1907, א״נ „דער אויסוואורף אָדער שמואל פאַסטערנאַק״ — אין ערגעץ ניט געשפּילט געוואָרן. וועגן דער אויפפירונג פון „דאָס גרויסע געווינס״ שרייבט דער „הארץ״ (20): „ווי ווייט שלום-עליכמ׳ס פּיעסן זיינען באַליבט ביי אונדזער עולם, האָבן מיר געזען בשעת די אויפפירונגען פון „שווער צו זיין א ייד״ און „ניטאָ קיין מזל״. דאַסמאָל האָט דער „תיאטרון עברי״ מיט זיין נייעם אַנסאַמבל באַשלאָסן אָנצוהויבן זיינע פאָרשטעלונגען מיט שלום-עליכמ׳ס גרויסער פאָלקס-קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס״, וועלכע שטייגט איבער ווייט די פריערדיקע מיט איר פּלאַסטישער און סטיליסטישער שלימות. מען דאַרף צוגעבן, אַז די טרופּע האָט געטאָן אַלץ, כדי אָפּצוהיטן די טיפּישע פאָלקסטימלעכקייט פון דער פּיעסע. ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט דער ה׳ מאיר תאומי אין דער הויפּטראָלע פונעם שניידער, דעם פריילעכן אָרעמאַן, וועמעס תמימות און יושר ברענגען גלייך דערצו, אַז ער פאַרלירט זיין גרויסן געווינס. געלונגען איז געווען די פרוי מעלער אין איר וויכטיקער און בולטער ראָל פון עטי-מעני. דאָס שפּילן פון דער פרוי כרמלית אין דער ראָל פון דער טאָכטער, איז געווען קאָרעקט און איידל. געשמאַקפול און ניט איבערגעטריבן האָט געשפּילט זיין ראָל דער ה׳ מילנער (מאָטל), פליבק און רירעוודיק איז געווען אין זיין שפּילן דער שדכן סאָלאָוויטשיק (ה׳ כתם-פז). די אַנדערע אָנטיילנעמער האָבן ניט אָפּגעשוואַכט דעם אַנסאַמבל. די גוטע צוגרייטונגען פון דער טרופּע און די רעזשי האָבן זיך געלאָזט פילן אויך אין דעם עברית פון די אַקטיאָרן, וועלכער איז געווען דאַסמאָל פאַרשטענדלעך און קלאָר, אָן פעלערן״.

אין נאָוועמבער 1925, שפּילט די טרופּע נאָך א מאָל „דאָס גרויסע גע-ווינס״ (21), און אין אפּריל 1926, צו שלום-עליכמ׳ס צענטן יאָרצייט, „שווער צו זיין א ייד״ (22).

כדי אָפּצומערקן די דאַטע פון שלום-עליכמ׳ס צענטן יאָרצייט, פּירט אויף גנעסינס טרופּע — „התאײ״ — א ספּעציעלן אָוונט, וועלכער איז געווען צוזא-מענגעשטעלט פון די דריי איינאַקטערס: „ס׳א ליגן״, „מזל-טוב״, און „אגענטן״. אין א רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג, שרייבט י. לויפּבאַן (23): „ראשית חכמה האָט מען געזען אז עס איז זייער שווער אויפצולעבן אויף דער בינע דעם העברעאישן שלום-עליכם. עס איז לייכטער איבערצוזעצן א סטיל ווי א לעבעדיקע שפּראַך. בערקאָוויטשעס איבערזעצונג לייענט זיך בעסער, ווי זי ווערט געהערט פון א בינע... דווקא די לעצטע קאָמעדיע „מזל-טוב״, האָט אנגעטייט אז דער „תאײ״ איז יאָ פעאיק אויפצולעבן שלום-עליכמען, ווען אפילו ניט אין קיין פולער מאָס, צוליב די מכשולים וועלכע מיר האָבן אָנגעוויזן אויבן. פון די אקטיאָרן דאַרפן דערמאָנט ווערן: ה׳ בן-לוי, דער דריטער אגענט אין „אגענטן״, און בנימיני מיט רבקה פּאַפּער אין „מזל-טוב״. די דריי אקטיאָרן האָבן דערטאַפּט די ריכטיקע פאַרבינדונג צווישן שלום-עליכמען און דער בינע. עס האָט זיך זיי איינגעגעבן ארויסצוברענגען זיין ספּעציפישן, לייכטן הומאָר. גוט זיינען אויך געווען בת-עמי און קליאַטשקין, — דאָס צווייטע פּאָרל אין דעם איינאַקטער״.

דער „תיאטרון עברי״, אין זיין לעצטן גילגול, האָט אין סעזאָן 1927/28 אויפגעפירט „טוביה דער מילכיקער״ און, אויך באנייט „שווער צו זיין א ייד״, לכבוד שוואַרצבאַרד׳ס באפרייאונג (24). איינע פון די לעצטע שלום-עליכם-אויפ-פירונגען פון דער טרופּע איז געווען: „לא פידלתי״ (25), ווייזט אויס ווידער אן אינסצעניזאַציע פון מנחם-מענדל. פּרטים פעלן, ליידער.

דער „תיאטרון העברי״ אין אלע זיינע פאַרשיידענע גילגולים האָט קיין מזל ניט געהאַט. ער איז אזוי גוט ווי כמעט פאַרשוויגן געוואָרן פון דער פּרעסע פון זיין צייט, אזוי, אז עס איז היינט שווער צו געבן א גענויע אָפּשאַצונג וועגן זיינע שלום-עליכם-אויפפירונגען. א באַגריף וועגן זיין אלגעמיינעם מהות קען מען באקומען פונעם ארטיקל פון דניאל לייבל אין „דבר״, געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים מ. סתר (26): „א שווערע משא דריקט אויפן „תיאטרון העברי״, די משא פון זיין פאַרגאַנגענקייט. געווען איז עס א פּראָווינציעלע טרופּע פונעם יידישן וועלט-טעאַטער. דאָס אויסבייטן דעם נאָמען אויף „עברי״ האָט ניט געהאַט אין זיך קיין ממשות״. נאָכדעם ווי ד. לייבל גיט איבער בפּרוטרות וועגן אופן און צוגאַנג פון דער טרופּע צו דער טעאַטער-קונסט, איז ער ממשיך: „...אינטערעסאַנט איז די באַציאונג אויף וועלכער דער טעאַטער שטויסט זיך אָן. ביי זיין אויפקום איז קיין אנדער טעאַטער ניט געווען. ער איז געווען ביי אונדז א בן-יחיד. און מיר האָבן געהאַט דאָס רעכט צו גלויבן, אז אלע אָנשטרענ-גונגען וועלן גיין אין דער ריכטונג פון אויסבעסערן אים, פאַרפיינערן אים,

פאראלעל מיט דער ווירקלעכקייט און דער קולטור אין לאנד. און טאָמער ניט, אויב עס איז פארלאָרן יעדע האָפענונג אויסצובעסערן דאָס פארדאָרבענע, האָט מען געהאט דאָס רעכט צו פאָדערן פון די, וועלכע האָבן דאָס וואָרט: זאָגט יאָ, אָדער ניין! אָדער דאָס באשעפעניש האָט א זכות צו לעבן, אָדער עס איז א מצוה

פראָגראַם פון „שווער צו זיין א ייד"

ערשטע פאָרשטעלונג, 1922.

עס אָפּצומעקן פון דער וועלט פון די בינע-ברעטער. אַנשטאָט דעם האָט מען זיך נוהג געווען אנדערש; מען האָט פארשוויגן די עקזיסטענץ פון דעם טעאטער, אָדער, אין בעסטן פאל, דערמאָנט איינצלנע פאָרשטעלונגען אין דער כראָניק: „מען האָט געשפילט... דער עולם האָט געפאטשט בראַוואָ..."

ביי אזא באציאונג פון דער פרעסע צו דעם „תיאטרון עברי" איז פארשטענדלעך ניטאָ קיין מעגלעכקייט אָפּצושאצן זיינע פּארדינסטן, אָדער ניט-פארדינסטן פון די העברעאישע אויפפירונגען פון שלום-עליכמ׳ס פּיעסן.

אין סעזאָן 1928/29 פּירט אויף די „הבימה" איר ערשטע שלום-עליכם קאָמעדיע, און הויבט מיט דעם אָן א נייעם קאַפּיטל פון דער געשיכטע: „שלום-עליכם אויף דער העברעאישער בינע".

שלום-עליכם אין "הבימה"

בדרך כלל לאָזט זיך זאָגן, אז אויב שלום-עליכם איז געקומען צום אויסדרוק אין „הבימה", איז עס, ראשית חכמה, אדאנק איינעם פון אירע ערשטע אייגענע רעזשיסאָרן, — ברוך טשעמערינסקי. אין אן ארטיקל וועלכן ער האָט געשריבן צו שלום-עליכמ׳ס אכציקסטן געבוירנטאָג, דערציילט אונדז טשעמערינסקי גענוי, ווי שטארק פארבונדן ער איז געווען מיטן גייסט פון אונדזער גרויסן פאָלקס-שרייבער.

טשעמערינסקי שרייבט (27): „...איך דארף זיך מודה זיין, אז נאָך עטלעכע יאָר ארבעט אין „הבימה", האָב איך ניט געהאט קיין רואיקן געוויסן, ווייל כ׳האָב ניט געזען קיין שום נייגונג און קיין שום ווילן ביי אונדז צו שטעלן אויף דער בינע עפּעס פון שלום-עליכמען; און דאָס, ווען דער גרעסטער טייל פון די טרופּע-חברים זיינען געווען איינגעוואָרצלט אין שלום-עליכמ׳ס גייסט און סביבה.

ערשט מיט אונדזער קומען קיין ארץ-ישראל האָט זיך געשטארקט מיין גלויבן, אז דאָ וועלן מיר געהאָלפן ווערן, און אונדזער בינע וועט באַרייכערט ווערן מיט שלום-עליכמ׳ס גייסט און שאפונג... מיר זיינען נאָך ניט געווען קיין חודש אין לאנד, ווי מיר האָבן שוין געהאט א קאָנטראקט מיט בערקאָוויטשן צו באארבעטן און איבערזעצן פאר אונדז דעם „אוצר". עס האָבן זיך טאקע דאַן געמערט די געגנער. מבינים האָבן אפילו געפּרואווט אונדז צו פארנארן, מיר זאָלן אָפּלאָזן די גאנצע זאך; אין געוויסע קרייזן איז געוואָרן א טומל און די גאנצע שולד האָט מען געוואָרפן אויף מיין קאָפּ. דאָ איז אונדז בייגעשטאנען ביאליק ז"ל, אונטערשטיצנדיק אונדזער אויסוואל. ער האָט געזאָגט: אדרבא, זאָל דאָס דווקא זיין אייער עקזאמען, צו זען ווי גרויס ס׳איז אייער כוח. אויך דער רוסישער רעזשיסאָר — דיקי, וואָס אין זיינע הענט האָבן מיר איבערגעגעבן די ערשטע אויפפירונג אין ארץ-ישראל, איז ניט געווען צופרידן מיט דער פּיעסע, נאָכדעם ווי א סך פון די אונטערלעקערס האָבן זיך געדרייט ארום אים, און זיך געסטארעט אים באוויזן, אז דאָ, אין ארץ-ישראל, האָבן די יידן קיין שום אינטערעס ניט פאר שלום-עליכמען. און אזוי פלעגט זיך טאקע דער גוי פאר מיר באקלאָגן פון צייט צו צייט: אייערע יידן דאָ אליין איגנאָרירן שלום-עליכמ׳ס שאפן; אויב אזוי, ווער דארף דאָ זיין קאָמעדיע? ניט איינמאָל איז געשטאנען די סכנה, אז די ארבעט איבערן „אוצר" זאָל אָפּגעשטעלט ווערן.

אויך נאָכדעם, ווען עס איז געשאפן געוואָרן א פּאָלקומער טעאַטראַלישער ספּעקטאַקל, האָבן די געגנער אַלץ ניט גערוט און געטענה׳ט: ׳עד כאן. און ווייטער ניין. איינמאָל א חכמה!׳ און אויך נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג שלום-עליכמ׳ס צווייטע פּיעסע „עמך״ (28), האָט זיך די דעה פון די געגנער ניט באַרואיקט. ס׳זיינען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געקליגט צו באַווייזן, אַז עס איז א פאַרשטעלונג פאַר דעם סאָרט עולם, וועלכער שטעקט נאָך אין דער גלות-פאַרגאַנגענקייט, ביי וועמען דאָס שטעטל לעבט נאָך אין די פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון זיין באַוואוסטזיין, אָבער עס איז איבעריק און פרעמד דעם נייעם עולם. ס׳איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז דער גרעסטער טייל פון ברייטן עולם קען ניט מוותר זיין אויף שלום-עליכמ׳ס אוצרות, אין וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די עמאַציעס פון דורות. ער קען ניט און דאַרף ניט מוותר זיין; און דער טעאַטער — אוודאי ניט: ווייל איינע פון זיינע וויכטיקסטע אויפגאַבעס איז פירן אונדז איבערן פאַרגעסענעם לעבנס-וועג פון דור צו דור, פון פאָלק צו פאָלק, אין א שפּרודלדיקער, לעבעדיקער פאָרעם... און ביי וועמען נאָך, א חוץ ביי שלום-עליכמען, וועלן מיר געפינען א געלייטערטן הומאָר, וועלכער האָט זיך איינגעלעבט אין פאָלק; וואָס פונעם פאָלק האָט ער עס גענומען און עס אים צוריקגעגעבן, און וואָס אָן אים האָט קיין שום בינע ניט קיין קיום, און אונדזער העברעאישע בינע — זיכער ניט...״

די פּרעמיערע פון „אוצר״ איז געווען דעם 29-טן נאָוועמבער, 1928, אין תל-אביב. דער עולם האָט אויסגעפילט די זאַלן ביי דער פאָרשטעלונג און שטאַרק הנאה געהאַט פון דער קאָמעדיע.

די קריטיק איז אָבער בכלל ניט געווען אַזוי גינסטיק צו דער אויפפירונג. עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער קבלת-פּנים פאַר דער „הבימה״ בשעת איר ערשטן באַזוך אין ארץ-ישראל, איז געווען גאָרניט קיין געהויבענער. מען איז געקומען צו איר מיט טענות, אַז זי איז אָפּגעפרעמדט פון יידישן לעבן, אַז זי איז אַסימילירט; אַז זי האָט ניט קיין באַציאונג צו העברעאיש און צו דער העברעאישער ליטעראַטור. א.א.וו.

א.א. קאַבאַק האָט געשריבן (29): „...וואָס איז אייגנטלעך „הבימה״׳ס אויפטו? סך הכל איז עס א מישמאַש פון פלאַכן מאָדערניזם, פון שלעכט פאַרשטאַנענער פאָלקסטימלעכקייט און פון עקספּערימענטן אָן א צענטראַלן אידעאָלאָגישן פּונקט, עפּעס א תוהו ובוהו. און דער גייסט פונעם גוי שוועבט איבערן תהום... „אוצר״ — — — וואָס האָט „הבימה״ אָפּגעטאָן דעם יידישן שטעטל? אַלע זיינען דאָרט נאַראָנים, נעוראַסטעניקער, אָדער אידיאָטן. און אויב נאָר איינער איז דאָרט א חכם, איז ווער איז עס? דער פּראַצענטניק יידל חלפן! און בכלל, וואו און ווען האָבן קליינשטעטלדיקע יידן מחלל געווען יידישע קברים און געגראָבן אויף א בית-עולם צו געפינען אוצרות?... מען זאָגט, זיי האָבן געוואָלט מאַכן דעם עולם לאַכן, שאַפן גראָטעסק. רבותי, מאַכן לאַכן אַן עולם,

יעדן עולם, איז לייכט. זאָל זיך איינער פון אונדז אוועקשטעלן אויף א בינע מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, און דער עולם וועט ארויסשיסן מיט א געלעכ-טער. אָבער דער אמת, דער קינסטלערישער און רעאלער, וואו זיינען זיי ?"

דער קריטיקער יצחק נאָרמאַן האָט דווקא איינגעזען אז די אויפפירונג איז א טריט פאָראויס אין „הבימה"ס אנטוויקלונג, סיי פון שטאנדפונקט פון רעזשי, סיי פון שטאנדפונקט פון שפילן פון די אקטיאָרן, וועלכע האָבן אין „אוצר" באקומען א געלעגנהייט זיך צו באפרייען פון די פענטעס פון נאציאָנאלן פאַטאָס (30). אין זעלבן טאָן האָבן אויך געשריבן די אנדערע קריטיקער, חוץ די געשוואָרענע אולטרא-נאציאָנאליסטן, ווי אבא אחימאיר.

אין טשעמעריגסקיס ציטירטן ארטיקל האָט ער שוין דערמאָנט וועגן דעם, אָבער נאָר פארבייגייענדיק. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דעם אביסל גענויער.



"דער אוצר", „הבימה", 1929.

כמעט אלע וויטערדיקע שלום-עליכם-אויפפירונגען אין „הבימה", ווערן באגלייט פון צוויי סימפּטאָמען: פון א גרויסן מאטעריעלן דערפאָלג, און מיינסטנס, אויך א קינסטלערישן דערפאָלג; דער צווייטער סימפּטאָם: א מבול פון ארטיקלען געגן די אויפפירונגען, סיי פון די פארלייקענער פון גלות בכלל, און סיי פון די שונאים פון יידיש בפרט.

אזוי שרייבט אבא אחימאיר וועגן די פאָרשטעלונגען פון „הבימה" (31):
„דאָ אין לאנד האָט דער „דיבוק" טאָפּלט נושא חן געווען. דאָ, אין דעם אָרט וואו מען בענקט נאָך די פיש פון מצרים; דאָ אינעם אָרט, וואו עס בליט דער „עונג-שבת", אויסגעפילט מיט סאמע גלות-ראָמאנטיק (32), דאָ איז געפעלן מער ווי יעדע אנדער זאך, די גלותדיקע שאפונג וועלכע הייסט: „דיבוק"...
ווען „הבימה" איז געקומען צופאָרן קיין ארץ-ישראל איז זי געשטאַנען פאר א

שייד-וועג: זאָל זי ממשיך זיין די טראַדיציע פון גלות? און זי האָט ממשיך געווען! זי האָט געשטעלט דעם „אוצר“. דער דערפאָלג פון „אוצר“ איז געווען גרויס. וואָס איז דער וואונדער?... דער איבערגאַנג פון „אוצר“ צו „דוד'ס קרוין“ (33) איז געווען א צו פלוצימדיקער. דער שרייבער פון די שורות האָט באזוכטביידע פאָרשטעלונגען. מען האָט געדאַרפט זען די קאַלטקייט מיט וועלכער דער עולם האָט באגעגנט „דוד'ס קרוין“ און דאָס ארויסגיין פון די כלים בשעת דער פאָרשטעלונג פון „אוצר“...“ פארשטייט זיך, אז אבא אחימאיר פאלט אָן אויף דער „הבימה“ און זידלט זי פאר דער אויפפירונג פון „אוצר“. אָבער קיין בעסערן עדות צום גרויסן דערפאָלג פון דער פיעסע ביים עולם דאַרף מען ניט זוכן.

סוף אויגוסט, *1929*, האָט זיך „הבימה“ אומגעקערט קיין אייראָפּע. פאר איר באזעצן זיך אויף שטענדיק אין ארץ-ישראל, האָט זי גאַסטראָלירט אין איטאַליע, דייטשלאַנד, פוילן, עסטרייך און אנדערע לענדער. לאָמיר דאָ פארצייכענען דעם איינדרוק פון „אוצר“ אויסער די גרעניצן פון ארץ-ישראל.

ווי עס שרייבט ב. קאַרליניוס, אין „מאָמענט“ (34), האָבן זיך די דייטשע יידן — די אסימילירטע בערלינער תושבים — געשעמט, זעענדיק די קרומע געשטאַלטן, די פארקריפּלטע נפשות, אויף דער בינע. זיי זיינען געקומען מיט טענות צו דער „הבימה“, הלמאי מען ווייזט אזעלכע משונה-ווילדע יידן אין דייטשלאַנד, וואָס עס באַליידיקט זיי אלס יידן. קאַרליניוס גיט צו, אז אין וואַרשע זיינען די יידן ניט אזוי פילבאר. זיי שעמען זיך ניט און באַליידיקן זיך ניט. און ער פארענדיקט: „דער „אוצר“ אין „הבימה“ איז א קאַריקאַטור פון הויכער קוואַליטעט“.

דער טעאַטער-קריטיקער י.מ. ניימאַן, אין „היינט“, זעט אין דעם צוגאַנג צו דער פיעסע צוויי סיבות: די ערשטע, וואָס דער רעזשיסאָר איז א רוס; די צווייטער — וואָס מען האָט צוגעגרייט די פיעסע אין ארץ-ישראל. „אין די ביידע לענדער, שרייבט י.מ. ניימאַן (35), האָט מען געחתמעט דעם גזר פון אונטערגאַנג אויפן אלטן יידישן לעבנס-שטייגער פונעם שטעטל. ניטאָ קיין סענטימענטן.“

דער „אוצר“ איז געווען דער ערשטער טראָט פון „הבימה“ אין דעם לאַנד פון שלום-עליכמ'ס העלדן. א דאַנק די קרעאציעס פון ב. טשעמערינסקי (לוי מאַזגאַוואַי), י. בערטאָנאָוו (יידל חלפן), מעסקין (פייגע-לאה די גבאיטע) און אנדערע, האָט די קאָמעדיע געעפנט דעם וועג פאר די ווייטערדיקע שלום-עליכם פיעסן אין „הבימה“, נאָך איר באזעצן זיך אויף שטענדיק אין ארץ-ישראל.

מיט איר באזעצן זיך אין לאַנד איז „הבימה“ אריבער צו דער שיטה פון „אינעווייניקסטער רעזשי“, ד.ה. אז מיטגלידער פון קאָלעקטיוו האָבן גענומען אויף זייערע פלייצעס די ראָל פון רעזשיסאָרן.

שוין אין צווייטן סעזאָן נאָכן קומען קיין ארץ-ישראל, פירט אויף „הבימה״, אונטער דער רעזשי פון צבי פרידלאנד און ברוך טשעמערינסקי, די קאָמעדיע — „עמך״.

די דאָזיקע קאָמעדיע האָט דערגרייכט צו איינעם פון די גרעסטע קינסטלערישע און פינאנציעלע דערפאָלגן פון דער „הבימה״. מען האָט די קאָמעדיע געשפּילט 157 מאָל (36), — ניט קיין קליינע דערגרייכונג אויך היינט אין ישראלדיקן טעאַטער, — ווער רעדט נאָך, אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, ווען דער גאנצער יישוב האָט געציילט קנאפּע דריי הונדערט טויזנט יידן.

אויך „עמך״ איז געווען א גורם צו נאַז-קרימעניש און געוואלדן מצד די קרייזן, וועלכע האָבן עס כסדר פּראקטיצירט ביי יעדער דערפאָלגרייכער אויפפירונג פון גלות-לעבן. די טענה איז געבליבן, ווי פריער, אז די פּיעסע איז פאר דעם סאָרט עולם, וועלכער שטעקט נאָך אלץ ביז אריבער די אויערן אין גלות; און ווידער, דעם בייעם יי״ן, דעם „יהודי הדרור״, איז עס איבעריק און פרעמד (37). די דאָזיקע קריטיקער און פארשרייער האָבן ניט געוואלט מודה זיין, אז דער עולם, אויך אין ארץ-ישראל, וויל ניט און קען ניט מוותר זיין אויף א טייל פון זיין גייסטיקער ירושה — אויף שלום-עליכמ׳ס שאפן.

אין אן ענטפער צו די אלע, וועלכע זיינען באפאלן די אויפפירונג, שרייבט דער דראמאטורג משה ליפשיץ (38): „פארוואס איז די „עמך״-פאָרשטעלונג אזוי באליבט? ווייל יעדער וואָרט און יעדע תנועה פון די נפשות אין דער קאָמעדיע זיינען ניט קיין צופעליקע, ניט קיין פרעמדע, זיי זיינען אונדזערע אייגענע. ניט נאָר אין דעם זינען פון „וואָס עס איז געווען״... אָן שום ספק, אויך אין זינען פון וואָס עס איז דאָ. ביי דער פאָרשטעלונג פון „עמך״ האָט דער עולם הנאה, ניט נאָר פון וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע, נאָר אויך פון זיינע שכנים אין זאַל. יעדעס וואָרט שלאָגט אָן ביי זיי; זיי זיינען שותפים צו דער טעאַטער-שפּיל. מען דארף ניט פארגעסן, אז דער גרעסטער טייל פון דער יידישער אומה דאָ, אין ארץ-ישראל, איז ניט לאנג געקומען אהער פון שלום-עליכמען, און זיי האָבן פארשלעפּט אהער א טייל פון זיין וועלטל. אין די גאסן פון תל-אביב און חיפה טרעפסטו מנחם-מענדלען טויזנט מאָל א טאָג. אָט ערשט איז ער געקומען אהער. און שימעלע סאָראָקער, און קאָפּל, און מאָטל, — זיי זיינען נאָך געקומען מיט דער דריטער עליה און האָבן געהאָלפן בויען דאָס לאנד... די עבדים כנעניים, דורך זייער אייגענעם טעות, גלויבן, אז יידישע אָדער העברעאישע קונסט קען אויפקומען אָן דער פארבינדונג מיט דער נשמה פון פאָלק, מיטן עבר פונעם פאָלק, מיט דער פאָלקסקונסט. זיי ווייסן ניט און פילן ניט, אז מיטן פארמאכן זייערע הערצער פארן פארטיפטן און פאָלקסטימלעכן הומאָר פון „עמך״, פארוואנדלען זיי זיך אליין אין פערסאָנאזשן פון דער פּיעסע, אין די משפחה-מיטגלידער פון דעם הער פיין. ביז עס וועט ניט געשאפן ווערן קיין העברעאישע קאָמעדיע, דארף מען און מוז מען שפּילן שלום-עליכמען אין עברית,

אַנשטאָט צו זיין קונים פון א פראנצייזישן מאגאזין פון אלטע מלבושים. נאָר פון אייגענעם האָב און גוטס וועט אויפגעריכט ווערן דער העברעאישער טעאטער און זאָלן די פוקסן ניט מחבל זיין דעם ווייגאָרטן".

אלס ארטיסטישע קרעאציעס דאַרפן פארצייכנט ווערן: טשעמערינסקי אלס שימעלע; א. מעסקין, ווי אן אומפארגעסלעכער קאַפּל, דער שניידער-יונג, וועלכער פארליבט זיך אין שימעלעס טאָכטער; תמר רובינס אלס עטי-מעניע; און תמימה יודעלעוויטש, די מעל-יידענע, וועלכע האָט מיט אירע ניין מאָס רייד ארויסגערופן שטורמישע געלעכטערס אין זאל.

מיט דער „עמך"-אויפפירונג הויבט זיך אָן דער וועג פון „הבימה"'ס נייעם צוגאנג צו שלום-עליכמען. להיפוך צו דיקיס צוגאנג צום „אוצר", וועלכער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער סאטירע, האָט „הבימה", אָנהויבנדיק מיט „עמך", געשטעלט דעם טראָפּ אויף דאָס טראגי-קאָמישע, דעם געלעכטער דורך טרערן, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פארן קלאסיקער פון יידישן געלייטערטן פאָלקס-הומאָר.

דער געוואלדיקער דערפאָלג פון „עמך" האָט געבראכט אין קומענדיקן סעזאָן (1933—1934) א נייע קאָמעדיע פון שלום-עליכמען. טשעמערינסקיס אינסצעני-זאציע פון „דעם פארכישופטן שניידער" אונטערן נאָמען: „מעשה כשפים" (39). די קאָמעדיע האָט באקומען איר סצענישן תיקון אין דער פיינפילנדיקער קרעאציע פון טשעמערינסקין אין דער ראָל פון שמעון-אלי שמע קולנו, א. באראץ אלס דער מלמד, און חנה הענדלער און פאני ליוביטש. דערצו נאָך אין דער ראם פון דער וואונדער-שיינער דעקאָראציע פון משה מוקדי. דאָס אלץ האָט פארשאפט א סך נחת-רוח דעם עולם. די קאָמעדיע איז געוואָרן זייער באליבט און איז געבליבן אין רעפערטואר א סך יאָרן אלס א ספעציעלע אויפפירונג פאר שול-יוגנט.

ווי די קריטיק ווייזט אָן, איז די פאָרשטעלונג געווען מער רעווי-מעסיק, ווי איין גאנצקייט (40). די ווייטערדיקע שלום-עליכם-פאָרשטעלונג אין „הבימה", וועלכע איז געבליבן א לאנגיאָריקער בכס אין איר רעפערטואר, איז געווען „עלי כינור" (אויפן פידל), אינסצענירט און רעזשיסירט פון ב. טשעמערינסקי (41). די קריטיק האָט געהאט אויסצוזעצן אייניקע טענות צו דער אינסצעניזאציע און רעזשי, אָבער אלע האָבן באטאָנט די קינסטלערישע לייסטונגען פון אברהם באראץ אין דער ראָל „זעמעלע", אהרן מעסקין אלס פאָלקאָוויק, און אויך דערמאָנט צום גוטן טשעמערינסקין, בת-עמי און קליאטשקינען (42).

א פרואוו אָפּצושאצן די שלום-עליכם פאָרשטעלונגען אין „הבימה", האָט געמאכט יעקב קאָפּעלאָוויטש (היינט באקאנט אונטערן נאָמען: ישורון קשת) אין א לענגערן ארטיקל (43). ער שרייבט דאָרט: „א סך מענטשן האָבן גענומען דאָס וואָרט וועגן דער ספעציעלער נייגונג וועלכע די „הבימה" ווייזט ארויס די לעצטע צייט צו שלום-עליכמען. אין אירע זוכענישן נאָך דראמאטישן שטאָף פאר

איר אינעווייניקסטער רעזשי, האָט זי זיך געקערט אהין און אהער, און צום סוף זיך אלעמאָל אומגעקערט צו שלום-עליכמ׳ס ווערק. עס האָבן זיך געלאָזט הערן טענות געגן דער נטיה, טענות ניט אלעמאָל גערעכטע, אָבער נאָר דערפאַר, ווייל זייער באַזירונג און שטאַנדפונקט איז געווען א פאלשער. וויל איך דאָ פאַרצייכענען אָביעקטיוו, אין אלגעמיינע שטריכן, וואָס האָט דערפירט „הבימה" צו אזא דויערהאַפטיקייט אין אירע לעצטע זוכענישן. עס איז אייגנטלעך ניט קיין צופאַל, נאָר א מוז. די דאָזיקע נייגונג איז א פּועל יוצא פון דער אייגנשאַפטלעכער אינעווייניקסטער צופּאַסונג, צווישן דער שיטה פון סצענישער אויפפאַסונג פון „הבימה" און דעם כאראקטער פון מאַטעריאַל, וועלכן זי האָט געפונען גרייט אין שלום-עליכמ׳ס כתבים... דער הויפּט-פאַקטאָר פון יידישן פאָלקס-כאראקטער, וועלכער געפינט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דעם יסוד פון שלום-עליכמ׳ס שאַפן, און ער איז גלייכצייטיק איינער פון די יסודות פון דער מאָדערנער רעזשי, איז די דינאַמיק... אויב דער רעזולטאַט פון דער קאָמישער דינאַמיק איז א טראַגישער, האָבן מיר פאַר אונדז א טראַגיקאָמעדיע. ס׳איז כמעט ניטאָ קיין איין ווערק פון שלום-עליכמען, קורץ אָדער לאַנג, צי עס איז די פאָלקס-עפּאָפּייע „טוביה דער מילכיקער", א הומאָרעסקע ווי „דאָס גרויסע געווינס", אָדער דער מאָטיוו פון דעם „אוצר" (זאכן, באקאַנט אונדזער טעאַטער-עולם פון די „הבימה"-פאַרשטעלונגען), וועלכע זאָל ניט זיין איינגאַנצן, סיי טעמאַטיש, סיי לויט זייערע ליטעראַרישע אייגנשאַפטן, וועלכע שלום-עליכם האָט אין זיי אריינגעגעבן, וואונדערבאַרער שטאָף פאַר טעאַטער-שפּיל... און א יידישער טעאַטער ווי די „הבימה", וועלכער זעט זיין ציל ניט אין פאָרמירן פיגורן דורך אינעווייניקסטן פאַרטיפן זיך אין גייסטיקן תוך, נאָר דורך צייכענען רעאַליסטישע פיגורן, מיט דער הילף פון דער אויסערלעכער דינאַמיק, מוז אָנקומען צו שלום-עליכמען... דורך דער באַהעפטונג פון אָט דער פּסיכישער נייגונג פון „הבימה", און דער פאָרמירונג פון דראַמאַטישן שטאָף, וועלכן זי האָט געפונען אין שלום-עליכמ׳ס שאַפן, האָט זי אין אירע לעצטע פאַרשטעלונגען געבראַכט צו א קינסטלערישן סינטעז פון דעם דינאַמישן, טראַגיקאָמישן כאראקטער פון אונדזער נאָענטן עבר..."

אין יאָר 1936, האָט „הבימה" איינגעלאַדן דעם יידיש-דייטשן רעזשיסאָר לעאָפּאָלד יעסנער, וועלכער האָט אויפגעפירט דעם „סוחר פון ווענעדיק" און „ווילהעלם טעל".ביידע פאַרשטעלונגען זיינען געווען א גרויסער קאַסע-דורכפאַל. ס׳איז ניט דאָ דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן גענויער אויף די סיבות פון דעם דורכפאַל, איך וויל נאָר באַמערקן, אז „הבימה" ווי אלע אנדערע טעאַטערס אין ארץ-ישראל, האָט ניט באַקומען קיין מלוכה-שטיצע. איר קיום איז געווען אָפּהענגיק פון דער הכנסה פון בילעטן-פאַרקויף. דער דורכפאַל פון די פאַרשטעלונגען האָט געפאָדערט א באַלדיקע רעטונג. די רעטונג איז געקומען מיט צבי פרידלאַנד׳ס אויפפירונג פון „שווער צו זיין א ייד" (44). דער דערפאָלג — ווידער א גרויסער. מען שפּילט די פּיעסע 115 מאָל (45).

די קריטיק האָט געלויבט פרידלאַנד׳ס רעזשי, פאַר די שיינע איינפאַלן און דעם האַרמאָנישן צוזאַמענשפּיל פון אַנסאַמבל. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעטיילט: אהרן מעסקין אַלס איוואַנאָוו; אביטל אַלס שניאורסאָן; און מנחם גנעסין אַלס דוד שאַפּירא (46). „דער רעזשיסאָר און די „הבימה"-מיטגלידער האָבן זיך באַמיט צו באַלעבן די קאָמעדיע, שרייבט מ. זילבערטאַל (47), — עס איז זיי געלונגען צו געבן אַ לייכטע, לאַגיש געבויטע, ווײַלנדיקע און, מאָמענטנווייז, רירנדיקע פאָרשטעלונג. אין זאַל האָט זיך געפילט אַ שפּאַנונג, דער עיקר אין די רגעס, וועלכע האָבן אַן אַקטועלן און נאָענטן אינהאַלט צו אונדזערע געשעענישן. אַזוי איז עס געווען בשעת דעם עפּיזאָד פון דער יאַגד אויף יידן אָן וואַוינרעכט אין דער שטאָט; אַזוי איז עס געווען בשעת דער שיינער סצענע פון דער סדר-נאַכט, ווען אַ שרעק פון פּאָגראָמען איז געהאָנגען אין דער לופטן..."

די אַקטועלע אַקצענטן זיינען אָן שום ספק געווען אַ גורם צום גרויסן דערפאָלג. מען דאַרף געדענקען אַז די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין דער צייט פון די אַראַבישע מהומות, וועלכע זיינען אויסגעבראָכן אין אַפּריל, 1936, און זיך פאַרצויגן כמעט ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעגאַנגען די פּאָליציי-יאַגד פון דער מאַנדאַטן-מאַכט אויף אומלעגאַלע עולים. געווען פאַלן ווען יידן זיינען געכאַפּט געוואָרן אין די גאַסן, און ווען זיי האָבן ניט געקענט דערווייזן מיט דאָקומענטן זייערע לעגאַלע רעכט צו זיין אין לאַנד, האָט מען זיי דעפּאָרטירט. אין „שווער צו זיין אַ ייד" האָט דער עולם געפונען דייטלעכע רמזים אויף די אַקטועלע פּראָבלעמען, און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז די פאָרשטעלונג האָט געצויגן מאַסן צושויער.

אַ ניט-געלונגענער פּרואוו פון אַן אינסצעניר־ונג פון שלום-עליכמ׳ס מעשיות פון כתריאלעווקע, איז געווען טשעמערינסקיס — „כתריאלים". די אויפפירונג איז ניט געלונגען, און נאָך 22 פאָרשטעלונגען איז זי אַראָפּ פון דער בינע (48).

אין די ערשטע יאָרן פון דער וועלט-מלחמה האָט זיך די „הבימה" דערווייטערט פון שלום-עליכמען. ערשט דעם 25-טן דעצעמבער, 1943, פּירט אויף די „הבימה" איינע פון אירע גרעסטע קינסטלערישע און קאַסע-דערפאָלגן: אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון „טוביה דער מילכיקער", מיט יהושע בערטאָ-נאָוו אין דער הויפּט-ראָל.

„טוביה דער מילכיקער" איז געווען די לעצטע רעזשיסאָרישע אַרבעט, דאָס שוואַנען-ליד פון ב. טשעמערינסקי. אַן אייביקע מצבה אין דער געשיכטע פון העברעאישן טעאַטער האָט זיך געשטעלט טשעמערינסקי מיט זיינע שלום-עליכם פאָרשטעלונגען, און דער עיקר מיט דער אויפפירונג פון „טוביה דער מילכיקער".

עטלעכע טעג פאַר דער פּרעמיערע האָט דער „חוג הבימה" איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן אָוונט געווידמעט „טוביה דעם מילכיקן". ווי די צייטונגען האָבן געמאָלדן, איז געקומען זייער אַ גרויסער עולם און מען האָט געקענט דערוואַרטן אַ דערפאָלג פון דער פּיעסע (49).

די נבואה איז מקוים געוואָרן. דער דערפּאָלג איז געווען אייבער פון די גרעסטע וועלכע די „הבימה״ האָט געקענט פאַרשרייבן אין משך פון איר 40 יאָריקער עקזיסטענץ: אין פאַרלויף פון די ערשטע דריי חדשים האָט מען די פּיעסע אויפגעפירט איבער 100 מאָל אין 15 פאַרשיידענע יישובים; די צאָל פאַרקויפטע בילעטן איז געווען 79.318 — (50).

ביז דער באנייאונג פון „טוביה׳ן״ אינעם שלום-עליכם-יאָר האָט מען געשפּילט די פּיעסע 234 מאָל (51). דאָס איז די גרעסטע צאָל פאָרשטעלונגען פון א פּיעסע אין „הבימה״-רעפּערטואַר, חוץ די ערשטע דריי: „הדיבוק״, „היהודי הנצחי״, און „גולם״. מען טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אז די דריי פּיעסן האָט „הבימה״ געשפּילט אין משך פון לאַנגע יאָרן, איבער דער גאַנצער וועלט, פאַר מיליאָנען באַזוכער. „טוביה דער מילכיקער״ איז געשפּילט געוואָרן נאָר אין ארץ-ישראל, וואו דער גאַנצער ישוב האָט דעמאָלט געציילט ארום א האלבן מיליאָן. מען דאַרף נאָך דערמאָנען, אז דער אונטערשייד אין דער צאָל פאָר-שטעלונגען איז גרויס נאָר אין פאַרגלייך מיטן „דיבוק״, וואָס איז געשפּילט געוואָרן איבער 1000 מאָל. די אנדערע צוויי פּיעסן זיינען געשפּילט געוואָרן, — „היהודי הנצחי״ — 304 מאָל, און „דער גולם״ — 327 מאָל (52).

די טעאַטער-קריטיק האָט, בדרך כלל, אויפגענומען זייער וואַרעם די אויפ-פירונג. דער עיקר ווערט באַטאָנט טשעמערינסקיס פיינע ארבעט אלס רעזשיסאָר. אָבער ראשית כל, באַטאָנען אלע קריטיקער אָן אויסנאַם, אז דעם גרעסטן חלק אין דעם אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג האָט מען צו פאַרדאַנקען טוביה׳ן — י. בערטאָנאָוון; כמעט אלע באַטאָנען אז „בערטאָנאָוו — דאָס איז א לעבעדיקער טוביה דער מילכיקער״ (53).

די פּיעסע האָט מען געשפּילט אין צוויי באַזעצונגען: טוביה — בערטאָנאָוו; גאָלדע — ת. יודעלעוויטש; חוה — חנה ראָווינא. אין דער אנדער באַזעצונג — טוביה — ש. פינקעל; גאָלדע — גאָווינסקא און חוה — חנה הענדלער. דער דערפאָלג פון דער ערשטער באַזעצונג איז געווען ניט צו פאַרגלייכן גרעסער און טאַקע דערפאַר האָט זי ס׳רוב געשפּילט.

טראָץ דעם גרויסן דערפאָלג האָבן זיך געלאָזט הערן אייניקע שטימען, וועלכע האָבן געפונען אין דער פאָרשטעלונג א פּגם.

דער „הזמן״ האָט געהאלטן פאַר נייטיק נאָכאמאָל צו געבן אָן אָנצוהערעניש אז: „מיר מוזן זאָגן דעם אמת. דער נאָמען „טוביה דער מילכיקער״ האָט ניט געלאָקט און ניט אָנגערעגט („לא גירה ולא הלהיב״). שוין לאַנג ווי מיר ווילן אז „הבימה״ זאָל זיך אָפּרייסן פון איר מענדעלע-שלום-עליכם-טראַדיציע. אמת, זי האָט אין דעם תחום אויפגעטאָן זייער א סך, און געפונען א תיקון פאַר די טיפן און ווערטן פון פאָלקסלעבן. זי האָט אנטפּלעקט די פאַרוואַנדלונגען פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק, און אנטדעקט די שיינקייט פון דער יידישער מידה פון בטחון, די יידישע דערוויטערונג פון יעדן מין פאַטאַליזם. מיר גלייבן אָבער,

אז „הבימה״ האָט זיך שוין אליין אויסגעלעבט אין דעם אלעם, און איז דער-גאנגען צו א פונקט, וועלכער איז אויפן שוועל פון רוטין... און נאָך עפּעס: טשעמערינסקי, דער רעזשיסאָר, וועלכער האָט טיילמאָל אין עבר איבערגעכאַפּט די מאָס פון „יידישקייט״, איבערגעלאָדן מיט אטריבוטן, ריחות און קליינשטעטל-דיקע יידישע פּיטשעוועקעס, האָט דאָסמאָל באוויזן א געוואויגענע און געמאָסטענע רעזשי, אָן שפּיצן און אָן פּליטערלעך״ (54). ס׳איז דער אלטער פזמון, נאָר שוין אביסל פארבויגן. מען דארף געדענקען, אז עס איז דאָס יאָר 1943, און אויך די גרעסטע גלות-שונאים האָבן שוין געוואוסט וועגן חורבן און אומקום פון יידישן פאָלק, און ס׳האָט שוין ניט געפּאסט אזוי שארף ארויסצוטרעטן געגן גלות, ווי פריער.

די דיכטערין לאה גאָלדבערג טרעט ארויס געגן דער טענדענץ פון דער פאָרשטעלונג (55). איר טענה איז, אז „הבימה״ האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויפן ענין פון געמישטע חתונות, און דאָס איז נאָר איין עפּיזאָד אין דער „טוביה״-עפּאָפּייע. די צווייטע טענה איז, אז לויט דער קאָנצעפּציע קומען ארויס אלע גויים ווי מנובלים און אלע יידן — דאָס סאמע אויבערשטע פון שטייסל, א זאך, וועלכע איז מעלאָדראמאטיש און פאלש.

אויך ד.ב. מאלקין אין אן ארטיקל: „קוליה ברניון וטוביה החולב״ (56), ווייזט אָן, אז די „הבימה״-אויפפירונג איז א מעלאָדראמע אין וועלכער דער צענטער איז דער עפּיזאָד: חוה.

מער באריכות שטעלט זיך מאלקין אָפּ אויפן גרויסן דערפאָלג און זיינע סיבות אין א גרעסערער אָפּהאנדלונג נאָך דער 150-טער פאָרשטעלונג (57): „הבימה״ האָט פארקלענערט טוביה׳ן ביזן מאקסימום, כלומר — זי האָט באוויזן דעם מינימום: א טאטן פון א משומדת. איינע פון די דערציילונגען — חוה, איז פארוואנדלט געוואָרן אין דער איינציקער דראמע אויף דער בינע... די ראַם איז געוואָרן דער יסוד. דער שטייגער האָט זיך געלאָזט אזוי שטארק פילן, און איז אזוי שטארק אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אז א געוויסער זשורנאליסט האָט געפונען פאר נייטיק צו בארואיקן די ארץ-ישראל-יוגנט און זיי צוזאָגן, אין א לענגערן ארטיקל, אז ניט אלע יידישע טעכטער האָבן זיך, חס וחלילה, געשמדט, און ניט אלע טאטעס זיינען געקומען צו דער מדרגה פון טוביה דעם מילכיקן (58). די דאָזיקע רעהאביליטאציע פון יידישן שטייגער, ׳טראַץ׳ דער פּיעסע פון לעבנס-שטייגער, וועלכע האָט געהאט אזא דערפאָלג, זאָגט עדות וועגן דער בצמצומדיקער ארבעט און איר השפּעה אויפן עולם... און אויב מיר האָבן דאָך הנאה געהאט פון דער טוביה-אויפפירונג, איז עס ווייל מיר, דער עולם, קענען ברובנו טוביה׳ן נאָך פון דער היים... און די פּיעסע האָט אונדז געוויזן א טעאטער וועלכער קען אויך זיין העלד פון דער היים, און אונדז געוויזן אן אינטעגראלן טייל פונעם שטח; ווייל געוויזן האָט אים בערטאָנאָוו, וועלכער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער געשטאלט פון „גאנץ טוביה דער

מילכיקער", און פינקעל, וועלכער האָט געמאכט אן אינטערעסאנטן פּרואוו, צופּאסן די געשטאַלט צו זיך. און די געשטאַלט פון חוה׳ן האָט אויסגעהאמערט חנה ראָווינא! צו זיי האָט זיך אָנגעשלאָסן א רעטער, וועלכער האָט מציל געווען כאָטש איין גוי, מאכנדיק פון דער געשטאַלט א צד שכנגד, וועלכער איז ראוי צו שלום-עליכמ׳ס טוביה — מעסקין אין דער ראָלע פונעם גלח... אויסער דעם וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, וואָס דאָס אליין איז שוין בכוח צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון דער פּיעסע, האָט מען געפילט אין יעדן פּרט די ליבע פון רעזשיסאָר טשעמערינסקי, און דעם מאָלער קאַלביאַנסקי. מען דאַרף צוגעבן, אז דעם דערפאָלג האָט גורם געווען נאָך א גאַנץ געוויינלעכע זאַך — די צייט. אונדזער צייט קלאַמערט זיך אין „דער וועלט פון נעכטן", אין אלע אירע אנטפּלעקונגען; דער עיקר איז עס נוגע אונדז, יידן, וועמעס וועלט איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך גויים. בשעת מעשה מאכן מיר ניט קיין אונטערשייד צווישן איין גוי און א צווייטן, און זעען אין זיי אלעמען אונדזערע דם-שונאים. דער טעאַטער האָט אין דעם פאַל געדינט, באוואוסטזיניק אָדער ניט, אלס א מיטל פון אויסלאָדונג פאַר אונדזער נקמה-געפיל און באליידיקונג... א גוטער טעאַטער מאכט, אין דער פּאַסיקער צייט, פון א קליינער דראַמע, א גרויסע פאַרשטעלונג, און אין דעם זכות דערגרייכט ער אריכות ימים."

א פּאָר קוריאָזן וועגן דער אויפפירונג: בשעת „הבימה" האָט געזאָלט שפּילן די פּיעסע אין ירושלים און אָנגעגעבן א בקשה אויף א דערלויבעניש אין דער פּאָליציי, האָט דער דעזשורנער סאַרדזשענט איבערגעשיקט די בקשה, צוזאַמען מיט די בקשות צו פאַרקויפן מילך, אין „מחלקת הבריאות" (געזונטהייט-דעפּאַרטאַמענט) (59).

איינער א ייד, ווידער, איז אַרויס מיט א טענה, הלמאי מען רופט די פּיעסע מיטן נאָמען: „טוביה החולב". לויט זיין מיינונג איז דאָס א פאַלשע איבערזעצונג פונעם נאָמען, ווייל חולב, שרייבט ער, איז דער טייטש: מעלקער, און ניט מילכיקער. ער פאָדערט, אז „הבימה" זאָל ענדערן דעם נאָמען אויף: „טוביה החלבן" (60).

ס׳איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם ווי די אויפפירונג איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער יוגנט, די וועלכע זיינען אויפגעוואַקסן אָדער געבאָרן אין ארץ-ישראל, און אין וועמעס נאָמען מען האָט כסדר געטענה׳ט, אז די גלות-טעמעס זיינען זיי ניט צום הארצן. די אלע טענות ווערן צונישט, ווען מען לייענט אין דער פּרעסע די באריכטן וועגן די יוגנט-באזוכן אויף דער פאַרשטעלונג:

„...איך בין געזעסן ארומגערינגלט פון קרעפּטיקע יינגלעך און מיידלעך — שרייבט ש. זראון (61). ׳ילדי הדרור׳, הונדערט פּראַצענטיקע סאַבּרעס. זייערע בליקן און הערצער זיינען געווען צוגעקאָוועט צו דער בינע אין הויכער שפּאַנונג; זייערע אויגן זיינען פאַרנעפּלט געוואָרן פון די טראָפּנס, וועלכע זיינען געהאנגען אויף זייערע וויעס, און האָבן זיך פון צייט צו צייט אראָפּגעקייקלט

איבער זייערע פרישע און פוכקע בעקעלעך. אָטאָ דער טוביה, דער ייד פון א גאַנץ יאָר פון די שטעטלעך פון רוסלאַנד, אוקראַינע, פוילן און וואָלין, מיט זיינע צעברעקלטע פסוקים און פאַרדרייטע, עמי-האַרצישע תורות, ווי מענטשלעך און נאָענט ער איז צום האַרצן דעם יונגן צושויער, וועלכער איז אַזוי ווייט פון אים און זיין לעבנס-וועג... עס ווערט אים ליב און נאָענט יענע וועלט, יענע פאַרשאָלטענע רעאַליטעט פון איר דרויסנדיקער זייט, וועלכע איז אַזוי שיין און העלדיש פון אינעווייניק..."

אויך ח. ווייגער שרייבט (62): "... ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז אונדזער יוגנט אין ארץ-ישראל איז פּראַקטיש און טרוקן, און האָט ניט אין זיך דעם מינדסטן טראָפן געפילן און סענטימענטאַליטעט? נעבן מיר זיינען געזעסן סאַברעס — ייִנגלעך און מיידלעך — און האָבן געוויינט און געלאַכט כּסדר; זיי האָבן פאַרגאַסן טרערן אויף טוביה׳ס צער, און א ווילע שפּעטער געלאַכט פון זיינע שברי-פסוקים. איך בין זיכער, אַז אין די הערצער פון עטלעכע פון די ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך דערוועקט געפילן פון חרטה אויף זייער באַציאונג צו די גלות-יידן, און אפשר האָבן זיך אייניקע מיידלעך אַראָפּגענומען א מוסר-השכל פון דער פּיעסע..."

דער סך-הכל: "טוביה דער מילכיקער" איז געווען אין "הבימה" א גרויסע טעאַטראַלישע און קינסטלערישע געשעעניש און איינע פון די פונדאַמענטאַלע פּיעסן אין איר רעפּערטואַר.

מיטן טויט פון ברוך טשעמערינסקי איז אין "הבימה" כּמעט ווי אָפּגעשטאָרבן דער אינטערעס צו שלום-עליכמען. ערשט אין פיר יאָר אַרום, דעם 15-טן יוני, 1947, האָט יהושע בערטאָנאָוו אויפגעפירט א נייע שלום-עליכם פאַרשטעלונג א"נ: "במטבח". עס איז געווען א קאָמפּילאַציע פון די צוויי איינאַקטערס: "מענטשן" און "מזל-טוב". ס׳איז די לעצטע שלום-עליכם אויפפירונג אין "הבימה"-רעפּערטואַר. די פאַרשטעלונג איז ניט געלונגען.

דער רעזשי האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּצופרישן די צוויי איינאַקטערס און ס׳האָט זיך באַקומען אַן אַנאַכראָניזם, וועלכער האָט אפילו געלאַנגווייליקט. "פאַרצושטעלן הייַנט די קיך פון 50 יאָר צוריק, אָן וועלכע ס׳איז סטיליסטישע שינויים, אָדער לפּחות פון עצם צוגאַנג צו דער זאַך, איז אין בעסטן פאַל — תמימות" (63), האָט געשריבן בת-לוי אין "דבר השבוע".

אויך ד.ב. מאַלקין טענה׳ט (64): "יהושע בערטאָנאָוו, דער גענייטער און גלענצנדער אַקטיאָר, איז צוגעטראָטן צו דער אויפפירונג פון די פאַרעלטערטע איינאַקטערס מיט א פאַרעלטערטן צוגאַנג. און דער עולם, אין א טעאַטער פון הייַנט, זיצט און שטוינט, זעענדיק אויף דער בינע די "מענטשן" אין א קיך פון אַמאָל..." אויך דער קריטיקער אין "עתים" ווייזט אָן (65): "... יעדער אַקטיאָר האָט זיך באַמיט צו שאַפן א טיפּ, אויסצופורעמען א פּערסאָנאַזש, שפּילן — אָבער

צי קען מען דאָס אַלץ סומירן אַלס א פאָרשטעלונג? א גוטע פּיעסע, שלעכט געשפּילט, איז א פּגיעה אין דער קונסט. א גוטע שפּיל, ווען ס'איז קיין פּיעסע ניטאָ, נאָר א מישמאַש פון טעקסט, מוזיק און טענץ, קען אויך קיין סך ניט אויפטאָן...״

דער רעזולטאַט איז געווען אַז נאָך 20 פאָרשטעלונגען איז די פּיעסע אַראָפּ פון די בינע-ברעטער.

אינעם שלום-עליכם-יאָר האָט „הבימה״ באַנייט די „טוביה״-פאָרשטעלונג. דער אַכציקיאָריקער קערנדיקער כאַראַקטער-אַקטיאָר — יהושע בערטאָנאָוו, האָט זיך באַוויזן נאָך א מאָל פאַרן ישראלדיקן עולם אין איינער פון זיינע בעסטע ראָלן. „די אַקטיאָרן האָבן זיך געביטן. אַנשטאָט אייניקע פון דער אַלטער גוואַרדיע, שפּילן היינט יונגע אַקטיאָרן. אַזוי, צום ביישפּיל, שפּילט חוה׳ן, אַנשטאָט חנה ראָווינא, די יונגע מרים זוהר. זי האָט געשאַפן א געשטאַלט פול געפיל און פאַרשטענדעניש. אָבער היינט, פּונקט ווי מיט עלף יאָר צוריק, שפּילט די הויפּט-ראָל פון טוביה׳ן דער וועטעראַן פון דער העברעאישער בינע — יהושע בערטאָנאָוו. ס'איז שווער אויסצודריקן מיט ווערטער מיט וואָס פאַר א קינסטלערישער איבערציגונגס-קראַפט שטעלט פאָר דער דאָזיקער דערפאַרענער קינסטלער טוביה׳ן; מיט וויפל טאַלאַנט און וואַרעמען געפיל ער פאַרקערפּערט דאָס מענטשלעכע און דאָס יידישע פון דער דאָזיקער געשטאַלט...״ (66). אינעם שלום-עליכם-יאָר האָט „הבימה״ אויך באַנייט פאַר תלמידים די פּיעסע „עלי כינור״.

די אַנדערע סטאַבילע טעאַטערס אין ישראל: „אהל״ און „תיאטרון קאמרי״, האָבן אין זייער רעפּערטואַר דאָס שלום-עליכם-יאָר ניט אָפּגעמערקט. וועגן די סיבות וועלן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אין המשך פון דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג.

פאַרשיידענע פּרוואוון

צווישן די פאַרשיידענע פּרוואוון, לאָמיר קודם כל פאַרצייכענען די עטלעכע שלום-עליכם-פאָרשטעלונגען דורך אַמאַטאָרישע קרייזלעך אין די גלות-לענדער, אין דער תקופה צווישןביידע וועלט-מלחמות.

גלייך נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט זיך געגרינדעט א דראַמאַטישער קרייז א.נ.: ״הבימה העברית״ אין ביקאָלאַיעוו, רוסלאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון יהודה רובינשטיין (איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון מאָסקווער „הבימה״, היינט שוין א פּענסיאָנער). צו דעם קרייז האָבן געהערט די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן פון „תיאטרון עברי״: מאיר תאומי, פרידע כרמלית, ווי אויך דער דיכטער עמנואל הרוסי. לויט א פּראָגראַם פון דער טרופּע, האָט זי אין סעפּטעמבער, 1919, — ד.ה. שוין נאָך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע — געשפּילט דעם איינאַקטער „מענטשן״, אין דער איבערזעצונג פון ש. קאַנטאָראָוויטש (67).

די „הבימה"-גאסטראָלן אין ליטע און פוילן האָבן געגעבן א שטויס צום אויפקום פון העברעאישע דראמאטישע קרייזן אין די שטעט, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען א גרויסע ציוניסטישע יוגנט, און ס'האָבן עקזיסטירט העברעאישע פאָלקס-שולן און גימנאזיעס (ווילנע, קאָוונע, ריגע, ביאליסטאָק, לאָדזש א.א.).

אין די דאָזיקע קרייזן, ווי אויך אין די דראמאטישע קרייזן אין די שולן אין ארץ-ישראל, האָט מען אָפט געשפילט „חנוכה-געלט", אין דער אינסצעניזאציע פון מ.י. פאָלאָנסקי. א צווייטער פאָפולערער איינאקטער פון שלום-עליכמען איז געווען פאָלאָנסקיס אינסצעניזאציע א.נ.: „בגדי יום-טוב". אויך דארף מען דער-מאָנען דעם צוויי-אקטיקן שפאס „הרבי והרבנית", וועלכן שלום-עליכם האָט געשריבן לויט דער איניציאטיוו פון ביאליקן און ראווניצקין, בכדי מען זאָל אים אויפפירן אין די העברעאישע שולן (68).

לאָמיר פארצייכענען א פאקט וועגן א יידישער שלום-עליכם-פאָרשטעלונג, וועלכע האָט גורם געווען צו א העברעאישער. אין דער ווארשעווער „אילוסטרירטע וואָך" האָבן מיר געפונען אזא נאָטיץ: „טוביה דער מילכיקער אויף העברעאיש. דאָס גלענצנדע ווערק פון דעם יידישן קלאסיקער שלום-עליכם איז לעצטנס אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע דורך דעם באקאנטן ארטיסט רודאָלף זאסלאווסקי. די אינסצעניזאציע האָט געהאט גאָר א גרויסן דערפאָלג. דאָס האָט נאָכגעטאָן א העברעאישער דראמאטישער קרייז, אין דעם גאליציש שטעטל לאנצוט, און האָט אויפגעפירט דאָס ווערק אויף העברעאיש". איבער דער נאָטיץ איז אָפגעדרוקט א בילד פון די באטייליקטע אמאטאָרן און דעם אָרקעסטער פונעם קרייז (69).

פון די דרייסיקער יאָרן זיינען מיר באקאנט צוויי „עמך"-פאָרשטעלונגען אין העברעאיש אין ניו-יאָרק. די ערשטע איז געשפילט געוואָרן סוף אפריל, 1936, דורכן דראמאטישן קרייז ביים „היברו יוניאָן קאָלעדזש" (70); די צווייטע, — דורך ר. בן-ארי'ס העברעאישער סטודיע „פרגוד" (71).

שלום-עליכם אין "אהל"

דער „אהל" האָט אין זיין רעפערטואר סך-הכל 3 פיעסן פון שלום-עליכם. די ערשטע, אן אָוונט פון שלום-עליכמ'ס איינאקטערס, וואָס משה הלוי האָט אויפגעפירט דעם 20-טן אָקטאָבער, 1928. ווי משה הלוי שרייבט אין זיינע זכרונות, איז דער אָוונט ניט אזוי געלונגען, ווי דער אָוונט פון פרצעס איינאקטערס, מיט וועלכע „אהל" האָט אָנגעהויבן די בינע-טעטיקייט (72), אָבער עס זיינען דאָך געווען אייניקע געלונגענע סצענעס, ווי: „דער כתריאלעווקער ביי ראָטשילדן" און „שיר השירים". ד"ר יעקב האָראָוויץ שרייבט וועגן דעם אָוונט (73): „...מאיר מרגלית אין דער ראָלע פונעם כתריאלעווקער האָט — כאָטש ער האָט קיין סך ניט מחדש געווען — באוויזן א שטיקל קענטשאפט.

בכלל איז די סצענע ביי ראַטשילדן די געלונגענסטע אין איר אויפפאַסונג. א שאַד וואָס ס׳איז ניטאָ קיין האַרמאָניע צווישן די איינציקע בילדער און ס׳איז ניטאָ דער זעלבער צוגאַנג... בכלל איז עס ניט געווען שלום-עליכם. ניט קיין **אידיליע, ווי די יידישיסטן שפּילן אין גלות און ניט קיין גראָטעסק, ווי ביי אונדז.** (מיין קורסיוו. ע.ל.) (74).

די צווייטע שלום-עליכם-אויפפירונג אין „אהל״ איז געגעבן געוואָרן דעם 25-טן אָקטאָבער, 1939, אויך דורך משה הלוי. עס איז געווען אַן אינסצעניזאַציע פון „מנחם-מענדל״ פונעם דיכטער אהרן אשמאן, מיט דעקאָראַציעס פון מ. מוקדי, און מוזיק פון מארק לברי. די פאַרשטעלונג איז ניט געלונגען. די הויפּט-סיבה איז געווען אין מהות פונעם צוגאַנג און דער אינטערפּרעטאַציע פון שלום-עליכמען דורכן רעזשיסאָר און אָנפירער פון „אהל״ — משה הלוי.

אין דער זעלבער צייט, ווען טשעמערינסקיס צוגאַנג אין „הבימה״ צו שלום-עליכמ׳ס מאַטעריאַל איז געווען מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, און ער האָט מיט געפיל אַרויסגעבראַכט דעם דינעם הומאָר, דעם געלעכטער דורך טרערן, — איז הלויס צוגאַנג געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער: הלוי איז צוגעגאַנגען צו דער אויפפירונג פון שטאַנדפּונקט פון „שלילת הגולה״, פון פאַרניינען דעם גלות; א צוגאַנג פון אויסלאַכן און אָפּשפּאָטן, און ניט פון מיטליידן און מיטלאַכן צוזאַמען מיט די פאַרשוינען פון דער טראַגי-קאָמישער סיטואַציע, אין וועלכער זיי געפינען זיך.

משה הלוי דערציילט אין זיינע זכרונות (75): „אין דער פּיעסע ׳מנחם-מענדל׳ פון שלום-עליכם אין אשמאנס אינסצעניזאַציע, האָבן מיר געוואָלט דער-גרייכן דעם זעלבן ציל: פאַרניינונג פונעם גלות און דעם דאָרטיקן פאַרקריפּלטן לעבן. מנחם-מענדל, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם סימבאָל פונעם לופט-מענטש, געפינט ערשט דאַן זיין מנוחה, ווען ער באַזוכט זיין פריינד אין דאָרף, טוביה דעם מילכיקן. אָבער זיין קרענקלעכע פאַנטאַזיע איז גרייט אויך די ערדאַרבעט צו פאַרוואַנדלען אין אַן עסק פון ניט געשטויגן ניט געפלויגן. אין „מנחם-מענדל״ האָבן מיר ניט דערגרייכט די זעלבע רעזולטאַטן ווי אין די מענדעלע-פאַרשטעלונגען (76). ס׳קען זיין אַז די סיבה איז געלעגן אינעם שטאָף, וועלכן ס׳איז שווערער צו דראַמאַטיזירן, אין דעם ניט איינהייטלעכן צוגאַנג פונעם מאָלער, און אפשר איז עס אויך די שולד פון מיין רעזשי...״ **פון די** ווערטער זעען מיר באַשיינפּערלעך הלוי׳ס פאַלשן צוגאַנג. ער מעסט מענדעלעס סאַטירישע ווערק מיט דער זעלבער מאָס, ווי שלום-עליכמס טראַגי-קאָמישע.

אין א גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער אויפפירונג שרייבט לאה גאָלד-בערג (77): „...ראשית ווילט זיך מיר פעסטשטעלן צוויי זאַכן, וועלכע זיינען איינס: די מאַטעריע פון יידישן גלות-לעבן פּסלט ניט קיין שום ווערק פאַר דער בינע, אָבער גלייכצייטיק גיט עס ניט קיין אויטאָמאַטישע הכשרס פאַר קיין איין פאַרשטעלונג. צו דעם דאַרף איך צוגעבן: דער מאַטעריאַל פונעם גלות-

לעבן באשווערט ביז גאָר די ארבעט פון רעזשיסאָר, ווייל ער מוז יעדן מאָל געפינען עפּעס נייס, עפּעס פריש אינעם מאַטעריאַל; דעם ריכטיקן סטיל, וועלכער זאָל דערהויבן די אויפפירונג צו א נייער שאפונג. טאָמער ניט, וועלן מיר אריינפאַלן אין די הענט פון נודנעקייט און מיר וועלן איבערחזרן אויסגעדראָשענע זאכן, אָדער מיר וועלן ארונטערפאַלן אונטער דער הערשאפט פון סענטימענטאַלער דבקות, פון די זיסע און געפעפערטע זכרונות פון די קינדעריאָרן. צוליב די זכרונות האָבן מיר ניט קיין מעגלעכקייט ריכטיק צוגיין און אַפּשאַצן דעם קינסטלערישן אויפטו. הייסט עס, אז מיר קומען צום אויספיר, אז וויכטיק איז דער וויאזוי.

איז ווי קוקט אויס דער „וויאזוי" אין דער מנחם-מענדל פאָרשטעלונג פון משה הלוי און דער אינסצעניזאציע פון א. אשמאן? אין צווייטן טייל פון דער פּיעסע האָבן מיר א יידישע חתונה („תנאים" לויט דער אינסצעניזאציע). מיר האָבן שוין ניט איינמאָל געזען יידישע חתונות אויף אונדזערע בינעס: דער זעלבער פריילעכער ניגון, וועלכער ציפּט אביסל ס׳הארץ; די לצנישע גראמען פונעם בדחן, וועלכע פארמעגן אין זייער גאנצער נארישקייט עפּעס פון איראָנישער, כמעט ציניישער חכמה, און א טענצעלע... אין דער פאָרשטעלונג פון הלוי׳ן אנטוויקלט זיך דאָס חתונה-בילד פון דער טאנץ-באוועגונג ארויס, פון פאראַדיסטישן טאנץ און געזאנג, ווענעמס פארביטערטקייט עס ווערט געמינערט דורך דעם אמתדיקן הומאָר פון מ. לבריס מוזיק, וועלכע האָט אין זיך עפּעס פון שארפער לצנות. (אגב — די איינציקע זאך וועלכע גייט דורך ווי א רויטער פאָדעם דורך דער פּיעסע — די מוזיקאַלישע באַטאָנונג פון שלום-עליכמ׳ס הומאָר, וועלכע איז אן אמתדיק געלונגענע). די אלע זאכן שאפן אן אייגנארטיקן סטיל, וועלכער דערגרייכט זיין קולמינאציע-פּונקט אין ליד: „פּרנסה-פּרנסה". אין דעם געפינט זיך דער שליסל צו גאנץ „מנחם-מענדל" און דעם גאנצן לעבנסשטייגער, וועלכער שוועבט אין דער לופטן...

אָבער די סצענע איז אן איין-און-איינציקע! די בילדער, וועלכע מיר זעען פאר איר, פירן, רעזשיסאָריש, ניט צו איר. און דאָס בילד באַכדעם, וועלכע ס׳איז דער סוף פון דער פּיעסע, איז בכלל ניט קיין המשך פון דעם פריערדיקן. בכלל איז „מנחם-מענדל" אין דער אויפפאסונג און אינסצעניזאציע ניט קיין פּראָדוקט פון איינהייטלעכן סטיל און פון זוכן נייע אויסדרוקן פאר אלט-באקאנטע געשטאַלטן... אזוי, למשל, זעט אויס די סצענע פון מנחם-מענדל׳ס היים, ווי א קאָפּיע פון דער „היימישקייט" פון יידישן טעאטער, און גלייכצייטיק — א קאָפּיע פון דער היים פון בנימינען אין „מסעות בנימין השלישי", אויפגעפירט דורך דעם זעלבן טעאטער... פשוט, ערלעך און מענטשלעך איז די ערשטע באגעגעניש צווישן מנחם-מענדלען און טוביה דעם מילכיקן, צוליב דער הארציקער שפּיל פון טוביה: ארזי ...ס׳איז בכלל מעגלעך אז דער שליסל צו די אויפפירונגען פון יידישע און ניט-יידישע פּיעסן ליגט אין דער מענטשלעכער פשטות...
אָבער דער סוף, דער לאַקריץ-זיסער דאָרף טוביה׳ס, דאָס ראָזע און בלאָע פון

אלע אידעאָלאָגישע „העפּיענדס" אויף דער וועלט... וויאַזוי זיינען צו דעם דערגאַנגען די צוויי שותּפים פון דער פאַרשטעלונג — דער רעזשיסאָר און דער אינסצעניזאַטאָר ?...מרגלית, וועלכער שפּילט מנחם־מענדלען גיט אונדז ניט דעם שליסל צו זיין נשמה. פאַר אונדזערע אויגן איז געשטאַנען אַ געניטער אַקטיאָר, וועלכער קען זיין פאַך. מיר ווערן טיילמאָל מיטגעריסן פון זיין אויס־טייטשן אַ זאַץ, אַזוי, דרך־אגב, און פּלוצים ווערט עס פאַרוואַנדלט אין עיקר. אויסגעצייכנט איז זיין לאַכן ביי בראָדסקין, — אַ געלעכטערל פון שרעק און גלויבן, פּחדנות און שטאָלץ... אַלע אַנדערע טיפּן אין דער פּיעסע האָבן, אויסער טוביה'ן, קיין זאַך ניט באַנייט, נאָכדעם וואָס מיר האָבן געזען אין די פריערדיקע יידישע פּיעסן..."

פינף־און־צוואַנציק יאָר זיינען אַריבער ביז „אהל" האָט זיך אומגעקערט צו שלום־עליכמען. אין יוני, 1964, האָט פּיטער פריי אויפגעפירט בערקאָוויטשעס באַאַרבעטונג פונעם „גרויסן געווינס", ד.ה. „עמך", מיט דעקאָראַציעס פון שמואל בעק, און מיט מאיר מרגלית אין דער הויפּט־ראָל. די פאָרשטעלונג האָט אויס־גענומען ביים עולם, דער עיקר צוליב מרגלית'ס שפּילן. אַלע אַנדערע אָנטיילנע־מער האָבן זיך בכלל ניט אויסגעצייכנט, אויסער טובה פּרדו, און די צוויי שניידער־יונגען — שלמה פּז און נחום שליט. פּיטער פריי'ס רעזשי האָט געזאָלט פאַר־וואַנדלען „עמך" אין אַ מין יידישער קאָמעדיע דעל אַרטע. באַקומען האָט זיך אַ געמיש פון פאַרשיידענע סטילן, קיין איינער ניט אויסגעהאַלטן. דער גרעסטער פעלער פון דער פאָרשטעלונג ליגט אין בערקאָוויטשעס פאַרעלטערטער איבערזעצונג. די טאָג־טעגלעכע העברעאישע שפּראַך האָט זיך אין די לעצטע פערציק יאָר שטאַרק דערווייטערט פון דעם לשון אין וועלכן בערקאָוויטש האָט איבערגעפּורעמט שלום־עליכמ'ס יידישע אידיאָמען. „אהל" האָט עס גוט פאַרשטאַנען און זיך געווענדט צו בערקאָוויטשן מיט דער בקשה, ער זאָל זיי דערלויבן צו מאָדערניזירן די שפּראַך. בערקאָוויטש האָט זיי קאַטעגאָריש אָפּ־געזאָגט. בלית ברירה איז די שפּראַך געבליבן פאַרעלטערט און עס האָבן זיך געלאָזט הערן אַזעלכע אַנאַכראָניזמען ווי: „הזכיון הגדול" אַנשטאָט „הזכיה הגדולה", ווייל, 'זכיון' אין היינטיקן העברעאיש האָט אינגאַנצן אַן אַנדער פּירוש (78).

דער דריטער, סטאַבילער דראַמאַטישער טעאַטער „תיאטרון הקאמרי" האָט אויך אין זיין רעפּערטואַר, צופּעליק, אַ שלום־עליכם אויפפירונג. איך באַטאָן דעם ענין 'צופּעליק' ניט אָן אַ סיבה. אין 1950, איז געקומען קיין ישראל דער פאַרדינסטפולער יידישער אַקטיאָר און רעזשיסאָר — זיגמונט טורקאָוו. דער „קאמרי" האָט אים איינגעלאַדן צו שטעלן אַ פּיעסע, און טורקאָוו האָט אויסגעקליבן זיינע און מאַרק ראַזומניס אינסצעניזאַציע פון „די בלאָנדזשענדע שטערן". די פּרעמיערע איז געווען דעם 30־טן אַפּריל 1950. און מען האָט געשפּילט די פּיעסע סך־הכל 13 מאָל (79). זי ווערט גערעכנט ווי דעם „קאמרי"'ס גרעסטע דורכפאַלן ביז היינט. וואָס איז געווען די סיבה ?

די הויפּט-סיבות זײַנען געווען צוויי: דער אַנסאַמבל פֿון „קאַמרי" איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו שפּילן שלום-עליכמען; ס'האָט זיי געפֿעלט דער גײַסטיקער קאָנטאַקט און די געהעריקע באַציאונג צום ווערק. און וואָס זיגמונט טורקאָוו נאָך, ניט קענענדיק קיין העברעאיש, ניט קענענדיק גענוג דאָס העברעאישע טעאַטער בכלל, האָט זיך גענומען אויפֿצופֿירן אַ פּיעסע, וועלכע איז אויך דראַמאַטיש אַ שוואַכע זאַך.

די אויפֿפֿירונגען אין שלום-עליכם-יאָר 1959.

מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אַז אויסער „הבימה", וועלכע האָט באַנײַט אין דעם יאָר „טוביה דער מילכיקער" און „עלי כינור", האָבן די אַנדערע פּראָ-פֿעסיאָנעלע טעאַטערס אין ישראל ניט אויפֿגעפֿירט קיין איין פּיעסע פֿון אונדזער גרויסן פֿאָלקס-שרײַבער, ווען די גאַנצע יידישע וועלט האָט געפֿײַערט זײַן הונדערט יאָריקן געבוירנטאָג.

דער „אהל", וועלכער האָט געליטן פֿון אַ שווערן מאַטעריעלן קריזיס און, דער עיקר — אַ קינסטלערישן, איז ניט געווען בכּוח אויפֿצופֿירן שלום-עליכמ'ס אַ פּיעסע.

דער „תיאטרון הקאמרי" האָט יאָ געהאַט בדעה צו שפּילן שלום-עליכמס אַ פּיעסע, נאָר זי האָט עס געוואָלט מאַכן אין אַ נײַער, מאָדערנער איבערזעצונג. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז דער באַלעבאָס איבער דער העברעאישער איבערזעצונג י.ד. בערקאָוויטש, און ער האָט ניט געגעבן די געבעטענע דער-לויבעניש.

מיר האָבן שוין דערמאָנט אַז נאָך אין 1926, בשעת דער תא"י האָט געשפּילט די איינאַקטערס: „ס"א ליגן", „אגענטן", און „מזל-טוב", האָט לויפּבאַן באַ-מערקט, אַז „בערקאָוויטשעס איבערזעצונג לייענט זיך לײַכטער, ווי זי לאָזט זיך הערן פֿון דער בינע" (80). מיט עלף יאָר שפּעטער האָט געשריבן ד. ב. מאַלקין, אין שײַכות מיט דער אויפֿפֿירונג פֿון „במטבח" אין „הבימה" (81): „... דער „בעל הנוסח העברי" פּאַרטײַלט מיט דעמאָקראַטישער ברייטהאַרציקייט זײַנע אוצרות צווישן די מענטשן אין קיך. ער באַשענקט די פּאַרשוינען מיט פּיוטים. אָבער דאָס איז אַ משא, וועלכע איז פֿאַר זיי שווער צו טראָגן, און פֿאַר דעם עולם שווער צו הערן. אַלט מיט אַלט צוזאַמען איז — פֿאַרעלטערט."

פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע אויפֿפֿירונגען בלײַבט נאָך בלויז צו פֿאַרצייכענען דעם שלום-עליכם-אָוונט פֿונעם רעציטאַטאָר אליהו גאָלדענבערג מיט שרגא פֿרידמאַן און איבה כרמל, א.נ.: „עיר הכתריאלים". ס'איז געווען אַ געמישטער אָוונט פֿון העברעאישע און יידישע טעקסטן, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג ביים עולם איבערן גאַנצן לאַנד. אַ יאָר שפּעטער, אין 1960, האָט גאָלדענבערג אויפֿ-געשטעלט אַ נײַעם פּראָגראַם מיט די אַרטיסטן שמואל רודענסקי און שמואליק

סעגאל, מיטגלידער פון „הבימה". דאָסמאָל איז דער אָוונט געווען אין יידיש, אויסער „פורים צו דער סעודה" — אין עברית. מיט דעם פּראָגראַם האָט דער דריילינג אויך באזוכט פוילן, און דער דערפאָלג איז געווען אין לשער.

אויב דער פּראָפעסיאָנעלער טעאטער אין ישראל האָט דאָס שלום-עליכם-יאָר כמעט ניט געפייערט, האָבן עס געטאָן די דראַמאטישע קרייזן איבערן גאַנצן לאַנד. אין די דאָזיקע קרייזן זיינען אויפגעפירט געוואָרן איבער 20 פאָרשטעלונגען פון שלום-עליכם רעפּערטואַר.

אין די ישובים פון נגב: דברות, ניצנים און ניר-עם, האָט דער דראַמאַטישער קרייז, אָנגעפירט דורך אלעקס הדרי, געשטעלט: „דאָס גרויסע געווינס". אין כיסופים האָט דער קרייז, אָנגעפירט פון משה קאַנטאָר, געשפּילט: „מענטשן". דער דראַמאַטישער קרייז אין כפר יחזקאל, וועלכער אין שוין טעטיק איבער 40 יאָר, האָט אונטער דער אָנפירונג פון יחזקאל ווייַנמאַן, אויפגעפירט אייניקע איינאַקטערס. דער דראַמאַטישער קרייז פון כפר יהושע האָט געשפּילט: „טוביה דער מילכיקער", רעזשיסירט פון ה. פעדער. די קרייז-שול אין עין-השופט, האָט אויפגעפירט „שווער צו זיין א ייד", רעזשי: ב. מייזלער (82).

א ווייטערדיקע רשימה ברענגט אונדז די פאָלגנדיקע שלום-עליכם — אויפפירונגען: די באַראַכאָוו-שול אין רמת-גן, האָט אויפגעפירט „טוביה דער מילכיקער" און „מאָטל פייסי דעם חזנס", רעזשי: מרדכי בער; די פאָלקסשול אין כנרת: „שמואל שמעלקעס", רעזשי: יוסף שאַפּיראָ; אין דער לאַנד-ווירטשאַפטלעכער שול אין מקוה-ישראל, האָט גבריאל הורביץ אויפגעפירט „טוביה דער מילכיקער"; איין אַקט פון „טוביה'ן" האָט אין כפר הרואה אויפ-געפירט שמואל אווערבוך. מער פון אַלע פּיעסעס האָט מען אויפגעפירט „דאָס גרויסע געווינס". די קאָמעדיע האָבן אויפגעפירט 9 דראַמאַטישע קרייזן אין פאַרשיידענע פונקטן פון לאַנד. אין גניגר, רעזשי: י. בלאַס; אין כפר-גלעדי, רעזשי: יעקב פרימאַנט, א נייער עולה פון ווילנע, וועלכער האָט אויך געשפּילט די הויפּט-ראָלע; דער קרייז פון בני-עקיבא אין תל-אביב, רעזשי: יצחק גרי; אין קיבוץ גת, רעזשי: יצחק גראַדסקי, וועלכע האָט געגעבן די פאָרשטעלונג אין רוחמה, דורות און קרית-גת; אין קיבוץ נגבה, רעזשי: ס. לעווין; אין כפר מאַסאַריק, רעזשי: יוסף ינאי; אין עמיר און שמיר, רעזשי: יצחק גרי; אין שער הגולן און בית-זרע, רעזשי: יוסף נצר; אין קיבוץ מזרע, רעזשי: חנוך פז. אין מעניית און שמיר האָט מען געשפּילט דעם איינאַקטער „א דאָקטאָר"; און אין כפר בלום — „מענטשן", רעזשי: לאה בירנבערג פון כפר גלעדי; אין רמת-יוחנן איז געווען אן אָוונט פון רעציטאַציעס און אינסצעניזאַציעס (83).

ווילן מיר מאַכן דעם סך הכל פון שלום-עליכם אין העברעאישן טעאַטער, קומען מיר צו די פאָלגנדיקע רעזולטאַטן:

אין משך פון 16 יאָר מדינת ישראל איז, אויסער דער ניט געלונגענער אויפ-פירונג פון „בלאָנדזשענדע שטערן" אין „קאַמרי", און דעם לעצטן יאָר — „עמך"

אין „אהל", ניט אויפגעפירט געוואָרן קיין איין פּיעסע פון שלום-עליכם-רעפּערטואַר. דער דאָזיקער טרויעריקער פאַקט איז אָן שום ספק פאַרבונדן מיטן טויט פון ברוך טשעמערינסקי, שלום-עליכמ'ס פייערדיקער חסיד און פאַרערער.

דער שורש פון דער זאַך ליגט אָבער א סך טיפער. מיר האָבן אין דער דאָזיקער אַרבעט אָנגעוויזן אויף דער באַציאונג פון ס'רוב טעאַטער-רעצענזענטן צום רעפּערטואַר פון גלות-לעבן בכלל און צו שלום-עליכמען בפרט. אָבער די טענדענץ איז ניט געווען קיין מאָנאָפּאָל פון דער פּרעסע. זי האָט אַרומגענומען א סך ברייטערע קרייזן. עס איז די שולד פון געוויסע לערער אין די שולעס, פון די עלטערן, וועלכע, ווי לאה גאָלדבערג זאָגט עדות (84) — „שעמען זיך מיט זיך אַליין, און דער רעזולטאַט איז, — די פולשטענדיקע נעגאַציע פון די גלותדיקע שטייגער-שילדערונגען אין דער קונסט".

די פאַרפרעמדקייט פון ברייטע קרייזן צו דער יידישער ליטעראַטור בכלל און צו אירע אַלגעמיין מענטשלעכע און אוניווערסאַלע ווערטן, האָט זיך בולט אָפּגעשפּיגלט אין רעפּערטואַר פון ישראלדיקן טעאַטער אין די לעצטע יאָרן. עס איז די סיבה צוליב וועלכער דער טעאַטער אין ישראל איז געוואָרן וואָס אַמאָל מערער אַן איבערגעזעצטער, להבדיל פון א טעאַטער, וועלכער שפּילט איבערזעצונגען. דער אונטערשייד ליגט אין דעם, וואָס אַן איבערגעזעצטער טעאַטער איז לכתחילה א פרעמדער אין זיין מהות, בעת א טעאַטער, וועלכער שפּילט איבערזעצונגען. צוזאַמען מיט אָריגינעלע פּיעסן, פורעמט זיי איבער פון אַנדערע שפּראַכן, אַנדערע קולטור-סביבות, און טוט זיי אָן אן אייגענעם נאַציאָנאַלן לבוש.

עס איז דאָך צו באַמערקן די לעצטע יאָרן א געוויסע רעוויזיע אין דאָזיקן צוגאַנג. די איבער 20 טעאַטער-אויפפירונגען פון די אַמאַטאָרן אין שלום-עליכם-יאָר, און דער גרויסער דערפאָלג פון „עמך" אין „אהל", זיינען די בעסטע סימנים. דאָס זיינען סימנים אַז שלום-עליכם וועט נאָך אויפשטיין תחית המתים אויף דער העברעאישער בינע און מיט זיין גוטמוטיקן טאָן, מיטן געלעכטער דורך טרערן, מיט די טיף-מענטשלעכע ווערטן, פאַרשאַפן פרייד און הנאה דעם ישראל-דיקן טעאַטער-באַזוכער.

הערות און ביבליאָגראַפיע

(1) קרניאל פלעגט אַרויסטרעטן מיט רעציטאַציעס פון שלום-עליכמס מאָנאָלאָגן אויף ליטעראַרישע אָוונטן אין ירושלים. א באַריכט וועגן אַזא אָוונט אין דער צייטונג „החרות" פון 1909.

(1א) קרניאל האָט איבערגעזעצט שלום-עליכמס איינאַקטערס — „א דאָקטאָר" און „דער גט". געדרוקט אין „הצבי" („א דאָקטאָר" אין נומער 160, און „דער גט" אין נומערן 192—198 און 202, 204 פון זעלבן יאָר. די איבער-

זעצונגען זיינען ניט פארצייכנט אין יעריס ביבליאָגראַפיע „המחזה העברי" ירושלים, תשט"ז, און אויך ניט אין קרעסלס צוגאָב אין „קרית-ספר".

(2) אשר ערליכ'ס אויטאָביאָגראַפיע אין בוך: „אשר היה", ספר זכרון לאשר ארליך, העורך יצחק עוגן, תל-אביב, ז"ז 23.

(3) „השקפה" פון ח' אלול תרס"ח (1908) נומ' 100.

(4) „הצבי", ערשטער יאָרגאנג, נומ' 95 פון י"ג שבט, תרס"ט (1909).

(5) „הצבי", ערשטער יאָרגאנג, נומ' 125, י"ז אדר, תרס"ט (1909).

(6) „הפועל הצעיר" פון 12.5.1909 ... הציגו בעברית את המילתא בדיחותא של שלום-עליכם „דוקטור" וגנגו זמירות אחדות בטקסט עברי מהאופרטות של גולדפדן: 'שולמית' ו'בר-כוכבא'.

(7) מנחם גנסין: „דרכי עם התיאטרון העברי", תל-אביב, הוצ' הקבוץ המאוחד, תש"ו, ז"ז 39.

(8) „הצבי", ערשטער יאָרגאנג, נומ' 172, כ"ד אייר, תרס"ט (1909).

(9) דער בריוו איז עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין פארשיידענע אויסגאבעס. צום ערשטן מאָל אין „הפועל הצעיר", יוני, 1909. מיר גיבן דעם פולן טעקסט אין די צוגאָבן.

(10) „הפועל הצעיר", דעם 21-טן מאי, 1909.

(11) „הצבי", ערשטער יאָרגאנג, י"ז תמוז, תרס"ט (1909).

(11א) „החרות", דעם 10-טן יאנואר, 1910.

(12) „הצבי", צווייטער יאָרגאנג, נומ' 85, ב' שבט, תר"ע (1910).

(13) ארכיוו פאר דער געשיכטע פון יידישער טעאטער-קונסט און דראמע, ווילנע, ייוואָ, 1930; ארטיקל פון ד"ר י. בלאָך, ז"ז 291—292.

(14) „הפועל הצעיר", פעברואר 1912.

(15) „במה", חוב' כ"ג, — י. ברטונוב: צמח בראשית דרכו, ז"ז 6.

(16) „דואר היום", דעם 26-טן פעברואר, 1922.

(17) לויט א פראָגראַם אין מיין ארכיוו.

(18) לויט א פראָגראַם אין ארכיוו פון מרים בערנשטיין-כהן.

(19) „הפועל הצעיר", דעם 13-טן אפריל, 1923.

(20) „הארץ", דעם 10-טן פעברואר, 1923.

(21) „דבר", דעם 10-טן נאָוועמבער, 1925.

(22) „דבר", דעם 25-טן אפריל, 1926.

(23) „הפועל הצעיר", דעם 3-טן יוני, 1926.

(24) „דבר", דעם 2-טן און דעם 8-טן נאָוועמבער, 1927.

(25) „דבר" דעם 12-טן סעפטעמבער, 1927.

(26) מ. סתר, „קצת אפולוגיה", אין מוסף ל„דבר" לשבתות ולמועדים, י"ב באָב, תרפ"ו (1926).

(27) „בצלו של שלום-עליכם", אין „ספר צ'מרינסקי", תל-אביב, הוצ' לעם, תש"ז, ז"ז 86—87.

(28) אין יידישן אָריגינאַל הייסט די פּיעסע: „דאָס גרויסע געווינס".

(29) „כתובים" חוב' ל"ט (קלט), דעם 27-טן יוני 1929.

(30) יצחק נורמן, הצגת „האוצר", אין „כתובים", חוב' י"ג (קיג), דעם 13-טן דעצעמבער, 1928.

(31) „דואר היום", דעם 6-טן יוני, 1929.

(32) ח.נ. ביאַליק, האָט אָרגאַניזירט א קרייז 'עונג שבת' אין תל-אביב, דאָרטן פלעגט מען פּראווען טראַדיציאָנעלע מלוה-מלכה'ס.

(33) דער רעזשיסאָר — דיקי, האָט געשטעלט אין „הבימה", נאָכן „אוצר", קאַלדעראָנס דראַמע: „כתר דוד". די פּרעמיערע דעם 23-טן מאַי, 1929. די אויפפירונג האָט ארויסגערופן א שטורעם פּראָטעסטן אין דער ארץ-ישראלדיקער פּרעסע, צוליב דיקיס אינטערפּרעטאַציע פון דוד'ס געשטאַלט.

(34) „דער מאָמענט", ווארשע, דעם 5-טן מערץ, 1930.

(35) „היינט", ווארשע, פון 4-טן מערץ 1930.

(36) יובל פּראָגראַם: 40 שנות „הבימה", רשימה פון רעפּערטואַר.

(37) „ספר צ'מרינסקי", ז"ז 86; „במה", חוב' א, ז"ז ז—ח.

(38) „הארץ", דעם 17-טן דעצעמבער 1934.

(39) די פּרעמיערע איז געווען דעם 30-טן אַפּריל, 1934.

(40) „מגילת שלום עליכם" פון ל. מלאך, אין „במה", חוב' ד, ז"ז 30.

(41) די פּרעמיערע, דעם 17-טן דעצעמבער, 1935.

(42) „דבר", דעם 20-טן און „הבוקר" דעם 25-טן דעצעמבער, 1935.

(43) 'הבימה' ושלום-עליכם, אין „הפועל הצעיר", דעם 30-טן אַפּריל, 1934.

(44) די פּרעמיערע, דעם 12-טן דעצעמבער, 1936.

(45) יובל פּראָגראַם: 40 שנות „הבימה".

(46) „במה", חוב' י"ג, ז"ז 8; „הבוקר" דעם 18-טן און „הארץ", דעם 6-טן דעצעמבער, 1936.

(47) „השומר הצעיר", דעם 1-טן פּעברואַר, 1937.

(48) פּרעמיערע, דעם 28-טן, מאַי, 1939, יובל-פּראָגראַם פון 40 יאָר „הבימה".

(49) „ידיעות אחרונות", דעם 23-טן דעצעמבער, 1943.

(50) „המשמר", דעם 17-טן אַפּריל, 1944.

(51) יובל פּראָגראַם: 40 שנות „הבימה", רעפּערטואַר רשימה.

(52) יובל פּראָגראַם פון „הבימה", רעפּערטואַר רשימה.

(53) „הצופה" פון 28.1.1944 ; „דבר" פון 31.12.1943 ; „הזמן" פון 11.1.1944 ; „הבוקר" פון 11.1.1944 ; „העולם" פון 15.3.1944 ; „המשמר" פון 29.12.1944.

(54) „הזמן", דעם 11-טן יאנואר, 1944.

(55) „דבר", דעם 31-טן דעצעמבער, 1943.

(56) „משמר", דעם 29-טן דעצעמבער, 1943.

(57) „אריכות ימיו של טוביה החולב", „משמר", דעם 21-טן יולי, 1944.

(58) ארטיקל פון יחיאל היילפערין, אין „דבר", דעם 26-טן יוני, 1944.

(59) „הארץ", דעם 6-טן יאנואר, 1944.

(60) א בריוו אין רעדאקציע פון „הזמן", פון ד"ר ד. מרגלית, דעם 4-טן יאנואר, 1941.

(61) „דבר", פון דעם 27-טן אפריל, 1944.

(62) „הזמן", 18-טן יאנואר, 1944. אין „ידיעות אחרונות", 31-טן דעצעמבער, 1943, שטעלט זיך אָפּ ד"ר עזריאל קארלעבאך אויף דער פראגע פון דער דערציאונג פונעם יונגן דור. ער דערציילט וועגן א באגעגעניש צווישן אים און א יונגן תל-אביבער בחור׳ל, וועלכער איז געגאנגען זען טוביה׳ן ווייל ס׳איז אודאי קאָמיש׳. נאָך דער פאָרשטעלונג קומט ער צום אויספיר, אז מען קען זיין א העלד אויך אָן פויסטן און ציין.

(63) „דבר השבוע", דעם 26-טן יוני, 1947.

(64) „משמר", דעם 20-טן יוני, 1947.

(65) „עתים", דעם 10-טן יולי, 1947.

(66) „משמר לילדים", דעם 23-טן מערץ, 1959.

(67) פראָגראם אין מיין ארכיוו.

(68) פרטים וועגן דעם און דער יידישער טעקסט אין „די גאָלדענע קייט" נומער 1, תל-אביב 1949.

(69) „אילוסטרירטע וואָך", ווארשע, נומ׳ 17, דעם 5-טן אָקטאָבער, 1928.

(70) מוסף ל„דבר" לשבתות ומועדים, דעם 22-טן מאי, 1936.

(71) מוסף ל„דבר" לשבתות ומועדים, דעם 19-טן פעברואר, 1937.

(72) משה הלוי : „דרכי עלי במות", תל-אביב, „מסדה", ז"ז 139.

(73) „כתובים", דעם 25-טן אָקטאָבער 1928 — שלום-עליכם ב„אהל".

(74) ד"ר יעקב האַראָוויצע׳ס מיינונג איז דאָ פאר אונדז באזונדערס וויכטיק. ער געהערט דאן צו דער גרופע „יונגע" פון דעם קרייז „יחדיו", צוזאמען מיט א. שלאָנסקי, נתן אלטערמאן, לאה גאָלדבערג, מ. זמורה א.א. זיי האָבן ארויסגעגעבן דעם ליטעראַרישן זשורנאל „כתובים" און שפעטער „טורים".

(75) „דרכי עלי במות", ז"ז 196.

(76) מ. הלוי האָט אויפגעפירט אין „אהל" „מסעות בנימין השלישי" און „פישקע דער קרומער".

(77) „דבר", דעם 3-טן נאָוועמבער, 1939.

(78) „הפועל הצעיר", דעם 16-טן יוני, 1964: „עמדך", בתיאטרון „אהל".

(79) „ספר התיאטרון הקאמרי", 1944-1954, ז"ז 42.

(80) „הפועל הצעיר", דעם 3-טן יוני, 1926.

(81) „המשמר", דעם 20-טן יוני, 1947.

(82) „בימת החובבים", חוב' 1, ינואר-מרץ 1959, ז"ז 41-43.

(83) „בימת החובבים", חוב' 2, אפריל-יולי 1959, ז"ז 23.

(84) „מנחם-מענדל בעל החלומות", אין „דבר", דעם 3-טן נאָוועמבער, 1939.

צוגאָב נומ' 1

שלום-עליכמ'ס בריוו צו דער "אגודת חובבי הבמה העברית" ביפו

בוג'י הסמוכה לקלאראן (מדינת שווייץ) האָטעל 'באסיט', 30-טן מאי, 1909.
ל'חובבי הבמה העברית ביפו', שלום!
אדונים נכבדים!

קראָתי בשמחה וברצון רב את מכתבכם על דבר הצגת חזיוני 'מפוזר ומפורד' ביפו. שמחה כפולה ומכופלת היתה זו לי, שחזיוני זה הוצג על ידכם בעברית, בשפת התחיה שלנו. אשרי העין ראתה זאת ואשרי אוזן שמעה כל אלה! ואני אחד מבני הגולה, בני עם מפוזר ומפורד, זאת תקותי מאָז לעלות למקומותיכם ולראות בעיני את כל הנסים, שנעשו בארץ אָבותינו בימים האלה בזמן הזה, ולשמוע באָזני את צלצול העברית החיה על הרי יהודה ובמות ישראל. מי יתן ואזכה לזאת ואראה בעצמי את „המפוזרים והמפורדים" שלי מתכנסים על במה עברית בארץ-ישראל, והיה לי זה כעין 'קיבוץ גלויות' בזעיר אנפין.

ובזה אני שולח את ברכת-שלומי להאדונים דושמאן, הררי, גנסין ואיזנשטיין ולכל אלה, שמילאו תפקידים בהצגת חזיוני הנזכר. אם תואילו להיטיב עמדי — ושלחתם לי העתקת התרגום העברי של מר קרישבסקי, כדי שאשים עיני עליו.

את הכסף קבלתי בתודה.

ואתם שלום וכל אשר לכם שלום.

נ.ב. — כתבתי התמידית לכל ימות הקיץ תבוא בקרוב בכל העתונים העברים. בחפץ לב אשלח כל דבר דרמתי, שאכתוב בעברית בימים הבאים.

שלום עליכם

בתיה גראָסבארד : א חיפהער פּייזאזש

רבקה קוויאטקאָווסקי - פּנחסיק

עולים

(א קאפּיטל פון בוך „נאָכן מבול״)

אין פּאָרט פון מארסיי האָבן זיי זיך געזעגנט מיט אייראָפּע. זיי אלע, די מענער און פרויען מיט וואנדער-זעקלעך אין די הענט, האָבן פיינד די ערד וואָס האָט זיי מיט שנאה געטריבן צו פארניכטונג.

ביז צום אָנקומען קיין אוישוויץ, האָט יעדער פון זיי געטראכט: נאָר די דייטשן ווילן אומברענגען אלע יידן.

הינטער די דראָטן פון אוישוויץ, וואו קינדער פון אלע פעלקער פון אייראָפּע זיינען געווען פארשפּארט, האָבן זיי אין אלעמענס אויגן דערזען די זעלבע שנאה.

ווילן זיי איצטער אוועקגיין ווייט, ווייט פון דער מיט יידיש בלוט אדורכגעזאָפּטע ערד. יעדער שפּאן איז א קבר. יעדער מענטש א באהאלטענער, אָדער אָפענער שונא. יעדער דורכגייער פרעגט מיט שטעכיקע בליקן:

— פארוואָס ביזטו לעבן געבליבן? פארוואָס קומסטו מאָנען דיין דירה און די זאכן?

ווי נח׳ס תיבה זעט אויס די גרויסע שיף, וואָס דארף אלע אָנגעזאמלטע יידן אוועקפירן פון בלוטיקן טאָל.

דער רוב עולים, וואָס האָט זיך מיט די פּעק און וואליזקעס אויסגעזעצט אין די קאבינעס, אין די לאנגע קאָרידאָרן, אויפן דעק און אין אלע ווינקעלעך פון דער שיף — שווייגט און איז אין חשבון-הנפשדיקע מחשבות פארזונקען...

דער מאָרגן איז פארנעפּלט. דער ברעג איז ווייט, אָבער אין הארצן ציטערט, ווי א ליכטיקער שטערן אויף א פינצטערן הימל, א פונק פון האָפענונג.

קיינער האָט ניט באמערקט, ווען די שיף האָט זיך גערירט פון אָרט. פּלוצים האָט ווער אויסגערופן:

— מיר פאָרן! מיר פאָרן אויף אן אמת...

א פרייד האָט צעצונדן די אויגן. צעהעלט די פּנימער.

— מ׳פאָרט קיין ישראל! צו א נייעם לעבן!

באלד רייסט זיך איבער די פרייד, ווי א דינער פאַדים:

— מ׳פאַרט... נאָר אליין...

די טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, ברייט פאַרצווייגטע משפחות האָבן עס ניט דערלעבט. ניט זוכה געווען. זיי זיינען געבליבן אויף די געטאָ בית-עולמ׳ס אין שטעט און שטעטלעך פון אלע יידישע קהילות אין אייראָפּע. אין די אשן פון בערגען-בעלזען און דאכאו, שטוטהאָף און אלע אנדערע ארבעט-לאַגערן און קאַצעטן וואו די נאַצי-חיה האָט זיך פאַרנומען צו פאַרניכטן דעם מענטש.

אָ ים! זיי מיר א היילונג און נעם פון מיר אראָפּ דעם בארג אש וואָס ליגט אויף מיין הארץ; דעם בארג אש פון מיינע טייערסטע און ליבסטע, — בעט יעדער אין הארצן ווי אין א שטומער תפילה.

2

מיט רעש יאָגן נאָך דער שיף די כוואליעס, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זי וואָס גיכער אוועקשלעפּן פון דער טרויעריקער ערד.

די כוואַליעס רוישן און זינגען זייער אייביק, אין-סופיק ליד. שוימען זיך אין שנייאיקע בערג און צעגייען זיך אין שטילע, גרינע וואסערן. שווימט זיי נאָך א קלאָרער רואיקער הימל, ווי ער וואָלט שטילע טרייסט געטראָגן צו די נע-ונד׳ע און אויסגעוואָרצלטע:

...איך בין מיט אייך. איך האָב צוגעזען און פאַרנומען אייער פּיין. איך וועל אייך אומעטום נאָכגיין מיט מיין בלויקייט און באהעלן אייערע וועגן.

די עולים, יידן פון גאנץ אייראָפּע און צפון אפריקע צוזאמגענומענע, פון אלע טויטן אנטרונענע, קוקן אין די ברייטע וואסערן דורך די שמאָלע פענצטערלעך פון דער שיף און גלויבן אליין ניט אין דעם נס; יאָרן לאנג האָבן זיי געחלומט וועגן אים, געהאָפט און געוואַרט.

זיי ווייסן אז אין די אמאָליקע היימען זיינען געבליבן חורבות און מיסטן, אויסגעראַבעוועטע שטיבער מיט אויפגעריסענע ברעטער פון די פּאָדלאָגעס. אומעטום האָבן גיריקע הענט געזוכט יידיש גאָלד! אין הייזער און גערטנער, אונטער די שטיינער אויף די הייפן, צווישן קברים און מצבות. עס זיינען אפילו ניט געבליבן קיין גאנצע ווענט אין די אויסגעליידיקטע שטובן. און אויב אפילו עס איז געבליבן גאנץ א דירה מיט דער גאנצער האַרעוואַניע פון אלע יאָרן, האָט דער נייער „בעל-הבית״ פאַרקלאַפּט די טיר פאַר דעם, וועמען די בענקשאַפט האָט צוריקגעפירט צו די היימישע ווענט.

אין די לאַגערן פון מינכען און פערנוואַלד, בערגען-בעלזען און פעלדאפינג,

לינץ און וועגשיידע זייַנען זיי אויף די רייזע-קעסטלעך געזעסן און געוואַרט אויף דעם נס, חדשים און יאָרן.

און די שעה איז געקומען.

ווי אין אַ ווייטן חלום מאָלן זיך אין זייער פאָרשטעלונג בילדער פון דעם אַזוי ווייטן און דאָך אַזוי נאָענטן לאַנד :

— לאַנד ישראל, ווי זעען אויס דייַנע פעלדער ? צי זייַנען זיי אָנגעטאָן אין בליאונג און אין גרין, אָדער זייַנען זיי פאַרזונקען אין זאַמדן ? צי וועט דייַן ערד אונדז זעטיקן, שטילן אונדזער בענקשאַפט נאָך רו ? צי וועסטו פאַר אונדז ווערן אַ היים, וואָס באַשיצט געגן שטורעם און מבול ?

3

די עולים פון מאַראָקאָ שפּאַנען מיט זייערע משפחות איבער די קאָרידאָרן פון דער שיף צו זייערע קאַבינעס.

ציט זיך אַ צוג פון הויכוואוקסיקע, ברייטבייניקע מענער, ווי ריזן פון בראָנז אויסגעגאָסן. גייען זיי נאָך די פרויען מיט קינדער אויף די פּלייצעס און אויף די הענט. מיט קינדער אין שויס און קינדער זיך פּלאָנטערנדיקע צווישן די פאַלדן פון די לאַנגע געבלימלטע קליידער. זייערע אויגעלעך זייַנען, ווי פינקלדיקע, לאַכעדיקע שטערנדלעך. מיט פּנימלעך קיילעכדיקע, פון דער זון אָפּגעברענט. זיי פילן אָן די שיף מיט אַ זאַרגלאָזן טומל ווי אַ סטייע צעזונגענע פייגל.

ווי פּאַסטעכער נאָך אַ סטאַדע גייען זיי נאָך די ווייסבערדיקע, קרעפטיקע זיידעס. מיט הויכע ווייסע טורבאַנען אויף די קעפּ אין לאַנגע העלע כאַלאַטן, אַרומגעבונדענע מיט שנורן. זיי טראָגן מיט בעטגעוואַנט אויף די פּלייצעס, קויבערס עסנוואַרג און מלבושים.

שפּאַנען פּאַמעלעך די באָבעס-זקנות מיט זייערע ברייטע פאַרביקע פאַטשיילעס און גאָלדענע רינגען אויף די הענט. זיי האַלטן פּעקלעך מיט קינדער-וועש, טוליען צו זיך די עופּהלעך אייַנגעוויקלטע אין טיכער און דעקעס.

שטאָלץ און יחוסדיק פירן זיי זיך מיט זייערע טעכטער און אייניקלעך, זייערע דורות, ווי צעצווייַגטעביימער.

זיי גייען מיט רעש און געפילדער, רופן זיך איבער אויף אַראַביש און פראַנצויזיש ווי מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן זיך פאַרלירן אין דעם גרויסן פרעמדן המון.

קוקן זיי נאָך די עולים פון אונגאַרן, פּוילן און טשעכיע :

— צי זייַנען זיי יידן ? — פרעגן זיי שטום און מיט ביטול.

דער זקן מיט דער ספר־תורה אין א זיידן טישטעך ארומגעהילט מאכט ווארעם זייערע הערצער. די ספר־תורה פאַרכטיק געהאלטן מיט אן אָפּשטאנד פון פילדערנדיקן המון, זאָגט עדות אויף זייער יידישקייט און אמונה.

אן איינזאמער עולה, א טשענסטאָכאָווער ייד גייט זיי נאָך מיט א פארבענקטן בליק. עס ציט אים צו דער משפחהדיקייט. די קייט פון טאטעס און קינדער, זיידעס און אייניקלעך מאכט ציטערן זיין הארץ און דערמאָנט אים זיין אמאָליקע גרויסע משפחה, וואָס איז געווען צעזייט איבער גאנץ פוילן.

— איז ניט אלץ אומגעקומען ? שטאמלט ער צו זיך.

אליין פון זיך לייגן זיך אויף זיינע ליפּן ווערטער :

— „כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים וכחול אשר על שפת הים וירש זרעך את שער אויביו !"

ער באטראכט פון דער ווייטנס א יונגע, מאראָקאנער פרוי מיט א קינד אין א ציכל ארומגעבונדן און זיין אומגעקומענע פרוי וואקסט אויס פאר זיינע אויגן. אירע האָר זיינען אויך אזוי שווארץ און גלאטיק געווען. דאָס פּנים אזוי אייגן לענגלעך און שמאָל. זיין הארץ הייבט אָן צו קלאפּן. ניטאָ מער זיין מיידעלע, וועלכע ער האָט אין זיידענע קליידעלעך ארומגעטראָגן אויף די הענט, ווי א לעבעדיקע ליאלקע...

— פארוואָס ? וועמען האָט מיין קינד שלעכטס געטאָן ? — פרעגט ער מיט ווייסע ליפּן. ער בלייבט שטיין א פארצווייפלטער און ס'יאָגט אָן די אויסניכטע־רונג :

— וואָס גייען מיך אָן די עולים פון מאראָקאָ ? אז מיין פרוי, די מאמע פון מיין קינד, איז ניטאָ מער און וועט שוין קיינמאָל ניט זיין.

זיין הארץ איז צעריסן און לער. ער אנטלויפט פון זיין איינזאמקייט און אומעטום גייט זי אים נאָך.

גאנץ אָפּגעזונדערט זיצן עולים, צומייסטנס פרויען, וואָס זיינען נאָך דער באפרייאונג אוועקגעפירט געוואָרן אין די שוועדישע שפּיטעלער. זיי הערן ניט אויף צו דערציילן וואָס זיי האָבן מיטגעמאכט אין די דייטשע לאַגערן : די „אפּעלן" אין די ווינטער־פארטאָגן אויף די פראָסטיקע, שנייאיקע פעלדער ; די טיפע וועלדער מיט באראקן ווי קברים ארומגעשטעלטע מיט באוואָפנטע וואכן ; די הונגער־נעכט און די שרעק... די שטענדיקע פיינלעכע שרעק פאר די „קאפּאָס" און ס.ס. מענער.

זיי ווארפן פון זיך אראָפּ דעם געשפּענסט פון די מוראדיקע יאָרן : זיי לאכן מיט נצחון פון דעם וויסטן סוף פון די ס.ס.־לייט, פון די אין מיטן גאס געהאנגענע „קאפּאָס" ; מיט התלהבות דערמאָנען זיי דעם שענסטן טאָג אין זייער לעבן — די באפרייאונג ! דעם וועג צו די שוועדישע שפּיטעלער.

— סאַראַ טייער פאָלק זיינען די שוועדן! סאַראַ גוטע, האַרציקע מענטשן... און ווידער קומען זיי אַלע צוריק צום טאָג פון דער באַפרייאונג.

— מיר האָבן דערלעבט צו זען זייער סוף! געזען, ווי זיי שפּרינגען פון די ברענענדיקע הייזער! וואַלגערן זיך ווי די הינט אויף די וועגן, בעטלען אַ שטיקל ברויט פאַר זייערע קינדער.

— דאָס לעבן איז אַ חלום, — זאָגט שטיל און אומזיכער אַן עלטערע פרוי. זי איז נאָך אַלץ אַזוי דערשלאָגן און דערשראָקן, אַז זי האָט ניט קיין מוט הויך צו ריידן. דער נעכטן און דער היינט האָבן זיך אויסגעמישט אין איר פאַרפּייניקטן מוח.

— ווי איז דאָס געשען, אַז מיר זיינען באמת באַפרייט געוואָרן!? ערשט ניט לאַנג, דאַכט זיך, נעכטן, געפאָרן אין די שפּיטאָלן קיין שוועדן און איצט שוין אויסגעהיילטע קיין ארץ-ישראל.

מיט אַ שוואַכער שטים, ווי ביי אַ מענטש נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט, רעדט זי, ווי צו זיך אַליין:

— איך מיין אייך צו זאָגן, אַז אַ מענטש טאָר זיך אין לעבן ניט פאַרלירן... קיינער ווייסט ניט זיין מאָרגן. אָט האָבן מיר אַן אייגענע מדינה. ווער האָט דאָס געקענט גלויבן, אַז מיר וועלן פאָרן קיין ארץ-ישראל. אפשר וועלן מיר נאָך ווען פון אַלץ און אַלעמען פאַרגעסן און וועלן ווערן „אַנדערע מענטשן״. — אַ חלום, — פאַרענדיקט זי נאָך שטילער, ווי דער פאָדעם פון אירע געדאַנקען וואָלט זיך מיט אַמאָל ביי איר איבערגעריסן.

אַ יונגערמאַן, אין אַ לאַנגן ספּאָרט-זשאַקעט, מיט גרויע אויסגעלאָשענע אויגן, מיט אַ ליולקע אין מויל, דרייט זיך אַרום צווישן די עולים פון שוועדן, וואָס זיינען אייגנטלעך פּוילישע יידן, און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

ער קוקט אויף אַלעמען פרעמד, קאַלט. נעמט אַרויס די ליולקע פון מויל, טרייסלט זי אויס, לייגט אַריין אין טאַש און לאַנגזאַם, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט, הייבט ער אָן צו ריידן:

— וואָס מיינט איר דען איז פּאַלעסטינע? אַזאַ אייגן קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, ווי אַלע אַנדערע לענדער. — ווער עס ברענגט מיט זיך פולע טאַשן געלט און אַ גרויסן באַגאַזש, לעבט אַ טאָג; און ווער ס'קומט מיט ליידיקע הענט, אַרבעט ווי אַ פערד און ליגט ביין קלאַפּטער אין ד'ערד! איר מיינט מסתמא, אַז איר וועט טרעפן אַזאַ פּאַלעסטינע, וואָס מ'באַשרייבט אין די צייטונגען, אָדער ווי די שליחים האָבן עס אונדז אויסגעמאָלט ווי אַ גן-עדן? דיווירקלעכקייט איז אָבער אַן אַנדערע! די נביאים גייען שוין היינט ניט אַרום אויף די וועגן...

— ווער דאַרף אייך דאָרט?! — רייסן אים איבער אייניקע אויפגערעגטע קולות און לאָזן אים ווייטער ניט רעדן.

עס האָט זיך אויפגעהויבן א טומל. דאכט זיך אז אָט-אָט וועלן זיך אלע ווארפן אויף דעם בלאסן יונגנמאן מיט די אויסגעלאָשענע אויגן און אים צערייסן אויף שטיקער.

העכער פון אלע שרייט א מיידל אין א ברוינער לעדערנער קורטקע און לאנגע הויזן. אמאָל איז זי געווען אין השומר הצעיר און איצט פאָרט זי אין קיבוץ צו אירע חברים פון אמאָל. זי קען זיינע רייד ניט פארשווייגן:

— דערויף האָבן די סאברעס די קעפּ געגעבן, אין פייער געגאנגען, פאר אייך אויסגעקעמפט א לאנד, אז איר זאָלט קומען און ווארפן בלאָטע אויף אלץ? וואָס פאר א טענות האָט איר צו ישראל? וואָס האָט איר פאר דעם לאנד געטאָן און וואָס האָט איר צוגעלייגט? וואָס זאָגט איר דערויף קינדערלעך? אויך מיר א דעה זאָגער געקומען! — האָט זי פארענדיקט אן אויפגעברויזטע.

די קינדער ענטפערן גאָרניט. זיי ריידן צווישן זיך אויף שוועדיש און פארשטייען ניט וועגן וואָס די דערוואקסענע רייסן זיך ארום.

4

אין עס-צימער, ארום די קליינע, ווייס-געדעקטע טישלעך, האָבן זיך געטראָפן די יידן פון שאנכיי מיט די יידן פון מאראָקאָ; די יידן פון שוועדן מיט די יידן פון די דייטשע לאגערן. איבער די טישלעך קוקן זיי זיך איבער און שמייכלען ווי קינדער פון איין משפחה, וואָס זיינען במשך פון לאנגע יאָרן געווען אָפּגעריסן פון זיך און געטראָפן זיך ווידער ביי איין בשותפותדיקן טיש. אויף שטום-לשון, מיט די פינגער שמועסן זיך אויס די פרויען פון פוילן מיט די פרויען פון מאראָקאָ, דערציילן זיך פון זייערע קינדער און היימען. אינעם רעש הערן זיך ווערטער פראנצויזישע, יידישע, פוילישע, רוסישע.

מיט זיכערקייט און שטאָלץ, א ביסל גאוהדיק ריידן אייניקע עולים צווישן זיך העברעאיש. זיי ווייסן, אז דער קלאנג פון א העברעאיש וואָרט מאכט א רושם אויף די דערנעבן זיצנדיקע. ריידן זיי טאקע העכער און אונטערשטרייכן יעדעס וואָרט באזונדער, ווי דער קלאנג פון יעדן וואָרט וואָלט זיי ארויסגעהויבן, און געשטעלט העכער פון אלע אנדערע.

צו די מאָדנע-קלינגענדיקע רייד הערן זיך צו די עולים מיט באוואונדערונג. זיי פארשטייען ניט ווי אזוי קען מען דאָס זיך אויסלערנען „אזא שפראך".

שטיל ווי צו זיך אליין רעדט א פרוי ביים טישל:

— אָט זעט איר א פאָלק? צען יידן ריידן אין צען באזונדערע שפּראכן און איינער קען ניט פארשטיין דעם צווייטן. איך שטעל זיך פאָר וואָס ס'טוט זיך „דאָרט" מיט די שפּראכן.

— ס'מאכט ניט, ווארפט צו א צווייטער גוטמוטיק, מיט דער צייט

וועלן מיר אַלע זיך אויסלערנען עברית און וועלן שוין איינמאָל פאַרשטיין.

— לײכט צו זאָגן „אויסלערנען עברית״, ענטפערן אייניקע צוזאַמען. זייערע פּנימער זיינען צעהעלט. די אויגן גלאַנצן. די אַלע צוזאַמגענומענע, צום לעבן געוואוינטע, וואָס קערן זיך אום צו דער נייער היים האָבן איצט איין בשותפותדיקע זאָרג:

— ווי אַזוי וועלן מיר צו זיך רעדן, ווי אַזוי וועלן מיר זיך קענען פאַרשטיין? יעדער איינער איז דאָך אַ באַזונדערע וועלט!

— וואָלט שוין ריכטיק געווען, ווען אַלע יידן בלייבן ביי יידיש. איז דען פאַראַן אַזאַ ייד, וואָס זאָל ניט קענען ריידן מאַמע-לשון? בעסער, אָדער ערגער, דאָך פאַרשטייט יעדער אַ יידיש וואָרט, זאָגט עמיץ אומזיכער.

אייניקע כאַפּן אויף זייערע רייד און ס׳הויבט זיך אָן אַ מלחמה צווישן די יידישיסטן און העברעאיסטן. ביידע צדדים זיינען פאַרעקשנט; ביידע גלויבן אַז איצט, ביי די טישלעך, וועט איינע פון די שפּראַכן זיגן און די אַנדערע וועט ליידן אַ מפּלה; אַז דער קאַמף צווישן יידיש און העבּרעאיש, וואָס דויערט שוין עטלעכע דורות, וועט דאָ, אויף דער שיף, זיך אַנטשיידן.

די טעלער מיטן עסן שטייען אומבאַרירט. די מאכלים אויף דער רומענישער שיף נעמען ניט אויס ביים עולם.

— עפּעס משונהדיקע מאכלים! לאָקשן מיט פּאַפּריקע, אַרבעס מיט פּאַפּריקע, קאַרטאָפל מיט פּאַפּריקע... — טענהן זיי.

די געמיטער זיינען אָבער אויפגעהייטערט און עמיץ וויצלט זיך נאָכאַנאַנד:

— מיר האָבן שוין פאַרזוכט אַלע מאכלים פון דער וועלט: אוזבעקישן פּלאָוו, רוסישן שטשי, דייטשע געמיזן, און ווינער בראַטן. פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פאַרזוכן דעם טעם פון רומענישער פּאַפּריקע מיט פּאַפּריקע?

לאַכן אַלע אויס מיט ביטול „זייערע מאכלים״: „דאָס בעסטע עסן איז פאָרט אַ טשאָלנט אויף פעטע ביינער; אַ צימעס; געפילטע פיש; אַ געבראָטן גענדזל צוגעריכט יידישלעך מיט קנאָבל און פעפער; און פסחדיקע קניידלעך און חנוכה-לאַטקעס!״

אָפּגעזונדערט פון אַלע, ביי באַזונדערע טישלעך, זיצט אַ גרופּע סוחרים פון טיען-טסין, אויסגעפּוצטע אין טייערע אַנצוגן, בלענד-ווייסע העמדער, מיט גאָלדענע זייגערס אויף די הענט. זייערע פולע זאַטע פּנימער טיילן זיך אויס פון די מידע, אויסגעדאַרטע עולים.

זיי פאָרן אָן התלהבות און אויך אָן ביטול.

— אלץ וועט ווייזן די צייט. דער עיקר, ווי וועלן גיין די געשעפטן?

זיי חשבונען צווישן זיך שטיל, סודותפול, פאַרזאָרגט:

— וואָס פאַר א געשעפטן קען מען דאָרט מאכן כדי ניט אריינבראָקן אומזיסט די פאַפירלעך.

רופט זיך אָפּ אײנער:

— גוט וואָס עס איז געלונגען אין צייט איבערצושיקן די מאַשינען.

— דערווייל דאַרף מען זיי ניט פאַרקויפן. — וואַרפט אריין א צווייטער.

— אפשר וואָלט רעכט געווען אריינכאַפּן זיך קיין דייטשלאַנד אײנצוקויפן די בייסטע וועב-מאַשינען? פרעגט אומזיכער דער, וואָס שווייגט די גאַנצע צייט, ווי אליין ניט געקענט באַשליסן וואָס ס'איז ריכטיק צו טאָן אין אזא אומזיכערע צייט.

— עס וועט זיך „דאָרט" א ריר טאָן, באַשטעטיקן אלע.

דער ציגאַרעטן-רויך ארום די סוחרים פון טיען-טסין ווערט געדיכטער, וואָלקנדיק. דאָך ווערן זייערע געמיטער אויסגעלייטערט.

לייגט פאָר אײנער:

— פון סאַמע אָנהויב וואָלט רעכט געווען ארויסצולאָזן יאַפּאַנישע און כינעזישע מוסטערן. נאָך א רגע גיט ער צו:

— לעבעדיקע, ליכטיקע, אָריענטאַלישע פאַרבן.

דער לאַנג-יאָריקער טעקסטיל-פאַבריקאַנט, וואָלט באַשטאַנען אויסוואַרטן א צייט. ניט מיטלויפן מיטן המון. די אָרעמקייט פאָרט שטענדיק די ערשטע! זיי האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן... אָבער ער מיט זיין פאַרמעגן האָט דאָך געקענט וואַרטן!

ער דערמאָנט זיך: אלע האָבן פלוצים גענומען זיך פּאַקן. ס'איז אומעטיק געוואָרן צו בלייבן אײנער אליין צווישן די כינעזער. מיט אמאָל האָט ער דערפילט, אז ער מוז מיטגיין דעם וועג פון אלע יידן. איצט באַדויערט ער: ניט באַדאַרפט זיך איילן, געקענט אויסוואַרטן...

— קויפן מאַשינען אין דייטשלאַנד אָדער ענגלאַנד, קען מען שפּעטער אויך, וואַרפט צו אן אנדערער. דאָס וויכטיקסטע איז קויפן באָדן אין א גוטער אָרטשאַפט, שנעל און ביליק... ווייט פון צענטער!

— מען דאַרף בויען גרויסע, מאָדערנע פאַבריקן! — באַשטעטיקן אלע גלייכצייטיק. ביים פול געדעקטן טיש מיט געבעקס און געטראַנקען.

— בוי-מאַטעריאַלן און רוי-שטאָפן וועלן שווין זיין, זאָל זיך נאָר באַרואיקן!

פּאַרזיכערט איין סוחר. אונדזערע משפּחות פון אַמעריקע און אויסטראַליע וועלן צושיקן. זיי וועלן אויך צושטיין. נעמען איינוועסטירן.

— געדענקט מיינע רייד : היצט זיך אייגער וואָס איז הויך און דאַר, ישׂראל וועט ווערן דער גרעסטער טעקסטיל צענטער אויפן אָריענט ! צי איז עס אַן ענין פאַר יידן צו זיצן אין א דאָרף און מעלקן קי ? אָדער גאָר זעצן קאַרטאָפל, צי כ׳ווייס וואָס ? אפילו דער בעסטער פּרדס איז אויך ניט קיין געשעפט !

נעמען אַלע חשבונען פאַרשיידענע חשבונות. זיי שרייבן און מעקן אין זייערע קליינע, גראָבע ביכעלעך און זיפצן פאַרזאָרגט : דער „ציוניזמוס״ זאָל נאָר ניט אָפּקאָסטן דאָס גאַנצע פאַרמעגן.

זיי באַטראַכטן פון דערווייטנס די עולים, די, וועלכע דאַרפן געבן זייערע הענט צו די מאַשינען, און זיי שאָקלען אומזיכער מיט די קעפּ :

— בויען מיט יידישע אַרבעטער, באַשעפטיקן זיי אין די פאַבריקן... ווער ווייסט, ווי דאָס וועט אויסזען ?

מיט נייגער קוקן זיי אויף די ליובאַוויטשער חסידים. זיי גלויבן קוים, אַז אַזעלכע יידן זיינען נאָך פאַראַנען.

די ליובאַוויטשער חסידים מיט זייערע פּיאות און לאַנגע בערד זיינען אויסגעטיילט פון אַלע, ווי א באַזונדער שטאַם פון פאָלק. טראַץ דעם, וואָס זיי האָבן א באַזונדערן משגיח אויף כשרות אין דער קיך, עסן זיי נאָר פון זייערע ווייסע, קלאָרע טאָרבעלעך שפּייז, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען.

מיט אַמאָל גיט זיך די שיף א טרייסל, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך א שפּיל טאָן מיט די אַלע, וואָס גלויבן און צווייפלען, חשבונען און חלומען. ביי די טישלעך ווערט א טומל. אַלעמענס הערצער קלאַפּן אין איין ציטער :

— עס זאָל זיך נאָר ניט אויפהויבן קיין שטורעם ! א שרעק אפילו א טראַכט צו טאָן : א שטורעם אין מיטן ים !... מיט וואַקלדיקע טריט, רוקנדיק זיך פאַראויס, שאַרן זיך אַלע ביי די ווענט, וואָס גיכער צוקומען צו די אייגענע, צושלעפּן זיך צו די קאַבינעס.

5

איינגעהילט אין טיכער און דעקן ליגט א דריי-חדשימדיק קינד אויף א בעט. דערנעבן זיצט ציטערדיק די מאַמע, — א יונגע פרוי מיט א גרויעם, זילבערנעם קאָפּ. אירע אויגן זיינען מאַט און וואַסערדיק, ווי זיי וואָלטן גאַרניט געזען. א געבראָכענע זיצט זי ביי איר קינד און פאַר שרעק קען זי אפילו ניט וויינען, פון איר האַלדז קען זיך קיין וואָרט ניט אַרויסבאַקומען. דערנעבן זיצט איר

מאַן, אַ יונגער מענטש, ער איז פול מיט האָפענונג פאַר דעם נייעם לעבן. ער זיצט און שווייגט, ווי תמיד. אַ „קאַפּאָ” האָט אים אַמאָל ביי אַ פרימאָרגן „אַפּעל” אַ זעץ געטאָן אין די ציין, און גלייך איז ער געוואָרן ווי אַ זקן מיט איין צאָן אין מויל. שווייגט ער, שעמט זיך פאַר זיין אייגענער פרוי אויפצומאַכן דאָס אָנצייגיניקע מויל אַ וואָרט אַרויסצוריידן.

ביידע זיינען זיי הילפלאָז איינגעקוקט אינעם עופהלע און בעטן אויף אַ נס בייצוקומען דעם שטורעם, וואָס גיכער אָנקומען צום ברעג. זייערע פריערדיקע משפחות זיינען צעריסן געוואָרן, די קינדער אומגעבראַכט געוואָרן, נאָר אין חלום קומען זיי צוריק, מאָנען זייערע ניט-אויסגעלעבטע יאָרן.

זיי האָבן זיך פאַרבונדן, עס זאָל זיי לייכטער זיין צו טראָגן די איינזאַמקייט. דאָס יינגעלע מיט די העלע, וואַכע אייגעלעך וואָס לויפן אומרואיק פון איין געגנשטאַנד צום צווייטן, איז דער איינציקער אָנהאַלט אין זייער לעבן. קוקן זיי פול מיט ליבשאַפט אין זיינע בלויע, קלאָרע אייגעלעך און שווייגן, ווי פאַר-שטיינערטע.

טראָגט זיך ווייטער די שיף איבערן ים מיט רעש און וועלפישן געוואָי. שוימען כוואַליעס ווי שנייאיקע בערג און שטויסן זי אויף צוריק, פאַרדעקן און פאַרגיסן, ווילן זי פאַרזינקען אין די אין-סופיקע טיפעגישן.

אויפן דעק, אויסגעלייגטע אויף שמאָלע אַמעריקאַנער בעטלעך ליגן בחורים און מיידלעך און הערן זיך צו אָן פחד צום געוואָי פון די שוימיקע וואַסערן. זיי אַלע, די בחורים און מיידלעך פון יוגאָסלאַוויע און אונגאַרן, פוילן און ליטע, טשעכיע און דייטשלאַנד, זיינען ווי איין גרויסע, היימלאָזע משפחה, געבונדן מיטן זעלבן וויי, פאַראייניקט דורכן זעלבן גורל.

די פאַרעלטערטע מיידלעך האָבן גענומען אונטער זייער אויפזיכט די יינגערע. באַלד נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך אויפגעגעבן ווי שוועסטער און קוזינען פון די יינגערע און אומבאַהאָלפענע. אַ מענטש מוז דאָך פאַר עמיצן זאָרגן, מוז האָבן אַ נאָענטן פאַר וועמען זיך אויסצוריידן, צו וועמען זיך צוטוליען.

די על-פי-נס געראַטעוועטע אַלמנה האָט זיך אָנגעגעבן אַלס אַ מומע פון די צוויי בלייכע, שווינדזיכטיקע ישיבה-בחורים. די צוויי שווייגנדיקע, ווי פאַר-שטומטע יונגעלייט דערמאָנען איר די אייגענע משפחה, די ערגעץ פאַרשיקטע ברידער. זי האָט ליב צוקוקן זיך צו זייער פרומען שטייגער: זען ווי זיי לייגן תפילין און דאַוונען; צוהערן זיך צו זייער אומעטיקן, האַרציקן ניגון ביים לערנען.

זי היט זיי אָפּ ווי אייגענע ברידער: פאַרריכט זייער וועש, סדרט אויס די בגדים, היט אָפּ זיי זאָלן עסן, און דער עיקר, — ניט אַריינטראַכטן, ניט דערמאָנען וואָס ס׳איז געווען...

— פאַרגעסט... מען דאַרף אַלץ פאַרגעסן! — רעדט זי מאַמעדיק און

וואַרעם. אירע שלאַנקע הענט מוזן צערטלען און אַרומנעמען. זי וואָלט זיי ווי קינדער צוגעטוליעט צום האַרצן און פאַרשפּילט, זיי זאָלן אויפגעהייטערט ווערן. זי ווייסט ניט וואָס פאַר א סוד עס ליגט אין זייער שטענדיקן שווייגן. איר האַרץ זאָגט איר, אַז עפּעס שרעקלעכעס האָט מיט די צוויי בחורים פּאַסירט, אַז זיי קענען מער ניט לאַכן.

אַן אַנדער יונג פּאָרל האָט עטלעכע טעג פריער אָפּגעפּראַוועט חתונה. ביידע יתומים. זיינען זיי געגאַנגען צו א רב נעמען חופּה וקידושין. זיי זיינען ניט גלייביק, אָבער זיי האָבן געוואָלט נאָכגיין דעם וועג פון זייערע טאַטע-מאַמע, אָפּהיטן און ממשיך זיין דעם יסוד פון דורות, ווי ביי יידן איז עס אַלעמאָל געווען.

ניטאָ ביי קיינעם דער מוט אַליין „זיך לאָזן אין וועג״, אָן קיינעמס הילף און שוץ.

וואַנדאַ קאָטלאַרעק, — א פּוילישע פרוי פון א וויַיטן דאָרף אויף דער ערד פון מאַזאָוויע, איז ביז גאָר צעשטרייט און צעטומלט: זי האָט קיינמאָל אַזויפיל יידן ניט געזען, ניט געהערט זייער לשון און ניט צוגעזען זייער אַרט לעבן. זי פּאָרט מיט איר יידישן מאַן קיין ישראל. ווי זי האָט מיט אים איר לעבן אין דער מלחמה-צייט געטיילט, אַזוי וויל זי איצט טיילן זיין גורל, מיטגיין אויף זיין וועג.

זי ווייסט עס ביז איצט ניט, פאַרוואָס זי האָט אין יענער נאַכט אויפגעמאַכט דעם לאָדן, ווען ציטערדיקע הענט האָבן אָנגעקלאַפּט. זי ווייסט ניט, וואָס אַזעלכעס איז געווען אין דעם בליק פון דעם פרעמדן, געיאָגטן מאַן, וועלכער איז געשטאַנען ווי א בעטלער ביים פענצטער פון איר פּויערישן הייזל. שטיל-שווייגנדיק האָט זי אים אַריינגעפירט אין א קאַמער, אויסבאַהאַלטן פון די דייטשן, וואָס האָבן אָן אויפהער אַרומגעזוכט יידן. אויך פון די שכנים, וואָס האָבן אומעטום אויסגעשפּירט א יידן אין דער האָפענונג צו באַקומען אויסקויף-געלד, אָדער חפצים.

זי האָט גוט געוואוסט וואָס עס קומט איר פאַר אויסבאַהאַלטן א יידן. אָבער ניט די אַלטע מוטער און ניט דער האַלב פאַרנאַרטער פון שרעק פּויער, איר טאַטע, האָבן זי געקענט איבערצייגן, אַז עס איז ניט כדאי איינצושטעלן די גאַנצע משפּחה צוליב איינעם, און דערצו נאָך א „זשיד״!

איר געזונטע, פרישע ווייבלעכקייט האָט אויפגעצאַפּלט ווען זי האָט דעמאָלט ביינאַכט דערזען דעם בלייכן, פרעמדן מאַן. פון ערשטן אָנבליק איז ער איר טייער געוואָרן ווי דאָס אייגענע לעבן אַליין. חדשים לאַנג האָבן זיי כמעט ניט גערעדט צו זיך אויס מורא פאַרן קלאַנג פון א וואָרט. יעדן טאָג פלעגט זי אַוועקשטעלן א קוישל עסן ביי דער שוועל פון זיין קעמערל און שטיל אַוועקגיין.

וואָס האָט זי געצויגן צו דעם פרעמדן שטאָטישן ייד? אויך איצט ווייסט זי ניט פאַרוואָס זי האָט זיך געלאָזט מיט אים אין א ווייטן לאַנד, פון וועלכן זי האָט זעלטן ווען געהערט. זי האָט מיט אים חתונה געהאַט ביי א רב זיך מגייר געווען און אויסגעשטראָכן איר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. און ער, וואָס זיצט איצט נעבן איר, איז ווידער לעאָן בריל, דער פּראָפעסאָר פון א הויכשול, דער שטענדיקער זוכער און גריבלער. דער פּחד פאַרן טויט האָט זיי צוזאַמענגעבונדן, זייערע נשמות און קערפּערס פאַרקניפּט.

די פרייהייט האָט זיך איצט צווישן זיי ווי א מויער געשטעלט, פאַרפרעמדט, צעטיילט און די סתירות בולטער געמאַכט. ביידע קוקן זיי איצט מיט מורא אויף די יידן, וואָס שפּאַצירן אַרום איבער די לאַנגע קאָרידאָרן פון דער שיף, אָדער זיצן געאייגיקטע אין דעם גרויסן עס-זאַל ביי די טישלעך.

ערשט נעכטן האָט זי מיט שרעק געטראַכט, ווי אזוי עס וועט אים אויפנעמען איר קריסטלעכע, פרומע משפּחה? צוליב אים האָט זי זיי אַלע פאַרלאָזן. און היינט טראַכט ער, ווי אזוי וועלן איר אויפנעמען זיינע איינגעזעסענע קרובים אין ישראל? ווי וועלן זיי קוקן אויף איר, די „גויע״?

ווי צוויי פאַרלוירענע קינדער אויף א פרעמדן וועג זיצן זיי ביידע ביי די פולע פּעק מיט זאַכן און קוקן אַרויס אומעטיק אויף די גרינע וואַסערן.

דער ים איז ווידער רואיק. פּאַמעלעך און פויל טראָגן זיך די כוואַליעס פאָראויס, ווי דער שטורעם וואָלט זייערע כוחות אויסגעזויגן, אָפּגענומען.

6

נאַכט: הונדערטער בחורים ליגן איינגעפּרעסט ווי הערינג אין א פעסל, אויסגעלייגט אויף שמאָלע-בעטלעך. דאָס זיינען חלוצים, וואָס פאָרן אין זייערע קבוצים און קבוצות. זיי פאָרן קיין ישראל, ווי מען פאָרט צו דער אייגענער משפּחה א היים. איצט ליגן זיי ווי זעלנער אין אָנטועכץ, גרייט יעדע רגע זיך אויפכאַפּן צום קאַמף. זיי ווייסן: דער קאַמף וועט נאָך דויערן און זיי זיינען גרייט.

זיי האָבן שוין אויסגעזונגען אַלע לידער וואָס זיי האָבן געקענט און אָנגעקעפּאַלן אָן כוח נאָך דער צעטופּעטער, ווילדער הארא. אויף זייערע פּנימער רוט די פרייד פון באַפרייאונג און גאולה.

— עם ישראל חי! טראָגט זיך מיט אַן עכאָ אין דער לופט זייער האַפּערדיק ליד.

אויפן דעק שפּילט איצט אַן אָרקעסטער. דאָ האָט זיך צוזאַמענגענומען די גאָלדענע יוגנט. דווקא אין דער פינצטערער נאַכט אין מיטן ים ווילן זיי זיך אָנשיכורן מיט טענץ.

די שיף וויגט זיך פּאַמעלעך, ווי צום טאַקט פון א פאַרשלאָפענעם טאַנגאָ. די פּאָרלעך וואַקלען זיך און פאַלן אויף די דערנעבנדיקע בענקלעך. זיי כאַפּן זיך באַלד אויף און טאַנצן ווידער, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אויסטאַנצן אויך פאַר די מאָרגנדיקע טעג; ווי זיי וואָלטן פאָרגעפילט, אַז מיטן אָנקומען קיין ישראל וועט זיך ענדיקן דאָס לייכטע זאָרגלאָזע לעבן. קלאַמערן זיך קערפּערס איינס צום צווייטנס, גליִען צעפלאַמטע אויגן, די פיס שטייען אָפּ פון מידקייט און דאָך באַוועגן זיי זיך ווייטער צום טאַקט. א טאַנץ אָן אָפּרו, אָן אָטעם. א שגעון-טאַנץ אין מיטן נאַכט אויפן ים.

איינע אַליין זיצט אויף דער באַנק א פרוי. די הענט פאַרקלאַמערט, די בייניקע פינגער פאַרפלאָכטן. א פאַרזונקענע אין טרויער קוקט זי מיט ציטער אין די טונקעלע וואַסערן.

זי זעט ניט דעם הימל באַדעקט מיט גאָלדענע שטערן, הערט ניט דעם ימס ליד פון אייביקן וואַנדער, דער ים איז פאַר איר איצט א פינצטערער תהום, וואָס האָט פאַרשלונגען איר איינציקע שוועסטער.

זי געדענקט די באַשיידענע מסיבה מיט חברים לכבוד איר שוועסטערס אָפּפאָר. ביי ווייס־געדעקטע טישן, היימישן געבעקס און פרוכטן.

זי זעט פאַר זיך דאָס צעשטראַלטע פּנים פון איר טייערער שרהלען. יאָרן פאַר דער מלחמה איז זי אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך פון פוילן צו אָרגאַניזירן די יוגנט אין „החלוץ״. געשלעפּט זיך אויף די האַרטע בענק אין די באַן-וואַגאָנען, קילאָמעטערס געגאַנגען צופוס, ניט אָפּגעשטאַנען אין קאַמף מיט די אַלע וואָס דאַרפן ניט קיין „טעריטאָריע״, קיין לאַנד. זי הערט איצט איר שטיל פאַרבענקט געזאַנג מיט וועלכן זי האָט צו זיך געצויגן די יוגנט, און אירע לעצטע געזעגענונגס-ווערטער.

פונעם ערשטן טאָג פון איר אָפּפאָר האָט זי געוואוסט, אַז זי וועט זיך ניט אומקערן, ווען די שיף וועט פאַרהאַלטן ווערן. זי וועט וואַנדערן וואָכן און חדשים איבער אַלע ימען, ביז זי וועט צו איר ברעג צוקומען... ווי א פּאַנאָראַמע ציען זיך פאַר איר אַלע טעג פון „עקזאָדוס״, א שיף וואָס שווימט האָפענונגסלאָז פון ברעג צו ברעג. אָבער איר פוס איז פון דער שיף ניט אַראָפּ, ניט געווען איר באַשערט צו קומען צום ברעג פון ישראל, דער ים איז געוואָרן איר קבר.

עס שווימט א שעה נאָך א שעה. דער אָרקעסטער האָט שוין אויפגעהערט צו שפּילן. די מידע פּאָרלעך גייען זיך פאַנאַנדער.

די פרוי זיצט ווייטער אין איר ווינקל פון קיינעם ניט באַמערקט. שטום שווייגנדיק קוקט זי אַריין אין ים, פון וועלכן עס קוקן אַרויס צו איר צוויי גרויסע פאַרפייניקטע אויגן.

פון הינטער א פאַרמאַכטער טיר טראָגן זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אויפגערעגטע שטימען פון א ויכוח.

— איר זייט אַלע אַסאָציאַל, ניט געזעלשאַפטלעך און ניט פּאַרטייאיש, שרייט דער שליח וואָס קערט זיך אום פון אייראָפּע, צו א דאָקטאָר אַן עולה.

— און אויב איך האָב ניט קיין אינטערעס צו פּאַרטייען... צו זייערע מאַכערייקעס, בין איך אַסאָציאַל? — חוזקט דער דאָקטאָר און גלייך הערט זיך זיין רואיקע באַטראַכטע שטים:

— איך טו מיין אַרבעט ערלעך און נוצלעך און דאָס איז מיר גענוג.

— ניט אַזוי גענוג, ווי באַקוועם! — היצט זיך די צווייטע שטים. זעט איר, די רוסישע אינטעליגענץ איז געגאַנגען צום פּאָלק, און מיטן פּאָלק, געטראָגן קולטור צו די פּויערים און אַרבעטער, ניט סעפּאַרירט זיך... וואָס מאַכט די הייַנטיקע אינטעליגענץ? לעבט נאָר פאַר זיך! שפּילט אין קאָרטן, הוליעט אין די באַכט-לאָקאַלן! אַ מיאוסע קליקע סנאָבן און האַכשטאַפּלערס... איר זייט אַלע פאַרדאָרבענע מענטשן! גייט אַרויס פון אייערע וואַרעמע היימען צום פּאָלק!

— איך לאַך מיך אויס פון שליחים, וואָס ריידן וועגן פּאָלק און... פאָרן מיט דער צווייטער קלאַס! איך גלויב ניט אין די הייַנטיקע פּאַרטייען... דאָס איז געוואָרן ניט מער, ווי א נייע פּרנסה... ווי איר זעט מיך, האָב איך ליב צו שפּילן אין אָפענע קאָרטן... זאָג איך אייך טאַקע, אייך, וואָס האָט געוואוינט אין די שענסטע האָטעלן פון אייראָפּע, אַז איר זייט דער ערגסטער פּאַראַזיט! איר דאַרפט זיך אויסלערנען א פאַך און גיין צו אַן אַרבעט! דער מאַסע אינטערעסירט ניט הייַנט קיין פּאַרטייען, זי וויל קיין ישראל! און איין ביוראָ קען פירן די גאַנצע אַרבעט. ווער דאַרף די אַלע פּאַרטייען. מיט די אַלע רעדנער און מיט די אַלע שליחים וואָס טראָגן זיך איבער דער וועלט? איר האָט ניט וואָס צו זוכן אין די גלותן! גייט אַרבעטן! — האָט ער זיך פאַרסאַפּעט מיט די האַסטיקע רייד און איז אויף א רגע שטיל געוואָרן. באַלד אָבער האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט:

— דאָס לאַנד דאַרף הייַנט מענטשן צום בויען און ניט קיין שיינע רעדנער און ער האָט פאַרענדיקט: וואָלט איר געפאָרן מיט דער דריטער קלאַס, מיין הער, מיטן פּאָלק, וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, גאָר אַנדערש גערעדט צו אייך. אָבער אויב איר רעדט וועגן גיין צום פּאָלק און אַליין פאָרט איר באַזונדער, שענער און באַקוועמער, איז שוין ליבער מאַכן א קערטל... הע, הע, הע, האָט ער זיך הויך צעלאַכט און דערמיט האָט זיך דער ויכוח איבערגעריסן.

7

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען. א ליכטיקייט האָט זיך געטראָגן פון קלאָרן הימל, א מנוחהדיקע שטילקייט פון ים.

— דער טונקעלער פלעק דאָרט איז דער כרמל-בארג, האָט אָנגעוויזן א מאַטראָס, באלד וועט זיך ווייזן דער ברעג פון ישראל.

ער האָט ניט באוויזן צו ענדיקן זיינע ווערטער און ווי א שגעון האָט אלעמען ארומגענומען: פון אלע קאבינעס און ווינקעלעך פון דער שיף האָבן זיך ארויסגעלאָזט די פרויען און מענער מיט זייערע קינדער. א מענטשן-קנויל שטייט אויף די שמאָלע טרעפּלעך ארומגענומען אין שטילשווייגן, ווי א היילקייט וואָלט זיך ארומגעטראָגן. זייערע זאכן זיינען אין די קאבינעס הפקר געבליבן. איצט אין דער גרויסער שעה האָבן זיי קיין ווערטער ניט. אלע מחשבות און פארלאנגען זיינען פארשוואונדן. די יידן פון שאנכיי מיט די יידן פון מאראָקאָ, די עולים פון טשעכיע, עסטרייך און פוילן זיינען אלע געאייניקט אין דער סטיכיע פון דער דורותדיקער בענקשאפט צו ישראל.

צווישן אלע שטופּן זיך פאָראויס צוויי זקנים, על-פּי-נס געראטעוועטע „אויף דער ארישער זייט״. זיי פאָרן צו זייערע קינדער. די ערשטע פון אלע ווילן זיי דערזען דעם ברעג און גלויבן אליין ניט אז זיי האָבן דערלעבט צו דעם נס. דעם גאנצן וועג זיינען זיי געווען ווי אומבאמערקט פון אלעמען. איצט האָבן זיי א נייע קראפט באקומען, דורכגעשטויסן זיך צווישן המון און די ערשטע ארויף אויפן דעק. זייערע ציטערדיקע ליפּן בענטשן: ... שהחיינו וקיימנו...

די קאצעטלער, וואָס האָבן אין טאָג פון דער באפרייאונג ניט געקענט אפילו וויינען, שטייען איצט פארקוקט אין דער ווייטקייט און טרערן רינען איבער זייערע פּנימער.

מיט א פארכאפּטן אָטעם און מיט צעגליטע אויגן געוואונדט אין דער בלויער ווייטקייט שטייען הונדערטער יידן צעפּיבערט, וואָס גיכער צו דערזען דעם ברעג. אייניקע פאלן זיך אין די אָרעמס. פרעמדע הענט נעמען זיך ארום אין געוויין. מען קושט זיך פאר פרייד: דערפאָרן צו דער אייגענער היים! דאָס יונגוואַרג ברויזט אויף אין א הילכיק געזאנג. באלד שטעלט מען זיך אויס אין א ראָד און א שטורמישע „הארא״ נעמט צעטראָגן די ברעטער פון דער שיף.

פון ברעג דערטראָגן זיך די קלאנגען פון „התקווה״. דאָס האָט אן אָרקעסטער פון חיפה באגעגנט מיט מוזיק די עולים. א טייל כאפּן אונטער די ווערטער, נאָר דאָס קול איז ציטערדיק און גאָר וויניקע קענען ארויסברענגען דעם ניגון.

א סטייע ווייסע מעוועס טראָגט זיך אין דער לופט, וויגט זיך, שווימט, בלייבט הענגען איבער דער שיף, ווי א ווייסע פאָן פון שלום, וואָס גייט אויף איבער ישראל.



מיכאל גראָס : א געשטאלט (סקולפטור)

פרץ מיראנסקי

ל י ד ע ר

ש א ר י ת ה פ ל י ט ה

אונדזער נעכטיקע היים האָבן שטיוול צעטראָטן
און א בראנדיקע שלייף האָט דערשטיקט אונדזער גאס.
איצטער עסט אונדזער גוף אויף א פינצטערער שאָטן,
ווי עס עסט אויף דער זשאווער אן אייזערנע פאס.

אונדזער היינטיקע גאס האָט צעשפיגלטע שויבן,
און א טעפיך א ווייכער פארשטילט אלע טריט,
נאָר עס ליגן אין אונדז, אין צעבראָכענעם גלויבן,
די אלע וואָס האָבן אין פייער פארגליט.

קומען תמיד צו אונדז ווילדע פחדים
און ברענגען צוריק אלע נעכטיקע יאָר,
ס׳שטעכט די לבנה א זילבערנעם פאָדעם
אריין אין די אשיק-פארסמאליעטע האָר.

און ס׳צינדט אלע פרי אָן די זון אונדזער נומער,
וואָס ברענט ווי א יזכור אין אונדזערע הענט.
ביז ס׳ועט קומען דער טויט, ווי א פאסטעך א שטומער, —
אונדז פירן צו די, וואָס דער פלאם האָט פארברענט.

ד ע ר ו ו ע ג צ ו ז י ך

דער וועג צו זיך איז לאנג און ליימיק
און מיט א ווירבלוויי פארוויט.
עס הענגט אין ענד פון וועג, געהיימיק
דער סוד פון אייגענעם באשייד.

אוּן דער, וואָס דורך איז דעם נסיון
פון אש און פייער, ווי א קייל,
ציגדט אָן זיין הארץ אין פלאם אין בלויען,
ווי א לאמטערן אין א הייל.

און גייט דורך אלע שאָטנס שווארצע,
מיט צער און ציטער אין געמיט;
ער טראָגט אין האנט דאָס שיין פון הארצן,
פאר אלע טאפּנדיקע טריט.

טאָראָנטאָ, פעברואר 1966.

גיטל מייזיל

נאָך א פּאָר ווערטער

צו י. פּאפּיערניקאָווס 40 יאָר ארץ־ישראלדיקייט

איך זיץ אצינד און טרינק די רו אין שאָטן פון א בוים
וואָס נעכטן, דאכט זיך, איז ער נאָך געווען דער גרינגער טרוים.
דער חלום פון א סך חלומות וועגן וואוקס און בלי...

(י. פּאפּיערניקאָוו: „אין שאָטן פון א בוים")

י. פּאפּיערניקאָווס טרייע לייענער ווייסן: נאָך יעדן יובל זיינעם, ווען עס זיינען שוין, וואָלט זיך געדאכט, אונטערגעפירט אלע מעגלעכע סך-הכלען, — באווייזט ער זיך מיט א נייעם לידערבוך, וואָס וועקט פרישן נייגער און אינטערעס. און עס ווייסן זיינע גוטע פריינד, אז דווקא נאָך זיינעם א יובל, קומט ער ארויס מיט נאָך-ניט-דערציילטע מעשיות, וואָס פּארווישן אויף ס'ניי די גרעניצן צווישן פּאפּיערניקאָוו אין לעבן און י. פּאפּיערניקאָוו אין דער דיכטונג.

די מעשיות זיינע, וואָס ער דערציילט ביים טרינקען טיי אין דער היים פון א פריינד, ווערן קיינמאָל ניט ארויסגערופן דורך א וועלכער עס איז דרויסנדיקער אסאָציאציע. זיי קלינגען על פּי רוב אומדערוואַרטעט. אָבער זיי זיינען ווייט ניט קיין צופעליקע. עס דאכט זיך, געטריבן פון א טיפן דראנג, טיילן זיי זיך אָפּ פון עפּעס אן אינעווייניקסטער פּאפּיערניקאָוו-קייט, און שווימען ארויף בלויז אויף א ווייל. עס דאכט זיך אפילו, אז בלויז מיט אָט די מעשיות קען מען אויפבויען די לעבנס געשיכטע פון פּאפּיערניקאָוו דעם „תימנער" (טיי-מאַנער), ווי ער רופט זיך אליין; מען קען ארויספילן פון זיי די שעפערישע אטמאָספער פון זיין דיכטונג; און מען וואָלט דורך זיי אויך און אפילו געקענט אויפשטעלן די תקופות, אין וועלכע ער האָט געלעבט און ער לעבט, אין וועלכע ער האָט געשאפן און ער שאפט...

גלייך נאָך זיין לעצטן פייערלעכן יובליי (40 יאָר ארץ-ישראלדיקייט!), איז ער געקומען צו זיינע פריינד מיט א שפּאָגל נייעם פּעקל מעשיות. און אָט די מעשיות זיינען געווען ווי אן אומרואיקער, ביימערשאַרכענדיקער צוגאָב צו זיין „וואַלד ראַפּסאָדיע", וואָס ער האָט דעמאָלט געהאט אָפּגעדרוקט.

ער האָט שוין אמאָל געשריבן, ווי שטארק און ווי פריידיק עס האָט אים

געצויגן אין פעלד, צום טייך און אין וואלד, — ווען ער איז נאָך געווען א קינד „א שוואכס און אן אומעטיקס", ווי די מאמע האָט אים גערופן. ער האָט שוין געהאט פריער דערציילט: בשעת ער באזוכט א גרויס-שטאָט אין דער פרעמד, בעט ער זיך שטענדיק ביי די גאסטגעבער: „פירט מיך אין וואלד!". און דערביי האָט ער, זייער גערירט, זיך דערמאָנט ווי א דאָרפישער ייד האָט איינמאָל מיטגעבראכט קיין ווארשע דעם וואלד. יענער איז געקומען קיין ווארשע מיט א הייסן פארלאנג אַנצוקוקן און זען א לעבעדיקן יידישן שרייבער. עס איז געווען אין די בלי-יאָרן, איצט שיער ניט אומגלויבלעכע, פונעם יידישן ליטעראַטן-פאראיין אויף טלאָמאצקע 13. אריינגעפירט דעם דאָרפישן ייד אהין האָט יצחק מאיר וויסענבערג. דער ייד האָט פארמאָגט א פעאיקייט — וואונדערבאר צו פייפן. ניט פשוט און ניט סתם אזוי. ער האָט דורכן פייפן אויסגעדריקט אלץ וואָס זיינע אויגן האָבן געזען, די אויערן האָבן געהערט און דאָס הארץ האָט געפילט. אין א ספּעציעלן אָוונט אויף טלאָמאצקע, האָט דער ייד געפייפט און ארויסגעכישופט א דאָרפישן טאָג פון גאנץ פרי ביז שפּעט ביינאכט. און אויך א קיילעכדיקן מעת-לעת אין א וואלד מיטן רוישן פונעם ווינט צווישן די צווייגן; מיט די קולות פון חיות און פייגל. ער האָט אזוי לעבעדיק אויסגעקלונגען, וואָס אזוינס איז א וואלד אין די העל-ליכטיקע און אין די טונקל-פינצטערע שעהן, אז די יידישע שרייבער האָט זיך געדאכט: זיי האָבן פארבראכט א פארכישופטן טאָג און נאכט אין א טיפן געדיכטן וואלד...

דאָס מאָל, גלייך נאָך דעם 40-יעריקן יובילײ, זיינען די וואלד-מעשיות, וואָס פאפּיערניקאָוו האָט געלאָזט הערן ביים טרינקען קאַכעדיקע, זודיקע טיי אין א תל-אביבער היים פון זיינע פריינד, — געווען אלע היגע, ארץ-ישראלדיקע.

ער האָט דערציילט:

...אן ערך, צווי מיט א האלבן צענדליק יאָר צוריק, האָט א יונג מיידל אין חדרה אים איינגעלאדן אויף א שפּאציר אין וואלד. זיינען זיי געגאנגען און געגאנגען, ביז פאפּיערניקאָוו האָט געפרעגט, ווי ווייט איז נאָך צום וואלד. איר זעט גאָרניט דעם וואלד? — האָט דאָס מיידל געלאכט. ערשט דעמאָלט האָט פאפּיערניקאָוו באמערקט: ריכטיק, — ארום און ארום זיינען ביימלעך. אמת, נידעריקע, קלענער פון קליין. אָבער וואָס איז דען געווען וויכטיק? צוזאמען מיטן לאכנדיקן מיידל, האָט פאפּיערניקאָוו פלוצים דערפילט, אז ער געפינט זיך טיף-טיף אין א געדיכט-שאָטנדיקן וואלד...

און א צווייט מאָל, אויך מיט יאָרן צוריק, האָט פאפּיערניקאָוו געמאכט א קילאָמעטער ווייטן שפּאציר. געשפּאנט צופוס פון איין קיבוץ צו דעם צווייטן. אליין, אויף א וויסטן וועג, פול מיט היציק-הייסע, שפּיציקע שטיינער, וואָס האָבן ווי גליענדיקע קוילן געשטאָכן, געברענט און געשרפהט זיינע איינזאמע טריט...

עס דאכט זיך, אז פאפּיערניקאָוו האָט ביים דערציילן נאָך צוגעגעבן (און

אפשר ניט ?) אז מיט יעדן שווער-ווייטערדיקן שריט, איז געוואָרן שטעכיקער און ברענענדיקער די בענקשאפט נאָך גראָז אונטער די פיס און נאָך א שאָטן פון ביימער איבערן קאָפּ . . .

אין די פייערלעכע טעג פון זיין 40-יעריקן יובל, האָט פּאפּיערניקאָוו זיך ווידער געלאָזט שפּאנען מיטן אמאָליקן וועג, צווישן די זעלבע צוויי קיבוצים. ווידער אליין. און יענער וועג, ציט זיך און פירט איצט דורך א וואלד ; מיט וואלדיקע הימל און ערד ; מיט א ים גראָזן און ביימער ; מיט אָן א שיער פייגל ; מיט אזוי פיל, שיער ניט אומגלויבלעכע, פארבן און קלאנגען, אז עס וואָלט זיך געדאכט, זיי האָבן שוין געקענט שטילן דעם דאָרשט און דעם הונגער פון פּאפּיערניקאָווס בענקשאפט נאָך וואלד . . .

אָבער די בענקשאפט איז ביי פּאפּיערניקאָוון, ווייזט אויס, אן אייביקע, וואָס ווערט ניט געשטילט. וואָס מער ער זעט איצט ארום זיך ביימער, אלץ מער בענקט ער נאָך זיי — אויך אויף צוריק. ער בענקט און קען קיינמאָל ניט גענוג זיך אָנבענקען. פּונקט ווי די אלע ביימערלאָזע צייטן אין זיין לעבן טוען אים איצט נאָך מער וויי און באנג.

לעצטנס, אזוי דערציילט פּאפּיערניקאָוו, קומען אים ביימער אָפּט צו חלום. עס חלומט זיך אים, אז ער דרייט זיך ארום אין א טיפן וואלד. אייגער אליין. די ביימער זיינען אויסטערלישע. זיי ציען עפּעס מאָדנע צו זיך, איינציקווייז. און עס פּארקלעמט פון יעדן איינציקן בוים אנדערש דאָס הארץ, פּונקט ווי יעדעס בוים באזונדער וואָלט געוועז פּאפּיערניקאָווס א לייבלעכע, ניט אויסגעבענקטע בענקשאפט. און נאָך עפּעס. אומרואיק ביז גאָר, בלאָנדזשעט איבערן וואלד א מאָדנע מין שרעק : טאָמער באווייזט זיך ערגעץ-וואו, נאָענט אָדער ווייט, — **א מענטש** . . .

וועגן דער שרעק פאר א מענטש, וואָס בלאָנדזשעט ארום אין פּאפּיערניקאָווס חלום, וועט נאָך, זיכער, אויסקומען צו ריידן. דאָ אָבער ווילט זיך (אפשר גאָר-ניט אזוי אומדערוואַרט, ווי עס קען קלינגען) פארהאלטן אויף א ווייל ביי פּאפּיערניקאָווס „בענקשאפט פון די בענקשאפטן”, — ביי זיין ברענענדיקן צאפּל און ציטער פאר יידיש.

ווען פּאפּיערניקאָוו איז צום ערשטן מאָל, אין 1924, געפאָרן אהער, קיין ארץ-ישראל, האָט ער מיטגעפירט מיט זיך א שרעק : טאָמער לויערט דאָ-הי, ביי די טויערן, א שנאה צו יידיש.

אין 40 יאָר ארום (יעדעס יאָר א יאָרהונדערט!), האָט פּאפּיערניקאָוו געשריבן אין דער הקדמה צו זיין בוך „דער צווייטער בראשית” (1964), אז דער ציקל לידער „צער פון יידיש”, וואָס איז ניט אריין אין אָט דער יובל-אויסגאבע, — וועט דערשיינען שוין נאָך דעם יובל, אין א באזונדערער אויסגאבע.

ווער, אויב ניט אָט די בענקשאפט נאָך יידיש צוזאמען מיטן צער פון יידיש, האָט געפירט די העברעאישע לערערין פון עיר הקודש ירושלים צו פּאפּיערניקאָוון — קיין תל-אביב? זי איז געקומען צו אים, אין זיין ענגער היים, אין דער הויך, אויף דער רש״י גאס, — און געבראכט מיט זיך א פּעקל אירע אייגענע לידער אויף יידיש. אויף יידיש, ווייל, — אזוי האָט זי פּארטרויט פּאפּיערניקאָוון, — ווייל אין אירע חלומות חלומט זי — אויף יידיש...

חלומות אויף יידיש... דאָס האָט דערפילט די ירושלימער לערערין; דאָס ווייסט שוין זיכער ביי זיך אין הארצן פּאפּיערניקאָוו; דאָס דערפילן און דערוויסן זיך אלץ מער און מער יונגע מענטשן דאָ-הי, אז די בענקשאפט נאָך יידיש, פּונקט ווי די בענקשאפט נאָך וואלד, איז שוין פון לאנג-לאנג א קערנדיק, א זאפטיק, אן אָרגאניש טייל אינעם גייסט פון ארץ-ישראל, וואָס הייסט ארץ-ישראלדיקייט.

און וואָס שייך דער ארץ-ישראלדיקייט פון דעם דיכטער י. פּאפּיערניקאָוו גלוסט זיך איבערזאָגן די לעצטע שורות פון זיין ליד „אין שאָטן פון א בוים״, — און דערמיט, דערוויילֿ, פּארענדיקן די „נאָך א פּאָר ווערטער״ צו פּאפּיערניקאָווס יובילײ פון 40 יאָר אין ארץ-ישראל:

...און מיר — אן עדות פונעם צווייטן בראשית - גלויבט זיך קוים,
אז דאָס וואָס כ׳זע פאר מיינע אויגן איצט, איז טאקע וואָר,
אז ס׳שניידט די זיסע פרוכט פון ביטערניט, - דער צווייטער דור,
וואָס קען מיך נישט און ווייסט נישט ווער ס׳איז דער, וואָס גאפט
און שטוינט
און רעדט עפּעס צו זיך אליין: געלוינט זיך, יאָ, געלוינט!...

תל-אביב, אָקטאָבער, 1966.

ל. חיין-שמעוני

נ צ ר ת

(א קאפיטל ישראל)

אין צענטער פון עמק יזרעאל, אויף עטלעכע בארג שפועים, א 400 מעטער איבערן ים-פלאך, שפרייט זיך די שטאָט נצרת, וואָס איר רום און נאָמען ליגט אויף די ליפּן פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין אלע טיילן פון דער וועלט.

נצרת זאָל האָבן געווען די אמאָליקע „רעזידענץ" פון ישו; דאָרט האָט ער געוואוינט, געארבעט, געלערנט זיין תורה און געווירקט, ביז זיינע גלויביקע האָבן אין זיין פערזאָן אנטפּלעקט דעם „גואל", דעם „משיח". דערפאר איז נצרת פארהייליקט געוואָרן ביי די קריסטן, וואָס האָבן צום רום פון דער שטאָט צוגע-קלעפּט א סך ניסים ונפלאות, איר פארבויט מיט קלויסטערס, מאָנאסטירן, שולעס, אזילן, שפּיטעלער וכדומה, — אלץ פארבונדן מיט דער קדושה פון ישו-הנוצרי, ווי עס פּאסט זיך פאר אזא קריסטלעך-גייסטיקן מקום, וואו זינט דורות שטראָמען פרומע עולי-רגל פון דער גאנצער קריסטלעכער וועלט.

אין דער תקופה פון בריטישן מאנדאט, האָט דער טוריזם, בדרך כלל, געהאָלפן שפּייזן די אָרטיקע אראבישע באפעלקערונג, וואָס איר מערהייט זיינען קריסטן פון אלע רעליגיעזע סעקטעס; די מינדערהייט, די מוסלמענער, האלטן זיך אָפּגעזונדערט פון די קריסטן אין אן אייגענעם קווארטאל פון שטאָט.

די באפעלקערונג פּראָדוצירט כלערליי סואווענירן, וואָס זיי שניצן און טאָקן אויס פונעם עץ-הזית; זיי פּראָדוצירן אויך וואונדערבארע שטריקערייען, קריסט-לעכע תשמישי-קדושה, גאָלד און זילבער צירונג. א טייל פון דער באפעלקערונג פארנעמט זיך מיט קליין-האנדל, מיטן פארקויף פון לאנדווירטשאפטלעכע פּראָ-דוקטן פון די ארומיקע אראבישע דערפער. אין דער צייט פון מאנדאט האָבן ניט ווייניק גבירים פון נצרת געלעבט פון רענטע און פון באָרגן געלט אויף פּראָצענטן. די זין פון די בעסער געשטעלטע, די „אינטעליגענטן", זיינען געווען באאמטע, לערער, טוריסטן באגלייטער, און „פּאָליטיקער", ווארום, ווי געזאָגט, איז ביז מדינת ישראל נצרת געווען א קולטורעלער און אדמיניסטראטיווער צענטער פאר א סך אראבישע דערפער אין גליל.

ביז מדינת ישראל האָבן אין נצרת ניט געלעבט קיין יידן. די יידן וואָס זיינען געווען פארבונדן מיט דער שטאָט, ווי באאמטע, ספּעציאליסטן, אָדער

סוחרים, פלעגן אהין קומען יעדן פרימאָרגן פון די נאָענטע יידישע יישובים, און פארנאכט זיך צוריקקערן צו זייערע היימען.

נצרת ווערט ניט דערמאָנט אין תנ״ך און אויך ניט אין די כתבים פון יוסעפוס פלאוויוס, בעת געוויסע נאָענטע מקומות ווערן יאָ דערמאָנט אין די צייטן פונעם ערשטן און צווייטן בית המקדש, למשל: עין דור, וואו שאול איז געקומען צו דער בעלת אוב קורץ פאר זיין טראגישן טויט, בעת דער מלחמה מיט די פלישתים אין טאָל פון יזרעאל. עין דור, איז פארבליבן ביזן היינטיקן טאָג. דעם נאָמען עין דור טראָגט א קיבוץ פון השומר הצעיר, וואָס ליגט ניט ווייט, צופוסנס פון בארג תבור (געגרינדעט אין יאָר 1940).

יפיע, דרומדיק פון נצרת, וואָס האָט אמאָל באלאנגט צום שבט זבולון, — א גרעסערער אראבישער דאָרף, וואָס איז היינט צו טאָג א פאָרשטאָט פון נצרת.

דער דאָרף **משהאד**, — די אמאָליקע שטאָט גת-חפר, פון וואנען ס׳האָט געשטאמט דער נביא יונה בן אמיתי.

צפורי, די אמאָליקע הויפט-שטאָט פון גליל פארן חורבן בית שני. די חז״ל האָבן איר גערופן צפורי „יען כי היא יושבת על הר כציפור״ — ווייל זי זיצט אויפן בארג ווי א פויגל...

נאָכן חורבן פון יבנה איז דער גליל געוואָרן א גייסטיקער צענטער פון די יידן אין א״י. אין צפורי האָבן זיך צונויפגעזאמלט די איבערגעבליבענע חכמים און תלמידי חכמים פון יבנה, דאָרטן האָבן זיך באזעצט דער סנהדרין, רבי יהודה הנשיא, ר׳ חנינא, ר׳ חלפתא און אנדערע. דער נשיא פון סנהדרין האָט באקומען א גרויסע מאכט אינעם יידישן לעבן, ווייט אויסער די גרעניצן פון א״י. אין יענער תקופה פלעגן די יידן פון אומעטום זיך ווענדן צום נשיא ער זאָל זיין דער פוסק אין אלע זייערע יורידישע און רעליגיעזע ענינים. די יידן פון אומעטום האָבן געצאָלט דעם „מס-הנשיא״ — א וואָלונטארער שטייער, אויסצוהאלטן די תלמידי חכמים מיט די מוסדות פון צפורי. דער נשיא פלעגט באשטימען די רבנים און דיינים אין א״י און זיי געבן די פולמאכטן ניט נאָר צו פסקענען און באשטימען דינים, אלא אויך צו ארויפלייגן געלט שטראָפן אויף ווידערשפעניקע יידן.

דער נשיא פלעגט באשטימען די גענויע דאטעס פון די יידישע ימים טובים און דעם „שנת-העיבור״. די רוימישע מאכט האָט אים ניט געקענט איגנאָרירן, האָט זי אים אנערקענט אלס אן „עטנארך״, ווי דעם העכסטן יורידישן פאָרשטייער פון די יידן, און זיין בית-דין, ווי דאָס העכסטע יידישע געריכט. אין צפורי איז אויך געחתמעט געוואָרן די משנה.

די שענסטע תקופה פון די נשיאים איז געווען די צייט פון רבי יהודה הנשיא, אזוי ביז דער פטירה פון ר׳ יהודה דעם צווייטן, ווען די נשיאות-

אינסטיטוציע האָט געגומען פאלן. דעמאָלט איז אויסגעבראָכן א שווערער קריזיס אין לאנד, וואָס האָט געבראכט צו דער ירידה קיין בבל.

שפּעטער האָט די אויפגעשטיגענע קריסטלעכע מאכט אינגאנצן מבטל געמאכט די נשיאות און גענומען רודפן די יידן, — אין יענע רדיפות האָט זיך אויסגע-צייכנט די ביזאנטישע מאכט.

אין יאָר 315 האָט קאָנסטאנטינוס פארווערט די יידן אויפצונעמען אין זייער געמיינדע גרים, און פארווערט זיי זיך דערנעענטערן צו דער געגנט פון ירושלים, ווי עס האָט דאָס געטאָן זיין פאָרגייער אדריאנוס. אין יאָר 336 האָט מען פארווערט די יידן מל זיין זייערע שקלאפן און זיי דערקלערט ווי א „נעפאריא-סעקטא", — א געפערלעכע סעקטע...

די רדיפות אויף יידן זיינען נאָך מער פארשטארקט געוואָרן אין יאָר 359 ווען מען האָט מבטל געמאכט דעם סנהדרין, געשלאָסן אלע ישיבות, און באשטראָפט יידן מיט טויט-שטראָף פאר געמישטע חתונות און פאר מגייר זיין ניט יידן.

אין דער צייט פון גאלוס און ארקסעניוס, האָבן די יידן מער ניט געקענט אריבערטראָגן די ברוטאלע רדיפות און ס'האָט אויסגעבראָכן דער יידישער אויפ-שטאנד אין צפורי (אין יאָר 351). דער אויפשטאנד האָט שוין געגליט א צייט פריער, אלא, די יידן פון צפורי האָבן זיך באמיט ניט ארויסטרעטן אָפן געגן זייערע אונטערדריקער. (אין די אלטע מקורות ווערט דערציילט, אז די יידן פון צפורי זיינען געווען „געדולדיק", און אינעם אויפשטאנד געגן די רוימער אין די יאָרן 66-70, האָבן זיי ניט אנטייל גענומען).

200 יאָר האָבן די יידן געדולדיק געטראָגן דעם רוימישן יאָך ביזן אויפשטאנד, ווען די רוימער האָבן אינגאנצן חרוב געמאכט צפורי צוזאמען מיט נאָך שטעט און דערפער אין א"י, ווי לוד, טבריה א.א.וו. דעמאָלט איז אויך רואינירט געוואָרן דער יידישער יישוב אין עכו.

די אראבער האָבן גערופן צפורי „סאפורי". אין 18טן יאָרהונדערט איז צפורי א קורצע צייט געווען די רעזידענץ פון באקאנטן מושל דאהער-אל-עמר. אין די לעצטע יאָרן פון בריטישן מאנדאט, נאָך פאר דער צווייטער וועלט מלחמה, איז דער דאָרף געווען א באזע פון כנופיות פונעם ירושלימער גרויס-מופטי, וועלכע האָבן געווילדעוועט אין יענער געגנט.

די רוימישע אימפעריע איז אוועק פון דער וועלט. די מאכט פון ירושלימער גרויס-מופטי מיט זיינע כנופיות איז צעבראָכן געוואָרן. די בריטן האָבן פארלאָזן א"י, און אין יולי 1948, האָבן די יידישע באפרייאונגס קרעפטן פארנומען צפורי, וואָס איז צוריקגעקומען צום לעבן ווי א מושב עובדים, וואָס יידן פון די „עולי בולגאריע" האָבן געגרינדעט אין יאָר 1949, — א בליענדער יידישער לאנדווירט-שאפטלעכער יישוב ביזן היינטיקן טאָג.

**

אין די שריפטלעכע שפורן פון שרייבער פון די פריערדיקע דורות געפינט מען ידיעות, אז אין די יאָרן 500-600 איז נצרת געווען א יידישע שטאָט מיט ווייניק קריסטן. די שטאָט איז געווען ארומגערינגלט מיט א פרוכטבארער לאנדווירטשאפטלעכער געגנט; מיט א שפע פון תבואה, פרוכט, אייל און האָניק. דער קריסטלעכער יישוב האָט זיך גענומען מערן און וואקסן ערשט אין 7-טן יאָרהונדערט.

דער בישאָף ארקולפוס, וואָס האָט דעמאָלט באזוכט נצרת שרייבט, אז ער האָט דאָרטן געפונען צוויי קלויסטערס מיט איין יידישער שול. פריערדיקע באזוכער האָבן דערמאָנט איין קלויסטער מיט איין שול. יענע באזוכער האָבן דערציילט ניסים ונפלאות פון די יידישע פרויען אין נצרת, וואָס צו זייער שיינקייט און בריה'שקייט איז ניט געווען קיין גלייכן אין גאנץ א"י; זיי האָבן אויך דערציילט וועגן די גוטע באציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די יידן און קריסטן פון נצרת, — נאָך אלעמען זיינען יענע קריסטן נאָך געווען נאָענט צו זייער יידישן שטאם.

פאר דער אינוואזיע פון די קרייץ-טרעגער, האָבן די מוסלמענער חרוב געמאכט די שטאָט. ערשט אין 1099, ווען די קריסטן האָבן איינגענומען ירושלים און דער קרייץ-טרעגער טאנקרעד איז באשטימט געוואָרן אלס גובערנאטאָר פון גליל, איז מיט זיין הילף און שטיצע צוריק געבויט געוואָרן נצרת, וואָס איז זינט דעמאָלט, ביזן הייננטיקן טאָג, ניט אראָפּ פון איר קריסטלעכער גדולה.

אין יאָר 1187, נאָך דער שלאכט פון חיטין, האָבן די מוסלמענער ווידער פארנומען די שטאָט: זיי האָבן איר אויסגערויבט, ווירטשאפטלעך רואינירט און דערפירט צום צושטאנד פון א דאָרף.

דער אראבישער געאָגראף דמשקי (1300), דערציילט וועגן אינערלעכע קאמפן צווישן צוויי „פארטייען", וואָס האָבן דעמאָלט געווירקט אין גליל: — די יעמענער און קייסים; די אראבער פון נצרת האָבן באלאנגט צו די יעמענער, בעת די תושבים פונעם נאָענטן יישוב כפר קנה האָבן באלאנגט צו די קייסים.

כפר קנה ליגט וואָסערע 5 קילאָמעטער צפון-מזרחדיק פון נצרת. כפר קנה איז זינט לאנגע דורות פארבונדן מיט דער קריסטלעכער נצרת מחמת א נס, וואָס ישו הנוצרי האָט דאָרטן באוויזן אויף א חתונה: — ער האָט פארוואנדלט וואסער אין וויין...

אין די צייטן פון בית המקדש האָט זיך אין כפר קנה געפונען א גרעסערע יידישע קהילה. פון אויסגראָבונגען וואָס זיינען דאָרטן געמאכט געוואָרן, האָט מען געפונען שפורן פון יענער קהילה; מען האָט געפונען רעשטן פון א בית הכנסת מיט העברעאישע און אראמעאישע אויפשריפטן.

ביז היינט צו טאָג געניסט כפר קנה פון יענעם וואסער, וואָס ישו האָט בשעתו פארוואנדלט אין וויין ; איר געפינט דאָרטן קלויסטערס, מיסיאָנערישע שולעס און קריסטלעכע טוריסטן פון אלע עקן וועלט. ווייזט אויס, אז איין זאך האָט זיך ווייניק געענדערט אין כפר קנה זינט דעם יאָר 1300, — די אינערלעכע מחלוקתן און בלוטיקע רייבונגען צווישן אראביש-קריסטלעכע קאמולעס, וואָס ס׳ברעכן דאָרטן אויס פון צייט צו צייט ; ווען ניט די יידישע פּאָליציי פון מדינת ישראל, וואָלטן איצט די גוטע קוואל-וואסערן פון כפר קנה פארוואנדלט געוואָרן ניט אין וויין, נאָר אין בלוט...

אין יאָר 1263 איז נצרת ווידער רואינירט געוואָרן דורך דעם מאמעליוקישן סולטאן ווייווערס: זיינע זעלנער האָבן אויסגעשאָכטן די קריסטן און די קלויס-טערס פארוואנדלט אין בערג שטיינער.

אין יאָר 1517 האָבן די טערקן פארנומען די שטאָט. ערשט אין יאָר 1620 האָט דער פראנציסקאנער אָרדן באקומען פון די טערקן א דערלויבעניש צו בויען א קלויסטער און גרינדן א מאָנאסטיר. אין יאָר 1730 האָבן די קריסטן אויסגעבויט דעם בארימטן „בשורה״ קלויסטער, נאָכדעם ווי זיי האָבן באקומען א דערלויבעניש צו בויען דעם בנין ביים מושל דאהער-אל-עמר, וואָס האָט יענע יאָרן רעזידירט אין עכו.

מיטן ווידעראויפבוי פון דערמאָנטן קלויסטער, האָט די קריסטלעכע בא-פעלקערונג פון נצרת צוריק גענומען וואקסן און זיך מערן.

נאָכן דערמאָנען דעם מושל דאהער-אל-עמר, דארפן מיר אים ווידמען א פּאָר שורות :

דאהער-אל-עמר איז געווען דער שייך פון שבט זיידאן, וואָס האָט זיך יענע צייטן אויפגעהאלטן אין דער געגנט פון צפת. אין יאָר 1749 האָט דער שייך באלאגערט און פארנומען עכו, פארטריבן דעם טערקישן „אגא״ און אונטער-געקויפט דעם „פּאשא״ (מושל) פון צידון, וואָס האָט אים בשכר זה באשטימט פארן מושל פון עכו און פון א ברייטער געגנט ארום. ווייזט אויס, אז דער שייך איז געווען א גענויטער אדמיניסטראטאָר, וואָס האָט באוויזן אויפצולעבן די פארוואָרלאָזטע עכו און ברענגען רו און אָרדענונג אינעם שטח פון זיין מאכט. ווי די דברי הימים שרייבער פון יענע יאָרן דערציילן, האָט דער מוסלמענישער שייך גאָרניט צוגעלייגט צו דער קריסטלעכער נצרת. די שטאָט נצרת האָט אים געצאָלט שווערע צינזן און איז געווען פארפליכטעט שיקן וואָגיקע מתנות פאר יעדע נייע ווייב — א זאך וואָס איז פאָרגעקומען יעדע וואָך...

דער ווייבערניק, דער שייך, האָט ניט אויסגעלעבט זיינע יאָרן ; טערקישע אגענטן האָבן אים דערמאָרדעט אין יאָר 1775, און אויף זיין אָרט באשטימט אלס מושל דעם מצרישן מאמעליוק אחמד, וואָס איז דעמאָלט טיטולירט געוואָרן מיטן נאָמען „דזשעזאר״ — דער קצב, מחמת זיין ברוטאליטעט און אָנצאָליקע מאָרדן.

צו דער זיטלעכקייט פון יענער תקופה זאָל דערציילט ווערן, אז דער „דזשע-זאר״, דער קצב, איז געווען א פּאָליטישער פּליט פון מצרים, וואָס האָט זיך פינף יאָר צייט אויסבאַהאַלטן און אויפגעהאַלטן אין הויז פון שייך דאהער-אל-עמר. אלס באַלוינונג דערפאַר האָט דער „דזשעזאר״ פריער דערמאָרדעט דעם שייך׳ס פינף זין און נאָכדעם אים אליין.

אין עכו געפינען מיר ביז היינט צו טאָג א באַרימטן מעטשעט, וואָס ער האָט בשעתו אויסגעבויט און טראָגט זיין נאָמען: — „מסגד דזשעזאר-פאשא״.

אין יאָר 1799 האָט נאַפּאָלעאָנס ארמיי באַלאַגערט עכו, נאָכדעם ווי ער האָט אָקופּירט א טייל פון אונטערשטן גליל, אין דער סביבה פון נצרת. די קליינע ארמיי פון גענעראַל קלעבער האָט דאָרטן צעשמעטערט א צען מאָל גרעסערע טערקישע ארמיי. אָבער, ווי ס׳איז באַוואוסט, האָט נאַפּאָלעאָן געליטן א מפּלה ביי עכו; זיין גענעראַל קלעבערס נצחון איז אים ניט בייגעשטאַנען.

דזשעזאר פאשא האָט באַזיגט די פראַנצויזן ביי די מויערן פון עכו מיט דער הילף פון בריטישן אדמיראַל סידני סמיט, וואָס איז געקומען מיט זיינע קריגס-שיפן אין די וואַסערן פון ארץ-ישראל. דזשעזאר פאשא האָט געוואָלט פייערן זיין נצחון מיט א גרויסער שחיטה און אויסמאָרדן אלע קריסטן פון גליל, אלא, אדמיראַל סמיט האָט עס פאַרמיטן. אזוי ארום איז געראַטעוועט געוואָרן די באַפעלקערונג פון נצרת פון אומקום.

אין די יאָרן 1832-40 האָט זיך א״י געפונען אונטער דער מאַכט פון מצרים. לויט א ציילונג אין יאָר 1838 — פאַרבונדן מיט באַלייגן די באַפעלקערונג פון לאַנד מיט שטייערן — האָבן יענעם יאָר געלעבט אין נצרת 260 גריכן; 170 מוסלמענער; 130 גריכיש-קאַטוילישע אראַבער; 100 מאַראָניטן; 120 לאַטיינער; ס״ה 780 שטייער פליכטיקע מענער, וואָס קען פאַררעכנט ווערן ווי א באַפעל-קערונג פון 3000 נפשות.

לויט די מאַטעריאַלן פון ראָבינסאָן און פון קאָנסול ראַדזשערס, האָבן אין יאָר 1859 געלעבט אין נצרת 4000 נפשות. לויט די מאַטעריאַלן פון דייטשישן אינזשינער שומאַכער, וואָס איז געווען איינער פון די חיפהער „טעמפּלערס״, האָבן אין יאָר 1886 געלעבט אין נצרת 6575 נפשות, און אין יאָר 1890, ארום 7500 נפשות.

נצרת איז בהדרגהדיק געוואַקסן אָן יידן. לויט בעדעקער, האָט די באַפעל-קערונג פון דער שטאָט אין יאָר 1898 געציילט 10.000 נפשות, און אין יאָר 1912 — 15.000 נפשות, פון זיי איין דריטל מוסלמענער מיט 2 דריטל קריסטן.

לויט דער בשותפותדיקער היסטאָריש-געאָגראַפישער ארבעט פון ד. בן-גוריון און י. בן-צבי, וואָס איז דערשינען אין ניו יאָרק אין יאָר 1918,

(אַרויסגעגעבן פון „פועלי ציון קאָמיטעט״), דאַרף צוגעשריבן ווערן דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין נצרת, אין די לעצטע יאָרן פון דער טערקישער מאַכט אין א״י, צו די אַנסופיקע איבערפאַלן פון בעדואינער פון עבר-הירדן אויף די אַראַבישע תושבים פון עמק-הירדן און עמק-יזרעאל, (וואָס האָט ביי די אַראַבער געהייסן: „מאַרדזש איבן עמר״). טעראָריזירטע פון די בעדואינער, פלעגן יענע פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך באַזעצן אין נצרת, וואו זיי פלעגן געפינען שוץ מיט מער זיכערקייט, באַזונדערס די קריסטן.

דער מקום קדוש פלעגט זיי באַצויבערן צוזאַמען מיט די ממשותדיקע הילף מצד די קלויסטערס, אַזילן, שולעס און שפּיטעלער.

ערשט נאָך 1918 האָט די בריטישע מאַנדאַט-מאַכט סטאַביליזירט אַדמיניס-טראַטיוו יענע געגנט און אָפּגעשטעלט דעם בעדואינישן טעראָר און אויבערמאַכט איבער פאַרשיידענע געגנטן און דערפער אין א״י, אָבער ביז דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין עמק יזרעאל, איז אַ יידישער תושב אין נצרת ווייטער געבליבן „לא יזכר ולא יפקד״.

אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך גענומען באַווייזן יידן אין נצרת, צו דערליידיקן אַדמיניסטראַטיווע ענינים און אָנצוקניפּן געשעפטלעכע פאַרבינ-דונגען מיט די אָרטיקע אַראַבישע סוחרים.

דער שרייבער פון די שורות געדענקט אין יענע יאָרן, אַזאַ „בית-הבראָה״ (דאַטשע) אין נצרת, וואו מידע, אויסגעמאַטערטע פון מאַלאַריע און אַנדערע פּגעים, פלעגן חלוצים פון די ווייניקע יידישע יישובים אין עמק-יזרעאל, קומען קיין נצרת געגעזן ווערן און געניסן פון דער גוטער, ריינער, קילער באַרג-לופט. דאָס איז ניט געווען קיין „בית-הבראָה״ פון איצטיקן שניט, — אין פּרעכטיקע בנינים מיט אַלע מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, — דאָס איז געווען אַזאַ ספּעציפישע א״י „דאַטשע״, אין אַן אַראַבישן הויז, וואו יעדער איינער פלעגט עסן זיינע מאָלצייטן, וואָס מען פלעגט אים אַלע טאָג צושטעלן פון דער היים. דער טיש איז געווען — אַ קעסטל ביים בעט...

אין באַפרייאונגס קריג, אין יאָר תש״ח—1948, אין חודש תמוז—יולי, איז נצרת פאַרנומען געוואָרן דורך די יידישע קאַמפּס קרעפטן, און אויף דער געוועזענער בריטישער רעגירונגס הויז איז אַרויפגעצויגן געוואָרן די ווייס-בלויע פאָן פון מדינת ישראל.

די היימישע און פרעמדע אַראַבישע כנופיות, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן דעם יידישן יישוב אין א״י, זיינען אויסגערויכערט געוואָרן; אָבער די באַפעלקערונג פון נצרת אַלס אַזאַ, איז געבליבן אויף די ערטער, אין זייערע היימען. אַזוי אַרום זיינען זיי ניצול געוואָרן פונעם ביטערן גורל פון יענע אַראַבער, וואָס האָבן געפאָלגט זייערע „גענעראַלער״ און בעווינס „ראַטגעבער״ און זיינען אַנטלאָפן פון א״י מיט דער זיכערקייט, אַז גאָר בקרוב וועלן זיי זיך

צוריקקערן אויף די „חורבות" פון די יידישע יישובים און געניסן פון זאק-רויב, פונעם יידישן האָב און גוטס, ווי מען האָט זיי פאַרזיכערט...

זינט יענער היסטאָרישער דאטע פון ארויפציען די פאָן פון מדינת ישראל אין נצרת, איז דאָרט באנייט געוואָרן דער יידישער יישוב. די פאַרשלאָפענע, פאַרגליווערטע שטאָט האָט אויפגעלעבט און באקומען אינגאנצן אן אנדער פנים.

די „דאַליאט איזראיל", — די רעגירונג פון ישראל, איז זיכער ניט געווען צום הארצן פאַר ניט ווייניק פון די דאָרטיקע אראבישע תושבים, וואָס האָבן דערפילט די רעזולטאטן פון דער נייער מאכט אין שטאָט ווי א טיפע, אינערלעכע איבערקערעניש פונעם אלטן פעאָדאלן לעבנס-שטייגער; ס'איז זיי געווען שווער צו באנעמען דעם נייעם לעבנס שוואונג מיט אלע חידושים, וואָס האָבן גענומען ארייַנדרינגען אינעם שטייגער און ווירטשאפט פון דער שטאָט: ס'זיינען פאַרלייגט געוואָרן יסודות פון פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון יידן מיט אראבער בשותפות; ס'האָט אויפגעלעבט און ס'איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער מסחר; עס זיינען אויפגעמאכט געוואָרן נייע געשעפטן און האָטעלן; נאָך דורות-לאנגן מאנגל אין וואסער, האָט „מקורות" געבראכט פון וייטן גוטע, פרישע קוואַל-וואסער אין די מערסטע היימען, וואָס פלעגן ביז דעמאָלט געברויכן בצמצום דומפיקע רעגן-וואסערן אָנגעזאמלטע, ווינטער צייט, אין ציסטערנעס אונטער די הייזער; ס'איז געשאפן געוואָרן א דעמאָקראטיש-מוניציפאלע זעלבסט-פאַרוואלטונג, וואָס האָט ביסלעכווייז גענומען ברענגען אָרדענונג אין דער שטאָטישער ווירטשאפט, בוי-פלאנירונג, סאניטאציע און פאַרברייטערטע באלייכטונג.

מחוץ דעם פאַרשיידן-פאַרביקן מיסיאָנערישן שול-וועזן, זיינען אויפגעקומען נייע רעגירונגס שולן מיט קינדער-גערטנער, באדינט פון אראבישע לערער און קינדער-גאָרטן לערערינס.

די אראבישע פרוי איז באפרייט געוואָרן פון איר דורות-לאנגער, שטילער קנעכטשאפט, ביז צו קריגן וואל-רעכט צוגלייך מיט די מענער.

מחוץ די אמאָליקע קאפע-הייזער, וואָס זיינען יאָרן-לאנג געווען די איינציקע „געזעלשאפטלעכע" צונויפקום פלעצער פון די מענער, זיינען צוגעקומען קלובן, אפילו פאַר פרויען, נייע קלאנג-פילם הייזער, לייען-זאלן וכדומה.

ס'איז שטארק באגרענעצט געוואָרן דער „לייכטער פאך" פון אָרטיקע מיוחסים, וואָס האָבן רואיק און זאט געלעבט פון באַרגן געלט אויף פראצענטן, ניט נאָר צו שטאָטישע תושבים, אלא אויך צו פעלאכן פון די ארומיקע דערפער; זיי זיינען באפרייט געוואָרן פון דער וואוכער-פלאָג, ווייל פאַרשיידענע בענק האָבן דאָרט אויפגעמאכט זייערע פיליאַלס.

אויך די הסתדרות איז אריינגעדרונגען אין אָרטיקן ארבעטער לעבן, זיי

גענומען אָרגאַניזירן, געשאַפן אַן אַרבעטער ראַט, ווי אין די יידישע יישובים. די הסתדרות האָט אויפגעפּענט אירע אַנשטאַלטן און ביוראָען, געבראַכט דאָס גוטס פון „קופת-חולים״, וואָס האָט אויסגעבויט אַ פּרעכטיקע קרייז-אַמבולאַטאָריע, ווי אַ צוגאָב צו דער אַרבעט פון געזונטהייט-מיניסטעריום, — באַזונדערס פאַר קינדער, שוואַנגערע פרויען און זקנים. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ נעץ פאַר סאָציאַלער הילף און סאָציאַלע פאַרזאָרגונג. דער „מוסד לביטוח לאומי״ האָט געטאָן זיינס, צו פאַרזיכערן פאַראומגליקטע ביי דער אַרבעט און צאָלן זקנים פּענסיע.

די הסתדרות האָט אויסגעבויט אין נצרת אַ „שיכון״ און פאַרזאָרגט ניט ווייניק אַראַבישע אַרבעטער מיט מאָדערנע דירות, ווי זי טוט עס פאַר די יידישע אַרבעטער אין ישראל.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנטיקע בוי-באַוועגונג, ביז דאָס וואונדער פון נצרת : — דאָס אויפבויען דעם יידישן טייל, **נצרת עילית**, אַ נייע, מאָדערנע שטאָט מיט טויזנטער יידישע תושבים, בעיקר נייע עולים.

נצרת-עילית שפּרייט זיך מיט ברייטע אַספאַלטירטע גאַסן און פיל שטאָקיגע הייזער, ליכט און וואַסער, שולן, קינדער-גערטנער, קלובן, גימנאַזיעס, אַ ספּאָרט סטאַדיאָן, מאָדערנע געשעפטן, קאַפעען און פאַרווייַלונגס פּלעצער. עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן מאָדערנע פאַבריקן פאַר טעקסטיל, שאָקאָלאַד, ביסקוויטן, ראַזיר מעסערלעך א.א.וו. און עס בויט זיך אַ פאַבריק פאַר גומי אַרטיקלען. נאַטירלעך זיינען דאָרט אויפגעמאַכט געוואָרן כלערליי וואַרשטאַטן פון בעלי-מלאכה'ס, וואָס גיבן אַרבעט און פּרנסה פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און פאַרשטאַרקט די פּרנסה קוואַלן און די אַרבעטס מעגלעכקייטן פאַר די אַראַבישע תושבים פון דער אַלטער שטאָט.

אַ נעץ נייע אַספאַלטירטע שאָסייען פאַרבינדן די נייע נצרת מיט דער אַלטער. די שיינקייט און די פּאַנאָראַמע פון נצרת-עילית איז שווער צו שילדערן. אַזוי ווי נצרת-עילית ליגט אויף אַ הויכן באַרג-פּלאַטאָ, זעט מען פון דאָרט די טאָלן פון יזרעאל, די גלבוע בערג, דעם גוש נוריס, די טאָלן פון ירדן און בית-שאן, דעם עמק בית- נטופה דורכגעשניטן מיטן וואַסער מאַגיסטראַל. מען זעט די פּרעכטיקע גוט באַאַרבעטע, גרינע יידישע פעלדער און די פּלאַנטאַציעס פון די קיבוצים און מושבים, ווי דער דיכטער נתן אַלטערמאַן האָט זיי באַזונגען : „ים הדגן מתנועע״, — דער תבואה ים באַוועגט זיך ; „שיר העדר מצלצל״ — דאָס געזאַנג פון דער סטאַדע קלינגט ; — „זוהי ארצי ושדותיה״, — דאָס איז מיין לאַנד מיט אירע פעלדער...״ מען זעט די שטאָט עפולה, דעם באַרג תבור און „גבעת המורה״, און ביינאַכט זעט מען די ווייטע, פינקלדיקע ליכט פון הר הכרמל און חיפה.

גאָרניט לייכט איז אָנגעקומען די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען פון ישראל אַריינצופּאַסן נצרת אין דער רעגירונגס ראַם, מחמת דעם רוגז און פּאָליטיקאַנערײ

פון געוויסע, אינערלעכע אראבישע קרייזן, וואָס די יידישע מדינה איז זיי ניט צום קאָפּ און ניט צום הארצן: זיי, די שונאים, דערציילן דער וועלט, ווי שלעכט, שווער און ביטער, ווי אונטערדריקט עס לעבן די אראבישע בירגער אין דער יידישער מדינה.

דעם דאָזיקן בלבול קען מען לייכט אָפּפרעגן, שוין מיט עטלעכע אינטערע־סאנטע ציפערן פון יצחק קניב — באקאנטער סאָציאָלאָג און בויער פון קופּת־חולים אין א״י.

יצחק קניב האָט פארעפנטלעכט אין 1966, אין דער ראם פון אן אינטערנא־ציאָנאלן סעמינאר פאר פּראָפעסיאָנעלע טוער פון אויסלאנד, ציפערן און דיאגראמען, וואָס זיינען גענומען פון די מאטעריאלן פונעם צענטראלן סטאטיס־טישן אמט פון ישראל, און זיי לייענען זיך: — די שטערבלעכקייט צווישן די אראבער אין ישראל איז איצט קלענער ווי ביי די יידן. — 6,1 טויט פאלן אויף 1000 אראבישער בירגער, בעת ביי די יידישע בירגער פון ישראל איז די שטערבלעכקייט 6,3 אויף 1000 יידישע בירגער.

די צאָל געבורטן ביי אראבישע בירגער פון ישראל האָט די לעצטע צייט דערגרייכט א וועלט רעקאָרד: — 51,9 געבורטן אויף יעדערע 1000 אראבישע בירגער, בעת די צאָל געבורטן ביי יידן אין ישראל איז 22,4 אויף יעדערע 1000 יידן. די ציפערן נייטיקן זיך ניט אין קיין פירושים, זיי רעדן פאר זיך.

אין נצרת לעבן היינט צו טאָג 30 טויזנט איינוואוינער, פון זיי 5000 יידן, וואָס האָבן באלעבט און אויפגעלעבט די שטאָט ווי קונים, קאָנסומענטן — געב־רויכער פון אראבישן ארבעטער און בעל־מלאכה. די יידן האָבן געבראכט אין נצרת קוואליפיצירטע פאכלייט, — דאָקטוירים, אינזשיניערן, יוריסטן, אדמי־ניסטראטאָרן, לערער וכדומה.

דער שאָטן פון דער מיליטערישער אדמיניסטראציע אין די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל, וואָס איז איצט שוין מער ניטאָ, האָט געגעבן די אראבישע נאציאָנאליסטן, וועלכע הערן ניט אויף צו חלומען וועגן נאסערן, דעם מצרי, א גוטע קאָרט אין די הענט צו העצן קעגן מדינת ישראל און האלטן אין שפּאנונג די אָרטיקע באפעלקערונג, באזונדערס די יונגע „אינטעליגענץ״, די מיטל־שול אביטוריענטן, וואָס ניט אלע פון זיי געפינען פאסיקע „אינטעליגענטע״ באשעפטיקונג אינעם מוניציפּאלן און אינעם רעגירונגס אפּאראט, אין בענק, אין שולן וכדומה. דער דאָזיקער עלעמענט איז ניט מסוגל אָפּצושאצן די רעוואָלוציע אין זייער לעבן, וואָס האָט ליקווידירט דעם פעאָדאלן שטאנד אין שטאָט, זיי ווילן ניט ויסן און ווילן ניט הערן פון א פּראָדוקטיוויזאציע פּראָצעס, פון איבערגיין צו ארבעט, צו לעבן פון יגיעת כפּיים, ווי ס׳לעבן מאסן יידן אין ישראל. זינט דורות איז פיזישע ארבעט אונטער זייער כבוד און איבער זייערע השגות. די דערמאָנטע עלעמענטן, זיינען עס געוועזן די, וואָס האָבן אין די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל געבראכט אומרו, דעמאָנסטראציעס מיט אויפברויזן אין נצרת,

וואָס זיינען פאַרשוואונדן באַלד ווי טוריזנטער אַראַבער פון שטאָט און פון דער נאָענטער געגנט, האָבן געפונען אַרבעט און פּרנסה אין דער יידישערווירטשאַפט, אינדוסטריע און מלאכה אין נצרת גופא און ווייטער ביז חיפה. זיי אַרבעטן צוזאַמען מיט יידישע אַרבעטער, געניסן פון די זעלבע לוינען און פון אַלע סאָציאַלע דערגרייכונגען. זיכער איז ניט באַקוועם צו אַרבעטן ווייט פון די היימען, און דאַרפן פאָרן הין און צוריק אַ שעה און צוויי, אָבער וואָס מער נצרת וועט זיך אַנטוויקלען און אינדוסטריאַליזירן, אַלץ מער וועט די דאָזיקע דערשיינונג פאַרשווינדן.

צו דער נייער געשיכטע פון נצרת, איז כדאי צו דערמאָנען אַן עפּיזאָד פון פאַרברידערונג און צוזאַמענאַרבעט צווישן אַראַבישע און יידישע אַרבעטער פון דער נאָענטער סביבה. מיט אַ פּאָר צענדליק יאָרן צוריק, אין דער תקופה פון בריטישן מאַנדאַט, האָבן די לינקע פּועלי ציון געהאָלפן פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירן אַראַבישע בוי-אַרבעטער און שטיין-טשעסער אין נצרת, בעת זיי האָבן זיך צוזאַמען געטראָפן ביים בויען אַ . . . גרויסן קלויסטער.

די בריטישע מאַכט, די גלחים, די עפענדיס און די פּראָצענטניקעס זיינען דערשיטערט געוואָרן פון אַזאַ אַקט. אין רעזולטאַט פון דעם האָבן די בריטן מיט פּאָליצייאישער גוואַלט, צעטריבן און ליקווידירט דעם דערמאָנטן אַזוי גערופענעם ,,אירגון משותף״ אין נצרת, וואָס האָט געשטערט די בריטישע קאָלאָניאַל פּאָליטיק פון ,,צעטייל און הערש״.

שיין און מאַלעריש איז די אַלטע שטאָט נצרת, וואָס ליגט אויף היגלען און טאָלן פול מיט גרינס און ביימער, באַזונדערס פרילינג צייט, ווען אַלץ בליט און בלומט. אויך יענער טייל שטאָט האָט שטענדיק צוגעצויגן טוריסטן, בעיקר קריסטן פון אַלע טיילן וועלט, ס׳האָט זיי געלאָקט די ישו לעגענדע, מיט די פאַרהייליקטע קריסטלעכע מקומות, באַזונדער די הייל וואו דער מלאך גבריאל איז געקומען אָנזאָגן דער בתולה מרים, אַז זי האָט פאַרשוואַנגערט פון רוח הקודש, און זי וועט געבוירן אַ זון — ישו. איבער יענער הייל איז אויפגעבויט געוואָרן דער פריער דערמאָנטער ,,בשורה קלויסטער״. די לעצטע יאָרן, שוין אין מדינת ישראל, האָבן די קריסטן צעוואָרפן דעם פריערדיקן אַלטן בנין איבער דער הייל און אויסגעבויט אַ נייעם, ריזיקן בנין, דער גרעסטער פון דעם מין אין מיטעלן מזרח. זאָל זיי חלילה ניט זיין צו גנאי, אויב מיר וועלן דערמאָנען, אַז אינעם אויפבוי פון נייעם קלויסטער, האָבן אויך אָנטייל גענומען יידישע אַרבעטער פאַכלייט און אַ יידישע גרויסע בוי אונטערנעמונג . . .

דעם נייעם, ניט אײַנגאַנצן פאַרענדיקטן, ,,בשורה-קלויסטער״, האָבן שוין באַזוכט דער פּויפּסט פון רוים, פאַרשיידענע הויכגעשטעלטע אויסלענדישע געסט, מיניסטאָרן, דיפּלאָמאַטן, און פּרעזידענטן, בתוכם דער געוו. קאַנצלער אַדענאַוער, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען אויף די קני פאַרזונקען אין אַ תפילה; ער האָט געבעטן די הייליקע מרים, מיט אַלע אַנדערע קדושים, זיי זאָלן זיך משתדל זיין אין די הויכע הימלישע ספערן, צו פאַרגעבן די שוידערלעכע זינד פון זיין דייטשן-

פֿאָלק געגן דעם פֿאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט ישוּן, דעם מאַן פֿון נצרת, „די הויכע ערדישע ספֿערן, האָט אדענאַוער געטענה׳ט, האָבן שוין פֿאַרגעבן די דייטשן די דערמאָנטע זינד״...

א גרויסע אטראַקציע פֿאַר טוריסטן אין נצרת איז דער הייליקער „מרים-קוואַל״, און איר מאַן יוסף׳ס סטאָלעריי, מיטן אָרט פֿון אמאָליקן בית-הכנסת, וואו ישו האָט גענומען פּרעדיקן זיין תּורה. אגב, בעת אויסגראָבונגען ארום רעשטן פֿון אן אלטן בית-כּנסת אין נצרת, האָט מען געפֿונען א גאַר אלטע מירמל פּלאַטע, וואו ס׳איז אויסגעשטאַנצט דער נאָמען „מועם בר מנחם נוח נפש״. די פּלאַטע געפֿינט זיך איצט אין מוזייאום פֿונעם פֿראַנציסקאַנער קלויסטער אין נצרת.

נצרת איז אויך א צוציאונגס אָרט פֿאַר אינערלעכן טוריזם, וואָס ברענגט דער שטאָט לעבן מיט הכנסה. איר געפֿינט שטענדיק אין נצרת יידישע יוגנטלעכע-עקסקורסיעס, וואָס פֿילן אויס די קאַפֿע הייזער, מתּנה-געשעפֿטן, די גאַסן און אפֿילו די קלויסטערס, וואו עס געפֿינען זיך קלענערע מוזייאומס. די אראַבישע באַפֿעלקערונג נעמט פֿריינדלעך אויף די יידישע באַזוכער און באַמיט זיך צו ווייזן זיי די אייגנטימלעכקייטן פֿון דער שטאָט, וואו אלט איז אויסגעמישט מיט ניי; וואו מאָדערנע גאַסן מיט באַזאַרן פֿלעכטן זיך איין אין גאַר אלטע שמאָלע געסלעך, וואָס וויקלען זיך ארום די בערג און היגלען.

אין 1966 איז אין נצרת פֿאַרענדיקט געוואָרן דער בוי פֿון א בנין, א פּאַלאַץ: — דער אזוי גערופֿענער „סינאַטראַ-צענטער״, וואָס ליגט אין האַרצן פֿון שטאָט. דער „סינאַטראַ-צענטער״ איז א בשותּפֿותדיקער יידיש-אראַבישער יוגנט-קלוב פֿאַר קולטור-אַרבעט און ספּאָרט.

א צירונג פֿאַר דער שטאָט נצרת איז די אַפּרו-הויז פֿון הסתּדרות, „בית-שפּרינצאַק״, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן די לעצטע יאָרן אויף א באַרג פּלאַטאָ. דאָרט איז אויסגעוואַקסן א פּאַלאַץ פֿון גלאָז און בעטאָן, מיט רחבותדיקע טעראַסן, וואָס קוקן אַרויס אויף דער פּראַכט פֿון עמק-יזרעאל. דער גאַנצער ארום פֿון „בית שפּרינצאַק״ איז באַדעקט מיט גרינס,ביימער און בלומען מיט א שווים באַסיין אין דער מיט. אזא הויז ברענגט דער שטאָט באַזוכער, קונים און אַרבעט.

די יידישע עליות האָבן אינגאַנצן געענדערט דעם אַרומיקן פּייזאַזש, די וויסטקייטן פֿון פֿריער זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין א בליענדיקער פּאַנאָראַמאַ.

עס איז ווערט צו דערמאָנען א טייל יידישע יישובים וועלכע געפֿינען זיך איצט אינעם לאַנדשאַפֿט-גאַרטל אַרום נצרת:

ביים מערבֿדיקן אַריינפֿאָר אין שטאָט, האָט זיך אין די יאָרן 1953-4 גענומען בויען א יישוב — „מגדל-העמק״ (אויפֿן אָרט פֿון געוועזענעם אראַבישן דערפֿל מודזשיידעל); דאָרט איז אויסגעוואַקסן א שטעטל פֿון קרוב 6000 נפֿשות. די ערשטע עולים אין „מגדל-העמק״ זיינען געוועזן יידן... פֿון כינע (כאַרבין-

שאנכיי) ; נאָכדעם זיינען צוגעקומען 200 יידישע משפחות פון איראק, רומעניע, טריפּאָלי און טוניס. לכתחילה האָבן זיי געפונען ארבעטביים צוגרייטן ערטער פאר נאָך עולים, און פון ארבעט מ׳בחוץ. נאָכדעם ווי עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע הייזער זיינען דאָרטן — גלייך פון שיף אראָפּ — באזעצט געוואָרן נאָך 200 משפחות פון מאראָקאָ. נאָך דער סיני-אקציע, אין 1956, האָבן זיך דאָרט באזעצט עולים פון מצרים און אונגארן. לויט די לענדער פון וואנען די תושבים פון „מגדל-העמק״ זיינען געקומען, קען מען זיך פאָרשטעלן דעם באדייט פון קיבוץ און מיזוג גלויות, און די שוועריקייטן פון צוזאמענשמעלצן אזא קאָנגלאָמעראט פון שפראכן, זיטן און קולטורן, אין אן איינהייטלעכער נאציאָנאלער ראַם.

אין אזא פארגעב, האָבן זיכער ניט קיין קליינע ראָל געשפּילט די דאָרטיקע 4 גרונט-שולן, די 8 קינדער גערטנער, פארשיידענע קלובן, די אָוונט קורסן, די ביבליאָטעק, די קולטור-קאָמיסיע פון הסתדרות, די קופת חולים און די סאָציאלע ארבעט פון דער רעגירונג מיט דער קליטה טעטיקייט פון דער סוכנות. אזוי איז אין א קורצער צייט אויפגעקומען א שטאָט מיט שיינע גאסן, מיט גרויסע מאָדערנע הייזער. די פריערדיקע ביידלעך און באראקן זיינען כמעט ווי פארשוואונדן.

אין 1955 איז שוין דאָרט געווען עלעקטרישע באלייכטונג און גענוג וואסער. די תושבים האָבן אויפגעהערט צו וואנדערן און געפונען פרנסה מיט ארבעט אויפן אָרט. אין „מגדל-העמק״ זיינען אויסגעבויט געוואָרן פאבריקן פאר בוי-מאטעריאלן, האָלץ-אויסארבעטונג, ברילִיאנטן-שלייפעריי, א ביר ברויעריי, א פאבריק פון קאָסמעטישע ארטיקלען און נאָך א ריי קלענערע און גרעסערע ווארשטאטן.

די שטאָט וואקסט, ברייטערט זיך אויס און איז אדמיניסטראטיוו, אין א געוויסער מאָס, אויךווירטשאפטלעך פארבונדן מיט דער נאָענטער שטאָט נצרת.

צווישן מגדל-העמק אויפן בארג, ביז אונטן אין טאָל פון יזרעאל, שפּרייט זיך א געדיכטער סאָסנע וואלד, וואָס גרעניצט זיך מיטן כביש, וואָס פירט פון נהלל קיין עפולה. אין די פריערדיקע אומרויִקע צייטן, פאר, און בעת דעם באפרייאונגס-קריג, האָט דער וואלד געדעקט אראבישע כנופיות, וואָס פלעגן איבערפאלן און באשיסן די יידישע קאָמוניקאציע. איצט, פרילינג און זומער צייט, הילכן דאָרט פריידיקע קולות מיט שטיפערייען פון קינדער און יוגנטלעכע, וואָס קומען פון נאָענט און וויַיט צו לאַגערן דאָרט און פארברענגען.

אויפן ראנד פון דערמאָנטן וואלד, ביים כביש, געפינט זיך דער קיבוץ גניגר. דער יישוב געהערט אָן צום „איחוד הקבוצות והקיבוצים״. די מענטשן זיינען דאָרט עולה געווען אויפן באָדן אין יאָר תרפ״ג, 1923, אויף א שטח פון 6800 דונאם. דער קיבוץ ציילט 500 נפשות און באשעפטיקט זיך מיט זייען תבואה, פרוכט-פּלאנטאציעס, עופות-צוכט און מילך-ווירטשאפט.

פאַרביי דעם פריער דערמאָנטן אַראַבישן דאָרף יפיע, ביי נצרת, שלענגלט זיך א 3 קילאָמעטער לאַנגער כביש, וואָס פירט אַריין אינעם שטח פון קיבוץ **כפר החורש.**

כפר החורש ליגט אויף א באַרג, 420 מעטער איבערן אויבערפלאַך פון ים, אין א געדיכטן וואַלד וואָס דערמאָנט די שווייץ. דער קיבוץ באַזיצט א שטח פון 6000 דונאַם, דערפון 3000 דונאַם וואַלד, דער גרעסטער אין ישראל. די מענטשן האָבן דאָרט באַטראָטן דעם באָדן אין יאָר תרצ״ג, 1933. זיי ציילן אַרום 250 נפשות, און באַשעפטיקן זיך מיט פרוכט-פּלאַנטאַציעס, זייען ביינוול און צוקער ריבן.

אינעם שטח פון קיבוץ געפינט זיך די „י. גוריון״ סאַנאַטאָריע פון קופּת חולים, און א גרויסע מעכאַנישע בעקעריי וואָס שטעלט צו ברויט צו די אַרומיקע יישובים, אַריינגערעכנט מגדל-העמק מיטן יידישן טייל פון נצרת. וואָלט ביי די בעסערע סיטואַירטע בירגער פון ישראל געוועזן ווייניקער סנאָביזם, וואָלטן זיי זיכער פאַרשפּאָרט פאָרן אויף דאַטשעס קיין שווייץ, זיי וואָלטן געפונען א מקום מנוחה-רעסאָרט אין די געדיכטע, שמעקעדיקע וועלדער, וואו די לופט איז ריין, קיל און קלאָר, ממש פאַרשיכורט צו ווערן פון די סאָסנע-בשמים.

לאָמיר זיך א ווײַלע צוריקקערן צו נצרת און מיטן קאָפּ-שווינדלדיקן סערפּאַנטינע-שאָסיי, וואָס שלענגלט זיך צווישן עלטערע און יונגע וועלדלעך, זיך אַראָפּלאָזן אין עמק יזרעאל צום פאַרבינדונגס-וועג קיין עפולה, וואו באַלד הינטערן באַרג געפינט זיך דער מושב עובדים **תל-עדשים.**

תל עדשים איז איינער פון די עלטערע לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים אין ישראל; א יישוב מיט א רייכער פאַרגאַנגענהייט; געגרינדעט אַלס קבוצה דורך די מענטשן פון „השומר״, אין יאָר 1913. צען יאָר שפּעטער איז דער יישוב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מושב עובדים, וואָס ציילט 400—500 נפשות און באַאַרבעט א שטח פון 8400 דונאַם, בעיקר אַקערלאַנד, מיט פרוכט-פּלאַנטאַציעס. די מענטשן פאַרנעמען זיך אויך מיטן צוכט פון קי און עופות.

א קורצן מהלך ווייטער ליגט דער רעליגיעזער מושב **כפר גדעון**, געגרינדעט אין יאָר תרפ״ד, 1924, פון מיטלשטאַנד עלעמענטן, עולים פון טראַנסילוואַניע, וואָס ציילן הײַנט צו טאָג אַרום 300 נפשות, און באַאַרבעטן א שטח פון 3600 דונאַם. אין כפר גדעון איז אַנטדעקט געוואָרן א שפע וואַסער, וואָס דערמעגלעכט די מענטשן זיך צו פאַרנעמען בעיקר מיט האָדעווען גרינצייג און פרוכט.

פאַר כפר גדעון, שפּרייט זיך דער שטח פון גרעסערן קיבוץ **מזרע** (**הקיבוץ הארצי**).

מזרע האָט באַטראָטן דעם באָדן אין יאָר תרפ״ד, 1924, און באַאַרבעט איצט 10 טויזנט דונאַם. דער קיבוץ פאַרנעמט זיך מיט תבואה פאַרזייען, מיט פרוכט-

פלאנטאציעס, מיט עופות — און בהמות — צוכט. אין מזרע זיינען פאראנען צוויי אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון פלייש פראָדוקטן און הידראאולישע מכשירים. זייערע פעלדער און סעדער שפרייטן זיך אין עמק יזרעאל ווי רחבות-דיקע, גרינע טעפיכער, צו זעטיקן די אויגן מיט זייער גרינער שיינקייט.

א פּאָר קילאָמעטער, מזרחדיק פון מזרע, ליגט דער מושב עובדים בּלפוריה, וואָס האָט באַטראָטן דעם באָדן אין יאָר תרפ״ג, 1923. דער מושב ציילט 300 נפשות און באַארבעט א שטח פון 8000 דונאם מיט תבואה, גרינצייג, פּרוכט, בהמות — און עופות — צוכט אין גרעסערן מאסשטאב.

זייערע פעלדער שפּרייטן זיך ווייט אריבער דעם כביש עפולה-סעדזשערא-טבריה, און שפּארן אָן ביז די פעלדער פוןביידע מרחביהס, דרומדיק פון נצרת.

דעם באָדן פון קיבוץ מרחביה האָבן חלוצים באַטראָטן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, אין יאָר 1911. זיי האָבן געשאפן אזא לאנדווירטשאפטלעכע קאָאָפּעראַציע לויט דער שיטה פון יידיש-דייטשישן סאָציאָלאָג און עקאָנאָמיסט, פּראָפעסאָר, ד״ר פראנץ אָפּנהיימער, וואָס איז גלייכצייטיק אויך געווען א דאָקטאָר מעדיצין. (געבוירן אין דייטשלאנד אין 1864, געשטאָרבן אין אמעריקע אין 1943).

פּראָפעסאָר אָפּנהיימער איז געווען דער טעאָרעטיקער פון א סאָציאַליסטישער שיטה, באזירט אויף אגראַרער קאָאָפּעראַציע, וואָס סינטעזירט ליבעראליזם מיט מארקסיזם, וואָס דארף באנייען די מענטשלעכע געזעלשאפט, קודם כל, דורך אָפּשאפן דאָס אייגנטום-רעכט אויף באָדן. דער באָדן דארף ניט געהערן און ניט באַארבעט ווערן פון יחידים, אלא, דורך לאנדווירטשאפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון.

פּראָפעסאָר אָפּנהיימער האָט זיך דערנעענטערט צום ציוניזם אונטער דער השפּעה פון ד״ר הערצל.

די מרחביה-קאָאָפּעראַציע האָט דורכגעמאכט 7 געשפּאנטע, גערանגלפולע יאָרן, וואָס האָבן אריינגעשריבן העראָישע בלעטער אין דער געשיכטע פון א״י, פאַר, און בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה.

אין יאָר 1918 איז די קאָאָפּעראַציע אויפגעלייזט געוואָרן, און דעם שטח פון מרחביה האָבן באַארבעט פארשיידענע איבערגאנגס קבוצות. אזוי ביז אויף מאָרגן נאָך יום כיפור אין אומרואיקן יאָר 1929, האָט זיך דאָרט באזעצט א קיבוץ פון „השומר הצעיר״, וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין יענעם באָדן; א קיבוץ, וואָס האָדעוועט דאָרטן, היינט צו טאָג, א דריטן דור קינדער.

דער נאָמען מרחביה נעמט זיך פון א פּסוק אין תהילים: — „מן המיצר קראָתי יה, ענני במרחביה״.

דער קיבוץ ציילט 600 נפשות און באַארבעט א שטח פון 8000 דונאם, דערפון 6000 דונאם אקערלאנד, דאָס רעשט, פּרוכט-פּלאנטאציעס, א פּרדס, גרינצייג א.א.וו. דער קיבוץ פארנעמט זיך אויך מיט בהמות, בינען — און עופות — צוכט.

מרחביה האָט אויסגעבויט איר אייגענעם אינדוסטריעלן ווינקל: פאַבריקן פאַר פּלאַסטישע באַוואַסערונגס רערן, עלעקטרישע דראָטן און פאַר לאַבאָראַטאָריע-מכשירים.

מרחביה פאַרנעמט אַ צענטראַלן אָרט אין דער השומר הצעיר באַוועגונג: דאָרט געפינט זיך די צענטראַלע פון הקיבוץ הארצי; דער ארכיוו פון דער באַוועגונג; אַ גרויסער דערציאונגס-אַנשטאַלט; די רעדאַקציע פון קיבוצישן ביכער פאַרלאַג „ספרית הפועלים", און אַ בשותפותדיקע דרוקעריי פון 3 קיבוצים.

מיטן קיבוץ מרחביה גרעניצט זיך אַן עלטערער מושב עובדים אונטערן זעלבן נאָמען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט 45 יאָר צוריק, אין תרפ"ב, 1922. דער מושב מרחביה ציילט קרוב צו 300 נפשות און פאַרנעמט אַ שטח פון 7400 דונאַם, בעיקר תבואה-פעלדער, אָבער אויך בהמות — און עופות — צוכט.

אַזוי דערנעענטערן מיר זיך צום לעצטן רינג יידישע יישובים אינעם נאָענטן שטח פון נצרת, — צו דער שטאָט עפולה, וואָס האָט זיך אין דער תקופה פון מאַנדאַט פאַרמאָסטן צו ווערן די הויפּט שטאָט פון עמק-יזרעאל.

עפולה, אָדער „עיר יזרעאל", הויבט אָן איר געשיכטע אין יאָר 1925, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „קהלת ציון", אויפן אָרט פון געוועזענעם אַראַבישן דערפל „אל פולה".

די עליה אויפן באָדן פון די ערשטע תושבים איז געווען פאַרבונדן מיט אומרוען און שטערונגען מצד אַראַבער, מיט משפטים און תפיסה. די צייט האָט אַלץ פאַרווישט, און די נייע עפולהער תושבים ווייסן זייער ווייניק די געשיכטע מיט די צרות פונעם אָנהייב פון זייער שטאָט, וואָס שפּרייט זיך אויף אַ רחבותדיקן פלאַכן פליין אין צענטער פון עמק-יזרעאל, אויף אַ שטח פון בערך דרייסיק טויזנט דונאַם.

דער אָרט פון עפולה ווערט דערמאָנט אין ספר „מלכים ב", ה, כ"ד, און אין ספר ישעיהו ל"ב, י"ד, ווי „עופל", וואָס מיינט אַ באַפעסטיקונג, אַ בערגל. אין די אויסגראָבונגען וואָס זיינען דאָרט געמאַכט געוואָרן, האָט מען געפונען אַלטערטימלעכקייטן, אַ שטאַרקע מויער, רעשטן פון כלים, מכשירים וכדומה. מעגלעך, אַז דער אַראַבישער נאָמען „אל פולה" נעמט זיך פון „עופל", ווי עפולה נעמט זיך פון „אל פולה", דאָס וועלן באַשטימען אַרכעאָלאָגן און היסטאָריקער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פאַרבינדן דעם אַמאָל מיטן היינט. מיר קענען נאָר דערציילן, אַז ניט אַלע פאָראויסגעזעענע פּלענער פון דער שטאָט זיינען רעאַליזירט געוואָרן; עפולה איז ניט געוואָרן דער אורבאַניסטישער צענטער פון עמק-יזרעאל, גוש נורים, עמק בית-שאן און עמק-הירדן, ווייל די שטאָט געפינט זיך צווישן צוויי פאַרוואָרצלטע קאָנקורענטן, ווי טבריה און חיפה, און איבערן קאָפּ — נצרת, וואו די בריטן האָבן קאָנצענטרירט די קרייז אַדמיניסטראַציע פון דער גאַנצער געגנט אַרום.

ביזן עטאבלירן מדינת ישראל, האָט עפולה געציילט בס"ה 2000 תושבים. א קורצע צייט שפּעטער איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן ביז 20 טויזנט נפשות. עפולה האָט אַבסאָרבירט מאסן נייע עולים, גיך ליקווידירט די מעברות, אויסגעבויט שיינע נייע קוואַרטאַלן מיט גאסן און סקווערן, געזעלשאַפטלעכע בנינים און עפנטלעכע גערטנער.

בעת דער אָרטיקער שטאַטראַט האָט זיך פאַרנומען מיטן איינשטעלן די מוניציפּאַלע ווירטשאַפט, האָט די הסתדרות, דורכן ארבעטער-ראַט, זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן די אַרבעטער, זיי צונויפשמעלצן אין א קלאַס, וואָס איז גאַרניט געווען לייכט און פשוט, מחמת די נייע שטאָט-בירגער, האָבן צענפאַך אריבערגעשטיגן די אַלט איינגעזעסנע. די נייע עולים זיינען געקומען פון מזרח און מערב, פון אָריענט, פון אָפּגעשטאַנענעם תימן און פון ווייטן לעוואַנט, יעדע עדה מיט איר שטייגער און שפּראַך. ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, האָט זיך דער מיזוג- גלויות אָנגעהויבן פון די קינדער אין די גרונט-שולן און קינדער-גערטנער, וואָס זיינען אין עפולה באַקרוינט מיט א העכערן גרויסן דערציאונגס אַנשטאַלט, „גבעת המורה", א נאָמען, וואָס עס טראָגט א נאָענטער באַרג, וואָס זיין קאָפּ קאָקעטירט מיטן נאָענטן הר תבור, וואָס רייסט זיך אין דער הויך מיט א... קלויסטער.

די קרוין פון דער ארבעט פון קופּת חולים אין עפולה, איז דער צענטראַלער שפּיטאָל, וואָס באַדינט חוץ די שטאָט, אַלע נאָענטע און ווייטע אַרבעטער-יישובים אין די עמקים, אין נאָענטן גליל און אפילו חיפה העלפט זיך אויס מיט יענעם שפּיטאָל, באַזונדערס מיט זיין באַרימטער קינדער אָפּטיילונג, וואו ס'האָט יאָרן לאַנג געווירקט אזא מעדיצינישע קאַפּאַציטעט ווי דער פּראָפעסאָר נאַסאַו, וואָס זיין מעדיצינישע תורה איז פאַרשפּרייט אין אויסלענדישע אוניווערסיטעטן, אָדער דער פּראָפעסאָר ד"ר פליישמאַן, דער באַליבטער מענטש און מעדיקער פון אַלע קיבוצים אַרום און אַרום.

בעת דער גרויסער עליה אין די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל, האָט עפולה זיך אַרויסגעבראָכן פון איר פריערדיקער מוניציפּאַלער ראַם, און גענומען פאַרבויען שטחים פון יענער זייט פון דעם פריערדיקן כפר ילדים אין צפון-מזרח פון דער שטאָט, ביז ס'איז אויסגעוואַקסן א גאַנץ נייע עפולה — „עפולה-עילית", פון ביידע זייטן כביש, וואָס פירט קיין כפר תבור — יבניאל — טבריה. די נייע הייזער און גאסן פון עפולה-עילית שפּאַרן שוין אָן דעם הויך-פונקט פונעם באַרג „גבעת המורה".

אין די ראַנדן פון עפולה איז אויסגעוואַקסן אן אינדוסטריע פון טעקסטיל, וואָל-אַרטיקלען, תבואה-מילן, פּלאַסטיק, ניילאָן-זאָקן אויף עקספּאָרט, וואַרשטאַטן פאַר מלאכה, די מילכעריי פון תנובה, און די גרעסטע צוקער-פאַבריק פון לאַנד.

אין מדינת ישראל האָט עפולה אויך ניט אָפּגעגליקט צו ווערן א צענטראַל-אַדמיניסטראַטיווער קרייז צענטער. מחמת פאַרשיידענע סיבות איז די בכורה אין

דעם פּרט פאַרבליבן ביי דער נאָענטער שטאָט נצרת, אָבער, „ברוך השם", אין עפולה פעלן ניט קיין אמטן. עפולה האָט איר מוניציפּאַליטעט, הסתדרות, בענק, געריכט, פּאָליציי, קאָאָפּעראַטיוון, פאַבריקן, פאַרשיידענע מוסדות וכדומה. עפולה איז א שטאָט ווי אלע שטעט אין מדינת ישראל.

אין מיטלאלטער האָבן זיך ארום עפולה אָפּגעשפּילט שווערע שלאכטן צווישן די קרייץ-טרעגער און די זעלנער פון סאלאח-א-דין. ביים מארש קיין עכו האָט דאָרט נאַפּאָלעאָנס ארמיי צעקלאַפּט און באזיגט די טערקן אין יאָר 1799.

בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה איז אין שטח פון דער איצטיקער עפולה אויפגעשטעלט געוואָרן א טערקיש-דייטשישע מיליטער באזע. בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן דאָרט אויך די ענגלענדער אויסגעבויט אזא באזע מיט א פלי-פעלד פאר מיליטערישע עראָפּלאַנען. היינט צו טאָג ליגן דאָרט די בריטישע קאזארמעס אין רואינען, און אויפן פלי-פעלד וואקסן דערנער מיט ווילד גראָז, בעת ארום און ארום שפּרייטן זיך רחבותדיקע יידישע פעלדער, וואו „עס שניידן שניטער / שניידן זינגען / אזש די שארפע מעסער קלינגען..."

אזוי שליסט זיך דער יידישער קרייז ארום נצרת, וואו אין דער טערקישער און אין אָנהויב פון דער בריטישער תקופה איז כמעט אלץ ארום געווען וויסט, ליידיק, זומפּיק, זעלטן וואו צו זען א יידישן ישוב, אָדער א פּיצל אראַביש דערפל מיט הייזקעס צוניפגעקלעפּטע פון ליים. בלויז בערגלעך האָט מען דאָרט געזען, — רעשטן פון אלטע בתי קברות, וואָס באהאלטן ביינער פון מענטשן פאַרצוקטע פון מגיפות, מאלאריע און פון בעדואינישע אָנפאלער.

פון אמאָליקן „מארזש-איבן-עמר" איז אויסגעוואקסן דער בלומיקער עמק-יזרעאל מיט זיינע בליענדע יידישע יישובים און קולטור, — די צירונג פון דער קאָלאָניזאציע אין א"י אין אלע אירע פאָרמען. עס איז היינט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי וואָלטן מיר, און ווי וואָלט ישראל אויסגעזען, אָן יענער הויך קולטיווירטער געגנט, וואו עס איז אינוועסטירט געוואָרן אזוי פיל שוויס, פראצע, בלוט מיט יונגע יידישע לעבנס, צוזאמען מיט אָן א מאָס התלהבות.

שליסן מיר דעם קאפּיטל מיט נאָך א פערז פון נתן אלטערמאנס עמק-ליד:

„נומי עמק	„דרימל עמק
ארץ תפארת,	לאנד פון פראכט
אָנו לך משמרת..."	פון אונדז באוואכט".

חיפה, 1966

שמחה פּאָליאַקעוויטש

גאָלדעס לעצטער גאַנג

דעם גאַנצן יום-כּיפּור טאָג איז די לאָמע גאָלדע געזעסן אין ווייבערישן טייל פון שטיבל, וואו אויף דער צווייטער זייט פונעם איבערגעהאַנגענעם ליילעך זיינען געשטאַנען יידן אין טליתים, פאַרטיפט אין די יום-כּיפּורדיקע תּפילות.

אויף די טישלעך זיינען געבליבן ליגן צעעפנטע מחזורים, איבערגעדעקטע מיט אויף גיך איינגעוויקלטע טליתים; די וואַקסענע ליכט אויפן עמוד האָבן זיך געטריפט נאָך ניט אויסגעברענטע; עס איז געווען צו דערקענען אַז די מתפּללים האָבן נאָכן פאַרענדיקן דאָס דאַוונען אין איילעניש פאַרלאָזט דאָס שטיבל.

פון אונטערן פאַרהאַנג, וואו עס זיינען געזעסן אָפּגעטיילט די ווייבער, איז די לעצטע אַרויס גאָלדע.

די געטאָ איז געלעגן באַלויכטן פון א פולער לבנה. דורך די שטילע געסלעך זיינען יידן זיך צעגאַנגען צו זייערע היימען, וואו פון יעדער צעעפנטער טיר איז זיי אַנטקעגן געקומען א באַהאַלטענער אומרו.

די לעצטע איז אַהיימגעגאַנגען די לאָמע גאָלדע.

אין בוידעם-שטיבל איז גאָלדע געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אויף אירע קוליעס, זי האָט טיף געאָטעמט נאָך איר צעטרייסלטן גאַנג אויף די ברוק שטיינער. אַן אָפּגעשוואַכטע נאָכן תּענית, איז איר דאָס מאָל זייער שווער אָנגעקומען ביז זי האָט זיך דערשלאָגן דורך די טרעפּ צו דער קליאַמקע פון איר טיר.

אַרום גאָלדען האָט זיך געוויקלט די שטילקייט — א פּאַרכטיקע, א שוואַרצע, א געשפּאַנטע; האָט געציטערט פון דער אומגעזעענער סטעליע און איז געהאָנגען איבערן קאָפּ ווי א שווערער, געפלאָכטענער תּליה שטריק.

גאָלדע האָט א ציטער געטאָן. זי האָט אַליין ניט געוואוסט ווי לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען פאַרזונקען אין אירע אומעטיקע מחשבות. זי האָט מיט אַן אויסגעשטרעקטער קוליע אָנגעטאַפּט וואו עס שטייט איר בעט און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין איר ווי א שווערער שטיין. איבער גאָלדעס בעט איז געבליבן הענגען אַן אומהיימלעכע פינצטערניש.

געקומען אַביסל צו זיך פון דער דריקנדיקער מידקייט האָט זי אָפּגעשפּאַרט

דעם לאָדן פונעם בוידעם-פענצטער און אַראָפּגעקוקט אין געטאָ-געסל. פון דרויסן האָט זיך ניט געהערט דאָס מינדסטע וואָרט אָדער גערויש, ס'האָט נאָר אין דער רגע אַ בלאָז געטאָן אויף איר צעהיצטן קאָפּ אַ קאַלטע הארבסטיקע לופט. דער גראַנאַטענער הימל-פּלעק מיט גרויסע שטערן האָבן פרידלעך געשימערט פון דער הויך און געשוועבט פאַר אירע אויגן נאָכן צומאַכן דעם לאָדן.

אָנגעשפּאַרט אויףביידע קוליעס האָט גאָלדע געמאַכט אַ פּאָר שפּרייזן צום טישל און האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפט-לעמפּל. אויף די ווייס-געקאַלכטע ווענט האָט זיך באַוויזן אַן אויסגעקרימטער שאָטן, וואָס האָט זיך באַוועגט צוזאַמען מיט גאָלדעס הינקעדיקע טריט איבער דער לענג און ברייט פון בוידעם-שטיבל.

גאָלדע, האָט נאָכן בעמען עפּעס אין מויל אַריין, צו שטילן דעם הונגער נאָכן תענית, זיך אַרומגעקוקט איבער איר איינזאַם בוידעם-שטיבל. איר בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם בערגל אַלטע זאָקן, וואָס די געטאָ-איינוואוינער פלעגן איר ברענגען צום אונטערשטריקן. נעענטער צו איר בעט, נאָר אויסצושטרעקן די האַנט, איז געלעגן אַ קליין בערגעלע אָפּגעקליבענע קינדער-זעקעלעך, וואָס זי האָט, צוליב די אָנקומענדיקע קעלטן, געוואָלט באַלד נאָך יום-כיפּור דאָס אויספּאַרטיקן. די זעקעלעך זיינען געלעגן סאָרטירט, לויט דעם איינזען פון גאָלדען, וואָס האָט גוט געוואוסט וועלכע קינדער עס נויטיקן זיך פריער אין די וואַרעמע זעקעלעך.

זיצט גאָלדע אַ פאַרטראַכטע, מיטן איינציקן פוס אַראָפּגעהאָנגען פון בעט-ראַנד, און ס'קומען איר אויף אין גדאַנק די רייד וואָס יידן האָבן צווישן זיך גערעדט אין שטיבל: „אויב חלילה עס וועט ווידער אויסקומען צו אַנטלויפן פונעם געטאָ...״

די טרויעריקע מחשבות האָט גאָלדע געוואָלט פון זיך פאַריאָגן, אוועק-לייגנדיק זיך אויפן בעט מיטן פּנים אין קישן; זי האָט געוואָלט זיך צווינגען איינשלאָפן. נאָר די שרעקעוודיקע שטילקייט האָט פאַר אירע איינגעגראָבענע אויגן אין קישן געמאָלן שוואַרצע פינצטערע בילדער. זי האָט גוט געוואוסט וואָס אַזוינס ס'איז אַזאַ געטאָ-שטילקייט. מיט אַ חודש פריער, ווען די יידן זיינען שוין איינמאָל אַנטלאָפן פון געטאָ, איז זי פונעם גאַנצן געסל אַליין געבליבן אין איר בוידעם-שטיבל, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אויך אין יענער נאַכט איז זי געלעגן אַרומגערינגלט מיט דער טויטלעכער פינצטערניש. דורך דעם אָפּגעשפּאַרטן לאָדן האָט זי דעמאָלט געזען די אויסגעליידיקטע שטובן, וואָס זיינען געשטאַנען ווי קברים-שטיבלעך אין דער געטאָ-שטילקייט. ס'האָט זיך איר דעמאָלט געדאַכט, אַז די פינצטערע נאַכט וועט קיינמאָל צו קיין סוף ניט קומען. און זי, גאָלדע, האָט דאָך ניט אויפגעהערט צו האָפן ביז די פאַרגליווערטע שטילקייט איבער איר פאַרצוימטע בוידעם-שטיבל האָט זיך איבערגעריסן, און זי האָט ווידער דערהערט פון אירע צוריקגעקומענע שכנים אויפמאַכן אַ טיר, און דעם אָפּהילך פון זייערע היימיש-נאָענטע רייד.

גאָלדע האָט זיך אויפגעזעצט און ווידער ארויסגעקוקט דורך דעם בוידעם-פענצטערל. א ווינט האָט ציענדיק פאַרביי דורך דער געטאָ-ליידיקייט, א בלאָז געטאָן אין אָפּגעשפּאַרטן לאָדן. איבערן בוידעם-שטיבל האָט די לבנה געלויכטן מיט א ווייסער שטילקייט, וואָס האָט באַרואיקט איר געמיט. עס האָבן איר פאַרלאָזן די לעצטע שפּורן פון די טרויעריקע מחשבות, וואָס האָבן זיך געוועבט אין איר קאָפּ אין דער פינצטערניש פון איר חדרל. זי האָט זיך צוריק געלייגט און איז איינגעשלאָפן.

אין גראָען פאַרטאָג האָט זיך גאָלדע מיט א פּאָר אויפגעריסענע אויגן איבערגעוועקט פון שלאָף. א צעפּייפטער שטורעם האָט געריסן די לופט ארום די ווענט פון שטיבל. מיט אויסגעשטרעקטע ציטערנדיקע הענט און מיט א פאַרשטיקטן געשריי האָט זי אומזיסט געזוכט הילף אין טונקעלן חלל ארום בעט. דאָס געקנאַלעריי פון ביקסן-שאָסן האָט מיט פאַרטויבטע אָפּהילכן געהאַקט איבער גאָלדעס צעפיבערטן מוח. אין ערשטן מאָמענט האָט זי ניט באַנומען דעם פּלוצלינג אויסגעבראָכענעם אומרו. ערשט ווען זי האָט ארויסגעקוקט דורך די שפּאַרעס פון לאָדן, האָט זי דערזען, אז פון די דראָט-פאַרצוימונגען פייערן אויסגעשטרעקטע ביקסן, — די געטאָ איז באַלאַגערט געוואָרן פון באוואָפנטע מחנות.

גאָלדעס גלידער זיינען אוועקגעפאַלן ווי אָפּגעשטאָרבענע אויפן בעט, בלויז דער לעבעדיקער אָטעם אין איר האָט זיך געשטויסן צום אָפענעם מויל, איר געמינטערט פון חלשות, צוריק געוועקט צום לעבן, צו דעם, פאַר וועלכן זי האָט געציטערט.

די פרימאָרגן-ליכט האָט זיך דורכגעריסן דורך די לאָדן-שפּאַלטן, אין בוידעם-שטיבל איז געוואָרן העלער, ליכטיקער. ערשט איצט ביי דער שוועל פון טרעבלינקע, ממש אין די לעצטע שעה'ן פון יאוש, האָט זיך דאָס ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון אנטפּלעקט פאַר גאָלדעס אויגן. איר אָרעם בוידעם-שטיבל וואו זי האָט אזויפיל געליטן, איבערגעוויטיקט אזויפיל אומעטיקע טעג און געטאָ-נעכט, איז איר פּלוצלינג ליב געוואָרן; אלץ וואָס האָט זיך געפונען ארום איר, איז איר פּלוצלינג געוואָרן אזוי טייער: אירע אָרעמע איינזאַמע פיר ווענט, איר צעפּייניקט לעבן, איר פאַרשעמטע וועלט, — מיט דעם אלעם האָט זיך גאָלדע ניט געוואָלט שיידן. גאָלדע האָט געוואָלט לעבן!

אין געטאָ איז די בהלה געוואָרן פון מינוט צו מינוט גרעסער. יידן זיינען געלאָפן צו די דראָט-פאַרצוימונגען וואו אויסגעשטרעקטע ביקסן-לופעס האָבן זיי געיאָגט אויף צוריק. יידן זיינען ארומגעלאָפן און געזוכט אן ארויסגאַנג פון געשלאָסענעם באוואָפנטן רינג, ארומגעלאָפן מיט קינדער אויף די הענט פון געסל צו געסל, פון שכן צו שכן, וואנזיניקע ווי אין די קאָרידאָרן וואָס האָבן געפירט צום טרעבלינקער גאַז-קאַמער.

גאָלדע האָט דאָס דאָזיקע אימה׳דיק בילד געזען דורך די לאָדן-שפּאַלטן פון איר בוידעם-שטיבל. כאָטש זי האָט געפילט זייערע אנגסטן, האָט זי מקנא געווען די לויפנדיקע, און זי, אַן אַנגעשפּאַרטע אויף קוליעס, האָט קוים געקענט מאַכן א טראָט. זי האָט זיך דערפילט ווי א דורכגעשאָסענע חיה, וואָס קוקט אויף די טריט פון יעגער און קען ניט אנטלויפן. אַן כוחות איז זי געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן וואנט, איבערגעגעבן צום טויט, וואָס האָט שוין געהאלטן איר צאַפּלדיקן אָטעם אין זיינע הענט. גאָלדע איז געשטאַנען פּנים-אל-פּנים אנטקעגן טרעבלינקער געשפּענסט.

אין געטאָ האָבן אריינמאַרשירט מיליטערישע אָפּטיילונגען, באוואָפנט ווי אויף א שלאַכט פעלד. די שפּיצן פון די אנטבלויזטע באַגנעטן האָבן געבלאַנקט מיט שאַרפן מעסער-גלאַנץ אנטקעגן דער אויפגעגאַנגענער פרימאָרגן-זון איבער דער באַלאַגערטער געטאָ.

מיט אימה׳דיקע געשרייען האָבן זיך ווילדע מחנות געוואָרפן אויף די יידישע הייזלעך, געבראָכן טיר און פענצטער, דורכגעלעכערט ווענט און סופיטן, גראַנאַטן האָבן אויפגעריסן קעלערס און בוידעמער. איבערן שטעטל יידן האָט זיך אראָפּגעלאָזט א פייער אַנגריף פון שטאָל און אייזן.

מאסנווייז זיינען די יידן געפאַנגען געוואָרן. מען האָט זיי ארויסגעריסן פון קראַנקע בעטן, פון באהעלטענישן, פון פאַרקלעמטע ארומאָרעמדיקע הענט, — אלע, אלע, זיינען געטריבן געוואָרן צום זאַמל-פונקט, און פון דאָרט צו דער באַן קיין טרעבלינקע.

דער טאָג איז געשטאַנען א צעשיינטער, זיי, די יידן זיינען געגאַנגען, זיי זיינען געגאַנגען צו די וואַגאָנען.

פעסט געאָרעמטע פאַמיליעס מיט ווייס פאַרזיגלטע פּנימער זיינען געגאַנגען אין מיטן וועג פון שטעטל, מיט בליקן איינגעשטאָכענע אין די באַן-רעלסן, וואו עס זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף זיי ליידיקע וואַגאָנען מיט גרויסע לאָקאָמאָטיוון אַנגעשטעלט אין דער ריכטונג צו טרעבלינקע.

די רוצחים האָבן געטראָגן די ביקסן אין אראָפּגעלאָזטע הענט. קיינער האָט שוין ניט געהאט קיין כוח און מוט צו אנטלויפן, דאָס איז געווען די לעצטע פאַרניכטונג אקציע. אויףביידע זייטן גאס זיינען געשטאַנען די גויאישע שכנים, זיך צוגעקוקט ווי אויף א פּראָצעסיע פון א שטיל-שווייגנדיקן צערעמאָניאל. זיי, די גויים, האָט נאָר דענערווירט דער קריץ פון די טויזנטער יידישע פוסטריט אויף די ברוק-שטיינער, פוסטריט געיאָגטע פון אן אַנגעוואָרפענעם גורל, פוסטריט וואָס האָבן געחתמעט א פּאַרכטיקן הסכם מיטן טויט.

די לעצטע אין לאנגן צוג געטריבענע יידן איז געגאַנגען גאָלדע, א וואקל-דיקע, א צעטרייסלטע, א דורכגענעצטע פון שווייס, מיט א ברייט צעעפנט מויל.

אירע אויפגעריסענע אויגן האָבן געזען פאַר זיך די לעצטע ריי פון איינגע-בויגענע, דערשלאָגענע פּלייצעס. פון אָט דער לעצטער ריי האָט זי ניט געוואָלט בלייבן אָפּגעזונדערט. מיטן לעצטן ביסל פון אירע כוחות מיט איבער מענטשלעכן אָנשטרענג האָט זי געשטעלט פאָראויס די קוליעס, איינצוהאַלטן אין זיך איר לעצטן פאַרלאַנג: נ י ט ב ל י י ב ן א ל י י ן.

א געדיכטער שטויב-וואָלקן האָט זיך געהייבן איבער דער מחנה יידן, געוויקלט איבער זייערע קעפּ, פאַרטונקלט זייערע אויגן אין העל צעשיינטן טאָג.

גאָלדען האָט מען קוים אַרויסגעזען פון דעם וואָלקן שטויב. א צעהוידעטע אויף אירע קוליעס, האָט זיך געדאַכט, ווי מיט פליגלען וויל זי זיך א הייב-טאָן איבערן שטויב-וואָלקן, אויסשרייען צו די זוניקע הימלען דאָס פאַרשטומטע געשריי פון איר שטעטל יידן.

זי איז געלאָפן מיט די לעצטע כוחות. פאַר אירע פאַרנעפּלטע אויגן — א ברייטע ריי פון שוואַרצע שווייגנדיקע שאָטנס; הינטער איר — צעיושעטע רוצחים מיט ווילדע געשרייען: שנעלער! שנעלער! גאָלדעס הענט האָבן געהייבן די קוליעס מיטן לעצטן שווידער, מיטן לעצטן ציטער, מיטן לעצטן ביסל חיות, וואָס איז געיאָגט געוואָרן פון בלאַנקע באַגנעט שאַרפן.

דער שפּיץ פון צוג געטריבענע יידן האָט שוין געהאַט דערגרייכט צום אַרומ-געצוימטן מיט מיליטער וואָקזאַל, ווען הינטער דער לעצטער ריי האָט א שאָס געצילט אין גאָלדען. און זי, די לאָמע גאָלדע, איז געפאַלן, ניט דערגרייענדיק איר לעצטן גאַנג צוזאַמען מיטן שטעטל יידן.

תל-אביב, 1966.

א. י. ראפאעל: אן איילבערט-בוים

א. י. ראַפּאַעל

לידער

צו אן איילבערט בוים

איך קום צו דיר ווידער היינט, פריינד מיינער, בוים;
פארבייטסט מיר דעם מענטש, וואָס קען פריינד מער ניט זיין, —
עס וויסלט זיין ליפּ נאָך מיט גיפטיקן שוים,
פול שנאה און טויט-שרעק זיין דאַאיקער זיין.

דו איילבערט בוים אלטער פון מיין אלט-ביילאנד,
געקומען צו דיר כ'בין פון גלותן ווייט
אין יאָרן פון עלטער, ניט ווייט שוין פון ראנד, —
צו ווערן מיט גלויבן דערפרישט און באנייט.

דאָ זיכער פארוואָרצלט דו שטייסט אויף איין אָרט.
אזויפיל געהערט האָסט, אזויפיל געזען!
צו דיר דאָ איך קום, כ'וויל הערן דיין וואָרט:
„ישראל דיין לאנד איז, דיך העלפן זי קען."

עס ענטפערט דער בוים מיר, אָן ווערטער ער רעדט:
„פארשפּעטיקט די פרייד האָסט פון טאנץ און געזאנג;
דיין תפילה, דיין גלויבן דאָך העלפן דיך וועט
אין לאנד דאָ פארוואָרצלען דיין ווייטערן גאנג."

א דאנק פאר דיין עצה, מיין אלטינקער בוים, —
מיין אוראלטער זיידע, — ביי דיר כ'וועד א קינד;
באַרייכערט מיט פארבן האָסט יינגלעשן טרוים,
מיין לעבן אין לאנד דאָ ווערט ליכטיק אצינד.

מיין אלטער פריינד

ניט שרעק מיך מער דו אלטער בוים,
מיט שטאם און צווייג אזוי צעדרייט.

דיין נאַקעטקייט פאַרשטעלן קוים
די בלעטלעך, שפּאַרעוודיק צעשפּרייט.

דיין קערפּער איז צעקאַרבט, צעביילט,
דיין הויט צעפּלאַצט און אויסגעדאַרט;
דיין גוף צעשניטן און צעקיילט,
פון יעדע לאַך קוקט וואונד פאַרשטאַרט.

כ׳זע יעדעס אָפּגעבראָכן שטיק,
וואָס סטאַרטשעט פון דיין שטאַם אַרויס:
א פויגל-קאָפּ מיט פינצטער בליק
שטעקט שנאָבל שאַרף און שפּיציק אויס;

אַן אָדלער קאָפּ, צערייסן גרייט
די חיה-מענטש וואָס גרייפט אים אָן.
באַשערט איז נאָר דעם צווייג דער טויט:
צום בוים געשמידט, — וואָס קען ער טאָן?

איך זע דיין צער און פיל דיין פּיין,
מיין אַלטער פריינד, מיין איילבערט-בוים;
אויך איך קען ווידער יונג ניט זיין
און קען מיין צער פאַרטראָגן קוים...

אויגוסט, 1966.

מרדכי קראַשניץ

דריי תקופות
אינעם שאפן פון רחל קאָרן

רחל קאָרן איז אָן ספק איינע פון די חשובסטע יידישע דיכטערינס פון אונדזער דור. איר שאפן איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער ליטעראַטור און אינעם יידישן לעבן. זי איז קרעפטיק מיט דער עכטקייט פון איר געפיל, וואָס איז ערלעך און הארציק; איר געדאנק איז דערהויבנדיק, טיף און שיין; עס שלאָגט פון איר שאפן מיט קוואליקער ליבשאפט צום מענטש, צו דער נאטור, צום משפּחה-שטאם אירן און אויך צום לאנד ישראל, וואָס כאָטש רחל קאָרן איז דאָ פון צייט צו צייט נאָר א גאסט, דאָך זינגט זי וועגן די:

„גלילער בערג מיט הויבן ראָזלעכע אויף קעפּ
פון זונפאַרגאנג — ביי דעם כנרת ברעג.״

אין זיין ברייטערער ארבעט וועגן יידישן סטיל, ברענגט דער עסייאיסט ד״ר ש. ביקל א קורצע און קלאָרע פאָרמולירונג:

„סטיל גופא ווערט געבוירן נאָר דאָרט און נאָר דעמאָלט ווען הינטער אים שטייט א שעפערישע שרייבערישע פערזענלעכקייט״.

די דאָזיקע פאָרמולירונג איז ווי אָנגעמאָסטן אויף דער דיכטערין רחל קאָרן, וועלכע איז א שעפעריש-שרייבערישע פערזענלעכקייט און האָט אין דער יידישער ליטעראַטור איר אייגענעם סטיל און איר אייגן שעפעריש וואָרט:

„... — און ס׳איז מיין וואָרט א זיווג,
דער זיווג, וואָס פארבינדט מיך מיט דער מינדסטער שיין.״

דערביי אויך איז איר שעפעריש וואָרט אָנגעזאפּט מיט דער געלייטערטער חכמה פון א רייכן לעבנס-נסיון:

„און כ׳בין איצט קליגער און באשיידענער, מיין מאמע;
גלייך כ׳וואָלט דעם גאנצן הארבסט אין זיך אריינגענומען
און דורך דעם בלעטערפאַל פון מיינע מידע טעג
זיך איינגעהאָרכט אין לייד, וואָס דארף צו מיר נאָך קומען.״

★

דאָס קינסטלערישע שאפן פון רחל קאָרן טיילט זיך איין אין דריי תקופות:

היים, היימלאָזיקייט און די, וועלכע זי באַצייכנט מיטן נאָמען „פון יענער זייט ליד".

אין דער ערשטער תקופה „היים", איז רחל קאָרן, ווי א סך יידישע שרייבער פון איר דור, געקומען אין דער ליטעראַטור מיטן טיפן גלויבן אין דער פאַר־בונדנקייט פונעם יידישן גורל מיטן גורל פון דער ליידנדיקער מענטשהייט. און אָט די געמיינזאַמקייט פון גורלות איז אַזוי געקניפּט און געבונדן, אַז מען קען זיי ניט צעשיידן און אָפּזונדערן איינע פון די אַנדערע.

דער יידישער שרייבער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דער וועלטס ווייען און באהבה גענומען אויף זיינע צאַרטע פּלייצעס די שווערע לאַסט פון דער וועלט, טראַגנדיק אין זיין האַרצן ליבשאַפט און גוטסקייט צו דעם ניט יידישן אָרום. אפילו די פינצטערע טורמע־ווענט האָבן זיין גלויבן ניט געבראָכן.

דער דאָזיקער גלויבן האָט אויך צעגליט רחל קאָרנס דיכטערישע וויזיע און געצונדן איר סאָציאַלן באַוואוסטזיין. זי ווייטיקט אויס אין איר שאַפן דעם טיפן צער, דעם עלנט און דעם שווערן געמיט פונעם פּשוטן מענטש, דעם יחיד, וואָס ראַנגלט זיך מיטן האַסטיקן לעבנס־שטראָם.

„און אירע צוויי העגט זיינען וועסלעס,
וואָס רודערן איר לעבן דורך דער פייכטער פאַרע פון די טונקעלע קיכן."

מיט א שאַרפן בליק דרינגט רחל קאָרן אריין אין דער פויערישער סביבה, צווישן וועלכער זי לעבט אין איר יוגנט. די דאָזיקע סביבה איז אָנגעלאָדן מיט בייזקייט און ביטערניש, ווייל: „דאָס ברויט איז ביטער פון דער וויקע", און אויך דאָס ברויט איז ניטאָ צו דער זעט. ווי פון א ברונעם אַרויס שעפּט זי דעם צער וואָס ציטערט אין איר האַרץ ביז ווייטיק:

„און ס'איז אַרויס דער אַלטער פון דער שטוב,
אוועקגעשאַרט דעם שנײ פון אונטער שוועל
מיט ריסקאַלעס פון די געשוואָלענע פיס,
אויף וועלכע ס'האָבן בלאָע אָדערן די רויטע הויט געהויבן
ווי רעגנווערים די צעווייקטע ערד."

דאָס זעלבע אויך פילט זי ווען זי זעט דעם אויסגייענדיקן פויערים־יינגל, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים מיט כּוח געוואַלט אַרויסרייסן פון דער בידנער פויערישער דאָליע און געהאָפט אים אויסבילדן פאַר א גלח, — „די האָפענונג וועלכע האָט געיאָגט מיט טעג פון קעלט און הונגער."

„און איצט איז שוין צו שפּעט.
עס ליגן אויף דער גראָער דעק די אויסגע'צערטע הענט,
ווי געלע, חשוונדיקע בלעטער,
און די ליפּן זענען שוין פאַרזיגלט מיטן רויטן, הייסן ליאַק פון פיבער."

די ביטערניש וואָס הערשט אין דער סביבה, קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אינעם ליד „די טאָכטער", — די דינסט, וואָס קומט צוריק צום טאַטן אין דאָרף און ברענגט אים אַ מתנה — איר שוואַנגערדיק בויך:

„האָט די טאָכטער איינגעגנירעט אין די אַקסלען איר פאַרשעמטן קאָפּ
און די אויגן האָבן בעטנדיק געלעקט דעם פאָטערס הענט,
ווי אַ צוויג בשעת מען נעמט צום טרענקען אירע קליינע,
און נאָר די פּלייצע האָט זיך אויפגעשטעלט הכנעהדיק אַנטקעגן שווערע קלעפּ,

ווי אַ דאַנק אַנטקעגן שטרוימענדיקן רעגן:
— אפשר וועט דער גראָבער רימען מאַכן שלום? —
נאָר ס'שפּאַרט זי צו וואָס נענטער, נענטער צו דער טיר
דעם פאָטערס האַרטער שריט
און ס'וואַרפט איר נאָך, אַריבער שוועל, זיין האַרטע האַנט
דאָס טלומעקל פון שטאָט
מיט קלייד, מיט שאַל, מיט שיך."

רחל קאָרן איז אָבער, קודם כּל, אַ יידישע דיכטערין און די היימישע יידישע סביבה איז איר אייגן, נאָענט און איינגעבאַקן אין האַרצן. אויך דאָ איז דאָס ברויט ניט זיס און ביטאָ צו דער זעט, אָבער די יידישע סביבה טראָגט אין זיך מער אויס־דויער, מער בטחון, מער אליהו־הנביאדיקע געמיטלעכקייט:

„אַ ביסל שפּעטער, מיט דער נאַכט צוגלייך
באַגלייט אַ ייד,
וואָס גייט מיט קוויבערס און מיט זעקלעך
איבער די טרויעריקע, שניי פאַרזייעטע דערפער.
עקשנותדיק אַריינגעקוקט אין יידס פאַרטרערטע אויגן
אונטער דעם גרויסן, שוואַרצן פוטערהיטל,
און דווקא אין דעם דאָרפסגייער געוואָלט דערקענען אליהו־הנביא."

אויך אין דער יידישער סביבה גייט אָן דער טאָג־טעגלעכער שווערער געראַנגל פאַרן שטיקל ברויט:

„און כ'על מיר נישט לאָזן צונעמען פון אים דאָס שטיקל ברויט.
און פון זיינע ווערטער ווערט נאָך קלענער ס'דאַרע, קליינע ווייב:
כ'האָב ניט געזאָגט, אַז ליבערשט זאָל דאָס מיידל זיצן ביזן גראָען צאָפּ?
ער האָט מיר דאָך ביים פּריץ אויסגעקויפט דאָס קעלבל."

אָבער אין דער יידישער סביבה נעסטעט די האָפנונג:

„און געטראָגן מיט זיך די הפקרדיקע האָפנונג,
אַז אפשר ערגעץ אַנדערש איז וואָלוולער דאָס ברויט
און לייכטער צו פאַרדינען."

כמעט אויף אלע אירע לידער פון דער תקופה ליגט אויסגעגאָסן א שטילער אומעט און א טרויער וואָס דעקט צו אלץ ווי מיט א טונקעלן צודעק, וואָס פאסט זיך גאָרניט פארן געמיט פון א יונגער פּאָעטישער נשמה: — צי איז עס ניט געווען דאָס טיפע אומבאוואוסטזיניקע אנען וועגן דאָס אָנקומענדיקע?:

„ווי ס'וואָלט א מאמע דריקן צו דער ברוסט דאָס גוססדיקע קינד
און זיך ביים טויט געבעטן:
— „נאָך צוויי מינוט, נאָך איין מינוט, — א רגע...״

יאָ, שוין דעמאָלט ווען דאָס לעבן האָט נאָך געטראָגן אין זיך „די האָפנונג פון צעבוואליעט — געלע טייכן תבואה״, האָט רחל קאָרן מיט איר שאַרפער אינ-טואיציע, פונקט אזוי ווי אן איידעלער סייסמאָגראַף, דערשפּירט דעם צאפּל פון דער ערד; דערשפּירט דעם ציטער פון דער וועלט פארן אָנקום פון א בלוטיקן מבול. וואָס וועט פארפלייצן די ערד פון איר היים און ס'וועט אפילו ניט סטאַיען „אויף א קבר פאר די, וואָס זענען אויף דיין שוים געבוירן...״

אין „אָ, ערד״, א שטארק און וויזיאָנעריש ליד, געווידמעט י. אַפּאַטאָשו, אויסגעציטערט אין יאנואר 1939, ניין חדשים פארן מבול, ווענדט זיך רחל קאָרן צו איר היימישער ערד:

„אָ, ערד, כ'האָב קיינמאָל נישט געוואוסט, אז כ'בין ביי דיר א פרעמדע,
געקומען בלויז צו גאסט אויף פופצן, צוואנציק דורות,
ווען כ'בין געוואקסן מיט דיינע פרילינגען און זומערס,
מיט דיין וואלד, מיט דיין תבואה און אלע דיינע פּירות.

מיין זיידע האָט דיך געקאָרטשעוועט מיט זיינע ברייטע הענט, —
געריסן ביימער — פניאקעס און שווערע גראָע שטיינער,
ביז ס'איז געבליבן א ליכטיק גרינער ווינקל
מיט בלאָעם טייכל-אויג אין מיטן ווענט פון ביימער.״

און נאָך דעם ווי זי רעכנט אויס דעם דורותדיקן בונד אירן מיט דער ערד, קומט די אנונג פון דער שרעקלעכער דערוואַרטונג:

„אָ, ערד, אז איך וועל מוזן גיין פון דיר אָן קלייד, אָן שוך, אָן דאַך,
דאַן וועלן זיך א הייב טון, וועלן מיטגיין אלע מיינע קברים,
און דו וועסט מיט לעכער ליידיקע, ווי אויגן אויסגערונענע,
שטאַרן צום הימל לויטערן און בלאָעם.

אָ, ערד, אז איך וועל מוזן גיין פון דיר אין גלות,
וועט דורכלויפן א ריס דורך דיין און מיין איעדן גליד,
און ס'וועלן בלוטיקן צוגלייך, אָ, ערד, מיין הייס-געליבטע ערד,
דו און איך און מיין ליד.״

דאָס ליד „אָ, ערד", קען פאַררעכנט ווערן ווי א קער-פונקט אין רחל קאָרנס גלויבן, וואָס ווערט בלויז צעריסן און צעטראָטן אויף איר הייס-געליבטער ערד. ס'איז דאָס אויפוואכן פונעם טיפן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אירן, וואָס ווערט נאָך מער געגערט און געקרעפטיקט אין די יאָרן „ווען ס'האָט די מערדער-האַנט דאָס לעבעדיקע לייב געשונדן און געברענט."

✶

ס'האָט דער יידישער גורל אזוי געוואָלט, אז רחל קאָרן זאָל דורכמאַכן אַלע גלגולים פון איר דור „וואָגלען טויזנטער מיילן איבער טרייסטלאָזער ערד", און פונעם נע-ונדיקן וועג ארויסקומען א ניט געבראָכענע אין איר גייסט און מיט קוואַליקער שעפערישקייט פאַרייכן אין אונדזער ליטעראַטור די „היימלאָזיקייט-תקופה" מיט נייע לידער:

„און כ'זאָל ווערן מיט יעדן ליד, ווי דו מיין גאָט,
מיט יעדן נייעם פרילינג, נייגעבוירן."

אין די לידער פון דער תקופה, געשריבענע אין די יאָרן 1947—1941, ברענגט רחל קאָרן ארויס די איבערלעבונגען פונעם יידישן מענטש, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטע מדברדיקע מקומות, געוואַנדערט אויף ערד, וואָס שמעקט „מיט שימל און קבר", געוואָרט אז שפּעטער אָדער פריער:

„וועל איך אריינפאַלן אין דיר, / אין דיין נאַקעטער אָפענער טיף,
ווי דאָס בלאַט פון טרויריקייט געל / און פון איינזאַמקייט מיד."

און דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ האָט געפיבערט מיט דער בענקשאַפט צו היים:

„צי קען עס זיין, אז ערגעצוואו וואַרט נאָך אַן אַלטע מאַמע
מיט אַן עקשנותדיקער זיכערקייט פון שעה צו שעה
און ביי די וועג-ראַנדן פאַרטרוימטע שטייען ליפּעס
דאָרט וואו די ערד איז אזוי פּשוט שוואַרץ,
וואו ס'איז דער הימל אזוי פּשוט, אזוי קינדיש בלאָ!"

וואַנדערנדיק אינעם מדבר ווייסט אָבער רחל קאָרן, אז זי איז דאָרט ניט עלנט; אז אין איר לעבט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק; און יעדער איינער פון די, ווי זי פאַרוואָגלטע, איז דער טרעגער פונעם נצח ישראל:

„כ'בין דאָ — און הינטער מיר מיין ברענענדיקע וועלט.
כ'האָב דאָ אהער געבראַכט די שטובן און די קברים
פון שטעט און שטעטאלעך, וואו ס'האָט געוואוינט מיין פאָלק;
די קינדער וויגאלעך, די שולן און די ספרים".

דאָרט אינעם מדבר, רייפט דער געדאַנק, אז פונקט אזוי ווי מיט טויזנטער

יאָרן צוריק, אין אַן אנדער מדבר, האָט זיך צו משה׳ן אַנטפּלעקט דאָס הייליקע געטלעכע וואָרט, וואָס האָט געבוירן די יידישע נאַציע, און געגעבן דער וועלט די מאָראַלישע יסודות פון איר קיום, אַזוי אויך באַגלייט איר, אַ קינד פונעם זעלבן פאָלק, אינעם מדבר דאָס הייליקע וואָרט:

„מיט פלאַקערדיקן דאָרן גייט דאָ אויף מיין וואָרט,
און וועט זיך בענען גאָט, — איז מיט פאַרהילטן פּנים
און באָרוועס,
ווייל געהייליקט איז דער אָרט״.

מדבר פערגאַנאַ 1943-44.

דאָס איז דיכטערישע וויזיע, נאַציאָנאַלער פּאַטאָס און גייסטיקע דערהויבנקייט וואָס דריקט אויס דעם אייביקן יידישן וועלט-באַנעם.

אין די יאָרן פון היימלאָזיקייט איז רחל קאָרן, פאַר דער צייט, דורך לייד און צער אַזוי צייטיק געוואָרן, —

„אַז אפילו גאָט אַליין / קען זיך אַנפאַרטרויען מיין האַנט;
איך וועל אים זיכער ברענגען אַהין, אין יענעם לאַנד״.

און ווי אַ רייף-צייטיקער מענטש, וואָס קען אַן שרעק אַריינבליקן דעם גורל אין פּנים אַריין, מיט גאָט ביי דער האַנט, לאָזט זי זיך אין **„יענעם לאַנד״**, אין לאַנד פון חורבן און פאַרוויסטונג, צו איר מאַמען, איר מאַן, איר ברודער און איר שטאָם:

„פון אַלע רייזעס צו דעם גליק, קער איך זיך אום צוריק
צום סאַמע טיפסטן, לעצטן אור-זין פונעם לייד״.

דאָרט, אויף דער בלוטיקער ערד, ווען זי זעט איר ברודערס **„ביידע הענט צום הימל אויפגעהויבן״**, פּלייצט אַרויס פון די טיפסטע קעמערלעך פון איר האַרץ אַ קדיש, וואָס ווירקט מיט דער טיפקייט פון איר ווייטיק און גרויסקייט פון דער ליבע צום ברודער, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט ווי אַ דעמב אין דער היימישער ערד.

שורה נאָך שורה לעבט רחל קאָרן צוריק אויף יענע גליקלעכע טעג מיטן ברודער צוזאַמען, ווען, —

„ס׳האָט אָפּגעגליקט דער תּמוזדיקער וואָך —
עס האָבן טעג, ווי שנורן גילדענע געבינדן
די תּבואה צייטיקע אין פּולע, שווערע גאַרבן
און זיי אויפגעשטעלט אַנטקעגן ווינט, דעם לינדן״.

ביז ס׳האָט, —

„...זיך אויפגעריסן, ווי אַ לעצטער שריי —

וועץ ס׳האָט די שאַרפע לאַפּאַטע אין אַט די דלאָניעס צווויי
געשניטן פּלאַסטן ערד, ווי פּריליגג צום פּאַרזיי —
פּאַר זיי, נאָך לעבעדיקע, מוטער, ווייב און זון — די קברים דריי״.

צי קען דען זיין א מער אויפטרייסלענדיקער ווי־געשריי פון א צעוואונדיקט מענטשלעך האַרץ, ווי די דאָזיקע פיר שורהלעך, וועלכע גיבן פּלאַסטיש איבער דעם אימהדיקן קאָנטראַסט פון אידילישע טעג „ווי שנורן גילדענע געבונדן״, ביז קברים דריי פאַר „מוטער, ווייב און זון?״

און דערפאַר ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אזא איידעלע און צאַרטע דיכטערין ווי רחל קאָרן, וואָס פאַלט אריין אין התפּעלות, ווען, —

„אויף סטרונע גילדענער / פון פליענדיקער בין
שפּילט דער פרימאָרגן / זיין צאַרטע קלינגענדיקע מעלאָדי״.

ברענט מיט פלאַמיקן דורשט נאָך נקמה און איר ליד ווערט אָנגעזאַפּט מיט גאַליקן צאָרן:

„אָ, שטראָף מיך, מיין האַר, מיטן גרויזאַמסטן וואָרט,
מיט קלאָרן געוויסן, מיט אכזריות פון בליק
און מיט פעסטקייט פון האַנט, ס׳זאָל ווייכן דער ציטער,
ווען ס׳וועלן די פינגער פאַרציען דעם שטריק״.

און צו די וואָס פריידיקן מחילה און פאַרגעבונג אין נאָמען פון דערבאַרעמדיקן גאָט, ווענדט זי זיך צאָרנדיק:

„צי קען נאָך ציטערן די האַנט, צי קען נאָך זיין דער בליק
געבענטשט מיט רחמים? — אויב דו קענסט עס, גאָט,
טאָ גיי און גיב באַשייד די אַלע אונטער דר׳ערד,
איך אָבער, מוז דער שופט זיין אָן רחמים און אָן גנאָד״.

נאָך יאָרן היימלאָזיקייט, ווען דער גוף איז שוין מיד פון וואַנדערן אויף די „גראָע וועגן״; ווען דער טרויער נאָגט אָן אויפהער און דער צווייפל הויבט אָן צו פרעסן דאָס האַרץ, — ווער ווייסט וואָס ס׳איז איר נאָך אַלץ באַשערט, ווענדט זיך רחל קאָרן צו גאָט:

„גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסט זיך אָנפאַרטרויט מיין וואָרט,
ווי די זריעה פייכטער, חשוונדיקער ערד —
ס׳האָט איר האַרץ געעפנט אונדז די זעלבע שעה
און ס׳איז אונדז דער זעלבער שווערער וועג באַשערט.

ס׳איז שוין ערב באַכט און ס׳איז אינמיטן טרויער,
ווער זשע וועט אונדז קומען אין דער פרעמד אנטקעגן?

אפשר בלויז א שטערן, ווי א טרער, א שטילע
פאלן וועט און לייכטן אויף די גראָע וועגן".

וואָס נאָך מער דארף א וואנדערנדיקע דיכטערין אויף איר וועג, ווי א פאלנדיקן שטערן, שטיל און ריין ווי א טרער?

✶

„פון יענער זייט ליד" איז די תקופה פון טיילן זיך דורך ליד מיט נסיון, מיט געלייטערטער חכמה און וויסן, וואָס זי האָט, ווי א בין דעם האָניק, ארייג־געזויגן אין זיך אין לויף פון די יאָרן. ס'איז א מין סך־הכל פון טעג אָפּגע־שוואומענע מיט ליד. אין פון יענער זייט ליד, רופט די מאמע, ווי אמאָל אין די קינדער־יאָרן: „גענוג זיך געשפּילט שוין, דו זעסט נישט? ס'איז נאכט".

רחל קאָרן ווייסט שוין פון איר נסיון, אז, —

„דאָס וואָרט איז בלויז א שטילע שפּור,
די שפּור נאָך טעותן וואָס אָדערן זיך איין".

און זי ווייסט אויך, אז, —

„... צוליב דער קארגשאפט פונעם הארץ,
ווען עמעץ ווארט אומזיסט אויף בליק, אויף וואָרט, אויף קלאנג,
בלייבט מען שטיין ביי דעם ראנד פון דער אייגענער נאכט,
ווי אין מיטן פון זומער א ליידיקע זאנג".

די לידער פון דער תקופה צייכענען זיך אויס מיט דער טיפקייט פונעם געדאנק. רחל קאָרן באטראכט דאָס לעבן מיט א פילאָזאָפישן בליק. דאָס לעבן פירט דאָך „צו יענער גרענעץ, וואָס מען קען בלויז איין מאָל איבערגיין". אָבער, ס'איז ניטאָ קיין ברירה; דאָס לעבן מוז מען אָנהאלטן —

„אויף בייער מי, אויף נייע שטרויכלונגען,
אויף זינד און אויף פארגעבן".

אין „פון יענער זייט ליד" איז רחל קאָרן אָפּטמאָל מיט זיך אליין. א פארשטעלטע „הינטער גארדינען פון נאכט" בליקט זי ארײן אינזיכיק, צעדריבלט די אייגענע נשמה ביז צו שפּירן דעם ווייטיק, ביז צו פארבלייבן אליין מיטן אייגענעם שאָטן, וואָס „שפּינוועבט ארום די נאקעטע ווענט".

פאראן טעג אָנגעפולטע מיט פרישע יסורים ווען אפילו די נעכטנס ווערן פארמעקט און פארווישט. דאָס אייגענע איז אויך ווען זי ליגט אין שפּיטאָל נאָך אן אָפּעראציע, ווען, —

„די שעהן צעאָדערט מיט אוממאכט און פּיין,
הענגען, ווי בלעטער פארפרי אָפּגעדארט,

אין דעם אומעטיק-ווייסן שפּיטאַלישן רוים —
פון יענער זייט שוועל עמעץ וואַרט.

ס'איז פאַרמעקט און פאַרווישט צו די נעכטנס די שפּור,
נאָר די איצטיקע רגע, ווי א פּרוכט, צייטיק-פול,
שווערט אראָפּ צו דער ערד מיט דער רויטקייט פון ווונד,
גייט אויס מיט א זיפץ אין דער ערד".

אָבער די פּילצאָליקע נעכטנס לאָזן זיך ניט פאַרגעסן, אפילו ווען די שווער פאַרוואונדעטע וועלט האָט שוין ארומגעלעקט אירע אייגענע וואונדן, און דאָס לעבן הויבט אָן צו ווערן אזוי ענלעך צו יענע ווייטע נעכטנס, — איז דאָס נאָר א חלום; געהיימע סטעזשקעס אינעם הארץ פירן נאָך אלץ צו די נעכטנס:

„סטעזשקעס, שמאָלע סטעזשקעס צעאָדערן דעם חלום,
יעדע סטעזשקע פירט צו היים פון לייד און טרויער —"

זוכט רחל קאָרן א שותף צו די מחשבות וואָס מאַטערן; א שותף וואָס זאָל איר העלפן ארויס פונעם פלאָנטער, צו טראָגן דעם שווערן יאָך פון לעבן ביז צו יענעם טאָג, ווען —

„... ס'וועט א בוים מיט וואָרצלען אויסגעשפּרייטע זוכן
אין וואַרעמקייט פון ערד מיין איינגעשטילט געוויין".

און זי געפינט אים אין דער געשטאַלט פון איובן.

אויך איוב, דער מענטש מיטן כאַראַקטער פון א פעלדז, איז געשטאַנען פאַר ענלעכע נסיונות וואָס יעדער איינער אין אונדזער דור. דורך אלע פּורעניותן האָט זיך זיין גלויבן ניט געבראָכן. און ווען זיין שכר איז געקומען מיט אן איבערפּולטער מאָס, און ס'איז דאָ א גרונט צו פרייען זיך, טענהט זיך איוב אויס מיט גאָט:

„ווי קען איך פרייען זיך!
איך, וואָס כ'בין רייפער איצט מיט דריי און זיבן גסיסות,
און כ'האָב אין בלוט מיינעם באַגראָבן טויטן צען, צען מיתות?
איך האָב שוין אלץ באַוויינט, וואָס איז נאָר ווערט א טרער,
איצט קען איך שוין נישט וויינען און נישט לאַכן מער".

איובס פעלדזן שטאַרקער גלויבן קראַכט און ברעכט זיך איין גראָד דעמאָלט ווען עס קומט דער שכר:

„איך בין געוועזן גאַנץ און פול אין פרייד פון מיינע טעג;
איך בין געוועזן גאַנץ נאָך אין מיין פּיין און צער;
נאָר איצט בין איך געשפּאָלטן, ווי א קרוג פון ליים,
ווייל כ'זע נישט מער קיין זין אין רצון דיינעם, האר".

אינעם ליד **„אין חודש פון די פאַלנדיקע בלעטער"** („צוקונפט", נאָוועמבער 1964), צער'ט רחל קאָרן אויס דעם גורל פון א פאַלנדיקן שטערן:

„ס׳האָט זיך געריפּט די לופט מיט תפילה און מיט טרערן,
ווען ס׳איז געזונקען און עס האָט געשוועבט
צו א פרעמדער, אומבאקאנטער ערד
אן איינזאמער, א נע־ונדער שטערן״.

און אפשר געפינען מיר דאָ א רמז אויפן גורל פון דער דיכטערין גופא, — דער איינזאמער נע־ונדער שטערן, וואָס איז נאָך יאָרן היימלאָזיקייט געזונקען צו א פרעמדער אומבאקאנטער ערד?

וואָס קען דען זיין נאטירלעכערער המשך פאר דער דיכטערין פון „היים און היימלאָזיקייט״, פארן סך־הכל אירן פון לעבנס־נסיון, וואָס געפינט זיך „פון יענער זייט ליד״, ווי דאָס קומען כאָטש ווי א גאסט צום לאנד „ווי פון תנ״ך ארויס״, וואָס, —

„ביסט שוין געווען אין מיין בלוט נאָך ערב מיין געבוירן,
האָסט זיך געצייטיקט מיט מיין פאָטערס דאַווענדיקן ניגון
און געפרילינגט צווישן בלעטער פון מיין מאמעס תחינה,
וואָס פלעג מיין אומרו קינדישן פארשטילן און פארוויגן״.

אויך אינעם לאנד „ווי פון תנ״ך ארויס״ געפינט זי דעם מדבר. אָבער ווי אנדערש איז דאָס פילן דעם מדבר דאָ, אין פארגלייך מיט די מדבריות וואָס אירע מידע פיס האָבן דורכגעוואנדערט:

„איצט שטיי איך ווי אמאָל אין מדברס פיבערנדיקער גלוט
איינזאם ווי זי, פון נע־ונד און וואנדער־וועגן מיד,
נאָר כ׳פיל ווי ס׳פליסט אריין איר בענקשאפט אין מיין בלוט.

צום ערשטן יונגן גראָז, וואָס וועט מיט גרינער שווערד
שפאלטן איר רויטע, רויע, נאקעטיקע ערד,
ווי ס׳שניידט זיך אין מיין הארץ אריין דער אָנהייב פון א ליד״.

✶

רחל קאָרן האָט אין דער יידישער דיכטונג אריינגעבראכט דעם גוטן אראָמאט פון בליענדיקער ערד, פון דער גאָט־געבענטשטער נאטור. די לידער אירע פון דער „היים־תקופה״ זיינען עקסטאטישע נאטור־הימנען און דער מענטש איז ביי איר אויך א טייל פון דער נאטור, ווי דער בוים, דאָס גראָז, דער פייגל און די חיה:

„ווי די פארזעסענע מיידלעך, שטייען איבערצייטיק פולע לאנעס
און ווארטן אויף די זינגענדיקע מחותנים,
וואָס זענען נאָך נישט געקומען, —
אויפגעהאלטן מיט די שלאבאנעס פון כמארנע רעגן־טעג״.

אפילו דער טראַדיציאָנעלער יידישער שבת אין איר דאָרפישער היים, איז ביי איר אומצעטיילבאַר פאַרבונדן מיט דער נאַטור:

„און שרה, רבקה, לאה, רחל, קומען פון דער תחינה
„גוט שבת" ביטן אין זייַן ליבנס נאָמען —
דעם סאַד, דער תבואה, און די לאָנקעס גרינע".

אינעם ליד „**פאַסטעך אין געבערג**" זינגט זי אַזוי:

„צוגלייך מיט די כראָמטשענדיקע קי
טון מעלה-גירהן זייַנע אויגן
די זון, דעם הימל און דעם וואַלד,
און בלעטערן די גרינע ביימער,
ווי דינע זייַטלעך פון אַ בוך —
ביז ס'גיט זיך מיטאַמאָל אַ גאָס
איבער די טונקעלע ווענט פון שטאַל
אַ ווייסער וואַסער-פאַל
פון שאָף
וואָס זוכט דעם פאַסטעכס פייפל-רוף".

אויך אין דער „**פון יענער זייט ליד-תקופה**" געפינט רחל קאָרן אַ וועלט מיט ביימער און פייגל, בערג און טייכן, פרילינגס און ווינטערס, אָבער, —

„... אַלץ אַזוי אויסטערליש פרעמד:
דער הימל אין מערב לאָזט דער נאַכט זיך אַנטקעגן
אין אַ פאַרבלוטיקטן העמד".

רחל קאָרן איז אָן ספק אויך איינע פון די מייסטערינס פון דער יידישער שפּראַך. איר גאַליצישער יידיש איז קערנדיק-פאָלקסטימלעך, באַטעמט און בילדעריש:

„דער בייכיקער קאַמאָד שפּאַרט זיך אָן אָן דאַרע ריפּן פון די בעטן.
ס'מרוזשעט פאַר דעם זוניק-ווייסן טאָג
דאָס איינציקע, פאַרגעלטע אויג — דער שפּיגל.
אויף אַ סטאַרטשענדיקן פוס פון באַנק
באָמבלט זיך אַ סאַמעטענער תפילין-זאַק,
און ווי נאַקעטיקע קינדער אויף אַ פּראָסט
שטייען די פוקסיעס אין אַ קויש מיט בולבעס
און בלוטיקן מיט ווונדן אָפענע פון זייערע בליטן".

אַדער אַזאַ, ממש שאַגאַליש, בילד:

„די הינער שיטן פון דער שטייג ס'דערשראָקענע קוד-קו-דאַקען,

און אויף דער סאמע שפּיץ פון טעפּ פאַרזשאַווערטע און נישט צעשפּאָלטענע פּגיאַקעס

וויגט א וויג א ליידיקע דעם פּראַסטיק-קאַלטן טאָג".

✶

מען וואָלט אוודאי באַדאַרפט, כאָטש אין געציילטע שורות, דערמאָנען דאָ רחל קאָרנס דערציילונגען און עסייען, אָבער דאָס איז א גאַנץ באַזונדערע טעמע, לאָזן מיר עס אויף א צווייטער געלעגנהייט.

לאָמיר ווינטשן רחל קאָרן נאָך א סך לאַנגע, געזונטע און שעפעריש-פריידיקע יאָרן, און זאָל מקויים ווערן איר וואונטש:

„ס'קען זיין, כ'וועל דערהערן
ווי ס'זינגען די לאַנג שוין פאַרלאָשענע שטערן
און ווי ס'ווערן טרוימען צייטיק אין דער שטיל,
טאָ זאָל אָנגיין ווייטער דאָס דאָזיקע שפּיל".

געלייענט דעם 28.2.66 אויף אן אָוונט פאַר רחל קאָרן אין חיפה.

לוי פּאַפּיערניקאָוו

בלאָנדזשענדע נשמות

אין א פריען מאי-טאָג וואָס האָט לוסטיק געשפּאַנט מיט א יונגער צעבליטער גרינקייט אונטער אַן אויסגעשפּרייטן בלוילעכן הימל, האָט יעזשי סטאָלאַרסקי מיט זיין פרוי און קינדער פאַרלאָזט די שיף „ישראל" אין חיפהער פּאָרט.

ווי דער פרימאָרגן, איז אויך ליכטיק און פריידיק געווען אין יעזשי׳ס האַרץ...

— ענדלעך!... האָט יעזשי אויסגערופן צו זיין פרוי און קינדער, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אויף די טרעפּ פון שיף ווען ער האָט געשטעלט דעם ערשטן טראָט אויפן ישראלדיקן באָדן.

אוועקגעשטעלט נעבן זיך דעם האַנט-באַגאַזש, וואָס יעדער איינער פון זיי, און אפילוביידע קינדער, האָבן מיט זיך געטראָגן, זיינען מאַן און פרוי געבליבן א ווײַלע שטיין ניט דעצידירט, ווי פאַרחלומט... יעזשי סטאָלאַרסקי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַלץ אַרום — די פּאָרט-אַרבעטער, די צאָל-באַאַמטע, די פון דער זון פאַנטאַסטיש צעפאַרבטע ים-כוואַליעלעך און די הייזער פון דער שטאָט חיפה וועלכע קלעטערן אויפן הר הכרמל, באַגריסן און פאַרבעטן זיי מיט א ליבלעכן שמייכל... אויפן אָרט פונעם ניט קלאָרן אומרו פאַרן נייעם און ניט באַוואוסטן, וואָס האָט אים באַהערשט אויפן גאַנצן וועג אַהער, האָט געגומען אין אים נעסטן א ליכטיקע האָפנונג.

פאַרלאָזט דעם פּאָרט אין א ספּעציעלן אויטאָבוס וואָס האָט געפירט די נייע עולים צו זייער צוגעטיילטן וואוינונגס-אָרט, האָבן מאַן און פרוי זיך פאַרקוקט דורך די אָפענע פענצטער צו דער לעבהאַפטער גאַסן-באַוועגונג און ביידע האָבן זיך פאַרטראַכט כמעט וועגן אייגעם און דעם זעלבן. „כמעט", ווייל אין דער צייט וואָס ביי יעזשי סטאָלאַרסקין איז אויפגעשוואומען דער געדאַנק „איצט וועט מען זען וואָס אונדזערע יידן קענען", איז עס ביי זיין פרוי יאַדוויגאַ געווען — „איצט וועט מען זען וואָס ,זיי', די יידן, זיינען פעאיק צו שאַפן אויף זייער אייגענעם באָדן, אין זייער אייגענעם פאָטערלאַנד".

יאַדוויגאַ סטאָלאַרסקאַ האָט געקענט די יידן אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל ס׳איז זיי מעגלעך געווען צו דערקענען אויפן מאַרק-פּלאַץ און אויף די שוועלן פון זייערע קליטן אין דער קרייז-שטאָט ניט ווייט פון איר דאָרף. זי פלעגט פון מאָל צו מאָל קומען אַהין מיט אירע עלטערן, פאַרמעגלעכע פּויערים, אין די

מארק און ירידים-טעג, און אויך שפעטער, ווען זי האָט אָנגעהייבן גיין אין דער אָרטיקער מיטלשול.

באַקענט האָבן זיך יעזשי און יאַדוויגאַ קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה ביי ניט געוויינלעכע אומשטענדן:

יעזשי, אַ זון פון אַ וואַרשעווער ייד, אַ מעקלער, וואָס פלעגט ציען זיין פרנסה פון זיצן יום ולילה מיט אַן אָנגעשפיצט אויער אין איינע פון די „קאַוויאַר-ניעס" אין דער אומגעבונג פון „אייזערנעם טויער" און אויפכאַפּן ווער עס קויפט און ווער עס פאַרקויפט..., האָט געאַרבעט אַלס האַנדלס-אַגענט און גערופן זיך צו יענער צייט יאַקוב פיינגאָלד. ער איז דורך זיינע פריינד, דעם באַנק-באַאַמטן יורעק גאָטליב און זיין פרוי ראָזאַליאַ, וועלכע האָט שטודירט פילאָזאָפיע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, פאַרבעטן געוואָרן צו פאַרברענגען מיט זיי עטלעכע טעג אינעם דאָרף לאָבזאַ, ניט ווייט פון דער שטאָט וואו יורעקס עלטערן האָבן אַמאָל געוואוינט, וואו זיי האָבן אָפּגעדונגען אויף איבער די זומער-פּעריען אַ גרויסן צימער ביי אַן איינגעפונדעטע פּויערשע פאַמיליע.

אין איינעם פון די לעצטע אָוונטן, וועלכע יעזשי האָט פאַרבראַכט ביי זיינע פריינד אינעם דאָרף לאָבזאַ, בעת דער אַלטער פּויער און די פּויערטע האָבן זיך ניט געפונען אין דאָרף, האָט זיך פּלוצים פון אַ דערבייאיקן צימער דערהערט אַ געבראַזג פון צעשלאָגענע שויבן און אַ רופן פון אַ פרויען-שטים: „לודזשע, ראַטויטשע!!!" (מענטשן ראַטעוועט).

געמיינט אַז עס ברענט, איז יעזשי מיט זיינע פריינד אַרויס אין דרויסן, און אָנשטאָט אַ פייער, האָבן זיי דערזען ווי אַ הויכער, שטאָטיש-געקליידעטער, קריסט האַלט פאַר די האָר די טאָכטער פון די באַלעבאַטים, די בלאָנדע יאַדוויגאַ, שלאָגט זי מכות-רצח און שרייט מיט אַ הייזעריק שיכורן קול: „אָט האָסטו דיר דו ק...!! אַ ווייב אַנטלויפט ניט פונעם מאַן!!

יעזשי איז צוגעשפרונגען צום שיכורן שלעגער און גענומען אים אָפּרייסן פון דער יונגער פרוי. ער האָט באַקומען און אויך דערלאַנגט פעסטע קלעפּ. ס'זיינען אָנגעלאָפן אַרומיקע שכנים און דער שלעגער האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן איבערלאָזנדיק אויפן אָרט אַ שפּיצרוט...

אַ צעשלאָגענע, מיט וואונדן אויפן פּנים אוןביידע אָרעמס, איז די יונגע פרוי אַריינגענומען געוואָרן אין צימער צו יעזשיס פריינד. די יונגע פרוי פונעם באַנק-באַאַמטן האָט אָפּגעוואַשן די וואונדן אירע און געלייגט קאָמפּרעסן אויף די צעקלאַפּטע ערטער.

זיך לסוף באַרואיקט, נאָך אַ לענגערן שטילן שלוכצן, האָט די בלאָנדע יאַדוויגאַ זיך געווענדעט צו איר רעטער: „כ'קען אייך נאָר פון די עטלעכע טעג וואָס איר האָט דאָ פאַרבראַכט ביי אייערע פריינד; כ'גלויב און בין אפילו איבערצייגט,

אז ביי אייך יידן איז ניט מעגלעך אזא זאך ווי איר האָט עס דאָ היינט געזען... ביי אונדז, ספּעציעל אויפן דאָרף, איז עס ניט קיין זעלטנהייט... איך וויל אים מער ניט קענען! כ׳וועל מיט אים ניט וואוינען! כ׳האָב געענדיקט די גימנאזיע... זיך באקענט מיט אים אין מאגיסטראט (שטאָט-ראט); וואוהין מיינע עלטערן פלעגן מיך פון צייט צו צייט שיקן וועגן פארשיידענע ענינים. ר׳האָט דאָרט געארבעט אלס באאמטער און איז עלטער פון מיר מיט צען יאָר. כ׳האָב עס גראָד געהאלטן פאר א מעלה. געטראכט: א מענטש מיט מער דערפארונג, ניט קיין מיאוסער, ר׳וועט מיר זיין ווי א טאטע, א באשיצער... און דאָ, קורץ נאָך דער חתונה, האָב איך פאר זיך געהאט א שיכור און א קאָרטן-שפּילער, א לעבן אָן א מאָרגן און... קלעפּ..."

— 2 —

ס׳זיינען בלויז פארביי ארום א דריי חדשים זינט יענער פּאסירונג, ווי דער גורל האָט יעזשין ווידער צוזאמענגעפירט מיט יאדוויגאן, און דאָס מאָל אונטער גאנץ אנדערע אומשטענדן. אויך איצט, בעת דער אומגעריכטער באגעגעניש, האָט זיך יעזשי געפונען אין דער געזעלשאפט פון זיינע פריינד די גאָטליבס, אָבער דאָסמאָל האָט זיך עס מער ניט געהאנדלט וועגן פארברענגען צוזאמען מיט זיי אויף „דאטשע", — זיי זיינען צוזאמען געלאָפן פון ווארשע, נאָך דעם ווי די היטלעריסטישע מאָרד-ארמיי האָט פארנומען די שטאָט. די אומגעריכטע באַ-געגעניש מיט יאדוויגאן איז געשען אינעם גרויסן מענטשן-געדראנג פון אנטלאָפענע אויף איינער פון די ביאליסטאָקער גאסן; ווי זיי, האָט אויך יאדוויגא געטראָגן אויף אירע פּלייצעס א גרויסן אָנגעשטופּטן רוקזאק.

דערזען פאר זיך פּלוצים די גאָטליבס און יעזשין, האָט זי א פּאטש געטאָן מיטביידע הענט און שוין ווי אן אלטע פריינדין זיך ארומגעכאפּט מיט זיי און זיך צעקושט. נאָך איידער יענע, דערשטוינטע, האָבן באוויזן צו פרעגן ווי אזוי זי קומט דאָ אהער, האָט יאדוויגא אויסגערופן: „אויב אזוי... גיי איך טאקי מיט אייך צוזאמען קיין רוסלאנד! כ׳האָב געמוזט אוועק פונעם דאָרף. די דייטשן האָבן מיך פארפאָלגט. דאָס האָט „ער" מיך פארמסרט פאר זיי. ר׳האָט גלייך פונעם ערשטן טאָג אייגגעשטימט זיי צו דינען... ס׳האָבן זיך אָבער געפונען מענטשן וואָס האָבן אים אומשעדלעך געמאכט... — איצט בין איך פריי!...

— — — — — — — — — —

אין ראטנפארבאנד האָבן יעזשי און יאדוויגא נאָך א געוויסער צייט דורכ-געמאכט די רעגיסטראציע אין „זאגס" און זיינען אָפיציעל געוואָרן מאן און ווייב. אויך דאָרט האָבן ביידע יונגע פּאָרפעלקער, די גאָטליבס און די פייגנגאָלדס, זיך געהאלטן די גאנצע צייט צוזאמען, געוואוינט אויף איין אָרט, אין דער זעלבער געביידע, און געארבעט אין דעם זעלבן קאָמבינאט.

אין יענער צייט האָבןביידע פריינד, יורעק אין יעזשי, ווי דער גרויסער רוב פון דער באפעלקערונג, געמוזט אונטערהאנדלען כדי אדורכצושטופן די טעג... נאָר יעזשי האָט זיך דערמיט פארנומען אין א ביסל א ברייטערער פאָרם... ס׳האָט אים אָפּגעגליקט... און ווען די מלחמה האָט זיך פארענדיקט, איז ער צוזאמען מיט זיין פרוי און די גאָטליבס, מיט דעם זעלבן עשאלאָן און אינעם זעלבן לאסט-וואגאָן, צוריק אָנגעקומען קיין פוילן. ביידע פאמיליעס האָבן שוין פארמאָגט צו צוויי קינדער, געבוירענע אין רוסלאנד.

יורעק און ראזאליא גאָטליב, האָבן נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן אין באפרייטן פוילן איינגעזען, אז נאָכן גרויסן יידישן חורבן וועלן זיי, מיט זייער ספּעציפיש יידישן אויסזען, אויך איצט ניט געפינען דאָ קיין רואיקע היים פאר זיך און די קינדער. זיי זיינען דעריבער געבליבן זיצן אין שטעטין, כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך ארויסכאפּן פון פוילן, מיטן ציל צו דערגרייכן קיין ארץ-ישראל.

יורעק גאָטליב האָט אויך געפּרוּוווט אויפקלערן און צורעדן יעזשין צו טאָן דאָס זעלבע: „כ׳בין זיכער, קענענדיק דיין פרוי אפשר בעסער ווי דו, אז זי וועט באשטיין דערויף״ — האָט ער אים צוגעגעבן קוראזש פאר זיין געדאנק.

יעזשי, איז געווען ווייט ניט נאָר פונעם ארץ-ישראל-געדאנק, נאָר אפילו פון יעדן פּראָבלעם וואָס האָט געהאט א וועלכע ס׳איז שייכות מיט יידן און יידישקייט — ניט געקוקט דערויף וואָס זיין טאטע און אפילו ער אליין, האָבן אמאָל זיך פארנומען מיט ספּעציפיש יידישע פרנסות. ער האָט ניט געטיילט דעם געפיל פון די גאָטליבס. ער האָט זיך באזעצט אין ווארשע מיט דער פולער זיכערקייט און איבערצייגונג, אז נאָר דאָ, אינעם נייעם פוילן קען ער צוריק אויפבויען זיין צעשטערטע היים און האָבן א זיכערן מאָרגן פאר זיך מיט זיין פרוי און קינדער.

די ערשטע זאך וואָס יעזשי האָט געטאָן כדי צו דערגרייכן צום דאָזיקן ציל, איז געווען דאָס ענדערן זיין פאמיליע נאָמען פיינגאָלד אויף סטאָלארסקי...

גאנצע זעקס יאָר האָט יעזשי געבויט זיין נייע היים אינעם באפרייטן פוילן און לסוף איינגעזען, אז זי שטייט אויף זאמד... — אין זיבעטן יאָר, האָבן זיינע פיס באטראָטן דעם רציף פון חיפהער פּאָרט.

— 3 —

גאנץ שנעל, אין געציילטע וואָכן, האָט יעזשי סטאָלארסקי מצליח געווען צו באקומען אן ארבעטס-אָרט. ווי אן אָנפאנגער, וואָס הייבט איצט אָן זיך איבערקוואליפיצירן, האָט ער ניט שלעכט פארדינט. ער האָט גענומען ביסלעכוויז זיך איינאָרדענען, איינוואָרצלען. דאָס האָט אָבער ניט אָנגעהאלטן לאנג, — נאָר

איין יאָר. ער האָט אין א געוויסן טאָג אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון בלייבן אן ארבעטער.

„ס׳איז ניט פאר מיר..., ס׳איז ניט פאר מיין כאראקטער... כ׳וועל ניט זיין קיין פאבריק-ארבעטער!" האָט יעזשי סטאָלארסקי זיצנדיק ביים עסן נאָכן ארבעטסטאָג, זיך צערעדט פאר זיין פרוי.

„וואָס זשע דען פאר אן ארבעטער ווילסטו זיין, יעזשי?" האָט יאדוויגא באטראכט איר מאן מיט א ניט פארשטייענדיקן בליק.

„כ׳וויל... כ׳וויל איבערהויפּט ניט זיין קיין ארבעטער! פּשוט, כ׳וויל עס ניט..."

„און פון וואָס וועלן מיר לעבן? פארוואָס האָבן אזוי פיל יידן געקענט זיך איבערקוואליפיצירן און אנהייבן פירן אן אנדערן לעבנס-שטייגער, נאָר בלויז דו, דו קענסט עס ניט באווייזן?..."

„ניט אלע דאָ, יאדוויגא, זיינען ארבעטער; ס׳איז א לאנד מיט לענדער גלייך, דארף עס אויך האָבן הענדלער, סוחרים. כ׳גלויב, כ׳בין זיכער, אז אויף דעם געביט וועל איך דאָ שנעלער, אָן שום צווייפל, צו עפּעס דערגרייכן!"

יאדוויגא האָט אן אומגעדולדיקן הייב געטאָן מיט די אקסלען און געזאָגט מיט פארדרוס:

„ווייסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, יעזשי... אויסערלעך האָסטו דאָך ניט קיין יידישע צורה, אָבער אינערלעך... אינערלעך ביסטו א טיפּישער ייד..."

„אזוי גאָר! רעדסט דאָך צו מיר ווי אן אנטיסעמיטקע, מיין ווייב..." זיינען אויף יעזשיס עטוואָס פולן רונדן פּנים ארויסגעקומען רויטע פלעקן.

„פארשטייסט אליין אז דו האָסט איצט געזאָגט א נארעשקייט. כ׳האָב געמיינט די יידן פון פאר דער מלחמה, פון דאָרט וואו כ׳בין געגאנגען אין דער גימנאזיע און זיינען שוין מער ניטאָ. דאָרט איז דערויף געווען א סיבה... אָבער דאָ... מוזטו ניט טאָן דאָס זעלבע וואָס דיין טאטע האָט געטאָן..."

„דו לערן מיך ניט קיין מאָראל, יאדוויגא. זיך גענוג אָנגעליטן די אלע יאָרן. כ׳פארזיכער דיר אז כ׳בין ניט קיין קלענערער פאטריאָט ווי די אלע אנדערע דאָ!"

— 4 —

יעזשי סטאָלארסקי האָט ביסלעכווייז געגומען פארווירקלעכן זיין באשלוס. אין א געוויסן טאָג, נאָך דעם ווי יאדוויגא איז אוועק ארבעטן אויף עטלעכע שעה אין טאָג, האָט ער געזעגנט די פאבריק און אָנגעהויבן זיך מתעסק זיין מיט מסחר.

ווען ער האָט געהאט אין באזיץ עטוואָס געלט, א ביסל צירונג און ווער-טפולע חפצים וואָס ער האָט געטראכט צו פארקויפן, האָט ער שוין מיט צוויי חדשים פריער פארן פארלאָזן די פאבריק אָנגעהויבן באזוכן יעדן טאָג נאָך דער ארבעט די ליליענבלום גאס אין תל-אביב. דאָרט האָט ער אָפּגעפונען א קאפע-הויז, און ענלעכע צו דער פון ווארשע, אין וועלכער זיין פאָטער האָט א לעבן-לאנג פארבראכט און געצויגן פון דאָרט זיין חיונה.

אויפגעכאפט מיט נאָז און אויערן אין אָט דעם קאפע-הויז, מיט וואָס יידן, אָן צו האָבן פיר ווענט אויף א שטיקל קראָם האנדלען, און האָט זיך אָנגעטראָפן דאָרט מיט א יוגנט-פריינד, וועלכער איז ווי ער אמאָל, געווען א האנדלס-אגענט אין פוילן, האָט יעזשי, אין שותפות מיט יענעם, אָנגעהויבן מסחרן.

נאָך א צוויי-דריי חדשים פון טשערעפּאכע-טריט, האָבן יעזשיס מסחרים גע-נומען גיין ניט שלעכט. אויף אזוי וווייט ניט שלעכט, אז אין אָן אָוונט, סך הכל א האלב יאָר נאָכן פארלאָזן די פאבריק, האָט ער מיט א שמייכל אויף זיין אויסראזירטן, איצט פולן, געזיכט פלוצים זיך געווענדט צו זיין פרוי מיט אן אויסגעצויגענעם פלעגמאטישן טאָן:

„הערסט, יאַדזשא, מאָרגן... ווערסטו שוין מער ניט גיין צו דיין ארבעט. הערסט, שוין מאָרגן...״

„וואָס איז אזעלכעס געשן, הא?״ האָט יאדוויגא ברייט אויפגעריסן די אויגן.

„אז כ׳זאָג דיר, אז כ׳דאַרף עס שוין מער ניט, מעגסטו מיר גלויבן...״ האָט זיך זיין שמייכל אראָפּגעגליטשט צו די פולע ליפן, און ער האָט אויף איר אָנגעשטעלט דעם לינקן פארזשמורעטן אויג...

„דו ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, טייערע, האָט ער נאָך א ווײַלע באטראכטן זי מיטן פארזשמורעטן אויג געזאָגט, — אז ס׳וועט ווייטער אזוי גיין, וועלן מיר נאָך קורצע עטלעכע יאָר דערגרייכן, כ׳מיין איך אליין, אָן א שותף, צו א געשעפט אין צענטער שטאָט מיט א לאַנגער און ברייטער שילד וואָס וועט אין די אָוונטן, מיט אירע פארביקע ליכטער, ווינקען און רופן פון ווי ווייט...״

„זיך ווידער אין דיר צעשפּילט די פאנטאזיע, יעזשי? האָסט אפשר היינט אויסגעטרונקען?...״

„ניין, אָסור א טראָפּן...״

א גוט אויפגעלייגטע, האָט יאדוויגא זיך געווענדט צו איר מאַן מיט א לייכטן חוזק-שמייכל:

„זאָג מיר, יעזשי, צי טראכסטו אויף דיין גרויסער לויכטנדער שילד, אין דער ווייטער צוקונפט, ארויפצושטעלן די אויפשריפט „יעזשי סטאָלארסקי״.״

אדער דו וועסט לסוף זיך דעמאסקירן ? דא, אין ישראל, מעגסטו דאך זיך ווידער רופן פיינגאלד. זעסט, איך באהאלט דא ניט מיין נאמען... אבער א סך פון די מיט וועלכע איך ארבעט רופן מיך יוכבד. זיי זאגן, אז מיט מיינע דערגריי-כונגען אין עברית מעג מען מיך שוין אזוי רופן..."

„הערסט, מיין ווייב — האט זיך יעזשי מיטאמאל צעלאכט, — ביז איצט בין איך כמעט אלץ אויף מיין וועג בייגעקומען, נאר דאס איינע, אט די דאזיקע שפראך, ניט... שיין זע איך אויס, אז איך דארף איצט לערנען עברית פון מיין וויטשושן און סטעפעקן, וועלכע האבן קיינמאל אין זייער לעבן אפילו ניט געזען די צורה פון א יידישן אות און... אויך לערנען אונדזער היילִיקע שפראך ביי יאדוויגא קאלענדא פונעם דארף לאבזא...?"

— 5 —

ניט איינמאל פלעגט יעזשי מאכן א שטיקל חשבון הנפש און זיך פרעגן: „ווי אזוי האב איך עס געקענט אזוי בלאנדזשען... פארוואס האב איך ניט געהארכט מיינע פריינד די גאטליבס ? איך וואלט דאך שוין ביז היינט געהאט דערגרייכט ווער ווייסט ווי ווייט..."

אין אזעלכע מאמענטן פון פארטראכטונג, פלעגט ער אויך פרואוון אויס-צוגעפינען און תופס זיין דעם גרויסן איבערברוך וואס איז פארגעקומען אין דער געשיכטע פונעם יידנטום, צו וועלכן ער איז ביזן אהערקומען ניט נאר געווען גלייכגילטיק, נאר אפילו געפילט א געוויסן ווידערווילן...

נאך אזעלכע פארטראכטונגען זוכט יעזשי יעדעסמאל, ווי אן אויסקויפונג פון זיינע זינד, די געלעגנהייט צו דערציילן מיט פארדרוס און פארביטערונג, ווי אזוי זיינע קינדער דוביק און סמי, וואס האבן קיין שום אנונג ניט געהאט וועגן יידישקייט און זייער יידישע אנגעהעריקייט, פלעגן דורך די קריסטלעכע קינדער, אין דער שול און אינעם הייף וואו זיי האבן געוואוינט, ווערן באעוולט און באליידיקט און אז דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט אים און אפילו מיט איר, מיט יאדוויגאן, ווען זיי האבן געפרואווט אינטערוועגירן ביי די עלטערן פון די יונגע כוליגאנעס...

יעזשי איז אין זיינע מסחרים געשטיגן מיט לאנגזאמע אבער זיכערע טריט און געהאט גרויס נחת פון זיינע ביידע יינגלעך וואס האבן זיך גוט געלערנט און זיך שוין מיט גארניט אונטערשיידט פון די הי-געבוירענע קינדער. דאס לאנד האט אים מיט יעדן טאג אויסגעזען אלץ שענער און ער האט אפט זיך געטיילט מיט באקאנטע און אפילו מיט פרעמדע, מיט זיין באוואונדערונג פארן אומגלויב-לעכן וואס יידן האבן דא געשאפן מיט זייערע אייגענע הענט.

— 6 —

ערשט נאָכן אַפּזיין דריי יאָר אין לאַנד, האָבן יעזשי און יאַדוויגאַ — איצט יוכבד, וואָס האָבן זיך שוין גערופן זהבי, זיך דערוואוסט אַז זייערע אַלטע גוטע פריינד, יורעק און ראַזאַליאַ גאָטליב, געפינען זיך שוין איבער אַכט יאָר אין לאַנד און וואוינען ערגעץ אין אַ דאָרף. אַזוי ווי דאָס איז גראָד געווען זומער אין צייט פון די שול-פעריען, איז יעזשי געווען זיכער אַז דאָס געפינען זיי זיך, אויף זומער-וואוינונג און ער האָט אין אַ שפּאַסיקן טאָן געזאָגט צו זיין פרוי:

„זעסט, יאַדזשאַ, אָט האָסטו דיר אונדזער באַנק-באַאַמטן, וואָס איז שוין היינט אפשר אַ באַנק-דירעקטאָר. זינט ר'האָט פאַרזוכט אייער לאָבזאַ, האָט אים אָנגעשמעקט צו פּראָוון „דאַטשע" אין דאָרף.

דערגאַנגען דעם גענויען אַדרעס פון די גאָטליבס, זיינען די זהבים, מיט ביידע יינגלעך אין אַ געוויסן טאָג אַראָפּגעפאָרן מיט אַן אומגעריכטן באַזוך צו זייערע אַלטע פריינד.

אָנגעקומען אין דאָרף זיינען זיי אין אַ שעה, ווען אַלע דערוואַקסענע האָבן זיך געפונען אויפן פעלד אָדער ביי אַנדערע אַרבעטן און איבערן מושב האָט געשוועבט אַ געמיטלעכע שטילקייט.

פאַרמאַטערטע פון דער שטאַרקער היץ, האָבן זיי מיט מידע טריט געשפּאַנט פון הויז צו הויז און אויפן וועג זיך נאָכגעפרעגט ביי די אָנגעטראָפענע קינדער און ווייניקע עלטערע מענטשן, וואו מען קען דאָ געפינען יורעק און ראַזאַליאַ גאָטליב, וועלכע זיצן דאָ אויף „דאַטשע". אָבער קיינער פון די געפרעגטע האָט ניט געוואוסט פון קיין „דאַטשע" דאָ... און נאָך ווייניקער... וועגן אַזעלכע נעמען ווי „ראַזאַליאַ" און „יורעק"...

אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט צופעליק באַמערקט דורכן פענצטער, ווי צוויי ניט לויטן היגן „שניט" אויסגעפוצטע מענטשן, מיט צוויי יינגלעך, זוכן עפּעס איבערן מושב אין דער צייט „ווען די גאַנצע וועלט אַרבעט", איז זי אַרויס צו זיי און האָט נאָך אַ גענויערע חקירה ודרישה אויסגערופן:

„איר האָט דאָך גלייך געקענט זאָגן אַז איר זוכט ירוחמען מיט שושנהן! אָט גייט אַריין דאָרט, אין פערטן 'חצר' ,רעכטס".

צוגעקומען צום אָנגעוויזענעם אָרט, האָבן די זהבים דערזען פאַר זיך אַ גרויסן אַרומגעצוימטן הייף, פון וועלכן ס'האָט, צווישן דער געדיכטער גרינקייט פון פאַרשידענע פרוכט-ביימער, זיך געזען אַ ווייס הייזל מיט אַ רויטן שיפן דאָך. אויפגעזוכט דאָס איינגאַנג-טירל, האָבן זיי עס ניט דרייסט געעפנט און מיט שטילע טריט זיך געלאָזט גיין מיט אַ געפלאַסטערט שטייגערן וועגל אין דער ריכטונג צום הייזל.

מיטאמאָל האָט זיך דערהערט א רוגזה׳דיק בילן פון א הונט, באַגלייט מיט א געקלימפּער פון אן אייזערנער קייט.

„מי זה שם״! האָט זיך דערהערט א פּרוּוען־שטים פון דער לינקער זייט פונעם הייף, וואו הינטער סימעטריש צוגעשניטענע פיר־עקיקע בייטן מיט גרינס, האָט זיך געפונען א גרויסער הינערשטייג און פאַרשידענע קעמערלעך מיט שטעלעכלעך.

מאַן און ווייב האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געוואונדערט זייערע בליקן אין דער זייט פון וואַנען ס׳איז געקומען דער רוף, און האָבן דערזען ווי ס׳דערנענטערט זיך צו זיי אן עטוואָס דיקלעכע שאַטינע פרוי פון מיטעלער וואוקס, אין א ביז־צו־די־קני פאַרשאַרצט קליידל ארומגענומען מיט א קאָלירט שנור, און אויף אירע פיס א פּאָר שלעפשיך אויסגעשמירטע מיט קו־מיסט.

די פרוי, וואָס האָט אין איילעניש פאַרגעסן ארויסצולייגן פון דער האַנט דעם הייגאָפּל, איז געבליבן שטיין עטלעכע טריט פון די אומגעריכטע באַזוכער און מיט פרעגנדיקע אויגן באַטראַכט דעם מאַן מיט דער פרוי אין זייער ניט דאָאיקער הלבשה.

יעזשי און יאַדוויגא האָבן געלאָזט הענגען זייערע פאַרשנדיקע בליקן אויף דער ברייט־אַקסלדיקער פרוי, פון וועמענס קליידער ס׳האָט זיך געפילט דער ריח פון קו־שטאַל און באַטראַכט אירע רונדע, רויקע אויגן און פולע פעסטע ליפּן, וואָס בלויז דאָס איז זיי געווען זייער קענטלעך.

„אוי!... יאַדוויגא! יעזשי!״ האָט די פרוי פּלוצים געטאָן א הויכן שריי ארויס, אוועקגעוואָרפן דעם הייגאָפּל און זיי ארומגעכאַפּט ביי די אָרעמס:

„טייערע, ווי אָפט האָבן מיר פון אייך געטראַכט! ווי אין וואַסער אריין פאַרפאַלן געוואָרן!

„ראַזאַליא!! טאַש טי?! מוי באָזשע! (דאָס ביסטו?! מיין גאָט!), האָבן מאַן און פרוי, דערשטוינטע, אויסגערופן אין איין קול און געכאַפּט זיך קושן מיט איר.

„און דאָס זיינען אונדזערע ביידע ייִנגלעך״, האָבן יעזשי און יאַדוויגא צוגעשטופּט צו ראַזאַליאַן זייערע קינדער.

„באמת, גאַרניט באַמערקט פון גרויס צעטומלטקייט! אזוי גרויס ווי מיינע!״ האָט זי זיי געקושט און געדריקט צו זיך.

„מיר זיינען שוין דריי יאָר אין לאַנד און ערשט מיט א צוויי וואָכן צוריק זיך דערוואוסט אז דו וואוינסט אין א דאָרף. געמיינט אויף זומער־וואוינונג, אויף „דאַטשע״, און דאָ, נאַ דיר. וואָס פון דיר איז געוואָרן! האָט יעזשי אויסגערופן מיט באַדויער און באַטראַכט מיט פאַרבראַכענע הענט איר קליידונג, אירע דיקלעכע פאַרשמוצטע לידקעס און אירע ברייטע פאַרגרעבטע מענער־דלאָניעס...

שושנה, בײַ װעלכער דאָס געבלימטע קאַפּיטל האָט זיך װאױלעריש אַראָפּגעלאָזט אין א זײַט, האָט אָפּדעקנדיק אירע װײַסע געזונטע צײן שטיפעריש געענטפערט:

„יאָ, יעזשי, ס'איז א זומער-װאױנונג, א װינטער-װאױנונג און א װאױנונג אױף א גאנצן רונדן יאָר!..."

אנדערש װי איר מאַן, האָט יאַדװיגאַ רעאַגירט אױף דער גרױסער אומ-װאַנדלונג װאָס איז פאָרגעקומען מיט דער געװעזענער פילאָזאָפיע-סטודענטין פון װאַרשעװער אוניװערסיטעט. ארומגענומען ראַזאַליען און איר ארײַנגעלאכט אין די אױגן, האָט זי געזאָגט: „דו האָסט זיך גענומען, מײַן ליבע, צום זעלבן װאָס איך האָב געטאָן אין מײַן קינדהײט. כ'האַלט פון דיר! דו געהערסט צו די נײַע יידן... מײַנער, איז אומפאַרבעסערלעך..."

„קומט ארײַן! קומט ארײַן! איך װעל זיך ברענגען א ביסל אין אָרדענונג און איר װעט דערװײַל טרינקען א קאַלטן טרונק און זיך אָפּרוען. ירוחם — יורעק מײַן איך — דאַרף גלײַך אָנקומען װעלן מיר מיטאָקן צוזאַמען. ער איז צוגע-פאָרן אין א שכנותדיקן מושב אײַנהאַנדלען עטלעכע קעלבלעך. װעט דאָס זײַן פאַר אים א סורפּריז! אי װעט דאָס זײַן א סופּריז!" האָט שושנה עטלעכע מאָל אױסגערופן. פירנדיק די געסט אין הױז ארײַן.

עפּעס איבערגעכאַפּט און זיך א ביסל אָפּגערוט, האָבן די זהבים גענומען זיך ארומקוקן איבער דער מוסטערהאַפטער אָרדענונג און רײנקײט װאָס האָט געהערשט אין יעדן װינקעלע פון דער דרײַ-צימער-װאױנונג. באַטראַכט די אױסמעבלירונג: א בײַ-מאַשין, א קושעטע, ראַדיאָ און א געגלאָזטע שאַנק מיט אומצאָליקע רוקנס פון ביכער אין פּױליש, ייִדיש, רוסיש און העברעאיש.

מיט גרױס אינטערעס האָבן זײ דורך די אָפענע פענצטער באַטראַכט דעם גוט-געהאַלטענעם גאָרטן, דעם הײף, דעם גרױסן שטײַג מיט הינער און די דער-נעבנדיקע קעמערלעך און שטעלעכלעך.

יעזשי האָט געהײבן מיט די אַקסלען... יאַדװיגאַ איז געװען אַנטציקט!...

„װי קומט עס, — האָט זי שטיל געזאָגט צום מאַן, — אונדזערע פּױלישע דערפער מעגן זיך באַהאַלטן... זעסט אױף װאָס מענטשן זײַנען פעאיק!...

„װאָס װילסטו, יאַדזשאַ, דאָס עפּעלע פאַלט ניט װײַט פונעם בײמעלע..."

„װאָס הײסט?"

„זײַן טאַטע, האָט ער מיר אַמאָל דערצײלט, האָט ליב געהאַט אזעלכע זאַכן... און ער, זײַענדיק נאָך א ייִנגל, פלעגט אים דערין העלפן".

„און זי, ראַזאַליאַ?"

„זי איז דאָך א װײַב... און זי האָט דאָך טאַקי שטענדיק פילאָזאָפירט..."

„אַט דאָס זיינען מיינע צוויי ייִנגלעך!" האָט שושנה איבערגעריסן דעם קורצן דיאַלאָג פון אירע געסט בעת איר צוריקקערן זיך אין צימער, אָנווייזנדיק אויף דער וואַנט וואו ס׳איז געהאָנגען אן איינגערעמטע פאָטאָגראַפיע פון וועלכער ס׳האָבן מיט וואוילעריש-לאַכנדיקע אויגן אַראָפּגעקוקט צוויי חברה׳לייט מיט געקרויזלטע טשופּריִנעס און מיט אָפענע צעכראַסטעטע העמדלעך.

„דאָס זיינען זיי: דניאל און נתן. איר געדענקט דאָך זיי אוודאי — דאַניעלעק און נאַטאַנעק. פּיצלעך געווען, און איצט — גאַנצע בחורים! איינער האָט שוין געענדיקט דעם בית-ספר עממי. יונגע העלדלעך, אָבער זיי העלפן שוין א סך ארויס אין דער ווירטשאַפט. זיינען טאַקי מיטגעפאָרן מיט ירוחמען, ס׳הייסט מיט יורעקן".

שושנה האָט אויף א ווײַלע איבערגעבעטן אירע געסט און זיך געלאָזט גיין צו דער קיך, פון וואַנען ס׳האָט דורך דער געעפנטער טיר, זיך געשפּירט אין צימער אן אָנגענעמער ריח פון מילכוואַרג.

יעזשי׳ס נאָז-לעפלעך האָבן געגומען זיך לייכט באַוועגן... און... אַריינגעפאַלן אין א פאַרטראַכטקייט, איז זיין בליק געבליבן הענגען אויף די שווערבאַלאָדענע צווייגן פון א פרוכטבוים אנטקעגן דעם פענצטער.

פון זיין פאַרטראַכטקייט האָט אים ארויסגעריסן א מעקען פון קעלבלעך.

שושנה איז שנעל ארויס און נאָך עטלעכע מינוט זיך צוריקגעקערט, פירנדיק הינטער זיך ירוחמען, אויף וועמענס צעאַקערט אָפּגעברענט פּנים איז געווען אויסגעגאָסן א ברייט-צעלייגטער שמייכל און די לאַכנדיקע אויגן האָבן מיט נייגעריקייט געזוכט פאר זיך... הינטער אים זיינען מיט פאַרשעמטע בליקן נאָכגעגאַנגען זיינע צוויי ייִנגלעך: דניאל און נתן.

דאָס צימער איז מיט איינמאָל פול-געוואָרן מיט טומל פון פריידיקע באַגריסונגען.

זיך אָפּגעקושט, האָט יעזשי געטאָן א מעסט אָפּ ירוחמען פון קאָפּ ביז די פיס, באַטראַכט זיינע פויערישע אַראָפּגעלאָזטע בלאָנדע וואָנצעס, זיין אָפּגעברענט פּנים, דעם גרויסן „טעמבעל" אויפן קאָפּ, און דאָס העמדל איבער די הויזן... און ניט קענענדיק זיך באַהערשן פון דעם איינדרוק וואָס ירוחם האָט אויף אים געמאַכט, האָט ער מיט א הויך קייכן אָנגעוויזן יאַדוויגאַן אויף אים:

„יאַדזשאַ, יאַ ניע וויטשימאַם! יאַ וואַריִיען! (כ׳וועל עס ניט אויסהאַלטן! כ׳ווער משוגע!) — זע נאָר וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזער יורעקן!... זע נאָר די ענדערונג! דאָס איז, הייסט עס, דער באַנק-באַאַמטער יורעק גאָטליב! דער פּעדאַנט מיט די לאַנגע ווייסע דאַמען-הענטלעך, ביי וועמען די גאָלדענע שפּילקע מיטן פּערעלע, האָט שטענדיק געמוזט שטעקן געניי אין דער מיט פונעם זיידענעם קראַוואַט... ווי איז מיר! כ׳בין דאָך געווען מער ווי זיכער, אז דו ביסט שוין אין ישראל ווייניקסטנס א באַנק-דירעקטאָר!..."

„נאָר נישט אָפּלאכן פון מיר, יעזשי, האָט ירוחם א חברישן קלאַפּ-געטאָן זיין פריינד איבער דער פּלייצע, — און נישט באדויער מיין פרוי, ווי כ׳האָב עס געהערט... ווען אזא לעבן און טאקי אויף אייגענער ערד, האָב איך געטראַכט נאָך דעמאָלט, ווען כ׳האָב געטראָגן דעם זיידענעם קראוואט מיט דער גאָלדענער שפּילקע... כ׳מיין, אז ווען דו וואָלסט געדענקט מיינעם א שמועס וואָס כ׳האָב אמאָל געהאט מיט דיר וועגן אָט דער פראגע, וואָלסטו זיך ווייניקער אזוי געוואונדערט אויף מיר. מיט דעם געדאנק און מיט אָט דעם ציל, בין איך אהערגעקומען! אמת איז, אז כ׳האָב מיר פאָרגעשטעלט די גאנצע זאך א סך, א סך פּשוטער און לייכטער ווי די ווירקלעכקייט האָט עס נאָכדעם געוויזן... אָבער, ווי דו ווייסט, איז אויך מיין שושנה א גרויסער עקשן... האָבן מיר געזאָגט „אלף״, וועלן מיר אויך זאָגן „תו״, — האָט זי איינגעשטימט מיט מיר. איצט, ווען ס׳וואקסן אונדז אונטער צוויי בנים, פיר הענטלעך, וועט עס ווערן לייכטער... יאָ, יעזשי, וועגן זיך האָב איך דיר שוין געזאָגט און דו זעסט עס... איצט, ווי איז עס ביי אייך? ווי האָסטו זיך איינגעאָרדנט מיט דיין ווייב און קינדער? וואָס טוסטו? צו וואָס צילסטו?...״

יאדוויגא האָט אנגעשטעלט אן אָפּווארטנדיקן בליק אויף איר מאַן.

פאַרהייבן עטוואָס דעם קאָפּ צום סופיט, און פויקנדיק לייכט מיט זיינע דיקלעכע קלאָרע פינגער איבערן טיש, האָט יעזשי נאָך א ווײַלע פון געמאַכטער פארטראַכטונג, געענטפערט:

„כ׳פארנעם זיך מיט מסחר... מיין ציל איז... אז איך און מיין פרוי און קינדער זאָלן ניט דארפן שווער ארבעטן...״

יאדוויגא האָט זיך געגרייט פאַראויסלויפן ירוחמען מיט אן ענטפער, געוואָלט איצט עפּעס זאָגן אויפן אדרעס פון איר מאַן, דאָסמאָל עפּעס מער שאַרפערס... נאָר א געקלימפּער פון אוועקגעשטעלטן טיש-געשיר און א פריילעך רופן פון שושנהן: „די שמועסן אויף שפּעטער ירוחם! איצט דארף מען עסן! אונדזערע געסט זיינען הונגעריק״, האָבן יאדוויגאַ׳ן געשטערט און זי איז געבליבן זיצן מיט אן, אין דער העלפט-געעפנט מויל...

דער מיטאָג, איז לכבוד די געסט געפּראַוועט-געוואָרן מיט א ספּעציעלער פייערלעכקייט און מיט ספּעציעלע געשמאַקע „פארבייסעכצער״ און „נאָכבייסעכצער״. מיט א ווינטשן „צום געזונט״ און „אויף שמחות״, האָבן זיך געהייבן געשליפענע גלעזלעך מיט גאָלדיק-פאַרביקן קאָניאַק.

— — — — — — — — — —

עטלעכע טעג האָבן די זהביס פארבראַכט ביי זייערע פריינד. פאַר דער צייט, זיינען די קינדער פון ביידע משפּחות געוואָרן אויף אזוי ווייט צוגעבונדן איינער צום צווייטן, אז יעזשי און יאדוויגא האָבן, בלית ברירה, געמוזט איבערלאָזן ביידע ייִנגלעך אויף נאָך אכט טעג, ביזן אָנהייב פון נייעם שול-יאָר.

— 7 —

יעזשי זהביס געשעפטן זיינען ווייטער, און שוין ניט אזוי פּאַמעלעך, געשטיגן. געשטיגן איז אויך זיין ליבע און אָנערקענונג פאַר אַלץ אין ישראל. ער האָט שוין אפילו געטראַכט צו דעמאָנסטרירן אויף א ווירקזאַמען אופן די ליבע צום לאַנד, זיין נייער היים, און ווידמען די פרייע צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער, צי גאָר פּאָליטישער טעטיקייט. ער האָט נאָך אָבער ניט געהאַט באַשלאָסן, צו וועמען, ס'איז וויכטיקער זיך אָנצושליסן...

אומגעריכט, נאָך איידער ס'איז צושטאַנד-געקומען יעזשיס באַשלוס וועגן אַט דער פראַגע, ביים סוף פונעם פערטן יאָר פון זיין באַזעצן זיך אין לאַנד, איז — ניט אָפּהענגיק פון אים — עפּעס געשען, וואָס ניט געקוקט אויף זיין סוחרישער „סמעקאַלקע", האָט ניט נאָר זיין פּאַראויסגיין זיך אָפּגעשטעלט, נאָר מיט א סך א שנעלערן טעמפּאָ ווי ער איז אַרויף, האָט ער גענומען אַראָפּ-נידערן.

אין די ערשטע וואָכן פון אַט דער ניט-דערוואַרטעטער פּאַסירונג, האָט נאָך יעזשי, ווי ווייט מעגלעך, געפּרואווט עס צו פאַרהוילן פאַר יאַדוויגאַן, אַרויפגעצוואונגען אויף זיך א בלייכע האָפענונג — אפשר וועט זיך נאָך דאָס רעדל צוריקדרייען... אָבער מיט יעדן טאָג האָט זיך געענדערט די מראה פון זיין פּנים און ער האָט ניט געקענט מער אויסבאַהאַלטן זיין אינערלעכן צושטאַנד... ער האָט גענומען אַרומגיין ווי א געפאַנגענער טיגער אין א שטייג... מיט יעדן טאָג האָט איצט, אין זיינע שמועסן מיט פריינד און באַקאַנטע, זיך אַלץ מער געמערט דער „פּעך און שוועבל" פון זיין מויל געגן דער מדינה. דאָס לאַנד האָט אויפגעהערט צו הייסן „ישראל" און באַקומען דעם נאָמען „אזיע"... אַלץ איז דאָ מיט איינמאָל געוואָרן שטאַרק אַזיאַטיש, צוריק-געשטאַנען, ווילד און שלעכט: די טעכניק, די באַציאונג פון מענטש צו מענטש, די היגע קינדער — די „סאַברעס", עברית האָט גענומען גרילצן אין זיינע אויערן ווי א ווילדער כינעזיש... און דאָס יידיש, האָט אים דערמאָנט די אַמאָליקע „נאַלעווקעס" אין וואַרשע.

„ניטאָ די ,זאַכאָדניאַ קולטוראַ' (מערב-קולטור)", האָט זיך יעזשי מיטאַמאָל אַרומגעזען... און וועגן אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, ער האָט גאָר קיינמאָל ניט דערמאָנט אַזעלכעס!...

— 8 —

דער קריזיס, וואָס האָט ספּעציעל אַרומגעכאַפּט יעזשי זהביס מסחר, האָט נאָך א געוויסער צייט, ווען ס'האָט שוין געהאַלטן אַז ער זאָל אַרויס פון אים אינגאַנצן און אָפּגעזונקטער. א נאַקעטער, זיך אָפּגעשטעלט. ביסלעכווייז — שוין אָן דעם גלויבן און האָפענונג אין א „גרויסער ליכטנדער שילד איבער

זיין געשעפט אין צענטער פון דער שטאָט", — האָט יעזשי, ווי ווייט ס'איז מעגלעך געווען, געגומען צונויפסטריגעווען די געפּלאַצטע נעט אין זיין האנדל. די פרנסה איז שוין איצט מער ניט „געפּלאַטן", מען האָט זי געדאַרפט מיט כוח ארויסציען... — איז ער געוואָרן א שוועיגער, אן אומגעדולדיקער, און זיך ארומגעדרייט ווי אויף דער ראַמפּע ביים וואָקזאַל, וואַרטנדיק אויף א באן וואָס זאָל אים ערגעץ אוועקטראָגן...

יאַדוויגא, וואָס האָט גוט געקענט איר מאַן דורך-און-דורך, האָט גע-ליטנט די געדאַנקען וואָס האָבן געשוועבט אונטער זיין קאַפּ-שיידל. זי האָט זיך אָבער ווייניק-וואָס איבערגענומען מיט זיין „טראַגעדיע". ווי לאַנג זי האָט ביידע הענט, האָט זי אין זיך געהערט, האָט זי גאָרניט פאַרלוירן. ס'האָט זי ניט געשראָקן צו אָנהייבן צוריק ארבעטן. אויב אזוי פיל יידן באַווייזן עס!...

די קינדער, האָבן אָבער ניט געוואוסט וועגן זייער טאַטנס טראַכטענישן און צוגעקומען צו אים אין א געוויסן טאָג מיט פון פרייד פאַרפלאַמטע פּנימער מיט א „זעסט אבא, באַקומען פאַר חשבון 'מצוין', (אויסגעצייכנט) פאַר תנ"ך 'טוב', און פאַר עברית 'טוב מאוד'!" — האָט זיי באַגעגנט זיין זויער אומצופרידן פּנים און אן אומגעדולדיקע שטים: „לאָזט מיך היינט אָפּ מיט אָט דעם!... גייט צו דער מאַמען!..." און די יינגלעך האָבן זיך צוריקגע-צויגן מיט פלאַמענדיקע אויערן און אין די אויגן טרערן...

— 9 —

א דערהאַלטענער ענטפער פון בראַזיל אויף יעזשי'ס אן אָנפראַגע צו אן אַלטן פריינד, וואָס איז באַשטאַנען פון אן... „אויב איך האָב זיך געקענט ארויפאַרבעטן, וועסט דו, יעזשי, מיט דיין סוחרישער 'סמעקאַלקע' געוויס עס דערגרייכן..." האָט צוגעאיילט יעזשי זהביס באַשלוס און ער האָט גלייך, דערווייל אָן דעם וויסן פון זיין פרוי און קינדער, גענומען ביסלעכווייז מאַכן די נייטיקע צוגרייטונגען אויף צו פאַרלאָזן ישראל.

אין א געוויסן אָוונט, זייענדיק שוין גענוג ווייט אוואַנסירט אינעם ליקווידירן זיינע געשעפטן און מיטן דערליידיקן פון פאַרשידענע נייטיקע פאָרמאַליטעטן, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן זיין פרוי און קינדער א סורפּריז און אויפדעקן פאַר זיי דעם גרויסן סוד... ער האָט געזאָרגט דערפאַר, אז צו דער „פייערלעכער אנטפּלעקונג" זאָלן אין דעם אָוונט זיין אָנוועזנד עטלעכע פון זייערע דאָ דערוואָרבענע פריינד, אָפּטע ארייגגייער אויף א „טערטל-מערטל" אין זייער הויז. צווישן די דאָזיקע מענטשן האָט זיך אויך געפונען „הער פּערלמאַן", דער איינציקער וועלכער האָט געוואוסט וועגן יעזשיס געמאַכטע פאַרבאַרייטונגען און געטיילט אָן באַוואָרענישן אלע מיינונגען פון זיין פריינד בנוגע דעם „דאָזיקן לאַנד"... ווי ער פלעגט עס אָפּט באַצייכענען פאַר יאַדוויגאַן.

בײַ יאַדוויגאַן איז קײן נײַעס ניט געווען צו זען די דאַזיקע מענטשן בײַ זיך אין הויז און אויך ניט צו הערן דעם הער פּערלמאַנס מײַנונגען וועגן „דאָזיקן לאַנד". אָבער דאַסמאָל, ווען אָנשטאָט ווי שטענדיק אָנצוהײבן מיט די קאָרטן האָבן יעזשי און דער הער פּערלמאַן גלײַך אַרויפגענומען אויפן טיש „דאָס דאָזיקע לאַנד", האָט זי אינטואיטיוו געפילט אַז דאָס ווערט הײַנט געטאָן מיט עפּעס אַ ספּעציעלער כּוונה. האָט יאַדוויגאַ, אַן אויפגעבראַכטע ביז גאָר, זיך אָנגערופן צו איר מאַנס אַרויסהעלפער:

„וואָס העלפט איר אים מיט, הער פּערלמאַן, אין זײַן קרעכצן און קלאָגן אויפן לאַנד! ווער-ווער, נאָר איר דאַרפט עס ניט טאָן! כ'פאַרשטײ, ווען ס'טוען עס מענטשן וואָס ראַנגלען זיך פאַר זײער טעגלעכן ברויט, אָדער מער-ווייניק די, וואָס האָבן 'דאָרט' געמאַכט אַ בעסער לעבן. איך ווייס דאָך פון אײַער מויל, אין וואָס פאַר אַ 'רײַכטום' איר האָט דאָרט געלעבט. ס'איז מיר גוט באַקאַנט דאָס רײַכטום פון דער גרעסטער טײל יידן אין דער שטאָט, ניט ווײַט פון מײַן געבוירן-אָרט".

„ניטאָ זיך מער וואָס צו אַמפּערן וועגן דעם, פּרוי..." זײַנען דעם הער פּערלמאַן אַרויסגעקומען רויטע פלעקן אויפן פּנים, און ער האָט אַנטפּלעקט פאַר איר דעם גרויסן סוד...

כאָטש גרייט געווען אויף אַזאַ זאַך פון איר מאַן, האָט יאַדוויגאַ, אַן אויפגערעגטע, גענומען שרײַען:

„וואָס פאַר אַ פאַמיליענאָמען, יעזשי, טראַכטסטו איצט זיך אָנהענגען אין בראַזיל!... צי זײַנען דיר ווייניק: פײַנגאָלד, סטאָלאַרסקי און זהבי!... אַך, ווי בלענדנע דושע! (איר בלאָנדזשענדע נשמות!) — האָט איר שפּאָטיש, בײַסיקער בליק אָפּגעמאָסטן איר מאַן מיטן הער פּערלמאַן... — נײן! איך פאָר ניט!"

אײנעם שאַרפן ווערטער-אויסטויש וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן פרוי-און-מאַן, האָבן בײדע ניט געדענקט וועגן דער אָנוועזנהײט פון די קינדער אין צווייטן צימער וואו זיי האָבן געמאַכט זייערע שול-אויפגאַבן, נאָר פּלוצים, אומגעריכט פאַר אַלע, האָט זיך דערהערט אַ הויך פעסט רופן:

„אויך מיר פאָרן ניט! אין ערגעץ ניט! מיר בלײַבן דאָ!" — און בײדע ייִנגלעך, מיט פאַררויטלטע ערנסטע פּנימער, האָבן דעצידירטע זיך אוועקגעשטעלט נעבן זײער מוטער...



יהושע גראָסבאַרד: א הויז און א בוים
קאָלעקציע פון חיפהער שטאָטישן מוזייאום

נאטאן מארק (אבי אביר ציון)

דעם בעש״ט׳ס באשערטע

אינעם נעסט פון חכמה און וועלטלעכקייט,
וואו מען האָט געפאָרשט, געלערנט,
אין דער טיף און אין דער ברייט;
אין שאָטן פונעם רמב״ם און אריסטאָ,
אין א הויז פון טרוקענער גאונות
וואו מען זעט אין יעדער קלייניקייט עוונות,
וואו דאָס הארץ איז געווען א טפל לגבי׳ן קאָפ —
איז א מיידעלע געוואָקסן,
ווי סע וואקסט א בלום אין בלומענטאָפּ...

און ווען עס האָבן זיך א רוק געטאָן די יאָרן,
און דאָס מיידל איז א בוגרת געוואָרן,
און דער מלאך אכזריאל האָט געזען:
עס דראָט,
אז א הימלישער באפעל זאָל חלילה בטל ווערן...
האָט ער גענומען רשות פון דער פמליא,
און צום צווייטן מאָל,
מיט בליץ און דונער אויסגערופן
(זיין בת-קול זיך צעהילכט האָט אין אלע הימל-עקן):
„הא בהא תליא!
א זיווג פון נשמות,
פאָדערט אויך באהעפט פון גופן!
לויט א גזר מן השמים,
געחתמעט מיטן חותם די ביה מלכא בגלופין,
אז חנה בת-אפרים
איז לישראל בן אליעזר!״

★

האָט סרול דער בעלפער,
זיין געשניצטן שטעקן אין דער האנט גענומען;
און די פיס — ארייגעשטעקט אין שטיוול הייכע,
פון וועלכע די גראָבע פינגער האָבן זיך ארויסגעזען —

האָבן אים אפן וועג קיין בראָד געטראָגן.
איז געקומען אים אנטקעגן פערד-און-וואָגן.
בעט ער דעם בעל-עגלה אים ארויף צו נעמען.
— וואו אהין האָט איר בדעה?
— וואו אהין איר פאָרט.
— דאָך?
— איך ווייס ניט וואָס איך זאָל אייך זאָגן.
דעם בעל-עגלה׳ס מוח קען חקרנות ניט פארטראָגן,
האָט ער זיך אָף אים געטאָן א בייזער:
„יינגערמאן, איר האָט בכלל קיין ציל ניט?"
— ציל? נאראָנים בלויז גלויבן,
אז עס איז א ציל פאראנען
און זיי גייען אים אנטקעגן.
— תכשיט מיינער, איך פארשטיי ניט וואָס דו דבר׳סט!
מיר זאָלסטו ענטפערן אָף דעם וואָס איך פרעג:
וואו אהין איז איצט דיין וועג?
— ליבער ייד, עס זיינען ניט פאראנען קיין באשטימטע וועגן,
אלע וועגן זיינען ניט מער ווי געיעג
נאָך עולם-הזה׳דיקער תאווה;
און א חוץ — „רגלוהי דבר-נש,
לאתר דמתבעי תמן מובילין יתיה".
— עפעס רעדט ער תרגום-לשון!
ווער פארשטייט אים?
רעד, איך בעט דיך, עמך-לשון!
— איך וועל אייך פארטייטשן, פעטער;
דאָס איז גמרא:
„דאָרט אהין וואוהין דער מענטש דארף גיין,
פירן אים די פיס אליין".

דער בעל-עגלה בלייבט צעמישט א רגע,
גלאָצט די אויגן אָף דעם מאָדנעם אורח,
שטעלט זיך אָפּ מיט פערד-און-וואָגן,
וויל אים עפעס זאָגן —
מיט אמאָל צעוויינט ער זיך
און כאפט דעם אורח׳ס האנט צום קושן.
סרול כאפט די האנט צוריק און זאָגט בעניוות
(די אויגן שמייכלען ליכטיק ווי עקיבא׳ס
ווען זיין רחל האָט די לאָקן אים דערלאנגט):
— ר׳ ייד, אויב קושן,

דארף איך ניכער א י י ע ר האנט,
ווייל ראשית זייט איר עלטער,
שנית, דאָס וואָס א י ר טוט,
איז וויכטיקער פון דעם וואָס א י ך טו :
ווען ניט איר,
וואָלט איך געמוזט צופוס זיך שלעפּן.
א דאנק אייך
רו איך זיך אויס די ביינער,
זייט איר ניט נאָר מיט מיר גלייך,
נאָר העכער מיט א גאנצן קאָפּ.

דערהערט אזעלכע דיבורים, קיינמאָל ניט געהערטע,
האָט דער בעל-עגלה, מרדכי ליפּא׳ס, זיך געגעבן א צעזדראָכע,
מיט דער בייטש א טשוויאָכע,
מיט דער לייץ א צי און אויפן פערד א יעכץ,
טוענדיק א זינג דערביי ״אבינו מלך״,
אז דער פּאסאזשיר איז שיער פון וועגעלע ארויסגעפאלן.
פלוצים לאָזט ער אָפּ די לייצן,
דרייט זיך אויס און שטאמלט :
״ה-י-ס-ט עס אז א-זע-לע-כ-ע-ווי מרד-כי לי-פּא׳ס
האָ-בן אויך א ווערט!
— די גאָרע ערד געהערט דעם טאטן,
און אלץ וואָס אָף איר זיך געפינט —
אים ליב איז, ווי איעדן טאטן איז ליב זיין קינד״.

קיין בראָד געקומען, סוף-כל-סוף,
האָט זיך אונדזער אורח אָנגעפרעגט צום רב.
אברהם-גרשון קוטאָווער, דער גאון,
וואָס זיין מוח טיפער ווי דער ים איז,
האָט דעם אורח צוגענומען פאר א שמש.

האָט עניוות׳דיק דער שמש, סרול, באַדינט איעדן.
און נאָכדעם ווי דער עולם איז זיך צעגאנגען
און געבליבן זיינען בלויז יחידים
וואָס האָבן דעם חלל פון בית-מדרש אָנגעפילט
מיט דבקות און קבלה, מיט חריפות און גמרא —
האָט דער שמש זיך געלייגט דאָס קלימעקל צוקאָפּנס,
אָף א באנק זיך אויסגעשטרעקט
און מיט פּויערישן טיזליק צוגעדעקט.
האָט געזען דער עולם

אז דער שמש איז א שטילער און א וואוילער,
כאַטש אן עם-הארץ און א מאָדנער נפש —
ווערט פארשוואונדן אין פארטאָגן און פארנאכטן —
אָבער טוט זיין דינסט בשלמות.
הגם עס ווייסט ניט קיינער פון וואנט ער איז און ווער עס,
האָבן זיי אים מקרב געווען
און אָנגעהויבן פאר א תכלית טראכטן...

✶

אין א טאָג,
ווען סרול האָט ר׳ אברהם-גרשונ׳ען געהאָלפן
אָנצינדן די ראַזעוואָלקע
און דערלאַנגט דעם ציבעק — ליולקע
גיט צו אים דער רב א זאָג:
„ישראל, דארפסט שוין קלערן פאר א תכלית״.
אין דערזעלבער רגע, איז אריינגעקומען חנה׳לע —
דעם רב׳ס געלערנטע און שיינע שוועסטער —
צו וויסן טאָן, אז א שרה לאָזט אים רופן.
האָט דער רב אָנגעטאָן די נייע ווייסע זאָקן,
גענומען דעם שטעקן מיטן זילבער-הענטל און ארויס פון שטוב,
פארגעסנדיק אז ער האָט געלאָזט זיין שוועסטער
מיט א פרעמדן זכר.

ווען ישראל מיט חנה׳לען האָבן זיך אין שטוב אליין געפונען —
ויהי אור!
זוכט ער דעם מקור און זעט —
פון די אויגן חנה׳לעס עס שטראָמט א ליכט
ווי זיבן זונען...
הייבט ישראל אויף צו איר די אויגן
— נאָכדעם ווי ער האָט דאָס ליכט געמאָסטן און געוואויגן —
און פרעגט מיט ווייכן ערנסט:
„דו ביסט א דינסט דאָ, מיידל?״
האָט זיך חנה׳לע דערשראָקן, געטאָן א ציטער,
אי פאר דער השערה —
זי א דינסט-מויד? זי וואָס קען א בלאט גמרא! —
אי ניט ווייניקער פארן בלויזן ווענד:
„חס ושלום! איך א דינסט?!
איך בין דעם רב׳ס א שוועסטער״.
ישראל, איז ניט נתפעל געוואָרן פון דעם יחוס
און געשטעלט א צווייטע פראַגע:

„זאָג מיר, כ׳בעט דיך,
וואָסאר פסול אין דיינע אויגן,
איז א מיידל וואָס איז י אָ א דינסט?״
חנה האָט געשטאמלט,
כאָטש זי ווייסט און פילט עס איז א גרויסער חילוק,
נאָר געגנוי מיט וואָס, איז איר ניט קלאָר געווען.
איז ישראל איר צו הילף געקומען:

„הער, רב׳ס שוועסטער,
אלע מענטשן זיינען גלייכע זין דעם טאטנס,
סיי דער קלענסטער, סיי דער גרעסטער;
איז דורכדעם קיין חילוק,
פון א דינסט וואָס קען קיין צורת אות
און ארבעט ביז חצות
ביי וואשן וועש, צי רייבן בריקן,
ביז ארבעטער אין פעלד, אין וואלד, אין פאבריקן,
פון טרעגערס, און בעל-מלאכה׳ס —
ביז אן אָפגעהיטענעם,
וואָס איז מדקדק ניט פארפעלן יעדן טאָג די מאה ברכות,
און איז אין יחוס איינגעטונקען,
פונקט אזוי ווי עס וואָלט כלל קיין חטא געווען,
ווען א רב א גאון און א חכם-חרוץ,
זאָל משדך זיין זיך מיט אן עם-הארץ״.

„עפעס ווערט מיר אזוי ווארעם ווען איר רעדט,
ווי גלייך א מאמע גלעט איר קינד אין שויס.
ווערטער וועלכע דרינגען אויסן הארץ ארויס,
דרינגען אינעם הארץ אריין.
דאָס איז דאָך א גמרא״.
„אין גמרא איז עס ניט בנמצא,
עס איז, אמת, זייער א טיפער מאמר,
אָבער ניט אין דער גמרא.
און זאָלסט וויסן, — עיקר העיקרים איז ניט די גמרא;
וואָס ארום דעם בוים איז אלצדינג קאָרע,
אפילו תורה איז ניט מער ווי שוים,
„רחמנא לבא בעי״,
און דערצו קען יעדער מענטש זיין ראוי.
מ׳דארף ניט זיין קיין גאון, ניט קיין חכם,
עס איז איין מדרגה פארן בעל-מלאכה,
ווי פארן בן-מלכים״.

חנה האָט געעפנט מויל און אויערן,
און שטויגענדיק און שטאַמלענדיק
א שטילן פרעג געטאָן:
„ווי אזוי? איר קענט גמרא?
וואָס זשע זאָגט איעדער אז איר זייט אן עם-הארץ?"
„דאָס איז דערווייל א גרויסער סוד,
אנטפּלעקט ער וועט ערשט ווערן,
ווען פון אויבן כ'וועל א געבאָט דערהערן.
נאָר ווען דו פילסט א פארלאַנג
דעם פשר פונעם סוד צו וויסן,
קום מיט מיר, כ'וועל ווייזן דיר א טיר
וואָס פירט צום סודות-היכל;
סודות, וועלכע דיין ברודער מיט זיין שארפן שכל
האָט קיינמאָל ניט פארשטאַנען.
ד.ה. וועסט זיי פארשטיין.
ביסטו מסכים?"

חנה'לע איז א מאָמענט פארטראַכט געבליבן,
און הגם ניט פארשטאַנען וואָס זי הערט —
ניט לאַנג געקלערט:
„בין מסכים. אָבער,
וואָס זשע וועט מיין ברודער זאָגן?"
„פרעג דיין הארץ און ניט דיין ברודער".
„פרעגן וועל איך אויך מיין ברודער,
אָבער פאָלגן וועל דאָס הארץ".
„איז גוט. א ברכה אף דיין קאָפּ".
די ווערטער אויסגעקלונגען,
איז א שטראַל-סנאָפּ דורך דער טיר אריינגעדרונגען,
און זיי ביידע אין אן אַאורעאָלע איינגעהילט.
אין יענעם אויגנבליק,
האָט חנה'לע דערהערט מוזיק —
א פידעלע האָט א מצוה-טאַנץ געשפּילט...

★

חנה'לע איז צום ברודער געקומען,
און אים פירגעלייגט דעם ענין.
ער האָט זיינע אויערן ניט געגלויבט,
ער פרעגט זי איבער צי זי האָט גע'חלומט.
און זי ענטפערט מיט פארדרייטע ווערטער:

,,ניט געחלומט, אָבער יאָ מיין חלום —
ער איז מיין באשערטער״.
,,חצופה!״ זיך צעכעס׳ט האָט דער תלמיד-חכם
גלייך א שלאנג האָט אים געביסן.
,,אויב דו מיינסט עס ערנסט, זיי-זשע וויסן,
אז איך זאָג זיך אָפּ פון דיר, —
כ׳וועל דיך מער אלס שוועסטער ניט באטראכטן!
ווארפסט א שאנד, אויף דער משפחה!
ווי אזוי ביסטו געקומען אף אזא משונה׳דיקן רעיון?״
,,ניט דיין שרייען, ניט דיין דראָען
וועלן זיין אומשטאנד מיין חלום מיר אוועק צו רויבן!
איך בין טאקע שוועסטער פונעם בראָדער גאון,
אָבער ניט אין מוח — אינעם הארצן וואוינט דער גלויבן...״
,,ווער סע גיט זיין טאכטער פאר אן עם-הארץ,
גלייך ווי עד בינדט זי פאר א לייב!״
,,דער לייב איז קעניג,
און ישראל וועט דער קעניג פון מיין הארצן זיין״.
,,דו ביסט אראָפּ פון זינען!״
,,דאָרט וואו הערצער טרוימען, שפינען,
זאָגט קיין דעה ניט דער זינען...״

אברהם גרשון קוטאָווער, דער גאון,
זענדיק, ס׳העלפט קיין שרייען, קיין דראָען,
האָט דעם שפיץ פון באָרד אין מויל גענומען,
זיך איינגעבויגן און פארטיפט אין ספרים קדושים,
זוכנדיק א פתרון צו זיין שוועסטערס ,,חלום״,
ווי אזוי א מיידל פון גדולים,
וויל זיך מדבק זיין צו אן אורחי-פרחי.
זיך אויסגעגלייכט, ארייגעשטעקט די הענט אין ארבל פון כאלאט
און זיך געטרייסט על-כרחו:
,,ארבעים יום קודם יצירת הוולד...״

חנה׳לע געפונען האָט דעם פתרון.
און געפונען האָט זי אים
אף יעדן טראָט פון לאנגן וואנדער-וועג
דורך וואלד, און פעלד,
ביים זייט פון סרולן מיטן גראָבן שטעקן, פויערישן טיזליק,
אונטער וועלכן עס האָט געפינקלט
דער בלענדנדיקסטער פאלאץ פון דער גאָרער וועלט,
באצירט מיט תפילות,

פרייד, טענץ און געזאנג
וואָס זיינען אויף דער ברייט
פון זייער גאנצן לעבנס-גאנג
ווי בלומענטעפּיכער געווען אויסגעשפּרייט . . .

א. י. ראפאעל : שטאם פון אן איילבערט-בוים

יצחק ליכטנשטיין

דערמאָנונגען פון א וואנדערער

כ׳בלעטער פארשיידענע נאָטיץ-ביכלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין מיינע וואַליזן, דאַרף איך ניט זוכן קיין אנדער מאַטעריאַל, פון דעם אַליין וועט זיין גענוג אינטערעסאַנט ווען איך וועל ציטירן אביסל אויף א פשוטן שמועסדיקן אופן. אינטימער שמועס, אָן-און פאַר זיך, קען זיין א קרעאַטיווער ענין.

מיר איז אויסגעקומען צו באַהאַנדלען מיינע נסיעות אויף פאַרשיידענע אופנים: מאַלעריש, גראַפיש און שרייבעריש. אייגנטלעך איז ניט וויכטיק דער אופן, וויכטיק איז דער ענין; די נסיעה אַליין, אָן שום זייטיקע באַשריי-בונגען, קען ווערן א קונסטווערק.

ווען איך זאָל וועלן באַטראַכטן מיינע נסיעות פון פאַרשיידענע שטאַנד־פונקטן, וואָלט איך געדאַרפט באַהאַנדלען מער ווי א האַלבן יאָרהונדערט פון מיינע וואַנדערונגען, ווייל אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָך אין יאָר 1906, מיט מיין אַפּפאָר פון לאָדזש קיין קראָקע, וואו איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער דאָרטיקער קונסט-אַקאַדעמיע.

אין קראָקע האָב איך זיך באַפריינדעט מיטן קינסטלער שמואל הירשנבערג, ער האָט מיר דערציילט, אַז אין ירושלים איז געגרינדעט געוואָרן א קונסט-שולע מיטן נאָמען „בצלאל״ און אַז ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אהין אלס פּראָפעסאָר. האָב איך באַשלאָסן, אזוי גיך ווי מעגלעך, אריבערצוכאַפּן זיך קיין ירושלים.

אין 1908 בין איך שוין געווען א גאַסט אין ״בצלאל״, הירשנבערגן האָב איך דאָרט שוין ניט געפונען, — ער איז מיט א צייט צוריק געשטאָרבן.

פּראָפעסאָר באָריס שאַץ האָט מיך אויפגענומען ווי א גוט באַקאַנטן. כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז פּראָפעסאָר שאַץ האָט געהערט פון הירשנבערגן וועגן די צוועלף-דרייצן יידישע סטודענטן פון דער קראָקער קונסט-אַקאַדעמיע; ער האָט אויך געהערט וועגן דעם קליינעם יידישן סטודענטן-קרייז — „קולקאָ זשידאָווסקע״, וואָס איז אַנטשטאַנען ביי דעם אַלגעמיינעם סטודענטישן פאַר-איין „ספּויניא״. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז געווען פאַר מיר צו הערן, אַז הירשנבערג האָט אויך דערציילט שאַצן וועגן דער ווירקונג אויף די יידישע סטודענטן פון אברהם רייזען און משה טייטש, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין קראָקע. ביידע דיכטערס זיינען פאַקטיש געווען די אינספּיראַטאָרן פון דעם קליינעם יידישן סטודענטן קרייז, — זיי האָבן געלייענט פאַר אונדז פאַרשיידענע יידישע ווערק און האָבן דערציילט וועגן דער דעמאָלטיקער אויפגעבליטער

יידישער ליטעראטור, — דאָס איז געווען אקוראַט פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

פּראָפעסאָר שאַץ האָט מיך באהאנדלט ניט ווי א שילער פון „בצלאל", נאָר ווי א גאַסט פון אן אויסלענדישער קונסט-אינסטיטוציע; אַלע טירן פון „בצלאל" זיינען פאַר מיר געווען אָפן. האָב איך זיך גוט געפילט און אויסגענוצט די ניי-אַנטשטאַנענע ירושלימער קונסט-שולע אויף א געהעריקן אופן.

מיין ערשטע ארץ-ישראל תקופה אין „בצלאל" איז א קאַפּיטל פאַר זיך, פּאַקטיש האָב איך דאָס שוין ניט איינמאָל באהאנדלט. פאַר מיר איז עס געווען א נייער אָנהייב פון עפּעס א נייער קונסט-ווענדונג: כ'האָב זיך געפונען אין אַן עקזאָטיש לאַנד, ווייטע זוניקע האָריזאָנטן, פּיקטורעסקע פּייזאַזשן, וויסטעניישן, מערקווירדיקע הימלען און קאָלירפולע ווייטקייטן איבער זאַמדן אָנגעגליטע פון א צעשטראַלטער זון. כ'האָב ניט געוואוסט ווי אזוי צו שילדערן דעם, דוכט זיך, גאָרנישט; כ'האָב אָבער געוואוסט אז איך האָב פאַר זיך אן אמת מאָלערישן מאָטיוו. כ'האָב פאַר זיך געהאַט א פּראָבלעם פון „אַבּסאָלוטע מאָלעריי" — כ'האָב עס ניט געוואָלט אָנרופן מיט אן „איזם" — כ'האָב אָבער פאַרשטאַנען, אז מיט וואָס פאַר א נאָמען מען זאָל עס ניט אָנרופן, בלייבט עס ניט עפּעס אַנדערש ווי מאָלעריי. און אויב מען זאָל עס וועלן באַצייכענען מיט א מער קלאָרן נאָמען, קען מען זאָגן אז דאָס זיינען געווען אבסטראַקציעס. איך קען אָבער ניט זאָגן, אז איך האָב דאָס גאַנצע יאָר געמאָלן נאָר אבסטראַקציעס, — אָ, ניין! מיך האָבן פאַראינטערעסירט א סך געשטאַלטן פון עקזאָטישן כאַראַקטער און לירישע ארץ-ישראל-מאָטיוון אין תנ"כישן גייסט.

דאָס ערשטע יאָר פון ארץ-ישראלדיקער טעטיקייט איז פאַרבליבן פאַר מיר ווי אן אויסערגעוויינלעכע און אומפאַרגעסלעכע קרעאַציע. ווען עס וואָלט מיר אויסגעפעלט אזא מין יאָר, וואָלט איך עס באַדאַרפט קינסטלעך באַשאַפן. דאָס אומפאַרגעסלעכע יאָר האָט מיר געגעבן א מערקווירדיקן אינהאַלט פאַר שפּעטערע טעטיקייטן. איך האָב אָנגעהויבן דערפילן, אז מיין ווייטערע אנטוויקלונג דאַרף זיך פאַרבינדן מיט חוץ-לאָרץ'דיקע קינסטלערישע דערפאַרונגען, — די ארץ-ישראלדיקע אינספּיראַציע פאָדערט א סך מער ווי גלאָררייכע מאָטיוון.

בין איך אוועק קיין איטאַליע. און אזוי ווי די אַלטע וועגן האָבן געפירט קיין רוים, איז מיר צו דער האַנט געקומען די מעגלעכקייט צו באַגריסן חנוך גליצנשטיינען, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט זיין אַטעליע אויף וויא מאַרגוטא. שמואל הירשנבערג האָט אמאָל מיר געזאָגט, אז אויב איך וועל זיין אין רוים, דאַרף איך קומען אויף וויא מאַרגוטא און זען זיך מיט רב חנוכן. האָב איך עס געטאָן. ווען איך בין אריינגעקומען אין זיין אַטעליע, בלויז איבערגעטראָטן די שוועל, הער איך א באַגריסונג: „שלום עליכם! רירט זיך ניט פון אָרט, כ'מוז איינזאַפּן די ארץ-ישראל-זון, — שמש מהארץ!" בין איך געבליבן ביי דער שוועל. איז רב חנוך צוגעלאָפן און האָט מיך האַרציק ארומגענומען.

כ'האָב זיך באַלד דערוואוסט, אַז גליצענשטיין האָט געהערט וועגן מיין קומען קיין רוים און איז געווען זיכער צו זען מיך אין זיין אַטעליע. ער איז געווען זייער אַן אימפּולסיווער מענטש, ווען ער האָט זיך באַרואיקט, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט מאָלן מיין פּאָרטרעט מיט די־אָ ווערטער: „איך מאָל די זון פֿון ארץ־ישראל, וואָס באַשיינט ס'פּנים פֿון אַ יונגן קינסטלער...״ דער פּאָרטרעט געפֿינט זיך איצט אין „המוזיאון העירוני ע״ש גליצנשטיין״, אין צפת.

דעם פּאָרטרעט האָט ער געמאָלן ערב פּורים 1909. גליצענשטיין האָט שוין דעמאָלט געשטרעבט צו פֿאַרבינדן זיין שאַפֿן מיטן לאַנד פֿון זיינע חלומות. ער האָט אַ סך גערעדט מיט מיר וועגן ירושלים און וועגן צפת. די גאַנצע צייט פֿון מיין זיין אין רוים האָב איך כמעט יעדן טאָג געמוזט זען זיך מיט אים. דעם קומענדיקן זומער האָב איך באַשלאָסן צו זיין אין פֿלאָרענץ. ער וואָלט מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן פֿאַרבראַכט מיט מיר אין דער שטאָט פֿון מיכל אַנדזשעלאָ, אָבער — ווען איך וועל צוריקפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, זאָל איך אומבאַדינגט פֿאָרן דורך רוים, וועט ער זיך „מיטכאַפּן״ מיט מיר... ס'האָט אָבער געדויערט אַ סך לענגער. מיר האָבן זיך צום צווייטן מאָל געטראָפֿן אין לאָנדאָן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די צוואַנציקער יאָרן. שפּעטער שוין — אין וואַרשע, און אין צייט פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין ניו־יאָרק.

אין פֿרילינג, 1910, ווען איך בין צוריקגעקומען פֿון איטאַליע קיין קראָקע, האָב איך ניט געהאַט קיין חשק אַנצושליסן זיך אין דער אַקאַדעמיע, — איך בין אָבער געקומען זען זיך מיט די פּראָפֿעסאָרן און מיט חברים. אַרומוואַנדערנדיק אין די קולואַרן פֿון דער אַקאַדעמיע, האָב איך באַגעגנט פּראָפֿעסאָר רושטשיץ, ביי וועמען איך בין געווען אויף זיין פּייזאַזש־קורס. מיר האָבן זיך ביידע צעשמועסט וועגן מיינע וואַנדערונגען און איך האָב אים דערציילט וועגן מיין פֿאַרלוירענעם חשק אַנצושליסן זיך אין דער אַקאַדעמיע, האָט ער געוואָלט זען וואָס איך האָב דערגרייכט אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין איטאַליע. אויף צומאָרגנס האָב איך אים געוויזן מיינע בילדער. ער האָט זיי לאַנג באַטראַכט שטומערהייט, פּלוצים שטעלט ער זיך אויף, נעמט אַ פּאָר ארץ־ישראלדיקע סקיצן און זאָגט צו מיר: „יונגערמאַן, גייט צוריק קיין פּאַלעסטינאַ...״ מער האָב איך ניט געהערט און האָב מער ניט געוואָלט הערן, — אין יענער צייט האָט דאָך גראַסירט דער געשריי״: „זשידזשי — דאָ פּאַלעסטיני!״ האָב איך געענטפֿערט דעם פּראָפֿעסאָר: „גוט, מער וועט איר מיך שוין דאָ ניט זען!...״

מיט אַ פֿופֿצן יאָר שפּעטער האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט דעם פּראָפֿעסאָר רושטשיץ און דער שמועס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער, — אָבער ס'וועט נעמען אַביסל צייט און אַ היפּש ביסל וואַנדערונגען ביז מיר וועלן קומען צו דער נייער באַגעגעניש.

אין זומער, 1910, בין איך צוריקגעקומען קיין פּוילן, געווען אין פֿאַרשיידענע ערטער, אָבער אַממייסטן אין וואַרשע, וואו איך האָב פֿאַרבראַכט מיט קאָלעגן

פון י. ל. פרץ קינסטלער-קרייז. פאַרשטייט זיך, אַרומגעשפּאַצירט מיט פּרצן, נאָכמיטאָגן און מיט אַנדערע יידישע שרייבער. ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע צייט, אַ מין רענעסאַנס צייט אויף דער יידישער גאַס. כ'האָב אָבער ניט געקענט צו לאַנג פאַרבלייבן דאָרט, — געדאַרפט זיך אַ לאָז טאָן קיין פּאַריז.

אין האַרבסט, 1910, בין איך אַוועק קיין מינכען און אַ ביסל שפּעטער בין איך געקומען קיין פּאַריז, וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ נייע תקופה.

ווען איך בין געקומען קיין פּאַריז האָב איך נאָך ניט געקענט וויסן, אַז אין 1912 וועל איך שוין ווידער זיין אין ארץ-ישראל. אמת, די פּאַריזער אַטראַקציע איז געווען פאַר מיר זייער אַ גרויסע, כ'האָב אָבער ניט געקענט אָפּזאָגן זיך פון אַ צווייטער נסיעה קיין ארץ-ישראל, איבערהויפּט, ווען פּראָפעסאָר שאַץ איז געקומען מיט אַ פּלאַן איבערצוגעבן די ליטאָגראַפיע פאַרן פּאַריזער „מחמדים"-פאַרלאַג.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין „בצלאל", אין 1912, איז ניט געווען קיין רואיקע צייט אין לאַנד. אויבן-אויף האָט עס אויסגעזען אַזוי ווי שטענדיק, אָבער מען האָט ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט מען איז, — אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פון דער באַלקאַנישער סיטואַציע. ווען איך טראַכט איצט וועגן דער דעמאָלטיקער צייט, קען איך ניט פאַרשטיין די דעמאָלטיקע אַלץ-וויסנדיקע „עקספּערטן", ס'איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן וועגן עפּעס ענלעכעס, וואָס איז אַ ביסעלע שפּעטער געשען אין 1914.

מיט אַ יאָר שפּעטער (1913) איז געקומען קיין ירושלים דער פּאַריזער באַראָן דע ראָטשילד. ער האָט באַזוכט פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און איז אויך געקומען אין „בצלאל". איך האָב דעמאָלט נאָרוואָס איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער „בצלאל" קונסט-ביבליאָטעק, בין איך געווען פאַרנומען מיט סאָרטירן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל פון מאָנאָגראַפיעס, רעפּראָדוקציעס און אָריגינעלע ראַדירונגען. ווען מען האָט אים צוגעפירט צו מיר, האָט ער מיך געפרעגט וועגן מיין טעטיקייט און וועגן דער זאַמלונג, וואָס ער זעט אויף די פּאָליצעס. ער האָט אויך געוואָלט וויסן וואָס עס פעלט אונדז. מיין ענטפער איז געווען פשוט: עס פעלט אונדז אַלץ; דאָס וואָס מיר האָבן איז פּאַקטיש נאָך גאָרניט. האָט דער באַראָן פאַרגעלייגט, איך זאָל אים צושיקן אַ רשימה. פאַרשטייט זיך, נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אים איבערגעשיקט מיין רשימה. איך געדענק ניט די גענויע דאַטע; כ'געדענק בלויז, אַז איידער איך בין אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, אין פרילינג פון 1914, האָב איך איבערגעלאָזט די רשימה אין ביוראָ פון „בצלאל". מעגלעך, אַז אין די אַרכיוון פון דעם פּאַריזער באַראָן דע ראָטשילד געפינט זיך נאָך ביז היינט צו טאָג דער דאָקומענט.

דער פיינער אָנהייב פון אַ „בצלאל" קונסט-ביבליאָטעק, וואָס דער באַראָן האָט געקענט שאַפן, איז צעשטערט געוואָרן דורך דער ערשטער וועלט-מלחמה.

איך שרייב דאָס איצט — מיט א 53 יאָר שפּעטער — אין צפת, וואו איך בין פאַרבונדן מיטן מוניציפּאַלן קונסט-מוזיי, געשאַפן אין אָנדענק פון חנוך גליצנשטיין. דאָס געפינט זיך אויף דער מצודה. ווען איך קוק אַראָפּ, זע איך א שפּיטאָל. אויך דאָס דערמאָנט מיר יענע צייט, דער שפּיטאָל איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם באַראָן. ווען ער איז געווען אין צפת האָט ער געזען א מיסיאָנערישע אינסטיטוציע, און אנטקעגן, ביים אויפשטייג צו דער מצודה, איז געווען א פּרעכטיקער ליידיקער פּלאַץ, — האָט ער באַשלאָסן צו שאַפן דאָרט א שפּיטאָל. אָט דער פּלאַץ, צוזאַמען מיטן שפּיטאָל ביז אַרויף צו דער מצודה, באַלאַנגט צו דער שטאָט.

✶

דער פרילינג אין 1914, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין פּאַריז, איז געווען פּונקט אזוי פרילינגדיק ווי כ'האָב עס געקענט געדענקען פון פריערע פּרעכטיקע פּאַריזער „פּראַנטאַנס". די פריערדיקע פרילינגס פלעג איך פאַרברענגען מיט אונדזער כאַליאַסטרע, דאָס מאָל איז עס געווען אוממעגלעך, ווייל כ'האָב געדאַרפט מאַכן א נסיעה פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק, — געדאַרפט זיך אַריבערכאַפּן קיין ניו-יאָרק און וויא סאַן-פראַנציסקאָ א לאָז טאָן זיך צו די פּאַסיפישע אינדזלען. אויף יענע אינדזלען האָב איך געדאַרפט אויסנוצן די עקזאָטיק פאַר פאַרשיידענע קונסט-צוועקן.

ס'האָט ניט גענומען צופיל צייט און איך בין געקומען קיין ניו-יאָרק. דער פרילינג איז דאָרט געווען א הייסער, און וואָס א מאָל זיינען די היצן געוואָרן גרעסער — מען האָט אָנגעהויבן הערן היציקע דעבאַטן וועגן א מלחמה, וואָס וועט פאַרניכטן די גאַנצע משוגענע וועלט. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ניט נאָר מלחמה-קלאַנגען, נאָר אויך אַנטלאָפענע האָבן זיך אָנגעהויבן אָנקומען ניט נאָר מלחמה-קלאַנגען, נאָר אויך אַנטלאָפענע האָבן זיך פאַרשטאַנען אז איך בין געוואָרן א מיטגליד פון א נייער וועלט. כ'האָב שוין ניט געטראַכט וועגן די עקזאָטישע אינדזלען, כ'האָב געפונען מיין אייגענעם יידישן אינדזל — איסט-בראָדוויי. האָב איך זיך באַזעצט ניט ווייט — צווישן גריניטש ווילעדזש און איסט-בראָדוויי — און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א ניי לעבן.

כ'מיין, אז איצט איז ניט וויכטיק צו דערציילן פון דאָס ניי וועגן דער דעמאָלטיקער איסט-בראָדוויי און אויך ניט וועגן דער תקופה „יונגע", — כ'האָב דאָך שוין אזוי פיל מאָל וועגן דעם גערעדט און געשריבן — פון 1915 ביז היינט צו טאָג קען מען געפינען אין דער יידישער פרעסע פון פאַרשיידענע מקומות, ניט בלויז איצטיקע, נאָר אויך אַמאָליקע מיינע דערמאָנונגען. פון דעמאָלט ביז איצט איז דורך א האַלבער יאָרהונדערט. און אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר פון דעם האַלבן יאָרהונדערט, האָב איך געהאַט אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנער שטעט ניט נאָר מיינע אייגענע קונסט-אויסשטעלונגען, ווייל די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר בין איך פאַרבונדן מיטן קונסט-צענטער פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס.

וועגן אַט דעם קונסט-צענטער, און וועגן מיינע קונסט-טעטיקייטן אין אַלגעמיין, וועט איצט זיין ניט איבעריק צו דערמאָנען:

איידער איך בין געקומען קיין ניו-יאָרק, איז אין יאָר 1913 פאָרגעקומען א סענסאציאָנעלע קונסט-אויסשטעלונג — די „אַרמאַרי שאָו". איך בין דעמאָלט געווען אין ירושלים און האָב געהערט א סך וועגן דעם רעש ארום דעם עניין. ביז היינט צו טאָג ווערט נאָך גערעדט וועגן דער סענסאציאָנעלער אויסשטעלונג; ס'איז אויך פאַראן א גרויסע ליטעראַטור וועגן דעם; דער גאַנצער עניין איז באמת אן אויסערגעוויינלעכער און מען דאַרף עס באהאנדלען פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. איך וויל דאָ איצט באַמערקן: ס'איז יאָ באהאנדלט געוואָרן, אָבער, אין א סך הינזיכטן, ניט אינגאַנצן אַנאַליטיש. די „אַרמאַרי שאָו" איז פאַקטיש געווען א מין מיש-מאַש. ווען מען האָט מיט 50 יאָר שפּעטער — טאַקע אינעם זעלביקן בנין — אַראַנזשירט א יובליי-אויסשטעלונג, צו פייערן דעם דערפאָלג פון דער ערשטער, האָב איך דערזען די אָרעמקייט פון דער-אָ סענסאַציע. איך וויל דאָ איבערגעבן אן אינטערעסאַנטן דעטאַל: מיין איצטיקע ניו-יאָרקער סטודיאָ געפינט זיך אין שכנות מיט דעם בנין — די אַרמאַרי — וואו ס'איז פאָרגעקומען די דעמאָלטיקע אויסשטעלונג. יעדעס מאָל וואָס איך פלעג צוקומען צו דעם בנין — און דאָס איז געווען גאַנץ אָפט — פלעג איך טראַכטן וועגן יענער קונסט-מאַניפעסטאַציע. פלוצים הער איך וועגן דעם יובל, בין איך געקומען צו דער פייערלעכער דערעפענונג. בעסער ניט צו ריידן וועגן מיין אַנטוישונג! כ'בין שפּעטער אריינגעגאַנגען נאָך א פאָר מאָל, — געוואָלט פשוט קאָנטראָלירן מיין געפיל, — מוז איך אונטערשטרייכן: וואָס מער איך האָב עס באַטראַכט, אַלץ ערגער איז עס געווען. האָב איך אָנגעהויבן אַנאַליזירן און בין צוגעקומען צו עפּעס אַזעלכעס וואָס קען האָבן א שייכות מיט דער „אַרמאַרי שאָו".

אין ניו-יאָרק איז דעמאָלט געווען א קינסטלער-פאַראיין מיטן נאָמען „פּיפּלס גילד". ווען איך בין געווען א מיטגליד פון דער „גילד", האָט מען מיר איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג פון קונסט-אויסשטעלונגען אין לאָקאַלן פון יידישע קולטור-געזעלשאַפטן און אויך אין פאַרשיידענע קאַפעען פון דער יידישער געגנט. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט „שלומס קאַפע", „מאַנאַפּאַל", שפּעטער אביסל — לאַמעד שאַפּיראָס קאַפע, „זינדאַרעסט", ווי אויך דעם „ראָשיען אין", ביט ווייט פון טיימס-סקווער. מיר פלעגן באַצירן די-אָ לאָקאַלן מיט פאַרשיידענע געוואַגטקייטן. האָט מען טאַקע וועגן דעם גערעדט און דעבאַטירט. דאָס האָט פאַראינטעריגירט דעם פאַרוואַלטער פון „פאָרווערטס" בנין. האָט ער מיך געפרעגט פאַרוואָס איך האָב נאָך ניט א טראַכט געטאָן וועגן אן אויסשטעלונג אין דעם באַקוועמען „פאָרווערטס"-זאַל. מיין ענטפער איז געווען פשוט: אויב איר ווילט, קענט מיר עס טאָן... דער רעזולטאַט איז געווען אן אויסערגעוויינלעך-אינטערעסאַנטער, — די „פאָרוואַרד אַסאָסיאיישאַן" האָט אונדז איבערגעגעבן א פיינעם זאַל און צוגעזאָגט צו געבן אַלץ וואָס מען וועט דאַרפן. ס'האָט ניט

לאַנג געדויערט און מען האָט אָנגעהויבן אינסטאַלירן די אויסשטעלונג פון א גרויסער גרופּע פאַרשיידענע קינסטלער — ניט בלויז יידן, אויך דער קאָמיטעט איז געווען א געמישטער. פאַרשטייט זיך, אַזוי ווי אַלע קאָמיטעטן, איז אויך דער געווען א גרויסער, אָבער דער באמת אַקטיווער קאָמיטעט איז געווען א באַשיידענער אין צאָל — נאָר, שיינט מיר, א זעקס: טאָמאַס בענטאָן, אַברהם וואַלקאָוויטש, יצחק ליכטנשטיין, זשיל פּאַסקען, טאָמאַס קרעווין און מעקדאָנאַלד רייט. די־אָ קינסטלער האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי און האָבן אַראַנזשירט א בין גאָר אימפּאָזאַנטע אויסשטעלונג.

צו דער דערעפענונג איז געקומען א גרויסער עולם. דער סקווער ביים „פאָרווערטס”-בנין איז געווען איבערגעפּולט. ווען דער פעסט-רעדנער פון דער דערעפענונג, ד״ר זאַלאַטאַראָוו, האָט געוואָלט דורכשפּאַרן זיך צום בנין דורך דעם אָנגעפּראָפּטן עולם, איז עס געווען אוממעגלעך, האָט מען געדאַרפט רופן פּאָליציי צו מאַכן א וועג פאַר אים.

דער דיכטער, משה לייב האַלפּערן, האָט זיך געפונען אַן אייגענעם וועג, — דורכן „פייער-עסקייפּ” (פייער-טרעפּ). ווען מ'האָט אים געפרעגט: ווי איז עס אים איינגעפאַלן צו באַנוצן זיך מיט אַזא שווערן און ריזיקאַלן וועג, האָט ער געענטפערט מיט א שמייכל: „וואָס טוט מען ניט פאַר דער הייליקער קונסט?”... משה לייב, דאַרף מען וויסן, האָט געצייכנט און געמאָלן שטילערהייט, ער פלעגט מיר ווייזן גאַנץ פיינע סטודיעס.

אונדזערע ניו־יאָרקער דיכטער, דערציילער און עסייאיסטן, באַקאַנט אַלס די „יונגע”, האָבן זיך אינטערעסירט מיט אַלע קונסט-צווייגן, איז אויך מיר אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין די זשורנאַלן און לידער-זאַמלונגען, — איך בין פאַקטיש געווען איינער פון דער שרייבער-משפּחה. דעם אמת געזאָגט, בין איך שטענדיק געווען אינעם ליטעראַרישן קרייז, נאָך פון יענע צייטן, ווען איך פלעג קומען אינעם וואַרשעווער י. ל. פּרץ-קרייז, אַזוי איז עס אויך געווען אין ניו-יאָרק.

די ניו-יאָרקער „יונגע” האָבן, אין א געוויסן זין, מיר דערמאָנט יענעם וואַרשעווער י. ל. פּרץ-קרייז. דאָרט האָט עס זיך אָנגעהויבן ווען איך בין וואַקאַציע-צייט געקומען קיין וואַרשע — א פּאַראינטערעסירטער אין מוזייען, קונסט-גאַלעריייען, אַנטיקוואַריעס און ענלעכע פיינע זאַכן — און האָב באַגעגנט יונגעלייט, וואָס האָבן מיך צוגעצויגן מיט זייער נאָנשאַלאַנס. ס'האָט ניט געדויערט לאַנג און איך האָב זיך דערפילט ווי אין אַן אייגענעם קרייז. און ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט פּרצן, נאָמבערגן, קראַטקאָן און אַנדערע, האָב איך דערפילט אַז אין דעם קרייז בין איך אַן אייגענער.

דאָס אייגענע אין ניו-יאָרק: כ'בין געקומען אין קיבעצאַרניע און האָב באַגעגנט משה לייב האַלפּערן, ער האָט צוגערופן משה נאַדירן, ס'קומען אויך צו מאַני לייב, אייזלאַנד, זישע לאַנדוי, דילאָן, ראָלניק — מיט איין וואָרט, די גאַנצע „יונגע”-כאַליאַסטרע — האָב איך זיך דערפילט אינדערהיים.

מען ברענגט מיך שפעטער צו אברהם ליעסינען, און אלץ ווערט ווי אליין פון זיך, — קיינעם פאלט ניט איין, אז כ׳דארף בלויז מאָלן און צייכענען, — מען רעדט מיט מיר וועגן ארטיקלען איבער קונסט. איך ווייס אָבער ניט פאַרוואָס איך דארף ווערן א שרייבער!

אין א שמועס מיט ליעסינען וועגן יידישע קינסטלער איז מיר אויסגעקומען צו דערמאָנען שמואל הירשנבערגן, כ׳האָב עס באהאנדלט נאָסטאַלגיש. איך אליין האָב עס ניט באמערקט, אָבער ליעסין האָט עס אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אן ארטיקל פאַר דער „צוקונפט״, ער האָט עס געוואָלט אין זעלבן זין ווי איך האָב עס פאָרמולירט. האָב איך געוואָלט דערקלערן אים וואָס איך טראַכט וועגן דעם און האָב געזאָגט: א שמועס איז אפשר ניט מער ווי א שמועס, אָבער אן ארטיקל — א... דאָ האָט ליעסין פאַרענדיקט מיין זאַץ: „אָ, אויב איר זאָלט אזוי אָנהייבן, וועט איר האָבן וואָס צו דערציילן, — לאָמיר זען וואָס איר קענט מאַכן...״

וואָס האָב איך געקענט טאָן? מ׳קען עס זען וואָס איך האָב געטאָן — ס׳איז אין דער „צוקונפט״ פון יאָר 1915, אָדער 1916, — ניט לייכט צו געדענקען. שפעטער, נאָך דעם ערשטן ארטיקל, זיינען שוין געקומען אויך אנדערע ארטיקלען און עסייען, און ניט בלויז אין דער „צוקונפט״.

ביז איך בין געקומען קיין ניו-יאָרק האָב איך ניט געוואוסט וועגן דער נויט צו שרייבן וועגן קונסט, מען פלעגט זיך באנוצן מיט אינטערוויוען און פאָרטראָגן אויף סימפּאָזיומס מיט דעבאַטן. אין ניו-יאָרק האָט עס אויסגעזען ווי מען וואָלט געוואָרט אויף מיינע טעטיקייטן — שרייבן ניט בלויז וועגן קונסט און קינסטלער, נאָר אויך וועגן מיינע וואנדערונגען.

כ׳האָב אליין ניט געוואוסט אז מיינע דערפאַרונגען קענען האָבן א באדייטונג און דערפאָלג, און ניט בלויז צווישן די אינטעלעקטועלע, — אויך דער פּשוטער צייטונג-לייענער האָט געפונען א געוויסע הנאה אין די ארטיקלען. איך האָב וועגן דעם ניט געקענט וויסן, נאָר דער גרינדער און פאַרוואַלטער פונעם זיידמאַן סינדיקאַט פון ארטיקלען פאַר יידישע צייטונגען האָט מיר וועגן דעם דערציילט. דער פאַרוואַלטער פון סינדיקאַט איז דאָך געווען א קוואל פון אינפאָרמאַציעס, פלעג איך זיך דערוויסן פון אים קוריאָזן, סודות, רכילות, און וואָס דען ניט? א באגעגעניש פלעגט זיך אָנהייבן מיט א געמיטלעכן שמועס און ענדיקן מיט א פּיקאַנטער רעוואָלאַציע. ערשט ביים געזעגענען זיך איז געוואָרן צוגעוואָרפן א באשטעלונג פאַר אן ארטיקל. אז איך פלעג אים פרעגן וואָס פאַר אן ארטיקל ער דאַרף, איז דער ענטפער געווען א סטערעאָטיפּישער: „פאַרשטייט זיך, ס׳בעסטע וואָס איר האָט...״ פלעג איך אים געבן וואָס איך האָב געוואָלט.

מיסטער זיידמאַנען האָט מען געקענט כמעט שטענדיק טרעפן אין קאַפע „מאַנאָפּאָל״, אויף סעקאָנד עוועניו. ער איז אָפט געזעסן מיט מיסטער פריידעס, דעם הויפּט ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער אָפּטיילונג אין „פּאַבליק לייברערי״,

אויף 5-טע עוועניו און 42-טע גאס. מיסטער פריידעס איז שטענדיק געזעסן מיט א שערעלע אין האנט און געשניטן, ווי מען רופט עס אין פאך — „קליפינגס״. יעדער איינער וואָס האָט געהאט צו טאָן מיט „פובליסיטי״, האָט געקענט דערוואַרטן פון מיסטער פריידעס א געהעריקן צייטונגס-אויסשניט.

אזוי ווי אין דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט דאָס הערצאָגטום ליכטענשטיין אַפּט פיגורירט אין דער פרעסע, האָט מיין גוטער פריינד פריידעס ניט פארנאכלעסיקט איבערצוגעבן מיר די הערצאָגטום „קליפינגס״ צוזאמען מיט מיינע אייגענע אַרטיקלען אָדער נאָטיצן וועגן מיינע אויסשטעלונגען. ניט זעלטן פלעגט עס מיסטער זיידמאן צונעמען פאר זיין ארכיוו. איצט וואָלט געווען אינטערעסאנט צו דערוויסן זיך, וואוהין ס'האָבן פארוואָגלט די אלע צייטונגס-אויסשניטן פון דעם גוטן פריינד פון יידישע שרייבער און קינסטלער. אונדזער פריינד פריידעס האָט קיינמאָל גאָרניט באהאלטן פאר זיך, ער האָט אלץ אוועקגעגעבן. ער האָט געהאט גרויס הנאה צו זען די נעמען פון זיינע פריינד אין דער פרעסע, און נאָך א גרעסערער פארגעניגן איז געווען פאר אים — אויסצושניידן און דערלאנגען די מתנה מיט א הארציקן שמייכל.

✶

ווען ס'קומט מיר אויס צו דערמאָנען מיינע ריין-קינסטלערישע טעטיקייטן פון יענע יאָרן, ווען אמעריקע איז נאָך ניט אריין אין מלחמה, מוז איך זאָגן, אז אין יענע אומרואיקע יאָרן בין איך געווען שטארק פארנומען מיט מאָלערישע פּראָבלעמען. דער בעסטער באווייז איז ניט עפּעס אנדערש ווי מיינע בילדער פון יענער צייט. איך בין געווען שטארק פארנומען מיט אבסאָלוטער — ווי מען פלעגט עס דעמאָלט זאָגן — ריינער קונסט. יאָ, מיין קונסט איז געווען ריין. אין דער בלוטיקער מלחמה-צייט בין איך געזעסן אויף אן אינדזל, אין סטעטן איילענד, אָפּט איזאָלירט פון דער פארשאָלטענער מלחמה-וועלט און דעם רוישיקן מאנהעטן; כ'האָב פּרובירט פּענעטרירן אין די טיפקייטן פון דעם וואָס איז פאר אונדז אלץ נאָך מערקווירדיק פּראָבלעמאטיש, — די קונסט פון מאָלן איז אלץ נאָך ניט קיין פּשוטער ענין...

און פּלוצים האָט זיך די מלחמה צוגערוקט צו אמעריקע, אָדער פארקערט — אמעריקע איז אריין אין דער וועלט-מלחמה. ס'האָט זיך פאַרמירט דער יידישער לעגיאָן אויך אין אמעריקע, האָב איך זיך אָנגעשלאָסן צוזאמען מיט אנדערע יידישע יונגעלייט.

כ'מיין, אז איצט איז ניט וויכטיק איבערצוחזרן מיינע זכרונות פון יידישן לעגיאָן, — זיי זיינען געדרוקט געוואָרן ארום 1924 אָדער 1925, אין ווארשעווער „היינט״. ס'שיינט מיר אָבער, אז ס'וועט ניט זיין שלעכט איבערצוטראָגן זיך צוריק קיין פאריז ווי אויך לאָנדאָן, וואו איך בין דעמאָביליזירט געוואָרן. און ס'וועט אויך ניט זיין שלעכט צו פארבלייבן אביסל אין לאָנדאָן און שפּעטער צוריקקומען קיין פאריז. ס'איז טאקע ניט געווען שלעכט. איך בין געוואָרן, ווי

מען רופט עס אויף ענגליש — א „קאָמיוטער״: געוואַנדערט גאַנץ אָפּט צווישן לאָנדאָן און פּאַריז, און אויך אין ווייטערע קאָנטינענטאַלע מקומות.

די צוואַנציקער יאָרן, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, זיינען געווען פאַר מיר אָנגעפּראָפּט מיט נסיעות, פאַרבונדענע ניט בלויז מיט וואַגאַבונדאַזש; דאָס זיינען געווען יאָרן פון זייער אַקטיווע טעטיקייטן. מיינע וועגן האָבן זיך געצויגן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און האָלאַנד ביז פּוילן, באַלטישע לענדער און סקאַנדינאַוויע, וואו איך האָב ניט בלויז אויסגעשטעלט מיינע בילדער, געהאַלטן פאָרטראַגן, געשריבן טרעוואַלאָגן, נאָר כ׳האָב אויך מיטגעפירט מיין ווערקשטאַט, בעסער געזאָגט — די קוזניע מיינע האָט געשמידט און געהאַמערט און ס׳איז געווען גוט, לעבעדיק און פרייליך אויף די וועגן פון מיינע נסיעות.

ווי שוין דערמאָנט, באַלד נאָך דער דעמאָביליזאַציע האָבן מיך איינגעהאַלטן אַקטיווע יאָרן אין לאָנדאָן און פּאַריז. אָבער אין דער צווישנצייט האָב איך געמאַכט אָפּטע עסקאַפּאַדן קיין פּוילן.

אַט קום איך אין 1924 קיין לאָדזש צו טאַטע-מאַמע און דריי ברידער, — ניט געזען זיי אַרום 14 יאָר. באַגעגן זיך אויך מיט העניעך קאָן, איטשל ברוינער, משה בראָדערזאָן און אַנדערע. כ׳האָב דעמאָלט אַראַנזשירט די ערשטע רעטראָ-ספּעקטיווע וואַנדער-אויסשטעלונג אין דער לאָדזשער שטאָטישער גאַלעריי. איך דאַרף ניט דערציילן וועגן דעם דערפאָלג, באמת, ס׳איז געווען פיין. שפּעטער אין וואַרשע, אין דער גאַלעריי פון דער יידישער קהילה, — אויך פיין. אומעטום, מוז איך זאָגן, האָט זיך געפילט א גרויסע פאַראינטערעסירונג מיט מיינע בילדער און א נייגעריקייט צו הערן וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן קונסט.

אין 1925 — א דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג אין ווילנע. ס׳קומען פאַרשיידענע רעפּרעזענטאַנטן פון אינסטיטוציעס און אויך דער קונסט-פּראָפעסאָר פון ווילנער אוניווערסיטעט — רושטשיץ, דער זעלביקער וואָס איז געווען מיין פּראָפעסאָר אין דער קראָקער אַקאַדעמיע. איך באַגריס אים. ער דערקלערט מיר, מען האָט אים אינפאָרמירט אַז איך בין געווען זיינער א תלמיד. וויל ער זיך דערמאָנען, אפשר וועט ער מיך געדענקען אויב איך קען אים געבן געוויסע סימנים. האָב איך אים דערמאָנט זיין זאָג: „יונגערמאַן גיי צוריק קיין פּאַלעס-טינע״... כ׳האָב אים אָבער באַלד דערקלערט, אַז איך האָב עס דעמאָלט אַנדערש פאַרשטאַנען; איצט בין איך זיכער אַז ער האָט גוט געמיינט. האָט ער מיט גרויס צופרידנקייט געדריקט מיין האַנט. ווען איך האָב געפרעגט זיין מיינונג וועגן מיינע בילדער, האָט ער מיר געענטפערט גאַנץ פּשוט: „אויב א פּראָפעסאָר קען זיך ניט זען אין די ווערק פון זיינעס א תלמיד, איז עס גוט״...

די פייערלעכע דערעפענונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט מיין פאָרטראָג. ס׳איז געווען א קורצע רעדע. דערפאַר האָט דער ווילנער לערער-סעמינאַר באַקומען פון מיר א סך א לענגערע לעקציע. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט, האָב איך געדאַרפט געבן נאָך א לעקציע פאַר נאָך א גרעסערן עולם.

פון ווילנע איז מיין אויסשטעלונג געקומען קיין קראָקע, מיין אלמא מאטער, און איז פאָרגעקומען אין א פיינער פריוואטער גאלעריי. די אויסשטעלונג האָט פארמאָגט גאָר אן אנדער כאראקטער ווי די פריערדיקע דריי. דאָ, אין קראָקע, זיינען די אקטיוויטעטן פאָרגעקומען אין צוויי ערטער, — די אויסשטעלונג באזונדער, די לעקציע און סימפאָזיום אויך באזונדער, — ס׳איז אייגענטלעך געווען א צווייפאכיקע אטמאָספערע: די גאלעריי איז געווען א מקום פאר אינטימיטעט, פאר קאָנטעמפלאציע, און דער סימפאָזיום איז געווען א מקום פאר קאָלעקציאָנערישע מחשבות.

די קולטורעלע אקטיוויטעטן זיינען געווען אינעם בנין פון די יידישע סטודענטן, פלעג איך זעלטן קומען אין דער גאלעריי, — בלויז ווען מ׳האָט מיך דאַרט געדארפט, אין א פארנאכט אממיינסטן. כ׳האָב געוואוסט אז ס׳קומען דעמאָלט די וואס זיינען באשעפטיקט דעם גאנצן טאָג. אין איינעם פון די פארנאכטן בין איך געקומען אין דער גאלעריי און הער, אז פראָפעסאָר אַקסענטאָוויטש איז שוין א לאנגע צייט אויף דער אויסשטעלונג. בין איך אריין און געזען ווי מיין אמאָליקער פראָפעסאָר זיצט זיך רואיק אויף א באקוועמען פאָטעל. בין איך צוגעגאנגען און געפרעגט אים צי ער דערקענט מיך? האָט ער געענטפערט: „אויב איר זייט א סטודענט פון אמאָליקע צייטן, איז ניט אזוי לייכט צו געדענקען, איר זעט מיר אָבער אויס ניט אינגאנצן פרעמד...״ האָב איך אים געזאָגט מיין נאָמען. האָט ער מיך גוט באטראכט און דערלאנגט זיין האנט מיט אָט די ווערטער: „איר ווייסט וואָס איר האָט מיר דאָ-אָ איצט געגעבן? — איך וויל וויסן צי איר ווייסט...״

ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף א שטול, האָב איך זיך צוגעזעצט צו אים. ער האָט מיר ארויפגעלייגט א האנט אויפן אקסל, באטראכט די בילדער און האָט געזאָגט: „איר זייט נאָך א יונגערמאן, כ׳מיין, אז איך געדענק אייך, אייער פנים איז לייכט צו געדענקען, נעמען איז לייכטער צו פארגעסן. איך געדענק אָבער דעם נאָמען. ס׳האָט, פארשטייט זיך, ניט קיין פארבינדונג, קיין דירעקטע, מיין איך, מיט יענע ליכטנשטיינס, די פרינצן, די קאָלעקציאָנערן פון באמת פרעכטיקע קונסט-ווערק. יאָ, כ׳געדענק דעם נאָמען. אויסער דעם, האָט מיר שטשענסני געזאָגט וועגן דער אויסשטעלונג — איר געדענקט דאָך אייער קאָלעגע שטשענסני?...״

נאָך א לענגערן שווייגן האָט ער מיך געפרעגט צי איך האָב געדולד אויסצוהערן אן אלטן פראָפעסאָר... און ער האָט פאָרגעזעצט:

„כ׳וויל אייך זאָגן, כ׳האָב גרויס נחת, כ׳האָב פאר זיך א נאָסטאלגיע, שוין לאנג ניט געהאט אזא געפיל. אייערע לאַנדאַנער מאָטיוון מיט די פיקאַדילי נאָקטורנען ברענגען מיך צוריק צו יענע פרעכטיקע יאָרן, ווען אויך איך בין געווען ניט עלטער פון אייך און האָב אויך געמאָלן די ליידיס מיט די באַיעס אויף פיקאדילי... אויב איר דארפט מיין מיינונג וועגן אייערע דערגרייכונגען,

קען איך בלויז זאָגן, אז איך בין א פּראָפעסאָר, ניט קיין קריטיקער — אָבער די־אָ הענטשקע וואָלט איך ניט אזוי געמאָלן...״

האָב איך אָבער געוואָלט וויסן צי ער זעט זיין אייבפלוס אין מיינע בילדער. האָט ער אויפגעהויבן זיין האַנט און געשאָקלט מיט א פויסט: „ניין, כ׳זע זיך ניט אין די־אָ בילדער. דאָס איז גוט. איר זייט איר...״ האָב איך אים געזאָגט, אז ניט לאַנג צוריק האָב איך דאָס זעלבע געהערט פון רושטשיצן אין ווילנע. האָט ער מיך אָנגעקוקט א פאַרוואונדערטער: „וואָס? רושטשיץ איז דאָך ניט געווען איינשטימיק מיט מיר! ווי קומען צו אים די זעלבע ווערטער? ענדלעך בין איך צופרידן. א בראַוואָ מענטש...״

ביים געזעגענען האָט ער ווידער ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל: „בלייבט יונג, אַנטוויקלט אייערע כוחות, איר האָט פאַרשאַפט נחת אַן אַלטן פּראָפעסאָר״.

✶

כ׳בין ווידער אין פּאַריז און לאָנדאָן. ס׳האָט זיך באַשאַפן ביי מיר א מין אַנגלאָ־פראַנצויזישער אַליאַנס. ווען איך קום קיין פּאַריז, פעלט מיר לאָנדאָן; קום איך קיין ענגלאַנד, פעלט מיר פראַנקרייך.

איצט אָבער דאַרף איך זיין אין פּאַריז צוליב א נייעם קונסט־פאַרלאַג. אין לאָנדאָן האָבן מיר פריער, אין 1920, געשאַפן דעם „רענעסאַנס״. ס׳איז געווען א צו קורץ לעבן. האָף איך, אז דאָס וואָס מיר שאַפן איצט, — די „יידן־קינסטלער־מאָנאָגראַפיעס״ — וועט דויערן לענגער ווי דער קורציאָריקער „רענעסאַנס״.

דער אָנהייב פונעם נייעם פאַרלאַג איז געווען א ספּאָנטאַנער. איצט אָבער האָב איך שוין אַלץ אין מיינע הענט — אַפילו א נאָמען פאַרן פאַרלאַג, ס׳הייסט „טריאַנגל״. מיר האָבן שוין א לאָקאַל פאַר דער רעדאַקציע, אויך פאַר אַן אינטימער קליינער קונסט־גאַלעריע, אויף די סטאַניסלאַ, ביי דער קאַפע „ראָטאָנד״. בין איך, הייסט עס, שטאַרק פאַרנומען, כ׳גרייט צו די ערשטע מאָנאָגראַפיעס: קאַמיל פּיסאַראָ, געשריבן פון לעאָ קעניג; אַמאַדעאָ מאָדיליאַני, פון מאַרעק שוואַרץ; שמואל הירשנבערג, געשריבן פון יצחק ליכטנשטיין. איך גרייט זיך אויך צו א מאַרק שאַגאַל מאָנאָגראַפיע. איך וועל עס אָנהייבן שרייבן אין גיכן, ווען כ׳וועל זיין צוריק פון לאָנדאָן — איך האָב דאָרט אין א קורצער צייט אַרום אַן אויסשטעלונג פון מיינע בילדער. ווען איך וועל קומען צוריק קיין פּאַריז, וועל איך זיך נעמען צו די מאָנאָגראַפיעס. מיר האָבן גרויסע פּלענער, — איך בין גרייט אַרויסצוגעבן ניט ווייניקער ווי א 25־30 מאָנאָגראַפיעס.

ס׳זיינען נאָך פאַראַן אויפן מאָנפּאַרנאַס די וואָס געדענקען יענע צייטן, אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן, ווען מען האָט זיך געוויצלט, אַז — ס׳וועט נאָך קומען א צייט און מ׳וועט זיך דערציילן אין פרייד וועגן דער־אָ גלאָררייכער מיזעריע; ס׳וועט אָבער קלינגען ווי א באַרימעריי — — —

דעם רעזולטאט פון יענער אָנשטרענגונג קען מען געפינען ביי זאמלער פון יידישע ביכער. אויפן אלגעמיינעם ביכער-מארק געהערן די יידן-קינסטלער-מאָנאָגראַפיעס צו די זייער זעלטענע קוריאָזן.

אין צייט פון דער טעטיקייט ארום די מאָנאָגראַפיעס, האָב איך אָנגעהויבן קומען געגנוג אָפט קיין האָלאַנד, ווייל מיט יאָרן פריער האָב איך זיך פאראינטע-רעסירט מיט זעלטנקייטן וועגן שפינאָזא.

אין יענער צייט, ארום 1930, איז אין אמסטערדאם געווען דער „ש. אנסקי-קלוב", און אין ראָטערדאם איז געווען א פריינדלעך הויז פון איצקאָוויטש, וואו ס'פלעגן זיך פארזאמלען פאראינטערעסירטע אין יידישקייט.

פארשטייט זיך, אז האָלאַנד איז שטענדיק געווען א גוט לאַנד, מיט געהעריקער באציאונג און פארשטענדעניש פאר קונסט, פלעג איך אויסשטעלן מיינע בילדער אין די פארשיידנסטע ערטער, מיט באמת פיינע רעזולטאַטן.

דאָס יאָר 1930 איז געווען פאר מיר פארבונדן מיט א נייעם אָנהייב פון אינטערעסאנטע וואנדערונגען, — כ'האָב זיך א לאָז געטאָן אויפן באַלטיק. דער ערשטער פּאָרט איז געווען ריגא, שפּעטער — עסטלאנד, פינלאנד, אויך די סקאנדינאווישע לענדער.

איך בין געווען זייער טעטיק אין יענע מקומות מיט מיינע אויסשטעלונגען, ארטיקלען, לעקציעס און אינטערוויוען. איך דערמאָן עס נאָר „דורכגייענדיק", כ'קען דאָך נישט איבערחזרן די אלע ארטיקלען און לעקציעס.

דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן מיינע שפעטערע דערפארונגען אין רומעניע, וואוהין איך בין געקומען אויף א קורצער צייט און זיך פארזעסן כמעט א יאָר. אויך וועגן דעם איז ביי מיר פאראַן פיל צו דערציילן. פאר מיר איז עס געווען א לאַנד מיט א ספעציפישער אטמאָספערע, — א פארשיידנארטיקער. פאר א קינסטלער, קען איך צוגעבן, איז דאָרט דעמאָלט געווען א צוזאמענמיש פון די עקסטרעמסטע פאָרמען און מדרגות. האָט רומעניע טאקע ארויסגעגעבן אינטערעסאנטע קינסטלער.

איך וואָלט אפשר פארבליבן אין רומעניע א סך לענגער, האָב איך אָבער געדארפט קומען קיין פאריז צו דער וועלט-אויסשטעלונג פון 1937. מיר האָבן פּלאַנירט א פאווילאָן פון יידישער קולטור. איך האָב אויך געדארפט אָנהייבן א סעריע ארטיקלען פאר יידישע צייטונגען, האָב איך געוואָלט זיין ביים לייגן דעם פונדאמענט, בין איך געקומען אין צייט און טאקע אָנגעהויבן די סעריע פונדאמענטאַל. שפּעטער, ווען מען האָט שוין געהאט דעם פונדאמענט פאר דעם יידישן פאווילאָן, איז מיר אויסגעקומען צו פארוואַלטן מיט דער ארגאניזירונג און אויך מיטן בויען פון א קונסט-גאַלעריי. איז דער פרילינג פון 1937 פאר מיר פארוואנדלט געוואָרן אין איינע פון די פיבערהאפטסטע טעטיקייטן.

שפּעטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער ניו-יאָרקער וועלט-

אויסשטעלונג, האָב איך באַשלאָסן צו זיין אין ניו-יאָרק נאָך איידער די בולדאָזערס וועלן אָנהייבן גראָבן דעם פונדאַמענט. געגוג פרי אין פרילינג פון 1939, בין איך שוין געווען אין די מקומות פון דער ניו-יאָרקער וועלט-אויסשטעלונג, וואָס וועט אינגיכן ווערן פאַרפלייצט פון מיליאָנען וואַנדערער.

אַלץ איז געווען בסדר, כל זמן ס'איז געווען שלום. ווען איך בין אַרויסגעפאָרן קיין ניו-יאָרק האָט מען געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויף טשעמבערליינס פאַרזיכערונג וועגן „שלום אין אונדזער צייט". מ'האָט געהאָפט, אַז ס'וועט ניט זיין בלויז אַ וואוילקלינגענדיקע פראַזע. אָבער, ווען איך בין געקומען קיין ניו-יאָרק, האָט מיך שוין צום צווייטן מאָל באַכגעיאָגט אַ מלחמה — אַזוי איז עס געווען אין 1914, און אַזוי אויך אין 1939. איז קיין וואונדער ניט, וואָס שפּעטער, ביי מיין באַטוראַליזאַציע-איינשוועררונג, האָט דער באַאַמטער זיך געוויצלט און געזאָגט צו מיר: „זע אַז דו זאָלסט מער ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל דו קענסט נאָך צוריקקומען מיט אַ דריטער וועלט-מלחמה". איך בין אָבער שוין אַ סך מאָל אַרויסגעפאָרן און צוריקגעקומען אָן שום מלחמה, כ'מיין אָן אַ דריטער וועלט-מלחמה.

ווען איך בין אין 1939 צוריקגעקומען קיין ניו-יאָרק, האָב איך דערפילט די צייט וואָס איז פאַרבייגעשוואומען. פון איין זייט האָט עס אויסגעזען ווי ס'וואָלט געווען ערשט נעכטן: איך בין צוריקגעקומען אויפן זעלביקן אינדזל — סטעטן איילענד, פון וואַנען איך בין אוועק אין יידישן לעגיאָן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. איך בין אפילו אַריין אינעם זעלביקן צימער — ס'האָט אויסגעזען ווי איך וואָלט עס ערשט מיט אַ טאָג-צוויי צוריק פאַרלאָזן. עפּעס האָט אָבער יאָ געפעלט — דאָס הינטעלע. דאָס איז געווען אָן אָנדייט אויף יאָרן, אויף זייער אַ סך נעכטנס.

ס'האָט ניט לאַנג גענומען און כ'האָב זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין די אַמאָליקע טעטיקייטן, ווי איך וואָלט עס טאַקע נעכטן צוגעגרייט פאַר אַ מאָרגנדיקן המשך.

דאָרט, אויף דעם אינדזל, האָב איך באַגייט די „מחמדים", דעם קונסט-פאַרלאַג, וואָס מיר האָבן נאָך אין 1911 אָנגעהויבן אין פּאַריז. ס'איז געווען אַ באַשיידענע באַנייאונג פון אַ ראָמאַנטישן קוריאָז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין לאַ-רוזש, אין דער פּאַריזער קינסטלער-קאָלאָניע, אויף פּאַסאַזש דאַנציג, ביי פּאָרט דע ווערסיי. אַ סך איז שוין דערציילט געוואָרן, און נאָך מער קען דערציילט ווערן וועגן יענעם פּאַריזער מקום, וואָס איז געווען אַליין פאַר זיך אַ קליין שטעטעלע, אָדער בעסער געזאָגט — אַן אינטערנאַציאָנאַלע קונסט-וועלטל.

★

איצט, ווען ס'זיינען ווידער אַריבער מער ווי 25 יאָר, און איך נעם זיך שרייבן וועגן דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט, ווייס איך ניט ווי אָנצוהייבן

אַט דעם, כ׳דאַרף זאָגן, המשך — ווייל, ווי דען קען מען באַצייכענען אַקטיוויטעטן פון פאַרשיידענע תקופות ? די-אַ יאָרן זיינען געווען ניט בלויז אַקטיווע, אָנגעפּראַפּטע מיט קרעאַטיווער פּראָדוקטיוויטעט, שטאַרק פאַרבונדן מיט גע-זעלשאַפטלעכקייט. געבויג בלויז צו דערמאָנען דעם ניו-יאָרקער קונסט-צענטער ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, — אַן אַקטיוויטעט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1948, אַקוראַט ווען ס׳איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל. — אַ, וועגן דער תקופה איז פאַראַן אַ סך צו דערציילן, דאָס דאַרף אָבער זיין אַן ענין אַליין פאַר זיך.

כ׳האָב שוין ניט ווייניק דערמאָנט וועגן אַט דער תקופה, כ׳בין אָבער ניט זיכער צי ס׳איז שוין אַלץ געזאָגט געוואָרן. ס׳וועט אָבער קומען אַ צייט אויך פאַר אַ גענויער מעמואַריסטישער באַהאַנדלונג פון דער-אַ אינטערעסאַנטער טעטיקייט פונעם קונסט-צענטער ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס.

אין 1948 האָבן מיר נאָך ניט געהאַט קיין אייגן קולטור-הויז, האָט מען אַראַנזשירט אונדזערע אויסשטעלונגען און סימפּאָזיומס אינעם ניו-יאָרקער יידישן מוזיי, וואו איך בין געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון אונדזערע טעטיקייטן.

צו דער דערעפענונג פון אונדזער ערשטער אויסשטעלונג אינעם ניו-יאָרקער יידישן מוזיי איז געקומען ניט קיין קלענערער עולם ווי דעמאָלט, אין צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען מיר האָבן אַראַנזשירט די גרויסע אויסשטעלונג אינעם „פאָרווערטס״-בנין.

אויף דער פינפטער עוועניו און צווי-און-ניינציקטער גאַס איז יענעם שבת-צו-נאַכט פון 19-טן סעפּטעמבער, 1948, געווען אַ גרויסער יום-טוב, דער מוזיי איז געווען אָנגעפּראַפּט, די עוועניו און די אַרומיקע גאַסן זיינען געווען אָנגעפילט מיט אַ קאָלירפולן עולם.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַרום איבער 30 יאָר האָט די-אַ אויסשטעלונג באַקומען גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, — ס׳איז געוואָרן אַ מאַניפעסטאַציע פון אַ יינגערן דור קינסטלער צוזאַמען מיט וועטעראַנען פון אַ פריערדיקער תקופה.

כ׳קען אָבער ניט זאָגן, אַז די עלטערע קינסטלער זיינען געקומען מיט פאַרראָסטעטע קרעאַציעס, פאַרקערט, די יאָרן האָבן צוגעגעבן רייפקייט וואָס קען זייער גוט דינען פאַר די יינגערע, נאָך ניט אינגאַנצן קריסטאַליזירטע עקספּערימענטן. פאַר אונדז, די אַביסל עלטערע, דערפאַר אָבער מיט געוויסע קינסטלערישע דערפאַרונגען, איז געווען וויכטיק צו אַנטוויקלען אונדזער קונסט-באַוועגונג אין דער טיף און אין דער ברייט, מיט אַלע קינסטלער וואָס מיר קענען צונויפזאַמלען — סיי צווישן די יינגסטע און סיי צווישן די עלטסטע — כדי צו קענען שאַפן אַן אייגענע היים פאַר דער יידישער קונסט. האָב איך טאַקע פאַר דעם קאַטאַלאָג פון אונדזער ערשטער מאַניפעסטאַציע אינעם ניו-יאָרקער יידישן מוזיי געגעבן אַ פאָר ווערטער וועגן אַ היים פאַר דער יידישער קונסט. ס׳וועט כדאי זיין צו ציטירן דאָ וואָס איך האָב דעמאָלט געזאָגט :

„צוזאמען מיטן קונסט-צענטער ביים אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס קומט אויף פאַר אונדז א חזיון וועגן א מקום-מקלט פאַר יידישער קונסט. יידישע קינסטלער האָבן ניט איינמאָל אויסגעשטעלט זייערע שאפונגען ווי מוסטערן פון יידישער קונסט, ווי א סימבאָל פון יידישער קרעאַטיוויקייט. מ'האָט ניט איינמאָל געפּרואווט שאפן יידישע מוזייען און מיר האָבן טאקע עטלעכע יידישע מוזייען אויף דער וועלט.

איצט אָבער, מיטן אויפקום פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, ווילן מיר שאפן א קונסט-צענטער, א זאמל-אָרט פאַר אלע יידישע קינסטלערישע כוחות, וואו די שעפערישקייט פון יידישע קינסטלער זאָל געפינען א תיקון. דאָס קען אויך פירן צו א נייעם באנעם וועגן יידישער קונסט.

ניט געקוקט אויף א סך באמיאונגען, זיינען די קאָמפּליצירטע יידישע קונסט-פּראָבלעמען ניט קלענער געוואָרן; פאַר אונדז שטייט נאָך אלץ די אלטע שוין קלאסיש-געוואָרענע פראגע: וואָס איז יידישע קונסט? א פאסיקער ענטפער קען זיין אין דער פאָרם פון א נייער פראגע: ווי אזוי דעפינירט מען די קונסט פון א פאָלק? דער ענטפער איז על פי רוב אויך ניט קיין פשוטער, — מ'ווייזט-אָן אויף געוויסע כאראקטעריסטישע אייגנארטיקייטן אין פאָרם, אויסדרוק און אינהאלט, ווי אן ארגומענט באנוצט מען אויך דאָס וואָרט — גייסט. דאָס איז זייער אן אומבאשטימטער און עלאסטישער ארגומענט.

דער יידישער קינסטלער פילט זיך אָפט פארלוירן ווען ס'קומט צו דעם מין אנאליז. איינס איז אָבער זיכער, — דער יידישער קינסטלער אנטלויפט שוין ניט פון יידישקייט, פארקערט, עס וועקט זיך אין אים א דראנג צו געוויסע פאָרמען, וואָס קענען מיט דער צייט האָבן א שייכות צום יידישן שאפן; ער איז נייגעריק צו געפינען אן אָנדייט, א כאראקטעריסטישן ניואנס פון אייגנארט; ער זוכט דעם יידישן פונק וואָס גליט אין יעדן שעפערישן יידן.

די קונסט-גאלעריע ביים פּאוויליאָן פון יידישער קולטור אויף דער פאריזער וועלט-אויסשטעלונג אין 1937, האָט שוין דעמאָלט אָנגעמערקט א וועג, אויך אָנגעזאָגט דאָס וואָס מיר בעמען זיך איצט אונטער צו טאָן. מיר ווילן גלויבן, אז מיר לייגן איצט דעם גרונטשטיין פאַר א בנין וואָס וועט מיט דער צייט ווערן דער משכן פון יידישער קונסט".

י. גרינבערג

פ ע ד ע ר ן

ר׳ מאָטע, דער נאכט-שומר פון אויטאָ-פּארק ביים „שוק״, איז א קורץ קרעפּטיק יידל מיט א פליכעוואטן קאָפּ און א ליידיק, האַרלאַז פּנים. נאָר אויפן שפּיץ פון זיין גאָמבע הענגען שיטערלעך צעשפּרייטע בינטעלעך גרוי-געלבע האָר, וואָס גיבן דער גאָמבע דעם אויסזען פון אן אויסגעקראַכן בערשטל.

צו זיין פליך איז צוגעקלעפּט א פּעטע, פּארשוויצטע, יארמלקע, און אויפן סאמע שפּיץ פון זיין נאָז רייטן, על פּי-נס, א פּאָר אלט-מאָדישע שפּאקולן. די בארוועסע פיס זיינע שווימען ארום אין א פּאָר אלטע אויסגעדרייטע שטעק-שיך, און די כאקי-הויזן וואָס ער טראָגט, זיינען לאטע אויף לאטע. די קאפּאָטע האָט לאנג שוין פארגעסן איר קאָליר און האָט אָן א שיעור קעשענעס. אין איין האנט טראָגט ער א לאמטערן מיט א פייפל, אין דער צווייטער — א משניות.

צווישן איין „טור״ און צווייטן, זעצט ער זיך צו אויף א שטיין און ביים ליכט פון לאמטערן בעמט ער זיך שאָקלען איבערן משניות, שלינגענדיק די ווערטער ווי א קאלטן, געשמאקן טרונק. זיין אומעטיקער, מאָנאָטאָנער ניגון צעטראָגט זיך אין דער נאכטיקער שטילקייט אויף די גאסן ארום.

זייבוול, דער פּארקערער פון „שוק״, איז הויך און דין, ס׳דוכט זיך, אז אָט אָט, און ער ברעכט זיך איבער. אויף זיין קאָפּ ברויזט א וואלד פלאקסענע, צעשויבערטע האָר און אינגאנצן איז ער ענלעך צו דעם בעזים וואָס ער טראָגט אין זיין האנט.

— בוקר-טוב! ר׳ מאָטע.

— בוקר-אור! ר׳ זייבוול. נאָך א נאכט אריבער.

— נאָך א טאָג געקומען, זאָגט זייבוול, השמים, שמים לה׳, והאָרץ לבני אָדם — דער טאָג צו ארבעט און די נאכט צום שלאָפן, און ביי אייך איז פארדרייט, ר׳ מאָטע.

— נו, יידיש האָב און גוטס קען דאָך ניט בלייבן הפקר! „שומר מה מליל״ — א בפירושער פּסוק.

— נו, און וואָס איז מכות בינו לבינה? פרעגט זייבוול און מאכט זיך תמעוואטע, כלומרשט פארגעסן, אז ר׳ מאָטע איז נאָך אלץ א בחור. אָנגעשטאָפּט איז דאָס מיט גאָלד און גייט נאָך אויף די עלטערע יאָרן שומר׳עווען ביינאכט.

— שווייג שייגעץ! צעשרייט זיך ר׳ מאָטע, מיט א הייזעריק קול, כאַפּט זיך קראַצן די פּאָר האָר אויף זיין גאָמבע וועלכע האָבן זיך ראַפּטאָם אויפגעשפּיזט ווי פאַרזשאַווערטע טשוועקעס און פאַרשווינדט צווישן די שטייענדיקע אויטאָס.

די עלעקטרישע גאַסן-לאָמפּן ברענען נאָך, נאָר זיי האָבן שוין פאַרלוירן זייער האַפּט, זיי זעען אויס ווי ליכט, וואָס מ׳האָט פאַרגעסן אויסצולעשן נאָך א חתונה, — די געסט זיינען זיך צעגאַנגען, די טישן אויפגערוימט, נאָר עפּעס האָט מען פאַרגעסן אויסצולעשן די ליכט.

די שטאָט שלאָפט איצט געשמאַק דעם לעצטן פאַרטאָגיקן שלאָף. זיינוול עפנט די אייזערנע טויערן פון דער פינף-שטאָקיגער „שוק״-געביידע, וואָס זעט איצט אויס, מיט איר גלעזערנעם דאַך, קיילעכדיקע מאַרמאָר-ווענט און געדרייטע גאַלעריעס, ווי א פאַרכשופטער פּאַלאַץ. אינעווייניק שלאָגט אין דער נאָז מיט ריחות פון וועלקנדיק גרינצייג, פיש און הינערשע מיסט. פון מאָל צו מאָל הערט זיך א קוואַקע פון א הון און א פאַטש פון א פליגל, — ס׳דוכט זיך אויס, אז „ניט-גוטע״ פאַרען זיך דאָ ארום. פון די קליינע לעמפּלעך וואָס ברענען אויפן סופיט, איז די געביידע איינגעהילט אין א מיסטישן טונקעלן ליכט.

זיינוול דרייט זיך דאָ ארום מיטן לאַנגן בעזים באַגלייט פון א פינף־שטאָקיגן שאָטן. ער שפּריצט וואַסער פון א לאַנגער, גומענער קישקע, רייבט און קראַצט, גייט ארויף און אַראָפּ, און זיינע טריט הילכן אין דעם חלל פון דער געביידע און וועקן דעם טאָג.

דעם ערשטן האָבן זיי אויפגעוועקט הערמאַנען, דעם אייגנטימער פון דער מסעדה (רעסטאָראַן) ביים „שוק״. באַלד נאָך דער קלימפּערריי פון קייטן און שלעסער, איז אויפגעגאַנגען אין דעם יונגן באַגינען א שאַרפער ריח פון זידנדיקער קאַווע, וואָס האָט זיך ארייַנגעריסן אין דער „שוק״-געביידע און געגומען קיצלען זיינוולען אין די נאָזלעכער.

צייט צו באַנעצן אביסל דעם גאָרגל, האָט זיינוול זיך געטראַכט און ארויס צו דער מסעדה.

— גוט מאָיען, אדון הערמאַן! אייער קאַפע שמעקט היינט וואונדערבאַר. זאָגט זיינוול, נעמענדיק דאָס טעפּעלע שמעקעוודיקע, קאָכעדיקע קאַווע פון הערמאַנס הענט.

— ווי יעדן טאָג, מיין פריינד, ווי יעדן טאָג. זאָגט הערמאַן, ווי אונטער־צושטרייכן זיין קולינאַרע קונסט, דאָס הייסט ס׳איז ביי אים ניט קיין נייעס, ער קען נאָך די קונסט פון ווין.

הערמאַן, א ווינער ייד, הויך און דיק מיט א פעטן געשוואָלענעם קאַרק און בלינד אויף איין אויג, — שטייט ביים פענצטער פון דער מסעדה און

וואשט די גלעזער, און נעבן אים — זיינוול אַנגעשפּארט אויף זיין בעזים. אין דעם דערהערט זיך פונוויטנס א קלאפּן פון הילצערנע שיך — קליק, קלאַק, קליק, קלאַק, — וואָס קלאפּן באזונדערס געשמאק אין דער פּאַרטאַגיקער שטילקייט.

ביידע מענער קוקן זיך אום:

אהא, עס קומט נדיבה, דאָס איראַקישע האלב-משוגענע מיידל; אירע שווארצע האָר זיינען צעשויבערט און פול מיט גראָז, און דורך די לעכער פון איר צעריסן קליידל שרייען ארויס שטיקער פון איר מיידלשער נאקעטקייט. זי קומט צו מיט שלאבעדיקע טריט צום פענצטער און זאָגט מיט א הייזעריקע שטים: „גאזאָז"!

— שוין ווידער זיך ארומגעטליקעט א גאנצע נאכט, נדיבהלע! זאָגט צו איר הערמאַן. — און ווער האָט דיר אזוי שיין פריזירט די האָר? פרעגט ער ווייטער, ארומנעמענדיק איר צעשויבערטן קאָפּ.

נדיבה פּאטשט אים איבער די הענט און שרייט:

— דו בלינדער „גוט-מאָיען", גיב בעסער גאזאָז! באלד גייט זי איבער אין א שטיל כאכאָטשען און זאָגט:

— ווייסט, גוט-מאָיען, דיר וועט זיין לייכטער צו שטארבן.

— ווי אזוי? וואונדערט זיך הערמאַן.

— וועסט דארפן צומאכן נאָר איין אויג. זאָגט נדיבה מיט אן ערנסטער מינע, און דערזעענדיק ווי הערמאַן כאפּט א גלאָז וואסער, הייבט זי אויף די פּיס, אנטלויפט און שרייט:

— בע, בלינדער גוט-מאָיען, בע! פּלוצים בלייבט זי שטיין, טוט א פאַרשאַרץ דאָס קליידל — און דער פּאַרטאַג האָט דערזען דאָס, וואָס איר מאמע האָט ביי איר געקושט קליינערהייט...

הערמאַן האָט ציטערנדיק פון כעס נאָכגעוואָרפן איר דאָס גלאָז מיט וואסער, צישענדיק דורך די ציין:

— זונה מחורבנת!

דאָס גלאָז האָט זיך צעשפּליטערט אויפן אספאלט מיט א הילכיקן קראַך און דער טאָג האָט דערוואכט.

פונדערווייטנס האָבן אָנגעהויבן ברומען און קרעכצן די שווערע לאסט-אויטאָס, וואָס קומען יעדן פרימאָרגן אין שטאָט אריין אָנגעלאָדן מיט כל-טוב, אָנצוזעטיקן דעם טויזנט-פּאלדיקן, הונגעריקן מאָגן פון דער שטאָט. די לאסט-אויטאָס דערנעענטערן זיך מיט א טרומייטעריי און שארפן גאזאָלין ריח און פארנעמען אלע זייטיקע גאסן און געסלעך ארום „שוק". די שאָפערן, וועלנדיק

אנקומען וואָס פריער צום „שוק“, זידלען זיך מיט די געמיינסטע ווערטער, שילטן זיך מיט די אויסטערלישסטע קללות, און שטופן די אויטאָס איינער אויפן צווייטנס ביז פון זיי אלע ווערט איין גרויסער קנויל.

מיטאמאָל טוט א קום אָן ירוחם דער חלבן אויף זיין אייזעלע ביי וועמענס צוויי זייטן עס באַמבלען זיך די קאנען פרישע מילך. אריין צווישן די זיך רייבנדיקע און ברומענדיקע אויטאָס, איז דאָס אייזעלע געוואָרן צעטומלט, געבליבן שטיין דובאָם — ניט אהין און ניט אהער — און זיך צעשלוקערצט מיט יאָמערלעכע קולות.

באלד נאָכדעם איז אויך אָנגעקומען דער האלב-נאַקעטער בעקער-יונג פעפּו, מיט א בעקן שמעקעוודיקע קעז-קיכלעך אויף זיין קאָפּ, און האָט געוואָלט אריבערגיין די גאַס. נאָר די גאס איז געווען בלאָקירט פון דעם יאָמערנדיקן אייזעלע, פארפלאָנטערט צווישן די אויטאָס און אויפגערעגטע שאָפערן.

— אייזל-קאָפּ! מאך א ווארע פארן צוואנציקסטן יאָרהונדערט! — האָבן די שאָפערן געשריען צו ירוחמען, באַכמאכנדיק די יללות פון דעם צעטומלטן אייזעלע.

— פּאַרדאָסטע „בעלי-עגלות“ אָן בייטשן! משיח וועט קומען דווקא אויף אן אייזל און ניט אויף א פאַנפּעדיקן אויטאָ-ביל, האָט ירוחם צוריקגעשריען.

פעפּו, זעענדיק אז ער וועט דאָ ניט ארויס פון דעם פּלאָנטער, האָט אָנגעכאפּט דעם אייזל פארן וויידל און גענומען אים שלעפּן אויף צוריק. די שאָפערן האָבן זיך לאַכנדיק צעשריען:

— בראַוואָ, פּעפּו, בראַוואָ! דריי אים פארן וויידל, וועט עס אים אריין אין זיין אייזל-קאָפּ, — בראַוואָ, פעפּו, בראַוואָ! און ירוחם גוואלדעוועט:

— באַנדיטן! די קאנען! די מילך!

מיטאמאָל, קיינער ווייסט ניט וואָס דאָס אייזל האָט אזוינס דערזען, נאָר ס'האָט ראַפּטאָם זיך געטאָן א ריס ארויס פון פּעפּוס הענט און געלאָזט זיך לויפן פאָראויס מיט אלע כּוחות אונטערן באגלייט פון דונערנדיקע הורא געשרייען פון די שאָפערן.

אָפּגעלאָדן די סחורה, קומען די שאָפערן זיך צונויף ביי הערמאַנען אין דער מסעדה. פון זייערע קורצע הייזן און קורצע ארבל שפּארן ארויס מוסקולירטע פיס און הענט, פון די צעכראַסטעטע העמדלעך — האָריקע ברוסטן, און די פּנימער זיינען פארשרפּעט פון זון און ווינט. זיי זיצן איצט ביי די טישלעך איבער סאלאטן, הינדלעך, וואורשטן, קעזן, קיכלעך און ביר און זייערע באַקציינער רייבן אויף „וואָס די וועלט שטייט“!

פון מאָל צו מאָל ווערט די „אכילה“ איבערגעריסן דורך מעשיות וועגן פּאַסירונגען וואָס פּאַרלויפן זיך אויף די וועגן: — אויסגעמיטענע צוזאמענשטויסן,

גוטע און שלעכטע „ברעיקס״, „פאַנטשערס״, „ספּידן״ און טרעמפּן פון זיינע מיידלעך, וואָס האָבן שיער, שיער, זיך געענדיקט אויפן ראָמאַנטישן אופן.

צווישן די „פּרעסערס״ דרייט זיך ארום די קעלנערין שושנה, — בלאָנד, דיק און דער ווייסער כאלאַט איז אזוי שטייף אָנגעצויגן אויף איר, אז ער מאַכט בולט און נאַקעט אלע אירע בערגלעך און טאָלן... די שאַפערן פרעסן זי מיט הונגעריקע אויגאַנעס און ווער ס'האָט נאָר א האַנט באַמיט זיך אָן איר צו פארהאַטשען.

יאָשע איז א גרויסער, צעוואַקסענער יונג. זיין גוף שפּארט זיך מיט קראַפט פון זיינע געפּאַסטע בגדים. ער זיצט ביים טיש אין א זאַטן האַלב-דרימל, דעם אַרבוזן-קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיינע קלעצערדיקע הענט. די זעקס ליידיקע ביר-פלעשער זיינען עדות פון זיין פארנעפּלט געמיט. שושנה גענענט צו אים מיט שטילע, קעצישע טריט און פרעגט מיט א שמייכל:

— וואָס נאָך, מיין קליינער, וואָס נאָך?

— נאָך, נאָך... ענטפערט איר יאָשע מיט א פאָנפע.

— וואָס? פרעגט זי.

— דיך!... און איידער וואָס, איז זי שוין פארקלעמט אין זיינע צוואַנגיקע אָרעמס.

— פוי, דו בופלאָקס! צעקוויטשעט זיך שושנה, טוט זיך א ריס ארויס פון זיינע אָרעמס און פארשווינדט אין דער טיר פון קיך.

דער „שוק״ האָט זיך צעזשומעט ווי א בינשטאָק און זיך צעפינקלט מיט פארשיידענע פארבן ווי א כישופדיקער טעפּיך: די בלוט-רויטע טאָמאַטן האָבן זיך באַהאָפטן מיט דעם גרינס פון אוגערקעס, קאַרמאַזין פון רעטעכלעך אין דאָס סעלעדרין פון טרויבן. העל-גרין פון באַנאַנעס, טונקל-גרין פון פאַפּריקעס און דאָס בלייך-גאָלד פון קוסעלעך, זיינען געווען איינגעראַמט אין דעם פיאָלעט-שווארצן סאַמעט פון חצילים, און באַפּוצט מיט רויטן, צעשטערנטן תות (טרוסקאַווקעס). צווישן זיי האָבן געבלענדט די שניי-ווייסע שטויסן פון אייער און קעז, און איבער זיי האָבן זיך געטורעמט די טונקל-גאָלדענע בערג פון מאַראַנצן און מעלאָנען, אויסגעמישט מיטן גרין פון די פלוימען, בארנעס, עפּל און ארבוזן. די ריחות זייערע, אויסגעמישט מיט די ריחות פון ציבעלעס, קנאָבל, פוטער און פרישע געבעקס האָבן געקיצלט אין נאָז און גערייצט דעם אפּעטיט.

איבער דעם אלעם געוועלטיקט דאָס טויזנט-מויליקע געשריי און געפּילדער פון פארקויפערס און קויפערס. די קונים, אממיינסטן ווייבער, שמייען ארום פון איין געשטעל צום צווייטן, — באַשמעקן, באַטאַפּן און פארזוכן; בייגן זיך אריבער די בערג פון ירקות און פּירות און קלייבן קלייבן.

א באַזונדערע מלוכה איז אויפן צווייטן שטאָק, — דאָ זיינען די עופות. הינער קוואָקען, הענער קרייען, גענדז גאָגערן און אינדיקעס האָלדערן.

דער רויט-האָריקער שלום נעים האָט דאָ דעם גרעסטן געשטעל, זיינע שטייגן מיט די עופות זיינען אָנגעשטעלט ביזקל דער סטעלע. ער און זיין יונג ווייבל וויקטאָריא, שטייעןביים פּאַרקויפן; אין א דערבייאיקן צימער שטייט דער שוחט און די פליקערקעס.

דער שוחט — א דאַר, תימנער יידל מיט לאַנגע, שוואַרצע פּאות ווי שרויפן און א קורץ, שפּיציק קאָזע-בערדל — האַלט דעם בלענדיקן חלף צווישן די ציין, דאָס עוף צווישן זיינע קני און מיט די פינגער צופּט ער שנעל, שנעל, די פּוכקע פעדערלעך פון די אויסגעשטרעקטע העלדזעלעך, און — כיק מיטן חלף... בלוט שפּריצט פאַנטאַניש און וואַרעם, צעשניטענע גאָרגלען כאָרכלען, א לעצטער ציטער און — ס׳קומט די ריי פון די פליקערקעס.

די פליקערקעס — אין ווייסע כאַלאַטן, אויסגעשמירט מיט בלוט און באַקלעפּט מיט פעדערן, פליקן, טוען אויס נאַקעט די געקוילעטע עופות און מאָלן און קייען רכילותן „איבער שטאָק און איבער שטיין”...

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו כאַסקע די מאַטראַסקע? שרייט אַרויס א שוואַרצע, דאַרע פליקערקע פון א וואָלקן פעדערן.

— אַזאַ נאַכט-פויגל! אַזאַ שטיק גאַרניט! דער מאַן ווערט אויסגעריסן אויפן ים און זי לאָזט זיך דאָ וואַלגערן אויף לינקס און אויף רעכטס... וואָס מיינט איר איז נעכטן געשען? מאַשיק, איר מאַן, קומט אַהיים שפּעט ביינאַכט נאָך א פיר-חדשימדיקע נסיעה און טרעפט זיין קעצעלע מיט א פרעמדן קאָטער... נו, די געשרייען, די געוואַלדן און די קלעפּ — פרעגטש שוין גאַרניט!

— וואָסי? רופט זיך אָן די דיקע, צעיורענע שרה — אַן אויסגעשמירטע מיט בלוט, — זאָל ער ניט זיין קיין מאַטראָס, אַז ער האָט א יונג, שיין ווייבל. וואָס מיינט ער, יונג בלוט קען מען שטילן מיט פּאַפּיר?... נישקשה, ער פאַסט אויך ניט קא תעניתים... מ׳קען שוין די מאַטראָסן, מ׳קען זיי!...

— און דאָס האָט עטץ שוין געהערט? רופט זיך אָן די אַלטע, אָנצייניקע רעבעקאַ:

— ר׳האָט זי געשאָכטן ווי א הינדל, — כיק, און כיק...

— וועמען?

— די נדיבה, די האַלב-משוגענע.

— ווער האָט זי געשאָכטן?

— נו, דער טאַטע אירער, דער יעקב מזרחי.

— דער הויקער?

— יאָ, דאָס פּאַרזעניש, די מאַלפּע. זי באַפלעקט אים די משפּחה, האָט ער געשריען... היינט פאַרטאָג ווען זי איז אַהיים געקומען פון א ביינאַכטיקן שפּאַציר, האָט ער זי געפּאַקט. די גאַנצע גאַס איז פול געוועזן מיט די געוואַלדן:

— דו זונה, דו נבזה! די משפחה וועסטו מיר באפלעקן?!

— מיטן קיך-מעסער האָט ער זי געשאָכטן, — כיק, און כיק... איבער דער גאנצער שטוב האָט ער זי געיאָגט, — שטעך, און שטעך! — אזוי ווי א הינדל, — כיק, און כיק... נדיבה מסכנה!

מיטאמאָל איז שטיל געוואָרן. א געפרעסטע שטומקייט האָט זיך צעהאנגען אין דער לופט, וואָס איז אָנגעזאפּט מיט בלוט, פעדערן און כאָרכלען פון גוסדיקע הינער.

דער רויט-האָריקער שלום נעים איז דאַר, קליין און זיין פּנים איז פול מיט זומער-שפּרינקלעך. ער איז שוין איבער די זעכציק, און וויקטאָריא קוים צוואנציק. זיין ערשט ווייב איז פון אים אנטלאָפן; די צווייטע איז אין א משוגעים-הויז; און וויקטאָריא איז ביי אים די דריטע — עד מאה ועשרים.

— וואָס פעלט איר ביים אים? א פּריצטע איז זי דאָך! און מיידלוויז האָט זי געמוזט גיין אויף ספּאָנדזשע. איר טאטע, דער בלינדער יצחק, איז א קבצן אין זיבן פּאָלעס. נאָר קיין נחת פון איר האָט ער ניט, — א יונגע ציג, הייס בלוט... און, — וואו נעמט מען כוח צו איר?... און צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס אָנשיקעניש, — דער זיינוול, דער שיקענאזי ימח שמו! עפּעס איז צווישן זיי... עפּעס איז צווישן זיי!... ניט באשערט קיין מנוחה!...

וויקטאָריא איז א שלאנק, צארט ווייבל, מיט בלאָנדע האָר און ביר-ברוינע אויגן, — גאָרניט ווי קיין „פּרענקינע".

— אמת, ס'פעלט איר גאָרניט ביי אים, ביי נעימען, — א גבירת איז זי, זיצט ביי דער קאסע. שיינע קליידער, גוט עסן, א שיינע וואוינונג, און האלט א מענטש אויף ספּאָנדזשע. פריער האָט זי געמוזט גיין צו אנדערע מאכן ספּאָנדזשע. נאָר ביינאכט, זיין כראָפּען און סאָפּען... און זיינע סקעלעטענע פינגער, — ווי דער מלאך־המות אליין וואָלט זי באריִרט... אוי, זיינוול! וואָס חלומט ער, וואָס גייט ער ארום און טראכט, — פילט ער גאָרניט?...

זיינוול, דער שומר פון „שוק", איז א נייער עולה. ביי היטלערן ימח שמו, געלאָזט ווייב און קינד. אינגאנצן איז ער פינף-און-צוואנציק, נאָר צרות טראָגט ער אויף זיך א פּאק, מער ווי פון הונדערט. וויקטאָריא דערמאָנט אים אין עפּעס — אינגאנצן זיין פּעשע, אינגאנצן פּעשע... און ער, דער אלטער אשמדאי, — ווי א הונט א פּעטן ביין, אזוי היט ער אירע טריט.

— שלום, וויקטאָריא! כ'האָב דיר געבראכט קעז-קוכן מיט קאווע.

— און מיר? פרעגט מיט א בייזער נעים.

— ווילסטו? ברענג איך פאר דיר אויכעט, זאָגט זיינוול מיט א ציטער.

— ברויך ניט, זיינוול! ברויך ניט, — מוחל! וויקטאָריא טרינקט ניט די קאווע!

— פאַרוואָס? פרעגט וויקטאָריאַ פאַרוואונדערט.

— אַזוי!

— אָבער, נעים?

— קיין אָבער, הערסט! אַז איך זאָג איז געזאָגט! — טרינק ניט און כאַלאַס!

— אָבער אדון נעים, — פּרוּווט זיינוול זיך אַריינמישן.

— מאַרש, דו, וואָס-וואָס, — האָסט געהערט? — כ'פּלעט דיר דעם קאָפּ! און אַ קילאָ-שטיק איז געפלויגן צו זיינוולען.

וויקטאָריאַ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי אַ שלאַנג וואָלט זי אַ ביס געטאָן. און באַלד איז אַלץ געוואָרן איין קנויל:

זיינוול האָט זיך פאַרנעגלט אין די רויטע האָר פון נעימען; נעים האָט געפּויקט מיט זיינע ביינערדיקע פויסטן אין זיינוולען, און וויקטאָריאַ האָט געקלאַפּט אין זיי ביידן מיט אירע קליינע פויסטן און געשריען ספּאַזמאַטיש:

— משוגעים, יחרב ביתכם! איבער אַ טעפּעלע קאַווע? אידיאָטן, מאַדזשנון! איבער אַ ביסל קאַווע?

טאָרגלענדיק זיך האָבן זיי איבערגעקערט די קאַסטנס מיט די עופות און די קאַסטנס האָבן זיך צעבראָכן. די עופות זיינען זיך צעפלויגן און צעשריען מיט אַ געפילדער איבערן גאַנצן „שוק". די דריי האָבן זיך געממיתט, געשאָלטן און געקנוילט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך אַריינגעקנוילט אין דעם צימער וואו מ'שעכט און מ'פּליקט די עופות. ביים אַרויפטרעטן אויפן פאַרבלוטיקטן גליטשיקן דיל, האָבן זיך אַלע דריי געטאָן אַ גליטש אויס און געבליבן ליגן אויפן דיל, — אויסגעשמירטע מיט הינער-קויט, בלוט און פעדערן...

יוסף סאָקולער ז״ל

י ר ו ש ה

בענקשאפט

ווי א ווינט פליט אַן די בענקשאפט
אין גראָע פארנאכטן,
נעמט מיך ארום מיט ביינקע הענט,
קלעמט מיך איין
מיט א קראפט אן אומגעהויערער
און זינקט,
און זינקט
אין די טיפסטע טיפעניש
פון מיין הארץ.

✶

אין די איינזאמע אָוונטן,
אונטער דער מוזיק
פון הארבסטיקן ווינט
און דאָס פויקן פון רעגן
אויפן דאך,
וואכן אויף ניט געשטילטע באגערן
פון יוגנט —
צו גליק,
צו ליכט,
און צו פריידיקער זון.

כ׳הער זייער געזאנג
און מיין הארץ ווערט פול
מיט דורשט און מיט בענקשאפט.

ס׳גייט אויף

ס׳גייט אויף אין מיין הארץ
א שטורעמדיק געזאנג,

שטורעמדיקער און ברויזנדיקער
פון טיפסטן צעכוואליעטן טייך.

פרייען זיך די דורשטיקע פעלדער
פון מיין נשמה,
ווי גרודעס שווארצע ערד
דערפרישטע פון רעגן.

און מיין טאָג איז א ליכטיקער,
און איך באָד זיך אין זון —
איך בין אָנגעטרונקען מיט זון!
איך בין שיכור פון זון!

און איך פיל —
טיף אין מיין הארץ,
ווי אויף א צייטיקן זאָמען
אין שויס פון דער ערד,
האָט די שאָל פון א קערנדל
פול האָפענונג געפלאנצט,
האָט זיך צעעפנט א ליכטיקער
און שפּראָצט טראָציק.
און וואקסנדיק רייסט עס זיך
צו זון
און —
צו זיין...

מיין אויסגעדאכטע פרייד

איך נעם זי ארום אין דער נאכט —
אין אונדז א זון ווערט געבוירן
און א נייער מאָרגן גייט אויף פאר אונדז...
אין די טעג מיר בויען א הויז,
מיר אקערן דאָס פעלד,
מיר פלאנצן א בוים.
אין די אָוונטן
שפּאצירן מיר
אויף נאָך ניט אויסגעטראָטענע סטעזשקעס
אין צעאקערטן פעלד.

אין דער ווייט טונקלט זיך
דער וואלד דער טיפער ;
א פולע לבנה שווימט ארויס
פון הינטערן וואלד
און שפּאַצירט אוועק
אין די בלויע הייכן.

שטיל איז דער ארום,
פאַרכישופט ליגט דאָס פעלד
און אָטעמט מיט לעבן
וואָס ליגט פאַרטייעט
טיף אין זיין שויס.

און מיר גייען האנט אין האנט,
און מיר גייען,
ביז —
כ׳עפן מיינע אויגן . . .

זאָרג ניט

זאָרג ניט, קינד מיינס,
שווארצע וואָלקנס
גייען גיך פאַרביי, —
אזוי וועט אויך
דיין זאָרג אוועק.

ס׳איז קליין דער וואָלקן
וואָס פאַרשטעלט די זון ;
זיין שאָטן בלויז,
וואָס שפּרייט זיך אויס
אויף אונדז,
איז גרויס.

אָבער,
ווי ס׳פאַרשווינדט א רויך,
אזוי וועט שווארצער שאָטן
גיך פאַרשווינדן אויך.

האָפנונג

דער לעבנס-הונגער מאָנט.
און איך ווייס,
איך קען ניט דורכלעבן מיין לעבן
מיט בלויזע חלומות, —
ניין. כ׳מוז פילן אים
א הייס-פליסיקן אין מיין בלוט.

ניין. כ׳האָב ניט פארגעסן
אז איך שווים אין א ים ;
אז א שטורעם טראָגט זיך איבער מיר ;
אז כוואליעס וואַרפן מיך,
שליידערן מיך ארויף און אראָפּ ;
אָבער —
איך שווים צו א ברעג !
און איך ווייס —
דאָרטן וועלן וואַרטן אויף מיר
מיינע אויסגעטרוימטע האָפנונגען.

כ׳וועל

ס׳וועט נארעשער טרויער מער ניט פארדעקן מיין שטערן
מיט וואָלקנס פון אומעט ;
מער ניט פארקלעמען מיין הארץ
ביז נארעש געוויין.

געגן דעם טרויער אין קאמף וועל איך גיין
מיט צייטיקן זומער אין הארץ ;
און געגן געוויין האָפערדיק כ׳וועל טראָגן
א פרילינגדיק ליד אין מיין הארץ.

דו ביסט דאָס ליד אין מיין הארץ

ווי א ריז האָט געשפּאנט
דער ברייטער שווארצבאָרדיקער מענטש
אין האלב-טונקל פונעם צימער.

די אויגן די צווײ
האָבן ווי פייערלעך געפינקלט
אין שטורעמדיק פריידיקן פּנים.

די אַקסלען די ברייטע
האָבן וואָגיק געוויגט זיך
ווי אַ שיף אויף די כוואַליעס פון ים.

און זיין שוואַרצער קאָפּ האָר —
אַ צעפּאַטלטער — האָט זיך געכוואַליעט
ווי אַ דעמבעבער וואַלד אין אַ שטורעם.

און טרוים נאָך טרוים,
ווי דונער נאָך דונער
אין אַ שטורמיקער נאַכט,
האָט אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ...

— — — —

ער האָט אריינגענומען זיין געליבטע
אין זיינע שטאַרקע אָרעמס —
אַ צעשטראַלטער, אַ דורשטיקער,
און האָט איר אין אויער געשעפּטשעט:
„ווי ס׳גייט אויף דער טוי
אויף גראָז און אויף בוים
אין פריען מאָרגן,
אַזוי גייט אויף אַ ליד אין מיין הארץ;
און ווי ס׳גייט אויף דער דופט
פון יונגן סאָסנע-וואַלד,
אַזוי גייט אויף מיין ליבע צו דיר
און דו
וועסט דאָס ליד אין מיין הארץ״.

שטילע תפילות

גאָט,
בענטש מיין הארץ
ס׳זאָל דער ווייטיק
עס ניט מאַכן קליין;
ניט פאַרקלעמען
און ניט פאַרסמען;

ס׳זאָל זיך אויסברייטערן
און פול ווערן
מיט ליבע און מיט לעבנס-לוסט
און ס׳זאָל זיך צוגרייטן
צו א ביסעלע גליק.

✶

גאָט,
בענטש מיין הארץ
מיט גרויס געדולד
און גיב כוח אויסצוהאָדעווען
די חלומות פון מיין יוגנט;
לאָז ארויסשפּראָצן
די אויסגעטרוימטע פּרוכט פון זיי
ווי סע שפּראָצט ארויס
די בלום פון איר קנאָספּ.

✶

גאָט,
בענטש מיין הארץ
ס׳זאָל זעטיקן דעם הונגער
נאָך שטילער רו,
נאָך שטילער פרייד —
וואָס טראָגט אָן
פון ווינטן
דעם ריח פון רייפע גערטענער
און דעם שטילן רויש פון טיפע וועלדער;
פון זומער-רעגן
וואָס טאנצט אויפן ברוק פון גאס;
פון א ליכטיק הויז
פול מיט ווארעמן גליק,
און פון א צעבליטן זומער
אן אריינגעבראכטן
אונטער מיין דאך.

ביסט אומעטום

כ׳האָב זיך פארליבט אין דיר, גאָט,
ווי ס׳פארליבט זיך א יונג
אין זיין כלה.

ביינאַכט הער איך דיין געזאַנג
אינעם שטילן מורמל פון טייך ;
כ׳הער דיין סודותדיק פליסטער
אין די בלעטער פון בוים ;

כ׳פיל דיין לעבעדיקן אָטעם
אין דעם מילדן נאַכטיקן ווינטל,
און איך ווייס אַז דו ביסט פאַראַן
אין דער טיפער שטילקייט
פון ביינאַכטיקן פעלד.

✶

גאָט,
אין מיין האַרצן ליגט פאַרשלאָסן,
ווי אַ פויגל אין אַ שטייג,
אַ גרויס געזאַנג.
ליגט אַ פאַרחלשטער
דורך גרויע טעג,
דורך לאַנגע נעכט
און וואַרט
ביז ס׳וועט קומען דער גרויסער שטורעם
און אַלע ביימער פון מיין לעבן
וועלן זיך אַראָפּבויגן טיף צו דער ערד.

כ׳בין מיד

דאָס לעבן איז אייביק!
דאָס לעבן איז שיין,
איז גרויס,
און שפּאַנט תמיד פאָראויס
אין זיין ריטמישן גאַנג.

נאָר מיר פאַרפעלט דער אָטעם
צו גיין אין זיין טראָט.
כ׳בין מיד.
כ׳בין שוואַך.
אַ טונקעלער שלייער פאַרנעפּלט מיין בליק.
כ׳קוק גיט צוריק.
און צו וואָס קוקן פאָראויס?

מיר שיינט —
אלץ וועלקט,
אלץ פוילט,
אלץ שטאַרבט...
— — — —
איך בין אַ וואַנדערער.
פאַרמאַטערט פון גאַנג פון דעם לאַנגן
באַרג אַראָפּ,
זיץ איך ביים וועג אַ מידער.
די נאַכט רוקט זיך אָן.
די נאַכט הילט מיך איין.
אַ שוואַרצע פּראָצעסיע ציט זיך פאַרביי,
גייט,
און גייט,
און פאַרגייט ניט —
זי וואַרט אויף מיר...

אַפאָריזמען און מעדיטאַציעס

ווער ס'איז גרייט צו צאָלן דעם העכסטן פּרייז — ביז מקריב זיין זיך, דער קען קומען צו שלימות.

✶

גייסטיקע גאַנצקייט, דערגרייכט דורך גרויסע יסורים — היילט.

✶

„לעבן", מיינט לעבן מיטן אמת. אָבער צו לעבן מיטן אמת דאַרף מען פאַרמאָגן אַ סך כוח.

✶

דער מענטש וואָס האָט רחמנות אויף זיך אליין און פאַרקוקט די אייגענע פעלערן, איז געגליכן צו איינעם וואָס לאָזט איבער די פוילע ציין אין מויל און — דער גאַנצער קערפּער ווערט קראַנק דערפון.

✶

די גרעסטע פאַרלוסטן ליידט דער מענטש אויס מורא אָנצוּוואַרן.

✶

דער מענטש טראָגט אין זיך דעם גראַד אַדל צו וועלכן ער האָט

אין זיין לעבן דערגרייכט; פארשטעלן זיך — העלפט ניט; פאר-קערט, עס פארמינערט.

★

די פאראנטוואָרטלעכקייט פארן גאָרטן פונעם אייגענעם לעבן, ליגט אויפן גערטנער, ניט אויף דער פלאנץ.

★

עניוות באדייט: ניט מורא האָבן צו ווייזן די אייגענע שוואכקייטן און ניט וועלן גלאנצן מיט מעלות וועלכע מ׳פארמאָגט ניט.

★

טו ניט דאָס צו וואָס דו ביסט ניט דערוואקסן.

★

קיינער מיידט ניט אויס די קאָנסעקווענצן פון זיין טאט — עס טרעפט אז איינעם גליקט אָפ.

★

א טאט איז אָפט א בומעראנג וואָס קומט צוריק צום שיסער.

★

אויב עס ווערט דיר צוגעטיילט ליבע און כבוד, פריי זיך מיט דעם ווי מיט א גרויס געווינס, אָבער ניט ווי מיט א זאך וואָס קומט דיר.

★

פריי זיך ווען דו זעסט גרעסערע און בעסערע פון זיך, ווייל דיין טייל ליבשאפט און כבוד נעמט דיר דער גרעסערער ניט צו.

★

ווען די וואסערן פון דיין לעבן שטייגן הויך, פלאצן אלע דאמבעס וועלכע האָבן דיך אָפגעהיט פון פארפלייצונג.

★

דער שקר מאכט חרוב דאָס הארץ און פארשטאָפט די קוואלן פון מענטשלעכקייט.

★

אסקעטן נעמען א מעסער און שעכטן אלע זייערע גלוסטענישן, כדי צו דערגרייכן צו הארמאָניע; אָפט, אָבער, דערגרייכן זיי דאָס פארקערטע.

אַן געוויין!
אין קאַמף זאָלסטו גיין
מיט א שמייכל אויף די ליפּן!

★

א וואונד? — ביַיַּד צו;
אויב דו מוזסט —
מיט פאַרביסענע ציין!
און אויב דו קענסט —
מיט א שמייכל
וואָס ווייזט דיינע ציין.

★

מ'קען אויסוויינען ווייטיק מיט טרערן;
מ'קען אויסלאַכן ווייטיק מיט טאַט;
אָבער
שמייכלען פאַלש מיט א ביטער פּנים, —
וועמען וועסטו אָפּנאַרן?

★

דער טאָג מוז געלעבט ווערן גוט.
און די פרייד זאָל זיין א גרויסע, —
זאָל זיין נאָר איין שעה,
זאָל זיין נאָר איין מינוט, —
דער טאָג מוז געלעבט ווערן גוט.

ק. הלל

די פערזענלעכקייט נחמן מייזיל

(צום ערשטן יאָרצייט)

אחד העם האָט, דוכט מיר, אַ מיניאַטור אין וועלכער ער דערציילט וועגן פאַרביקע פליגעלעך, וואָס זייער לעבן דויערט נאָר איין טאָג. ווען זיי פלאַטערן אַזוי פון בלום צו בלום און באָדן זייערע גאָלדיק-פאַרביקע גופימלעך אין די זון-שטראַלן, רופט זיך אָפּ אַן אַלטע קראָ צו אַ גאָר אַלטן דעמבן-בוים: „זע נאָר ווי דאָס פרייט זיך, טאַנצט און פלאַטערט, אָט באַלד מיטן זון-פאַרגאַנג וועלן זיי שוין ליגן אָן לעבן". דערויף ענטפערט איר דער דעמב: „קורץ געלעבט, צי לאַנג געלעבט, דער עיקר איז שיין געלעבט!"

מיט דער קריטעריע ווי אַזוי מען לעבט, דאַרף געמאָסטן ווערן דאָס לעבן פון אַ מענטש, און בפרט, דאָס לעבן פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט. און כאָטש נחמן מייזיל איז אַוועק אין דער אייביקייט אין אַן עלטער, וואָס „לאו כל אָדם זוכה", איז פאַר אונדז וויכטיק דאָס וואָס זיין גאַנץ לעבן איז געווען שיין און שעפעריש. כמעט ביז צו זיין לעצטן אָטעם-צוג האָט ער ניט אַרויסגע-לאָזט די פען פון האַנט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן און אַריינגעשריבן מיט איר וויכטיקע קאַפּיטלעך אין דער צעצווייגטער, טיף-פאַרוואָרצלטער יידישער ליטעראַטור.

נחמן מייזיל האָט געהאַט די גרויסע זכייה צו לעבן און שאַפן אין איין צייט מיט די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור: מענדעלע, שלום עליכם, און י. ל. פרץ. ער האָט איינגעזאַפּט דאָס ליכט וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטראַלט, און זיין גאַנץ לעבן האָט ער געטראָגן אין זיך די גרויסע ליבשאַפט און דעם טיפן פיעטעט פאַר די דריי פונדאַמענט-לייגער פון דער מאָדערנער יידישער ליטע-ראַטור. אויפן דאָזיקן פונדאַמענט האָט נחמן מייזיל, ציגל נאָך ציגל, אויסגעבויט דעם גרויסן בנין פון זיינע אייגענע צענדליקער ווערק, אַריינגעגעבן אין זיי די קלאָרקייט פון זיין געדאַנק, די ברייטקייט פון זיינע האָריזאָנטן, די פליסיקייט פון זיין שפּראַך און די דינאַמישקייט פון זיין לעבן. און די „מזרח וואַנט" פון זיין שאַפן פאַרנעמען אונדזערע דריי קלאַסיקער.

צווישן די שאַפער אויפן שטח פון דער יידישער ליטעראַטור-קריטיק און ליטעראַטור-געשיכטע איז שווער צו געפינען אַזאַ פּראָדוקטיוו-שעפערישן שרייבער, ווי ס'איז געווען נחמן מייזיל. שוין כמעט אין די לעצטע טעג

פון זיין לעבן האָט ער נאָך באוויזן צו באצירן דעם ליטעראַטור-בנין זיינעם מיט צוויי נייע ווערק: בער באָראָכאָוו: שפּראַך-פאָרשונג, און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. דעם לעצטן דערמאָנטן בוך האָט דער פאַרלאַג „חיפה", ביים יידישן שרייבער פאַראיין אין חיפה, געהאַט די זכייה אַרויסצוגעבן. און מען דאַרף ווענן נחמן מייזיל זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געשריבן וועגן ד"ר זשיטלאָווסקי: „79 יאָר געלעבט און מער ווי איין און זעכציק יאָר אזוי שעפעריש, פּראָדוקטיוו געלעבט, און דאָך געשטאָרבן פאַר דער צייט, אין סאמע מיטן פון זיין לעבן און שאַפן".

✶

נחמן מייזיל, איז געווען א קעמפערישער שרייבער, און ווען ער איז אריין אין א מלחמה, איז עס פאַר אים געוואָרן א „מלחמת קודש"; זיין פען איז דעמאָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שאַרפן וואָפן און ער האָט ניט געשוינט קיינעם, ניט געקאַרגט קיין קלעפּ. אָבער די, וועלכע האָבן אים געקענט פּערזענלעך, ווייסן, אַז אין זיין פּערזענלעכן לעבן איז ער געווען א מוסטער פון איידלקייט און גוטסקייט. ער איז אָפּטמאָל געווען תמימותדיק ווי א קינד; ניט געקענט באַגרייפן דעם מקור פון דער מענטשלעכער רשעות; געהאַט צער פון יעדן בייזן אָנגריף אויף אים און געשטוינט פאַרוואָס דאָס קומט אים.

נחמן מייזיל האָט געהאַט א סך, גאָר א סך גוטע פריינד, וועלכע האָבן אים ליב געהאַט, פאַרערט און אנערקענט; ער האָט אָבער אויך געהאַט געגנער, אפשר ניט ווינציקער ווי גוטע פריינד, — ווייל יעדע עכטע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אַן אייגענעם וועג אינעם לעבן און וויל ניט גיין מיט די אויסגעטראָטענע דרכים, איז אויסגעשטעלט צו דער סכנה פון האָבן שונאים, ניט-פאַרגינערס, און נאָך מער ניט פאַרשטייערס.

נחמן מייזיל, ווי א סך פּערזענלעכקייטן און שייגגייסטער פון אונדזער ביזן יסוד-צעטרייסלטער תקופה, האָט א געוויסע צייט געבלאָנדזשעט אין די לאַבירינטן פון אונדזער קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער ווער פון אונדז, איז אין דער דאָזיקער תקופה געגאַנגען מיט א זיכערן טראָט אויף גלייכע געפּלאַסטערטע וועגן? ווער פון אונדז האָט ניט געבלאָנדזשעט און געזוכט? ווער פון אונדז האָט ניט געגלויבט און איז ניט געבראַכט געוואָרן צו אנטוישונגען, ביז צו מאַכן דעם טיפן נשמהדיקן חשבון-הנפש מיט זיך אליין?

נחמן מייזיל האָט שטענדיק געטראָגן אין זיך די אמונה אין דער שליחות פונעם יידישן שרייבער און פון דער יידישער ליטעראַטור, אין אויספורעמען און געשטאַלטיקן דעם קולטור-געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פונעם יידישן פאָלקס-לעבן. ער האָט געגלויבט, אַז ס'איז נייטיק דערצו דער קאָלעקטיווער אָנשטרענג פון אלע שעפערישע כוחות אינעם יידישן לעבן. און ווען ס'איז געקומען דער בלוטיקער ריס, ווען איין טייל האָט געלייגט אין חרם א צווייטן טייל פון אונדזערע

שעפערישע כוחות, — ווי טראַגיש-ערנסט און באַרעכטיקט די סיבות זיינען ניט געווען, — האָט ער זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דעם טייל, וואָס איז געוואָרן פאַרמשפּט צו באַיקאָט און איזאָלאַציע, ווייל נחמן מייזיל האָט געהאַט א גרויס ווארעם הארץ, וואָס האָט געשלאָגן מיט אהבת ישראל און מיט אמונה אינעם מענטש.

די דאָקטאָרין, די צייט, האָט שוין אָפּגעטעמפּט די שאַרפע מחלוקת, געהאָלפן פאַרהיילן וואונדן, און א גרויסער טייל פון יענע פּלאָמיקע קעמפער און באַקעמפער — און מיט זיי נחמן מייזיל — רוען שוין אין דער אייביקייט. אָבער צוליב א „חסד של אמת" פאַרן אָנדענק פון נחמן מייזיל, דאַרף מען דאָ זאָגן, אז נחמן מייזיל האָט קיינמאָל ניט פאַרלייקנט זיין געוויסן; ער האָט קיינמאָל ניט שלום געמאַכט מיט דער גרויסער פאַרשווערונג געגן דער יידישער קולטור און אירע שאַפער און בויער אין ראַטנפאַרבאַנד.

עס ליגן אין ב. מייזילס היים, אין קיבוץ אלונים, און וואַרטן צו דערזען די ליכטיקע שיין אין דער עפנטלעכקייט, דאָקומענטן — אלע בריוו פון נחמן מייזיל, געשיקטע צום ראַטנפאַרבאַנד און זיינע אינסטיטוציעס, וועגן די יידישע שרייבער, קינסטלער און קולטור-טוער, און — די פאַרפירערישע, זיך ארויסדרייענדיקע ענטפערס פון „וואָקס" — די אָפּטיילונג פאַר קולטור-פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד. ליידער האָט נחמן מייזיל ניט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן זיין באַגער צו ברענגען די דאָקומענטן צום דרוק.

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אז נחמן מייזיל איז געווען דער ערשטער פון די, „איקוף"-שרייבער, וואָס איז מוטיק ארויסגעטראָטן געגן דעם מאָרד איבער די יידישע שרייבער און קולטור-טוער און געגן דעם חורבן פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

★

איך האָב געהאַט די גרויסע זכיה צו זיין נאָענט באַפריינדעט מיט נחמן מייזיל און ווערן איינער פון די אריינגייער אין זיין היים און געניסן פון נחמנס און, תיבדל לחיים ארוכים, זיין פרוי כיענעס גאַסט-פריינדלעכקייט.

א שלאַנקער, אַן אויסגעגלייכטער, גאַרניט ווי לויט זיין עלטער, פלעגט ער מיר אַנטקעגן גיין, און מיט א גוטן שמייכל אויף זיין פּנים באַגריסן און פאַרבעטן צום טיש.

די שמועסן ביים טיש, אינעם שטיבל אין אלונים, וואָס שטייט איינגעהילט אינעם שאָטן פון דעמבן-ביימער, וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן אין מיין זכרון.

נחמן מייזיל האָט וואַכזאַם נאָכגעשפּירט די פּאָליטישע און קולטור-געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אין לאַנד און אויסלאַנד; ער פלעגט ענערגיש און

לעבעדיק רעאגירן אויף זיי און מאכן זיינע לאַגישע און גוט באַגרינדעטע אויספירן. מיט א באַזונדערער סענסיטיוויקייט פלעגט ער רעאגירן אויף עוולות אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און ריידן וועגן דעם מיט עכטן צער און אמתן ווייטיק.

ער פלעגט ארייננפאַלן אין התפעלות פון יעדן ניי-דערשינענעם גוט יידיש בוך, וואָס איז צו אים דערגאַנגען. ער פלעגט אים ארויסנעמען פון ביכער שאַפע און באַווייזן, ווי ער וואָלט געזאָגט: „קוק-אַן און שעפּ נחת פון דעם וואָס די יידישע ליטעראַטור לעבט און וועט לעבן". מיט א באַזונדער פּיעטעט און ליבשאַפט האָט ער געזאַמלט, געלייענט און אויפגעהיט די יזכור-ביכער וואָס ער פלעגט באַקומען. וועגן די פאָלקס-ביכער האָט ער אָט וואָס געשריבן אין זיין לעצטער גרויסער ארבעט, געדרוקט אין יאָרבוך „חיפה" נומער 3—2:

„...אלץ צוזאַמען שטעלט מיט זיך פאָר א מאָנומענטאַלן, גרויזאַם מערקווירדיקן טורעם, וואָס איז שווער צו געפינען זיין גלייכן אין דער רייכער וועלט-ליטעראַטור און וועלט-געשיכטע, סיי לויטן טיף-טראַגישן אינהאַלט, סיי לויט דער פאָרם און פאַרנעם".

א באַזונדער אָרט פאַר זיך פאַרנעמען די ווידמונגען אויף די אלע ביכער — פון מחברים און ארויסגעבער — וועלכע דריקן אויס טיפע פאַרערונג, אנערקענונג און ליבשאַפט צו דער פערזענלעכקייט נחמן מייזיל.

ניט געווען קיין איין שמועס מיט נחמן מייזיל — און אזוי אויך אין זיינע בריוו צו מיר — אין וועלכע ער זאָל ניט פאָדערן מער און מער מעשים. א קוואַליקער אָפּטימיזם האָט געשלאָגן פון אים און האָט אויך באַווירקט זיין מיטשמועסער. „מען מוז — פלעגט ער זאָגן — פאַרקאַשערן די ארבל און זיך נעמען צו דער ארבעט; — ס'איז דאָ פאַר וועמען צו ארבעטן און ס'וועלן זיין רעזולטאַטן". די לעצטע שורות פון זיין שוין פריער דערמאָנטער ארבעט אין יאָרבוך „חיפה": „הקיצור עס שטייען פאַר אונדז פיל, פיל וויכטיקע אויפגאַבן, וואָס וואַרטן, מ'זאָל זיי רעאַליזירן און לייזן. איז ווער, ווער זשע וועט זיך נעמען צו דעם ?" האָבן זיך ארויסגעריסן פון אים ביי יעדן שמועס, ביי יעדע באַגעגעניש. און ער אליין איז געווען א ביישפיל דערצו: געאַרבעט כמעט טאָג און נאַכט, געשריבן אומאויפהערלעך; ס'איז געווען א געיעג מיט דער צייט, — אזויפיל וואונדערלעכע געדאַנקען האָבן געשלאָגן אין זיין מוח; ער האָט נאָך געהאַט אזויפיל צו זאָגן, צו לערנען אנדערע. און די עלטער וואָרנט: — די צייט איז קורץ! ער האָט פאַריאָגט פון זיך די עלטער, ניט געשוינט זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט, און געלעבט אין א כסדרדיקן ארבעט-געיעג. פון אונטער זיין פּליסיקער פעדער זיינען ארויס נייע ארבעטן, וואָס האָבן געפונען זייער תיקון אין דער יידישער פּרעסע אין דער גאָרער וועלט.

ער איז געווען פול מיט פּלענער פאַר דער צוקונפט: פאַנטאַזירט וועגן א

חודש זשורנאל אין חיפה; געגלויבט אז דאָס יאָרבוך „חיפה" וועט דערשיינען 2 מאָל א יאָר און, אז אויך ער אליין וועט העלפן טראָגן דעם עול פון יידיש־שאפן אין חיפה, אזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן אין דעמיעווקע, אין קיעוו, אין ווארשע און אין ניו־יאָרק, ווייל אומעטום וואו נחמן מייזיל האָט געלעבט, דאָרט האָט ער אויפגעשטעלט א צענטער פון יידישן ליטעראַרישן שאפן.

דעם גלויבן אין דער שליחות פון דער יידישער קולטור, — יידיש־לשון, יידישן שאפן און יידישער ליטעראטור, — האָט נחמן מייזיל אויפגעהיט ביז צו זיינע לעצטע לעבנס־טעג. אין זיין פריער דערמאָנטער ארבעט אין „חיפה", נומער 2—3, „פאר נייע וויכטיקע אויפגאבן", פרעגט אָפּ נחמן מייזיל די קלאָג־רייד וועגן אונטערגאנג פון יידיש, ער שרייבט:

„קענען מיר און מעגן מיר באטראכטן זיי אלעמען ווי א „דור המדבר", וואָס איז פאראורטיילט אויף אומקום, אויף אויסשטארב, אויף לעצטע שבלעצטע, אָן קיין שום וואוקס און נאָכוואוקס, אָן קיין שום איבערבלייב?

און מיר קענען און דארפן צובאַמקען:

געוועזן, און שוין, — נאָך אלעמען?"

און ער ענטפערט:

„ניין, ניט כאפן זיך און ניט איילן זיך צו זאָגן דעם „רבנן קדיש" נאָך יידיש! — דאָס דארף זיין אונדזער ערשטער און ערנסטער זאָג צו די אלע, וואָס זיינען גרייט צו באגלייטן אונדזער יידיש־לשון, די יידישע ליטעראטור, די „לעצטע" יידישע שרייבער אויפן עולם האמת".

★

אין יאָר 1936, אין צייט פון די אומרוען אין לאנד, ווען אויף דער וועלטס הימלען איז שוין געהאָנגען דער גיפטיקער וואָלקן פון נאציזם, — האָט נחמן מייזיל באזוכט ארץ ישראל. דעם באזוך האָט ער פאראייביקט אין זיין בוך „טעג און נעכט אין עמק". ער דערזעט צום ערשטן מאָל די ארץ ישראל־יוגנט, און ער פאלט אריין אין עקסטאזיקער באגייסטערונג:

„אזוי טאנצן גלויביקע, אזוי קענען טאנצן מענטשן מיט פייער אין דער נשמה, מיט גלויבן אינם הארצן...

גליקלעך איז די יוגנט, און גליקלעך זיינען די יונגע! זיי קענען אויך אין אזא שווערער צייט טאנצן, טאנצן פון אזא אינעווייניקסטער פרייד מיט אזא התלהבות, עד כלות הנפש".

די טעג און נעכט אין עמק ברענגען אים אויך צו מחשבות:

„מחשבות, וואָס מען ווייסט נאָך אליין ניט זייער פשט, זייער באשייד,

פארכאפן דיך, צוזאמען מיט די מחשבות — א טיף-נאָגנדיקע שטימונג, א פריידיקע און גלייכצייטיק — א ווייטיקדיקע. עס טוט זיך א מיש א שטיק אייגן לעבן מיטן לעבן פון דעם פאָלק, און עס איז שווער צו דערגיין, וואָס עס טוט דיר דאָ וויי, וואָס עס טוט דיר דאָ באנג... עס קומען אויף אין דיר אומקלאָרע חשבונות מיט וועלט, מיט מענטש, מיט זיך גופא״.

קען זיין, אז די דאָזיקע מחשבות האָבן אים שפּעטער באגלייט אין לויף פון די יאָרן ביזן טאָג, ווען ער האָט מיט 28 יאָר שפּעטער, אין אלונים, — אויפן בערגל, וואָס בליקט אראָפּ צום עמק, — אויפגעבויט זיין היים. כדי דאָ, ביים זייט פון זיינע קינדער און אייניקלעך, — נאָך צענדליקער יאָרן לעבן אין גרויסע שטעט, נאָך יאָרן קאמפן און ראנגלענישן, האָפענונגען און טרוימען, דערגרייכונגען און אנטוישונגען, — געפינען די אויסגעבענקטע שלווה, און אין דער שטילקייט פון צעאקערטע פעלדער און פארשאָטנטע סעדער, פאָרזעצן זיין ארבעט, אויף וויפל די צייט און די כוחות וועלן אים געגונען.

✶

ס'איז געווען א הייסער סוף זומערדיקער שבת. מיר קומען צום ערשטן מאָל באזוכן נחמן מייזילן אין זיין היים. איך פרעג ביי קינדער, וואו ער וואוינט — דאָ וואוינט דער „סבא נחמן״, ווייזן מיר די קינדער אָן זיין הויז. עפּעס גיט א ציטער איבעם הארצן: „סבא נחמן״ — דער „זיידע נחמן״, -- סאר א פאסיקער נאָמען! איז דאָך נחמן מייזיל שוין אויך איינער פון די זיידעס אין אונדזער ליטעראטור. כאָטש מיט געציילטע טעג פריער האָב איך אים געזען שטיין אויף דער טריבונע און ריידן צום עולם מיט אזויפיל יוגנטלעכער פרישקייט און ענטוזיאזם, וועגן „הונדערט יאָר יידישע ליטעראטור, אירע פּראָבלעמען און אויפגאבן״. אָבער דאָך איז ער א זיידע, מיט זיין אייגענעם טיף פארוואָרצלטן יחוס אין דער יידישער ליטעראטור.

און אָט איז „סבא נחמן״ אליין: ער באגיסט שבת די בלומען ארום זיין שטוב. צי איז עס פארעכנט ווי א חלול שבת בפרהסיא, אָדער איז עס א מלאכת קודש, וואָס מאכט דעם שבת נאָך הייליקער, פייערלעכער? ער באמערקט אונדז ניט און איז פארטיפט אין זיין ארבעט. מיט 30 יאָר צוריק, אין יענע טעג און נעכט אין עמק, האָט ער מן הסתם געטרוימט צו פארברענגען דאָ זיינע לעצטע יאָרן און באוואסערן בלומען וואָס זיינע אייגענע פינגער וועלן פארפלאנצן און אויפהאָדעווען. וואָס פאר א וואונדערלעכע זעעניש איז עס! נחמן מייזיל — איינער פון די לײדנשאפטלעכסטע קעמפער אויף די שלאכט-פעלדער פון אונדזער ליטעראטור, דער חריפותדיקער פּאָלעמיסט, דער מאָנער און וועקער צו מעשים, שטייט דאָ איצט א הדרת-פנימדיקער, אויסגעטאָן פון אלץ און אלעמען. איבער זיין גרויען קאָפּ טראָגן זיך מיט א צוויטשעריי פייגעלעך, און זיין בליק צערטלט

די בלומען ביי זיינע פיס, וועלכע טרינקען דורשטיק דאָס פרישע וואסער, וואָס ער דערלאַנגט זיי.

צי קען זיין א שענערע עלטער פאר א יידישן שרייבער נאָך יאָרן וואָגלענישן און וואנדערונגען ?

צי איז פאראן א שענערער טרוים, ווי די דאָזיקע ווירקלעכקייט ?

★

דעם לעצטן טאָג פסח, דעם עלפטן אפריל, 1966, האָט סבא נחמן געלייענט זיין בוך „צווישן חורבן און אויפבוי״. און האָט געגרייט זיך אָנצוהייבן שרייבן א נייע ארבעט, — א המשך צו דעם ווערק. פלוצלינג האָט דאָס בוך זיך ארויס־געגליטשט פון צווישן זיינע פינגער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן דער פיזישער סוף פון א גרויס שעפעריש לעבן, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן דעם זיבן־און־צוואנציקסטן אפריל, 1966.

— — — — — — — — — —

אין קיבוץ אלונים, ביים טויער פון עמק, אויף איינעם פון די בערגלעך, טיף אינעם אויסגעהאקטן שטיינערנעם באָדן, ארומגעצוימט מיט פון גאָט אליין פאר־פלאנצטע בלומען־קוסטעס, אינעם שאָטן פון אלטע דעמבן־ביימער, רוט דאָס פיזישע פון נחמן מייזיל.

פארוואָרצלט טיף אין דער יידישער ליטעראטור, לעבט — וועט אייביק לעבן און ביט פארגעסן ווערן, — איינער פון די שייגגייסטער אינעם יידישן לעבן — נ ח מ ן מ י י ז י ל.



שלמה איצקאָוויטש : א ווינקל אין חיפהער פּאָרט

עזרא להד

גראַמען וועגן דער דריטער עליה

צווישן מיינע זאמלונגען געפינט זיך א קליין העפטל (20 זייטן 32°) מיט צוויי לאנגע, בדחנישע גראַמען. דער שער פונעם העפטל לייענט זיך אזוי:

דער

הרבייטר בעטרג

מאת המשורר הזקן

יהושיע משולם

הנקרא

אלתר אפטר

בתל־אביב

דפוס שי״ש ירושלים

קיין דרוקיאָר איז ניט אָנגעגעבן. לויטן אינהאַלט געדרוקט מן הסתם צווישן 1925-1928, בשעת דער גרויסער ארבעטלאָזיקייט אין דער צייט פון דער דריטער עליה.

אינעם קונטרס זיינען געדרוקט צוויי לידער. דאָס ערשטע הייסט: ,,שדרות רוטשילד״, און דאָס צווייטע: ,,מזמור לתודה לחלוץ המזרחי״. ביידע לידער זיינען בדחנישע גראַמען-פלעכטעריי אָן שום פּאָעטישן פונק. אין ערשטן ליד באַשרייבט דער מחבר די ארבעטלאָזע חלוצים און מוסרט זיי, אַז זייער צרה קומט פון דעם וואָס זיי זיינען מחלל שבת בפרהסיה:

,,זיי זענין א פארדאַרביגע מיסיע (? !)
עס איז בייא זיי וויא איין קאָנצעסיע
יעדער שוטה יעדער פתי
רעכירט ציגייער שבת בפרהסיא״.

צום סוף פונעם ליד גיט ער אן עצה, אז די וועלכע ארבעטן יאָ, זאָלן מנדב זיין א טאָג ארבעט פאַר די ארבעטלאָזע, און אַזויארום שאפן א פאָנד פאַר א ,,קאָמפּראַטיב״ (קאָאָפּעראַטיוו).

דאָס צווייטע ליד איז א לויב-געזאַנג פאַר די פרומע חלוצים, וועלכע זיינען געקומען בויען דאָס הייליקע לאַנד:

„חאַטשי א״י איז מיר אָנגיקומען זייער שווער,
ביז איך האָב דער לעבט ציקימען אהער
דער בטחון איז אָבער שטענדיג מיין גיווער
אלעס געליטען אָן א קרעכץ אָן א טרער.

דעריך דעם באַלשוויסקי גהינום וויפיל מאָל
מיט מיין לעבען גיהיינגען וויא אויף א וואַגשאָל
אָבער ארויף אויף דעם בארג פון דעם טיפען טאָל
איך בין גיקומען קיין ארץ-ישראל

ניט איינמאָל ניט צווייא ניט דרייא,
איז שוין מיין לעבען גיוועזן פארבייא
נאָר אלעס איז ביי מיר כדאי
וואָס בין גיקימען אין לאנד וואָס איז שפּאָגעלנייא
אין פון באַלשוויצקי גהינום געוואָרען פרייא״
זינג איך דאָס ליעדעלע „עם ב״י חי״

א.א.וו. ...

די אָרטאָגראַפיע פון דעם קונטרס איז ניט אויסגעהאלטן, ס׳רוב אין דעם מחבר׳ס דרום-רוסישן (בעסאראבער) דיאלעקט. ער גראמט: היגן מיט קליגן (קלוגן), דינגען מיט לינגען (לונגען) דערפין (דערפון) מיט רחמים בדין, גלאטע מיט בלאָטע א.א.וו. ער שטעלט אָפט אריין א ה׳ דאָרט וואו ער איז איבעריק: הרבייט (ארבעט) און הרבייטער (ארבעטער) אָבער ניט אלעמאָל, ווייל ערטער-ווייז שרייבט ער אויך: ארבייט. קיין פונקטואציע איז בכלל ניטאָ. צו באקומען א באגריף פון מחברס אָרטאָגראַפיע — זע די פריער ציטירטע פערזן.

ווער איז דער מחבר פון דעם דאָזיקן קונטרס? אין די לעקסיקאָנען פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור ווערט זיין נאָמען ניט פארציכנט. איך האָב געזוכט אין תדהר׳ס: „אנציקלופדיה של חלוצי הישוב״ און אין ג. קרעסעלס לעקסיקאָן און ניט געפונען.

דאָ איז דער אָרט אויסצודריקן מיין דאנק דעם פּראָפעסאָר דב סדן, וועלכער איז ממש א לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון מחברים און שרייבערס, לאנג פארגעסענע. לויט פּראָפעסאָר סדנ׳ס פריינדלעכן ענטפער אויף מיין אָנפראגע האָב איך באקומען דעם ערשטן פאָדעם צו זוכן ווייטערדיקע פרטים וועגן דעם אומבאקאנטן מחבר. ווי פּראָפ׳ סדן האָט מיר אינפאָרמירט איז דער מחבר דער פאָטער פון ה׳ יעקב אפטער, איינער פון די דירעקטאָרן פון „המשביר המרכזי״ אין תל-אביב. אויף מיין אָנפראגע ביי יעקב אפטערן וועגן זיין פאָטער האָב איך באקומען די פאָלגנדיקע פרטים:

ר׳ שלום-אלטער עפטער אָדער העפטער, איז געבאָרן אין א קליין שטעטעלע אין אוקראינע. ליידער געדענקט ניט דער זון דעם נאָמען פונעם שטעטל. ר׳

אלטערס פאָטער ר׳ פסח-יעקב איז געווען דער שטעטלשער רב. ווען שלום-אלטער האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, האָט ער געשוואַרצט די גרענעץ קיין רומעניע, און זיך באַזעצט אין בעסאַראַבישן שטעטל טעלענעשטי. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין פרוי, גיטל, די טאָכטער פון טעלענעשטער שוחט, ר׳ אהרן. פון טעלענעשטי איז אלטער אריבערגעפאָרן קיין קעשענעוו, וואו עס זיינען געבוירן געוואָרן זיין זון יעקב און פיר טעכטער. אין קעשענעוו איז אלטער עפּטער געווען אלע זיינע יאָרן חזן. ער איז געווען בעל מוסף און בעל קורא אין דער אלטער שול און חזן שני אין דער קעשענעווער כאָר-שול, וועלכע מען האָט גערופן „די העקערשע שול״. זיין זון יעקב, איז עולה געווען קיין ארץ-ישראל אין 1913. ר׳ אלטער איז אראָפּגעקומען אין לאנד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה מיט די טעכטער. זיין פרוי איז געשטאָרבן בשעת דער מלחמה. אין א״י האָט ער זיך מיט חזנות מער ניט באשעפטיקט. ר׳ אלטער עפּטער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר, כ״ד תשרי תרצ״ח (1938), אין תל-אביב.

לויט דער אינפאָרמאציע פון זיין זון האָט ר׳ אלטער עפּטער א סך געשריבן, שירים, משלים און מעשיות, סיי אין יידיש סיי אין העברעאיש, אָבער דאָס רוב פון זיינע כתבים זיינען פארלאָרן געגאנגען. די קונטרסים האָט ער געדרוקט אין די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן. איך האָב באקומען פון יעקב עפּטערן נאָך א העברעאישן קונטרס, אויך אָן א דרוק-יאָר מיטן פאַלגנדיקן שער: „סיפור נפלא הצלה מעלילת דם ע״י מופת הצדיק הרה״ק אהרן מטשרנוביל ז״ל עם סיפור מופת מהצדיק הרה״ק ישראל מריזין ז״ל״. עס איז ווידער א קונטרס פון 20 זייטלעך, אין וועלכן עס ווערן איבערדערציילט ספורי נפלאות פון די צוויי רביים, ווידעראַמאָל אָן פונקטן און אָן קמצ׳ס. אין א שפּעטערדיקן בריוו האָט מיר יעקב עפּטער געמאָלדן אז עס האָט זיך אָפּגעזוכט א העפט מיט ר׳ אלטערס כתבים, וועלכע ער האָט נאָך ניט באוויזן דורכצוקוקן.

דאָס ערשטע ליד פון אונדזער קונטרס האָט אַן עטנאָגראַפיש-פאָלקלאָריסטישן ווערט. עס מאָלט אין רעאַלע פארבן א בילד פון דעם שווערן לעבן פון די חלוצים פון דער דריטער עליה. איך דרוק איבער די ערשטע 26 סטראָפעס פונעם ליד „שדרות רוטשילד״, כדי צו געבן א באגריף וועגן דעם פארגעסענעם בדחנישן מחבר און זיינע חיבורים.

היות ווי די אָרטאָגראַפיע אין דעם קונטרס איז ניט אויסגעהאלטן, דרוק איך דאָס ליד מיטן מאָדערנעם אויסלייג, איבערגעלאָזן דעם מחברס אויסלייג וואו ער איז נייטיק צוליבן גראַם. די פונקטואַציע האָב איך צוגעגעבן *).

*) דער עקזעמפּלאַר פונעם קונטרס אין מיין באַזיץ איז א חסר. עס פעלן די זייטלעך 7-12. אלע מיינע באַמיאונגען ביז איצט צו געפינען א גאַנצן עקזעמפּלאַר האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט. איך בעט די לייענער, וועלכע ווייסן פון אַן עקזעמפּלאַר פון דעם קונטרס מיר געבן צו וויסן.

שדרות רוטשילד

1. זיצן דאָ אין גן
איז זייער פיין.
די זון טוט א שיין,
מען פארגעסט אין לייד און פיין.

2. דאָ איז א פארגעניגן,
מען זעט א פרעמדן און א היגן,
א נאר און א קליגן.
מענטשן טוען זיך קריגן,
אייבער דעם צווייטן וויל באזיגן.
מוטערס מיט קינדער אין די וויגן,
מענטשן, פול ווי פליגן,
אלערליי מענטשן, ניט קיין ציגן.

3. אלערליי מענטשן טוען דאָ שפאצירן,
די וואָס האָבן זיך געטאָן אָפּעריִרן
קומען אהער זיך קורירן.
און סטודענטן, וואָס טוען שטודירן.
ווער עס האָט אין מוח געהירן
זעט אז דאָ איז אָפן פאר יעדן די טירן.

4. דאָ איז גוט צו זיצן
ניט קיין דונערן, ניט קיין בליצן
גלייך מען טוט זיך ניט אויסגליטשן.
פריילנס, פרויען מיט די מיצן
פון דער זון דאָ זיך באשיצן,
און ארבעטער הונגעריקע טוען מיט די ציין קריצן,
און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי שטיצן.

5. אין חוץ לארץ, די, וואָס זיצן אין גאָרטן,
אלערליי קלאסן און סאָרטן,
שפילן מיט פארגעניגן אין קאָרטן,
און עסן 'פיראָזשענעס' מיט טאָרטן.

6. אָבער דאָ איז ווערט א שפיי,
עס איז שוין נאָך ערשטן מאי,
אין מויל איז ניטאָ צו טאָן א קיי.
ווער איז ווי א פריינד געטריי
מאכן אן הלואה, א ליי?
מען זינגט אָבער דאָס לידל „עם ב"י ח"י".

7. מענטשן, ווי פליגן און בינען
זיידעס, פאָטערס און זינען
גייען אזש אראָפּ פון זינען,
וואָס האָבן ניט וואו צו פארדינען.

8. די פיינסטע חלוצים און יונגעז
לויפן ארום און שפרינגען,
אויף ארבעט זיי דינגען.
זיי בלייבן אזש אָן לינגען,
און עס טריקנט זיי אויס די צינגען.

9. זיצן, טראכטן און קלערן,
וואו אהין זאָלן זיי זיך קערן,
זייערע בקשות אויסהערן
אביסל ארבעט זיי באשערן.

10. און פון די אלע טאָרגן
טוען זיי זיך גאָר זאָרגן,
זיי עטלעכע פיאסטער באָרגן,
אפשר נאָר ביז מאָרגן.

11. אָט די אלע קליגע,
פרעמדע און היגע,
פון אזא אינטריגע(? !)
ווערן שיעור נישט מעשיגע.

12. עס טאָלטשעט אין מוח ווי א קלין,
גייען אזש אראָפּ פון זין,
טאקע נאָר דערפין
וואָס „אין רחמים בדין”.

13. דאָס איז ניט קיין ליצנות,
עס איז א גרויסע פורעניות,
זיצן גאנצע טעג אין א תענית
און קיינער האָט אויף זיי קיין רחמנות

14. דעם ארבעטער איז זייער שלעכט,
אין הארצן ווי א שפיז שטעכט,
און ווערט דאר, ווי א העכט
און שלאָפט ניט דורך די נעכט.

15. אז די קינדער ווילן ברויט.
איז ערגער ווי דער טויט,

דורך אזא בויט
קאָן אראָפּ די זיבעטע הויט.

16. מיינע רייד זיינען גלאַטע,
מאכט פון זיי ניט קיין בלאָטע,
אַז די קינדער האָבן אַכאָטע,
און שרייען: ברויט, טאַטע!
איז דאָס אַזאַ נאָטע,
ענטפערן ווי אַ ראָטע,
און מאכן די קינדער זאַטע.

17. ער איז זייער דערשלאָגן,
אַ גאַנצן טאָג טוט ער ארומיאָגן,
און דאָס הארץ טוט אים נאָגן,
וואָס איז אים ליידיק דער מאָגן.

18. ער דערוועקט אַלע זכות אָבות,
ביי די וואָס לערנען אביי'ס ורבא'ס,
און דאָס איז ניט קיין קאַטאָוועס
ער קומט שיעור עד שערי מות.

19. ער לויפט ארום אין גאַס,
פון שווייס ווערט ער נאַס
איז שוין ניט קיין וואַפּראָס,
וואָס לערנט ניט קיין גמרא און ש״ס,
און היט ניט אַזוי אָפּ דעם דת.

20. הימל און ערד דאַרף אויף דעם שרייען,
מען וויל אים ניט באָרגן און לייען,
און די קינדער האָבן ניט וואָס צו קייען,
ער ווערט אַזש איינגעבויגן אין דרייען.

21. די חלוצים צו ארבעט זיינען בייגעריקע,
סאַי פריערדיקע, סאַי היינטיק-יעריקע,
זיי באַקומען אַזש די 'סטעריקע'
פרעגן זיי: וואו איז דאָס געלט פון אמעריקע?

22. „הכסף נמסר לממונים ופקידים״,
אַלערליי עקודים, נקודים וברודים,
זיינען זייער פרומע יהודים
צו דעם געלט זיינען זיי זייער הייסע חסידים.

23. איך האָב מיט א געבילדעטן מאַן גערעדט,
האָט ער מיר געמאַכט א פאַרגלעט,
געבויט 'גימנאַזיעס' און 'אוניווערסיטעט'
עס איז זיך א געלעכטער, א געשפּעט!
דערפון קען דער ארבעטער ניט האָבן די זעט.

24. גייט צו דער „עיריה"
געפינט זיך דאָרט א מלאך רע.
און רעדט אויפן הויכן טאָן: **לא!**
און דו שווייג, פּתח שין שא...

25. די „עיריה", אונדזער שטאָט
גיבן אן עצה, איין ראָט,
גיין צו דעם „הסתדרות"
און זאָגט: ביטאָ קיין כּוח, קיין מוט,
מען קען ניט ווערן קיין באַנקראָט
אומעטום פאַרוויקלט, ווי א היפּטל קראָט. (קרויט)

26. דעם ארבעטער איז ווי און אָך,
אז ער באַקומט א טאָג צי צוויי אין דער וואָך
מיט איין זערבע צי צוויי קענען די מערישקעס ניט
פאַרשטופּן דעם לאָך.
דער קבלן זיצט און שפּילט אין דאַם, אין שאָך,
און מאַכט חצי שלי וחצי שלך...

שמואל לאם: א ייִנגל שפּילט אויף א פייפל

חיים וואַטשין

דעם מילנערס זון

סוף זומער האָבן עטלעכע באוואָפנטע זינדלעך פון באקאנטע פויערים ארויסגעפירט הערשלס משפחה פון דאָרף אין שטעטלשן געטאָ אריין.

הערשל האָט זיי געקוקט גלייך אין די אויגן אריין, געוואָלט אראָפּלייענען פון זייערע געזיכטער, פון וואנען האָט זיך צו זיי גענומען אזא פּלוצימדיקע רשעות? ער האָט זיי געקענט פון קליינערהייט אָן, זיי זיינען געווען אין זיין עלטער, אייניקע פון זיי זיינען זיינע יונגט-חברים געווען מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפּילן צוזאמען. דערפאר האָט אים שטארק געחידושט, וואָס זיי האָבן אזוי גראָב ארויסגעשטופּט דעם טאטן מיט דער מאמען פון שטוב ארויס, געקוקט אויף אים, גלייך ווי ער וואָלט זיי מי יודע וואָס פאר א שלעכטס געטאָן, און מיט רוגזה געוואָרפן אין פרעמדן וואָגן אריין די עטלעכע מטלטלים, וואָס דער טאטע האָט ביי זיי אויסגעבעטן.

שוין זיצנדיק אין וואָגן, האָט הערשל געזען, ווי וואסיל, דעם אלטן גאָורילעס זון, פירט ארויס פון זייער שטאל די ברוינע געכאַליעטע שקאפּעס, און א מחנה שכנים רויבט אויס די שטוב. ער האָט בשעת מעשה געשפּירט, אז אלע איברים זיינען אים ווי געליימט געוואָרן און ער קען זיין קערפּער ניט רירן. דער טאטע איז דעם טאָג גרוי געוואָרן און פאר חרפּה פון זיין הילפלאָזיקייט ניט געקוקט הערשלען אין פּנים אריין. דאגעגן די מאמע האָט שטיל געוויינט און געקוקט אויף הערשלען ווי אויף א יתום.

דעם ערשטן טאָג אין געטאָ איז ער נאָך אלץ געזעסן אן איינגעשרומפּענער, א צונויפגעקוועטשטער; ניט אזוי פון דער ענגשאפט וואָס האָט געהערשט אין שטיבל, ווי פון דער מאכטלאָזיקייט, וואָס האָט אים ווי פאראליזירט. ערשט אויף צומאָרגנס, נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אויסגעשלאָפן, האָט ער גענומען שפּירן אז די איברים גייען אים אָפּ ווי פארפרוירענע גלידער נעבן א ווארעמען אויוון. ער האָט ביסלעכווייז גענומען אויסציען זיינע גלידער און דערשפּירט אז ער קומט צוריק צו די כוחות.

דאָס געטאָ איז געווען קליין, ענג, ארומגעצוימט מיט א הויכן דראָטענעם צוים. ביים טויער האָט שטענדיק געוואכט א באוואָפנטער אוקראאינער. הערשל, וואָס איז געווען געוואוינט צו דאָרפישער רחבות, האָט זיך דאָ דערשפּירט ווי אין א שטייג. פון יענער זייט געטאָ-צוים זיינען געשטאנען גויעשע הייזלעך, ארומגערינגלטע מיט גרינע סעדלעך, און קליינע קינדער האָבן פריי זיך געשפּילט

אין גאס. הערשל האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום צוים, געקוקט מיט קנאה אויף די קינדער, נאָר אז זיי האָבן אים באמערקט, האָבן זיי אים ארויסגעשטעקט זייערע צינגער און הויך גערופן: „יודע!״ הערשל האָט צוזויפגעביילט א פּאָר פויסטן, געטראכט, אז ווען איינער פון זיי פאלט צו אים אין די הענט אריין, וואָלט ער אים געממיתט. ער האָט בייז א שפּיי געטאָן אין זייער ריכטונג און איז אריין אין שטוב.

אין שטיבל איז געווען ענג. הערשלען האָט זיך געדוכט, אז די מענטשן זיינען ברוגז, וואָס זיין צעוואָקסענער גוף פארנעמט מער פלאץ ווי אים קומט. ער האָט געקוקט אויף די בלאסע אויסגעדארטע שכנים ווי אויף באשעפענישן פון אן אנדער וועלט. אפילו טאטע־מאמע האָבן זיך אין געטאָ ווי געענדערט: דער טאטע האָט געהאט אן איבערגעשראָקן געזיכט, ניט געקוקט הערשלען אין פּנים אריין, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיין נייעם מעמד, וואָס ער איז פון אן איינגעפונדעוועטן בעל־הבית, געוואָרן אן אָנגעוואָרפענער שכן אין א פרעמדער שטוב; די מאמע האָט ניט אראָפּגענומען די אויגן פון הערשלען, גלייך ווי זי וואָלט מורא געהאט, אז דער יונג זאָל עפּעס ניט אָפּטאָן.

אין די נעכט איז הערשל שלעכט געשלאָפן און כסדר געטראכט, אז אינדרויסן קריכט די סכנה צום געטאָ און ער איז מאכטלאָז געגנצושטעלן זיך. בייטאָג האָט ער געשפּירט אויף זיך דעם שפּאָטישן בליק פון באוואָפנטן אוקראַינער. ער איז געווען נידעריקער פון הערשלען, נאָר די גלאנציקע שטיוול, די גוט־געפּאסטע רייט־הויזן און די ביקס אויפן אקסל, האָבן אים געמאכט העכער פון זיין אמתדיקן וואוקס. הערשל האָט אים באטראכט פון א באהעלטעניש, געהאט חשק זיך דערנעענטערן צו אים שטילערהייט פון הינטן, א זעץ טאָן אים איבערן קאָפּ, דורכרייסן זיך דורכן טויער און מער אין געטאָ ניט אומקערן זיך. נאָר דער מאמעס אויגן האָבן ווי געוואָרנט: טו דאָס ניט, מיין זון, ס׳איז א גרויסע סכנה פאר דיר און פאר אונדז אלעמען.

אין עטלעכע טעג ארום נאָכן פארלאָזן דאָס דאָרף, איז דער אלטער מאקסים געקומען זיי באזוכן. ער האָט געבראכט א טאָרבע שפּייז און עס איבערגעגעבן הערשלס מאמען. מיטן קומען פון מאקסימען, האָבן ביים אלטן וואָלף אויפגעלויכטן די אויגן. ביידע מאנצבלען האָבן זיך פארזוקט אין א ווינקל פון שטוב און שטיל זיך געסודעט. הערשל האָט געשפּירט אויף זיך מאקסימס בליק, געפילט זיך פארשעמט וואָס מאקסים דארף אים שפּייזן ווי מען שפּייזט א קאליקע. ער האָט געטראכט, אז מאקסים קען זיכער ניט פארשטיין, ווי אזוי מען קען אזא יונג ווי ער פארשפּארן אין געטאָ, פונקט אזוי ווי זיין ווייב פארשפּארט א קוואָקע אונטער דער זיפּ. מאקסים האָט איינגעטענהט מיטן טאטן, געוואָלט אים אין עפּעס איבערצייגן, נאָר דער טאטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. מאקסים האָט זיך געקראצט אין דער פּאָטילניצע, מאָדנע געקוקט אויפן טאטן און זיך געקליבן גיין. פארן אוועקגיין, האָט ער פריינדלעך געדריקט דער מאמעס האנט, האָט

עפּעס אַ ברום געטאָן צום טאַטן און זיך געלאָזט צו דער טיר. שטייענדיק נעבן דער טיר, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו הערשלען, אַז ער זאָל אים נאָכגיין.

הערשל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. אינדרויסן האָט ער אָנגעכאַפּט מאַקסימען פאַרן אַרבל, גלייך ווי ער וואָלט אים ניט וועלן פאַרלירן. מאַקסים האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך צוגערוקט נעענטער צו הערשלען און שטיל געשעפּטשעט:

— הערשקאָ, ביסט אַרייַנגעפאַלן אין נעץ אַריין, זע וואָס גיכער פון דאַנען צו אַנטלויפן, זיי וועלן דיך אומברענגען די קאַטעס;

הערשל האָט געוואָלט עפּעס איבערפרעגן, נאָר מאַקסים האָט פאַרגעזעצט:

— ניט ווייט פון דאַנען ציט זיך דער וואַלד, אַנטלויף אַהין! שטענדיק האָבן גערודפטע דאָרט געפונען אַ באַהעלטעניש. דיין טאַטן האָב איך אויך געעצה׳ט צו אַנטלויפן, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און וויל דווקא דאָ בלייבן.

ביי הערשלען האָט גענומען גליען דאָס פּנים, מאַקסים האָט דאָס באַמערקט און האָט פאַרגעזעצט:

— אַ סך מאָל ביסטו מיט מיר אין וואַלד געווען, ער איז דיר נאָענט ממש ווי אַן אונדזעריקער. ביינאַכט וועסטו קומען צו מיין כאַטע, וועל איך דיר געבן שפּייז, — אַנטלויף!

אין שטוב האָט דער טאַטע מיט חשד געקוקט אויף הערשלען; געטראַכט אַז מאַקסים האָט אים אפשר איבערגערעדט צו אַנטלויפן. די מאַמע האָט תחנונים־דיק געקוקט אויף אים. הערשל האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטן, ער האָט זיך פּעסט אוועקגעזעצט אויף אַ סקריפּנדיק ביינקל און אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וועל פון דאַנען אַנטלויפן!

די מאַמע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און דער טאַטע איז געבליבן זיצן ווי אַן אָבל. די שכנים האָבן מיט פחד געקוקט אויפן יונג און געטראַכט: ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צרות ער וועט אונדז אָנטאָן...

נאָכן מגלה זיין דעם סוד, האָט הערשל דערשפּירט ווי די אומגעדולד האָט אין אים גענומען וואַקסן און ער איז גרייט געווען אַ שפּרונג צו טאָן אין דער נאַכט, וואָס האָט גענומען אַריינקוקן דורך די קליינע פענצטערלעך.

צומאָרגנס, האָט הערשל גענומען באַטראַכטן דעם געטאָ־צוים מיט אַנדערע אויגן. איצט איז ער שוין ניט געווען אַזוי הויך ווי פריער — סך הכל אַכט גוט־אָנגעצויגענע דראָטן. ביי הערשלען איז שוין פאַרטיק געווען אַ פּלאַן: אַריינשטעקן אַ שטיק האָלץ צווישן דעם ערשטן און צווייטן דראָט, זיי צונויפדרייען, דורכקריכן צווישן דער ברייטער עפענונג און, — פאַרלאָזן דאָס געטאָ.

אים איז קלאָר געוואָרן, אז דער צוים איז ניט קיין שטערונג, נאָר א גרעניץ, וואָס די דייטשן האָבן אוועקגעשטעלט. ביז דער גרעניץ מעגן די יידן זיך באַוועגן און ווייטער דאַרפן זיי פרעגן דעם באַוואָפנטן אוקראַיִנער. ער האָט געגומען אויפווייזן דעם טאַטן, אז די דייטשן האָבן דאָ פשוט איבער־געכיטרעוועט די יידן: אַנגעצויגן אַכט דראָטן און די באַרעשע יידן מיינען אז מען קען פון דאַנען ניט אַרויס. ער, הערשל, האָט איצט אויפגעדעקט דעם שווינדל.

דער טאַטע האָט זיך געחידושט, וואָס אזא דערוואַקסענער בחור באַגרייפט ניט דאָס גרויסע אומגליק וואָס איז געשען מיט די יידן; ער האָט צוגעשריבן די סיבה פון הערשלס תמימותדיקייט צו דעם, וואָס ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט צווישן שקצים, געכאַפּט קלעפּ און נאָך מער געטיילט קלעפּ, — אויסגעוואַקסן הויך און ברייט, העל־האָריק, אינגאַנצן ניט געראָטן אין קיין יידן.

דער אַלטער וואָלף האָט פאַרשטאַנען, אז זיין זון איז אַן אַנדער מין ייד. ער לאָזט זיך ניט בייגן, איז גרייט דורכן געטאָ־צוים זיך דורכרייסן, און די זאַך האָט אים אַנגעהויבן צו געפעלן. אפשר איז טאַקע מאַקסים גערעכט, וואָס ער ראָט אים צו אַנטלויפן? דער יונג טאָר דאָ ניט בלייבן, די ערלים וועלן זיך איבער אים איזדעקעווען. און אַז ער וועט, ווי זיין שטייגער איז, שלאָגן צוריק, וועלן זיי אים דערהרגענען, די רוצחים. ער האָט א קוק געטאָן אויף הערשלען און לייכט א שמייכל געטאָן צו אים. הערשל האָט פאַרשטאַנען, אז דער טאַטע איז מסכים אז ער זאָל אַנטלויפן.

אינמיטן נאַכט האָט זיך הערשל אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט געכאַפּט א קוק אויף די עלטערן און איז טרויעריק געוואָרן, וואָס ער קלייבט זיך זיי פאַרלאָזן: ביידע אַלטע לייט... אַזויפיל יאָר האָבן זיי אים געהאָדעוועט, דערלעבט אים זען א גרויסן בחור, וואָס מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן אין א נויט, און צום סוף וויל ער אַנטלויפן, ראַטעווען די אייגענע פעל און איבערלאָזן זיי אויף הפקר...

ער האָט דערהערט דעם טאַטן קרעכצן און האָט מורא געהאַט זיך א ריר געבן, ניט אויפצוואַועקן אים, נאָר דער טאַטע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און שטיל א פרעג געטאָן:

— שלאָפסט ניט, הערשל?

הערשל האָט זיך האַסטיק אויפגעריסן פון געלעגער. אין דער פינצטער האָט דער אַלטער וואָלף געמאָסטן הערשלס הייך, ער האָט געוואָלט אויפשטיין, אַרומנעמען אים, צודריקן צום האַרצן, און זאָגן אָפן אז ער טוט א גלייכע זאַך, נאָר ער האָט מורא געהאַט אויפצוואַועקן דאָס ווייב, — די יידענע וועט אויסברעכן אין א געוויין, אויפוועקן די שכנים און ס'וועט ווערן א טומל. הערשל האָט זיך איינגעבויגן צום טאַטן, געוואָלט זיך מיט אים צעקושן און בעטן אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס ער פאַרלאָזט זיי.

ער האָט אין דער פינצטער דערזען ווי די מאַמע האָט זיך אויפגעזעצט אויף איר געלעגער. דער אַלטער וואָלף האָט אַ שעפּטשע געטאָן צום ווייב: — שטילער, וועק ניט אויף די שכנים! נאָר די מאַמע איז געזעסן אַ צעטומלטע און ניט פאַרשטאַנען — וואָס עפּעס זיינען זיי וואַכעדיק איבמיטן דער נאַכט?

הערשל האָט זי האַסטיק אַרומגענומען, און אַ קוש געטאָן, נאָכדעם פעסט צוגעדריקט צו זיך דעם טאַטן און איז שנעל אַרויס פון שטוב.

אינדרויסן האָט ער גענומען דאָס שטיק האָלץ, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט און זיך אַ לאָז געטאָן צום צוים. פּאַרזיכטיק האָט ער צונויפגעדרייט די אונטערשטע, צווייטע דראָט, איז דורכגעקראָכן אויף דער צווייטער זייט און איז אַ ווײַלע געבליבן ליגן אָן באַוועגונג און האָט זיך צוגעהערט צו דער אַרומיקער שטילקייט. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט אייליקע טריט גענומען שפּאַנען איבער דער גויעשער גאַס, ווי דורך אַ בייזער פרעמדער וועלט וואו אויף יעדן שריט קען ער זיך אָנטרעפן אויף אַ שונא. ביים סוף פון דער גויעשער גאַס האָט זיין אויער אויפגעכאַפּט דאָס פליסטערן פון מענטשן. ער האָט שנעל אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אין זייער ריכטונג, און באַמערקט אַ צוגעטוליעט יונג פּאָרל, פאַרטאָן אין מיטן פון זייער ליבע־שפּיל. הערשל האָט מיט צאָרן אַ שפּיי געטאָן אין זייער ריכטונג און נאָך שנעלער אוועק מיטן וועג צו זיין דאָרף.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין מאַקסימס טיר, דער אַלטער פויער האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן ווי אַן אייגענעם זון.

דריי טעג איז הערשל געלעגן באַהאַלטן איבעם שייער. דאָס שמעקעוודיקע היי האָט אים ווי פאַרשיכורט, ער איז כמעט די גאַנצע צייט געשלאָפן. אויפן פערטן טאָג איז מאַקסים אַריין אין שייער און געבליבן שטיין אַ שווייגעוודיקער. הערשלען איז זיין שווייגעוודיקייט ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט דערשפּירט, אַז ער ברענגט אים ניט קיין גוטע בשורה.

— וואָס איז געשען? האָט הערשל אַ פרעג געטאָן. מאַקסים האָט טרויעריק געענטפערט:

— די דייטשן האָבן אומגעבראַכט אַלעמען אין געטאָ.

הערשל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער, נאָר מאַקסים האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— האָסט ניט וואוהין צו גיין, אַלע דייניקע זיינען אומגעקומען, וואַסיל גאַווריליעס האָט אליין געזען ווי מען האָט זיי דערשאָסן; אפנים אַז ער, דער שלאַנג, האָט אליין צוגעהאָלפן הרגענען מענטשן; אַ פולן וואָגן מיט זאַכן האָט ער געבראַכט פון שטאָט.

הערשל האָט שטיל געהעשעט. מאַקסים האָט גערעדט ווי צו זיך אליין:

— אומגליקלעכער... אין איין טאָג פאַרלאָרן דעם טאַטן מיט דער מאַמען...

קום אין אָוונט אריין אין שטוב, וועסטו כאַטש ריידן מיט א מענטש. פון ליגן כסדר אין שייער וועסטו נאָך פון זינען אראָפּ!

אין אָוונט איז הערשל געזעסן ביי מאקסימען אין שטוב און שטום געקוקט אויף אים און אויף זיין ווייב. ער האָט זיי געקענט פון זיין פריסטער יוגנט אָן. דער אלטער איז געווען דער שומר פון טאטנס מיל, און עס האָט זיך אים געדוכט אז ער איז נאָך א קליין ייִנגל, און דער טאטע האָט דאָס אים געשיקט צו מאקסימען אין א שליחות.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מאקסים דערציילט הערשלען, אז אין וואלד דרייען זיך ארום יידן וואָס זיינען אנטלאָפן פון געטאָ. הערשל האָט געקראָגן פארב אין פנים און דער פויער האָט זיך דערפרייט מיט דער ענדערונג וואָס קומט פאָר אין אים.

— איך וועל דיר מיטגעבן א טאָרבע עסן, גיי אויך דו אין וואלד אריין! איך זשאלעווע דיר ניט מיין שייער, נאָר די דייַטשן וועלן ניט אלע וועגן אין וואלד, שטייען זיי אין געפאר, אָבער דו קענסט דעם וואלד ווי אַן אונדזעריקער וועסטו זיי לערנען וואו צו גיין און ווי צו לעבן אין וואלד.

צומאָרגנס האָט הערשל, נאָך עטלעכע שעה זוכעניש געפונען אין וואלד די בחורים. זיי האָבן אים כמעט ווי ניט באמערקט נאָר אָנגעשטרענגטע געקוקט אויף דער טאָרבע, וואָס איז נאכלעסיק געהאָנגען אויף זיין אקסל. הערשל האָט זיך צוערשט געחידושט אויף זייער ניט פריינדלעכקייט, געטראכט אז זיי זיינען ניט צופרידן מיט זיין קומען. נאָר פלוצים האָט ער באמערקט זייערע בליקן אויף זיין טאָרבע, און פארשטאנען אז זיי זיינען הונגעריק. ער האָט שנעל אראָפּגעכאַפּט די טאָרבע פונעם אקסל, געעפנט זי, גענומען שניידן שטיקער פונעם לאבן, און דערלאנגט יעדן איינעם א שטיק ברויט. ערשט ווען זיי האָבן זיך גיריק איינגעביסן אינעם ברויט, האָט ער די זויערע אוגערקעס ארויסגענומען און פארטיילט יעדן איינעם אַן אוגערקע.

דניאל, דער קצב-יונג, האָט אראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן, אָפּגעווישט די ליפּן ווי נאָך א פעטן מאָלצייט, און א זאָג געטאָן:

— האָסט אונדז געראטעוועט ברודערל! וואו האָסטו דערטאַפּט אזא געשמאק ברויט און אזעלכע באטעמטע אוגערקעס?

הערשל האָט א שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— היינט האָב איך געבראכט עסן, מאָרגן וועט א צווייטער ברענגען און מיר געבן.

די בחורים האָבן זיך איבערגעקוקט. הערשלס רייד האָבן זיי דערמאָנט, אז אויך מאָרגן וועט מען דארפן עסן און זיי האָבן מיט זאָרג געקוקט ווי הערשלס טאָרבע האָט זיך כמעט ווי אויסגעליידיקט. באמערקט אז זיינע רייד האָבן זיי טרויעריק געמאכט, האָט הערשל חברהמאניש זיך אָנגערופן:

— די רוצחים האָבן פולע קאַמערס מיט שפּייז, און מיר האָבן העגט און פּיס, קענען מיר פון הונגער ניט שטאַרבן. סיידן, מיר וועלן מורא האָבן ארויסגיין פון וואַלד, און וואַרטן, אז די מאַמעס זאָלן פון די גריבער ארויסגיין און אונדז אנקאַרמענען.

די בחורים האָבן אים בייגעריקע אויסגעהערט, זייגע רייד האָבן אויף זיי אַנגעוואָרפן א פּחד, אָבער גלייכצייטיק געוויזן א וועג ווי אזוי צו קריגן עסן. דניאל האָט זיך צוגערוקט צו הערשלען און פאַרטרוילעך ארייגגערעדט אין אים:

— כ׳בין פון פאַך א קצב, איך קען צעפּערטלען א קו איינס און צוויי. דער טאַטע פלעגט זי ברענגען פון מאַרק, דער שוחט פלעגט זי שעכטן, איך פלעג זי צעהאַקן, און די מאַמע האָט דאָס פלייש פאַרקויפט צו די ווייבער.

ער האָט אָפּגעהאַקט, א קוק געטאָן אויפן וואַלד און איז טרויעריק געוואָרן. הערשל האָט אים גענומען טרייסטן:

— אין די דערפער זיינען דאָ פולע שטאַלן מיט קי, ס׳איז ניט פון די גרויסע זאַכן ברענגען צו טרייבן איינע אין וואַלד אריין; קיין שוחט איז טאַקע ניטאָ, וועט מען שוין אליין זיין די שוחטים, קיין לעבעדיק פלייש וועט מען ניט עסן.

דניאל איז לעבעדיק געוואָרן:

— אויב אזוי, ביסטו דאָך יענער פויגל! מיט דיר בין איך גרייט צו גיין גנבענען א קו!

צוזאַמענגס האָט הערשל ווידער פאַרטיילט דאָס ברויט. דאָסמאָל זיינען דאָס געווען נאָר קליינע רייפטלעך. אָבער קיינער האָט קיין פּאַראיבל ניט געהאַט, פאַרקערט, מען האָט זיך געחידושט וואָס דער יונג טיילט מיט דער ברייטער האַנט, גלייך ווי ער וואָלט זיכער געווען אז ער וועט די טאָרבע ווידער אָנפילן.

דער געדאַנק פון ארויסגנבענען א קו, האָט הערשלען דערמאָנט אָן די היימישע קי, וועלכע דער אלטער גאַוורילע האָט יענעם טאָג ארויסגעפירט פון זייער שטאַל. דער פויער האָט פאַרבייגעפירט די קי און אפילו קיין בליק ניט געוואָרפן אויף דעם טאַטן, זייער בעל הבית, גלייך ווי ער וואָלט שוין ניט געווען קיין לעבעדיקער. הערשלען איז באַפאַלן א חשק אונטערצוגנבענען זיך צו גאַוורילעס שטאַל און ארויספירן איינע פון די קי. ער האָט ממש געזען פאַר זיך דעם צאַרנדיקן גאַוורילען, ווען ער וועט באַמערקן אז עס פעלט אים איינע פון דעם יידנס קי. זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן. דניאל האָט עס באַמערקט און האָט צו זיך אליין א זאָג געטאָן: — א מאָדנער יונג, אָבער א געוואַגטער!

— — — — — — — — — —

דער אלטער גאַוורילע האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער און ניט געקענט איינשלאָפן. ער איז געווען געוואוינט צו שלאָפן אויף דעמבענע ברעטער, וועלכע זיינען געווען צוגעפּעסטיקט לענג-אויס דער וואַנט. געווייגלעך פלעגט מען די ברעטער איבערדעקן מיט א היימיש געמאַכטן קילים און צוקאָפּנס

אוועקלייגן קישעלעך פון הינערשע פעדערן. אָבער זינט די „באַבעס" האָבן געבראַכט דעם אַלטן וואָלפּס קישנס און איבערבעטן און זיי אויסגעשפּרייט אויף די ברעטער, איז דער שלאָף פון אים אוועק. יעדע נאַכט זינקט זיין גוף אין די ווייכע איבערבעטן און ער שפּירט אים גאָרניט. ער האָט געהאָפט אַז זיין ביינערדיקער פּויערישער גוף וועט זיך צוגעוואוינען צום ווייכן געלעגער, אָבער עס זיינען שוין אריבער וואָכן און ער דרייט זיך ארום א שלאָפלאָזער אין די נעכט.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז א בייזער ארויס פון שטוב, געטראָטן איבערן געראוימען הייף און געטראַכט, אַז אין די לעצטע וואָכן איז ער געוואָרן אַן עושר: דעם מילנערס פערד און קי האָט ער צוגענומען; די „באַבעס" האָבן א סך חפצים אַנגעטראָגן; און דעם יידנס מיל האָט ער איבערגענומען. ער ווייסט, אַז די שכנים פאַרגינען אים ניט, זיינען אים מקנא, נאָר איין זון, וואסיל, איז א גרויסער מענטש, דינט אין דער ראַיאָן-פּאָליציי, אַלע באַגריסן אים מיט כבוד. נאָר דאָס שלאָפ-לאָזיקייט פּייניקט אים: אָפּט, ביינאַכט, זעט ער דעם יידן א צאָרנדיקן, א בייזן; ווען ער לעבט וואָלט ער אים זיכער ניט געשוויגן; און דער יונגער הערשקאָ, ער איז געווען מיט א קאָפּ העכער פאַר זיין וואסילן, — גוט וואָס די דייטשן האָבן זיי געהרגעט, קען ער רואיק, אָן מורא, געניסן פון זייער פאַרמעגן. נאָר דער טייוול, דער שלאָף, מאַטערט אים, לאָזט ניט שלאָפן. ער איז איצט מקנא געווען דעם זון, וואָס איז געשמאַק געשלאָפן. אפנים, אַז אים שטערן ניט די ווייכע איבערבעטן, נאָר איך, אַלטער, קען זיך צו זיי ניט צוגעוואוינען. אויפן הייף איז געווען שטיל. גאַוורילען האָט געפעלט דער הונט, וואָס איז געפגרט מיט א וואָך צוריק. אים האָט זיך געדוכט, אַז די שטילקייט איז א פאַלשע, און ס'איז כדאי א קוק טאָן אויב אַלץ איז אויפן פּלאַץ.

מיט א פערטל שעה פריער, האָבן הערשל מיט דניאלן זיך צוגעשאַרט צו גאַוורילעס שטאַל. הערשל האָט לייכט אָפּגעשפּאַרט דעם הילצערנעם ריגל, געעפנט די טיר, און דערשפּירט א וואַרעמע פאַרע אין פּנים אריין. ער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע און באַמערקט איינע פון זייערע קי. ער האָט פאַרוואָרפן אויף איר א שטריק וואָס ער האָט געפונען אין שטאַל, און זי א ציי געטאָן מיט זיך. די קו האָט דערשפּירט א היימישע האַנט, און זיך געלאָזט ארויספירן. אינדרויסן איז צו איר צוגעפאַלן דניאל, אָפּגעשאַצט אויפן אָרט וויפל קילאָ פליייש זי וועט געבן, און שוין געשפּירט אין נאָז דעם פיינעם ריח פון געבראָטנס. ער האָט מיט איילקייט אונטערגעטריבן די קו, געוואָלט זי זאָל וואָס גיכער פאַרלאָזן דעם הייף.

גאַוורילע האָט שטיל געטראָטן איבערן הייף. צוגעקומען צום שטאַל האָט ער אים געטראָפן א צוגעמאַכטן, נאָר דער סילועט פון צוויי מענטשן און א קו, וואָס האָבן איילִיק געשפּאַנט איבער זיין פעלד, האָט אים איבערראַשט. ער האָט שנעל אָן עפן געטאָן דעם שטאַל, באַמערקט אַז עס פעלט איינע פון די קי, איז ער האַסטיק געלאָפן און געוועקט דעם זון:

— וואסיל, גנבים האָבן ארויסגעגנבעט א קו!

וואסיל איז אויפגעשפּרונגען א כאַפּ געטאָן די ביקס, און ביידע האָבן זיך א לאָז געטאָן נאָכיאָגן די גנבים.

די שווערע מילך-קו האָט זיך ניט געאיילט, געזומען מיד ווערן אין שנעלן גאַנג. דניאל האָט געצאַרנט, געוואָלט וואָס גיכער קומען אין וואלד אריין. ער האָט זיך געחידושט אויף הערשלען וואָס יענער גייט זיך אזוי רואיק.

הערשל האָט געוואוסט אז גאוורילע שטייט אויף פּרי, און ווען ער וועט דערזען אז עס פעלט אים א קו וועט ער זיי נאָכיאָגן לויט די שפּורן, האָט ער זיך געגרייט אויף אזא באַגעגעניש. ער האָט אַלעמאָל געכאַפּט א קוק אויף הינטן, צי מען באמערקט שוין ניט גאוורילען. דניאל האָט דער ערשטער באמערקט די נאָכיאָגערס און האָט אויסגערופן מיט פּחד: — הערשל מען יאָגט אונדז נאָך!

הערשל האָט זיי אויך דערזען און האָט אויסגערופן: — צוויי יאָגן זיך נאָך אונדז, זיי גרייט, מיר וועלן זיך דארפן שלאָגן, — און האָט א שפּרונג געטאָן צו א יונג ביימל, עס איבערגעבראָכן און א פּאַכע געטאָן מיט דעם אינדערלופטן.

די נאָכיאָגערס איז ניט געפעלן געוואָרן וואָס די גנבים זיינען געבליבן שטיין. — שיס! האָט גאוורילע באפוילן. וואסיל האָט אויסגעשאָסן. די קויל האָט א פייף געטאָן איבער דניאלס קאָפּ, ער האָט זיך איינגעבויגן און געזומען אנטלויפן.

הערשל האָט א קריץ געטאָן מיט די ציין, אָפּגעלאָזט די קו, אָנגעיאָגט דניאלן און זיך ווי פאַרענטפערט:

— דאָס האָט וואסיל, דער זון, געשאָסן, — דער טייוול האָט אים אָנגעטראָגן צו נעכטיקן די נאכט אין שטוב! ווען ניט ער, וואָלטן מיר די קו געבראכט אין וואלד אריין, און גאוורילען וואָלט מען קיין לעבעדיקן ניט געפונען.

הערשל האָט זיך געשעמט פאר זיך אליין, געברענט מיט צאָרן פארוואָס ער האָט געדארפט אנטלויפן, און האָט אנטשלאָסן ארויסגעזייט צווישן די ציין: ציין:

— מער גיי איך ניט גנבענען! אן אייגענע קו דארף מען ניט גנבענען!

ביידע האָבן שוויגנדיקע האסטיק געשפּאנט צוריק אין וואלד אריין.

אין עטלעכע נעכט ארום האָט הערשל באזוכט מאקסימען. דער אלטער האָט אים אויפגענומען מיט פרייד, געקוקט אים אין די אויגן אריין, און געוואָלט וויסן, פארוואָס ער איז אזוי דערשלאָגן. הערשל האָט אים דערציילט וועגן זיין דורכפאַל מיט דער קו. דער אלטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— האָסט קיין מזל ניט געהאט, וואסיל האָט פונקט יענע נאכט גענעכטיקט אין כאטע. דאָס דארף גלויבט אז דו ביסט שוין ניט מער צווישן די לעבעדיקע.

גאוורילע איז חושד, אז ניט-פאַרגיבערס האָבן געוואָלט גנבענען די קו. נאָר דו, הערשקאַ, דאַרפסט זיך ניט פאַרנעמען מיט גנבות — לאָז דאָס פאַר די שוואַכערע, — דו קענסט טאָן גרעסערע און וויכטיקערע זאַכן... זאַכן וואָס וועלן ברענגען נוצן פאַר דיר און פאַר די דייניקע... דער אַלטער האָט אַ ווײַלע נאָכגעקלערט, שטרענג באַטראַכט הערשלען און אַ זאָג געטאָן:

— גאוורילע, דער רויבער, האָט איבערגענומען די מיל. גאַנצע פעסער מיט תבואה פילט ער אָן יעדע וואָך. דו דאַרפסט די מיל פאַרברענען, הערשקאַ, אַז קיין זכר זאָל פון איר ניט בלײַבן! וועט זיך מאַכן אַ ווינטיקע נאַכט, זאָלסטו זײַן כאַטע מיטן שײַער אויך פאַרברענען, — דער הונט האָט זיך צופיל אָנגעפרעסן מיט פרעמדער פּראַצע! אַזעלכע זאַכן וועלן אָנלערנען אויך אַנדערע.

הערשל האָט אָנגעקוקט דעם אַלטן מיט שטוינונג, געפּרוּווט עפּעס זאָגן, נאָר מאַקסים האָט פאַרגעזעצט:

— וועסטו אוועקלאָזן מיטן פײַער די מיל און די כאַטע מיטן שײַער, וועט דאָס דאָרף וויסן אַז דו לעבסט; וואָסיל וועט זיך יאָגן נאָך דיר און וועט געוויס אויך מיטשלעפּן די דײַטשן.

הערשל האָט אַ ציטער געטאָן:

— וואָס זשע עצהסטו מיר צו טאָן?

מאַקסים האָט אַ שמייכל געטאָן ווי ביים הערן אַ נאַרעשקייט פון אַ נאַיוו קינד:

— הערשקאַ, הערשקאַ! — האָט ער אויסגערופן — אַזוי פיל יידיש בלוט האָבן די דײַטשן פאַרגאָסן, און די פון אייך געבליבענע פאַר קיין חכמים ניט געמאַכט! מיר, פּויערים, האָבן שטענדיק געהאַלטן די יידן פאַר חכמים, דאָסמאָל וועל איך זײַן דער חכם און דיר עצהנען: אויב דו ווילסט אַז סיי דו און סיי די דייניקע זאָלן וואָס ווייניקער פאַרפאָלגט ווערן, — טאָר וואָסיל ניט בלײַבן לעבן.

— וואָסיל האָט אַ ביקס, האָט הערשל אויסגערופן, און איך, איך האָב ליידיקע הענט...

דער אַלטער האָט לײַכט אַ כיכיקע געטאָן: — מיט כיטרעקייט קענסטו קריגן זײַן ביקס. דער הונט פּאַרט יעדן זונטיק פאַרביי דעם וואַלד; נעם מיט איינעם פון די דייניקע און... כ'מיין אַז איר וועט שוין עפּעס צוטראַכטן, איר האָט דאָך פּאַרט יידישע קעפּ!

קומענדיק צוריק אין וואַלד האָט הערשל געשמייכלט צו דאַניאלן, ווי איינער וואָס האָט געוואָלט אָפּטאָן עפּעס אַ שטיקל און ס'איז אים ניט געלונגען. דאַניאל האָט מיט חשד אויפגענומען הערשלס שמייכל. דער בחור איז אים ניט געפעלן. ער האָט אים פאַרדעכטיקט, אַז ער האָט שוין צוגעטראַכט נאָך אַ „שטיקל", וואָס

איז פאַרבונדן מיט סכנה און האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער וויל ניט עסן קיין פליייש, און וויל ניט אַז קוילן זאָלן אים פייפן איבערן קאָפּ.

דעם טאָג האָט הערשל ווידער געטיילט דאָס ברויט פון מאַקסימס טאָרבע. דניאלן האָט זיך געדוכט, אַז הערשל גיט אים אַ גרעסער שטיק ברויט ווי די אַנדערע. ער האָט אים חושד געווען, אַז ער וויל אים מיט דעם איבערקויפן. נאָכן עסן האָט הערשל זיך צוגעשאַרט צו אים און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אויסגעפונען אַז וואַסיל קלייבט זיך פירן די דייטשן אין וואַלד אַריין און אונדז אויסשעכטן. מיר מוזן אים פּאַקן און שטום מאַכן אויף אייביק איידער עס געלינגט אים עפּעס צו טאָן.

— און אַז וואַסיל וועט שיסן, ווי דעמאָלט ביינאַכט?

— אַ געליימעניש וועט אַריין אין זיינע ביינער! איך קען אים גוט, דעם כלב, און איך דענק אַז מיר קענען געפינען אַ וועג ווי אַזוי אויסצומיידן זיין ביקס. גלויב מיר, אַז נאָר צוליב פרייליכקייט וויל איך אַז דו זאָלסט מיט מיר מיטגיין, וועסט שטיין אָן אַ זייט און צוקוקן ווי איך וועל אים ממיתן.

דניאל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קען אים ניט אָפּזאָגן, אַז זינט יענער נאַכט איז ער פאַרקניפּט געוואָרן מיט זיין גורל און ער האָט ניט קיין אַנדער ברירה ווי מסכים צו זיין.

שבת-צו-נאַכט, האָט הערשל דערמאָנט דניאלן, אַז איצטער איז די פּאַסיקע צייט צו כאַפּן וואַסילן: — דער שייגעץ קומט יעדן שבת פאַרנאַכט אַ היים פון ראַיאָן, מיר וועלן אים פון שטוב אַרויסנאַרן, וועסט זען, ווי איך וועל אים צורעכט מאַכן. דניאל האָט בכלל פאַרגעסן דעם סדר פון די טעג. אין וואַלד זיינען פאַרשוואונדן די זונטיקס און די מאָנטיקס, נאָר טאָג און נאַכט האָבן זיך געביטן. הערשל האָט געציילט די טעג זינט ער איז געווען ביי מאַקסימען, דערפאַר האָט ער געוואוסט, אַז ס'איז שבת. הערשלס פּלאַן האָט דניאלן אַריינגעוואָרפן ווי אין אַ קדחת. ער האָט חושד געווען, אַז ער האָט אים בכוונה ניט דערמאָנט וועגן דעם מיט אַ טאָג פריער, כדי ער זאָל ניט האָבן קיין צייט חרטה צו האָבן. אין תוך גענומען, איז ער אים דאַנקבאַר געווען וואָס ער האָט אים פאַרשפּאָרט אַ סך בויך-גרימעניש, סיי ווי סיי קען ער אים ניט אָפּזאָגן: דער יונג איז אָן עקשן, און גלויבט אינעם אַלטן פויער ווי אין גאָט אַליין. צוזאַמען מיטן פּחד, איז אים אויך באַפאַלן אַ נייגעריקייט: ווי אַזוי וועט הערשל בייקומען אַ באַוואָפנטן פּאָליציאַנט? אַז הערשל האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט דניאל פאַרשטאַנען אַז ס'איז געקומען די צייט צו גיין. ער האָט מיט רעזיגנאַציע געלאָזט זיך נאָך הערשלען ווי איינער וואָס ווייסט אַז אים איז שוין באַשערט צו זיין אַ שעיר לעזאזל פאַר אַלעמען.

די נאַכט האָט איינגעהילט דעם וואַלד מיט אַ געדיכטן שלייער. ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט פונעם פייער, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ געדיכטע

פינצטערניש פון וועלכער ס'איז שווער ארויסצוקריכן. הערשל האָט געשפּאַנט א שווייגעוודיקער, דאָס האָט דניאלן נאָך מער דערהדיקט. ער האָט זיך געשלעפּט נאָך דער הויכער פיגור און זיך געחידושט ווי אזוי ער געפינט אין דעם חושך די סטעזשקע? ווען הערשל האָט זיך עטוואָס דערווייטערט, איז אים באַפאַלן א פּחד, דער וואלד האָט אים גענומען שרעקן, און די סכּנה צו בלייבן אליין איז געווען גרעסער ווי צו גיין מיט הערשלען און ער האָט אים אָנגעיאָגט. אז הערשל האָט דערהערט זיין שווערן אָטעמען האָט ער פארלאנגזאמט די טריט און א זאָג געטאָן:

— באלד ענדיקט זיך דער וואלד און ס'הייבן זיך אָן די לאָנקעס פון דאָרף. ס'איז נאָך צו פרי, און מיר דארפן אריין אין דאָרף גאַנץ שפּעט, ווען די גויים שלאָפן שוין.

דער וואלד האָט גענומען ווערן שיטערער און ביי זיין ראַנד האָבן זיך אויסגעשפּרייט די לאָנקעס. הערשל האָט פון וויטן זיך צוגעקוקט צום דאָרף. אין דער טונקלקייט האָבן אויפגעבליצט פייערלעך:

— די כּלבים שלאָפן נאָך ניט. אפּנים אז זיי גרייטן זיך צום פרעסן אָוונט-ברויט. ער האָט א ברום געטאָן, ווי א בייזע חיה, און האָט זיך אויסגעצויגן אונטער א בוים, צעלייגט זיך ווי אין א היימיש בעט און באַפעלעריש א זאָג געטאָן:

— לייג זיך אָפּרוען! צום דאָרף איז נאָך דאָ ארום צוויי קילאָמעטער. איך וועל זיכער באלד אנטשלאָפן ווערן און דו וועסט מיך אויפוועקן. כ'מיין, אז דו וועסט אזוי גיך ניט איינדרעמלען.

הערשל איז אנטשוויגן געוואָרן. ס'האָט לאנג ניט גענומען און דניאל האָט מיט שטוינונג זיך צוגעהערט צו הערשלס שווערן אָטעמען פון שלאָף. דניאל האָט געוואכט. די שטילקייט ארום איז געווען א פארדעכטיקע און ער האָט מורא געהאט אז מען זאָל זיי ניט באַפאַלן. ערגעץ-וואו האָט א פויגל אויסגעשריען, זשאַבעס האָבן זיך איבערגערופן, און די אייזערנע פּענטעס פון די פערד אויף די לאָנקעס, האָבן געקלונגען אין דניאלס אויערן. ער האָט געשפּירט אז אלץ ארום וואכט, קיינער שלאָפט ניט, און זיכער וועט מען דערהערן ווען זיי וועלן אריינקומען אין דאָרף.

ווען די פייערלעך האָבן זיך גענומען לעשן, האָט ער פארשטאַנען אז מען קען שוין אויפוועקן הערשלען. דער יונג איז שטארק געשלאָפן און בשום-אופן ניט פארשטאַנען וואָס דניאל וויל פון אים. נאָר ווען דניאל האָט אים אריינגעשושקעט אין אויער, — דאָס דאָרף שלאָפט שוין, לאָמיר גיין, האָט ער זיך אויסגעטשוכעט, עפּעס א ברום געטאָן און זיך אויפגעהויבן פון אָרט. ווען ער האָט א בליק געטאָן אין דער ריכטונג פון דאָרף, האָט ער זיך באלד אויסגעניכטערט:

— יאָ, די כּלבים שלאָפן שוין. מיר דארפן נאָר האָבן מזל אז וואסיל זאָל זיין אין כאטע.

דניאלן האָבן הערשלס רייד געקלונגען קאָמיש: זע, וואָס דער יונג רופט אַן מזל! האָט ער געטראַכט.

הערשל האָט זיך פאַרנומען אויף א סטעזשקע און האָט זיך געאײַלט גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן. באַלד האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן די סילועטן פון די דאָרפישע הײַזער. ער איז א ווײַלע געבליבן שטיין, א בליק געטאָן אויף דניאלן און א צופרידענער א פרעג געטאָן:

— דו הערסט עפּעס?

דניאל האָט זיך צוגעהערט און ניט פאַרשטאַנען וואָס איז דאָס מיט אים די שמחה? הערשל האָט זיך צעלאַכט:

— ביסט אפּנים א ביסל טויבלעך, הערסטו דען ניט אַן אַקאָרדיאָן שפּילן? ס'איז הײַנט א „זאַבאַווע" אין דאָרף. וואָסיל איז אײַבער פון די בעסטע טענצער און איז זיכער דאָ אויף דער „זאַבאַווע". קום, לאָמיר אויך גיין פאַרברענגען!

דניאל האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם אָרעם:

— ביסטו משוגע אָדער חסר דעה? גייסט אין סאַמע פײַער אַרײַן?

— זײַ ניט קיין שוטה דניאל! דער כלב וועט הײַנט אַרײַנפאַלן צו מיר אין די הענט אַרײַן! ער וועט זיך שוין בײַ מיר דערטאַנצן!

הערשל האָט זיך גענומען רוקן הינטער שײַערן. יעדע ווײַל זיך אָפּגעשטעלט און צוגעהערט. דניאל האָט זיך באַרואיקט, ער האָט פאַרשטאַנען, אז דער יונג איז ניט קיין פלאַטערקאָפּ און וויל אויך בלײַבן לעבן. ער האָט מיט גאווה א קוק געטאָן אויף אים, ווי אויף א ייִנגערן געראָטענעם ברודער און באַנומען, אז די הײַנטיקע נאַכט פאַרקניפּט זיי ביידן אין א טיפער פרײַנדשאַפט אויף לעבן און אויף טויט. די מוזיק האָט זיך דערנעענטערט, באַלד האָט זיך דערהערט דאָס טופּען פון צענדליקער פיס. די כאַטע איז געווען העל באַלויכטן און די צוויי האָבן זי באַלד באַמערקט:

— ס'איז בײַ טיכאַנאָוון, האָט הערשל א קריץ געטאָן מיט די ציין, און זײַן קערפּער האָט זיך שטײַף אָנגעצויגן, גרייט א שפּרונג צו טאָן. ער האָט דניאלן געפירט דורך קוקורוזע שטעקנס, און ווען די קוקורוזע האָט זיך געענדיקט האָט זיך באַוויזן א שײַער.

— בלײַב דאָ, דניאל, האָט ער א זאָג געטאָן. נאָר דניאל האָט זיך געגנגעשטעלט:

— כ'גיי מיט דיר!

הערשל האָט ניט געענטפערט, ער האָט זיך געשאַרט אַלץ נעענטער צו טיכאַנאָווס הויף און שטיל געזאָגט:

— כ'וועל זיך צושאַרן צו א פענצטער און אַקוק טאָן צי וואָסיל איז דאָרט.

ער האָט זיך ווי צוגעקלעפּט צו דער וואַנט פון כאַטע, האָט זיך פאַרזיכטיק צוגעשאַרט צום ערשטן פענצטער און זייטיק אַריינגעבליקט. ער איז ראַשיק אָפּגעשפּרונגען, צוגעפאַלן צו דניאלן און כמעט אָן אָטעם אַ שעפּטשע געטאָן:

— ער איז דאָ! און איצטער, דניאל, וועלן מיר זיך פאַרטייען נעבן גאַווריִלעס שטוב און דאָרט וואַרטן ביז וואַסיל וועט זיך אומקערן אַ היים פון דער „זאַבאַווע". ער וועט זיכער גיין מיט דער סטעזשקע וואָס שלענגלט זיך נעבן גאָרטן, און איך וועל אים אונטערקומען פון הינטן. קיין לעבעדיקער וועט ער שוין פון מיר ניט אַרויס!

די רייד האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דניאלן, ער האָט קיינמאָל אַזעלכע רייד ניט געהערט פון אַ ייד! ער איז געווען אַ בכבודיקער קצב, און קיינמאָל ניט געהאַט קיין געשעפטן מיט די פּויערים. די אוקראַינער זייַנען אים בכלל פרעמד געווען, ער האָט אפילו ניט געקענט זייער שפּראַך, ער האָט נאָר געוואוסט אַז זיי זייַנען גרויסע רוצחים.

זיי האָבן זיך שוין געגרייט אַרויסצוריקן פון טיכאַנאָוס הייף, נאָר הערשל האָט פּלוצים זיך אַ צאַפּל געטאָן און אַ צי געגעבן דניאלן פאַרן אַרבל:

— ריר זיך ניט, מען גייט!

מיט אַ גיכן גאַנג איז אָנגעקומען אַ יונגע שיקסע. די ווייסע אויסגענייטע אַרבל פון איר בלוזקע האָבן אַ שיין געטאָן אין דער פינצטערניש. זי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום שייער. הערשל האָט אַ שפּאַן געטאָן נאָך איר און פלינק פאַרוואָרפן זיין רעכטן אָרעם אַרום איר האַלדז. די שיקסע האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, נאָר זיין ברייטע דלאָניע האָט איר פאַרמאַכט דאָס מויל. תחילת האָט זי געמיינט, אַז איינער פון אירע בחורים איז איר נאָכגעגאַנגען און וויל זיך מיט איר אַ שפּיל טאָן, האָט זי זיך ניט געגנגעשטעלט, נאָר לייכט אונטערגעכיכיקעט.

הערשל האָט דערשפּירט איר דערהיצטן יאַדערדיקן קערפּער און דאָס באַוועגן זיך פון אירע שטייפע בריסטן. אַ רגע האָט ער פאַרגעסן וואַסילן און אַ טראַכט געטאָן: ווער איז זי די שיקסע? הינטערן שייער האָט הערשל אַראָפּגענומען די האַנט פון איר מויל, אָנגעכאַפּט זי ביי די אַקסלען און אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיך. די שיקסע האָט ברייט צעעפנט אירע אויגן און מיט שרעק אויסגערופן:

— הערשקאָ?!

הערשל האָט אַ צאַפּל געטאָן, — פאַר אים געשטאַנען נאַסטיאַ. די שיקסע האָט אַלץ געמורמלט:

— הערשקאָ?! הערשקאָ?!

הערשל האָט זי צאַרט אַ רוף געטאָן ביים נאָמען: נאַסטיאַ! זי האָט אין זיין קול דערשפּירט אַ וואַרעמקייט, זיך צוגעטוליעט צו אים און געשעפּטשעט:

— דו לעבסט, הערשקאַ מיינער ? דאָס גאַנצע דאָרף גלויבט דאָך אַז דו ביסט טויט.

דניאל האָט געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן און ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָ אַזוי גרויס די שמחה צווישן פאַרל.

נאַסטיאַ איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין דאָרף. זי איז געווען דעם אַלטן מאַקסימס אַ נאָענטע קרובה, און נאָך קליינערהייט איז זי הערשלען געפעלן געווען. אויך נאַסטיאַן האָט געצויגן צום בלאָנדן יאַטל, וואָס איז שטענדיק געווען ריין און ציכטיק און האָט אויסגעזען ווי אַ „פּאַניטשל". נאָר צוויי געשעענישן האָבן זיי צעשיידט : דאָס ערשטע איז געווען דער מלמד, וואָס איז געקומען פון שטאָט און גענומען אויפוויזן הערשלען, אַז גויים זיינען ניט קיין יידן און מען טאָר זיך צו זיי ניט צורירן ; און דאָס צווייטע איז געווען צוליב נאַסטיאַס פאָטער, וואָס האָט אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן צו הערשלס מאַמען :

— יעי באָגו ! דיין הערשקאָ האָט ליב מיין נאַסטיאַן. אַ שיין פּאָרל זיינען זיי. דיינער דאַרף נאָר אָננעמען אונדזער פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, וועל איך אים געבן נדן אַ שטיק פעלד און וועל אים מאַכן פאַר אַ בעל הבית אין דאָרף.

פאַר רוגזה האָט הערשלס מאַמע אַ שפּיי געטאָן, גלייך ווי מען וואָלט איר אַ שטיק חזיר אַריינגעשטעקט אין מויל. נאָר נאַסטיאַס טאַטע האָט אַ שמייכל געטאָן :

— דער יונג וועט דיך סייווי ניט הערן, — ער האָט זי שטאַרק ליב.

דעם זעלבן טאָג האָט הערשל זיך דערוואוסט, אַז ס'איז אַ זינד אפילו אַ קוק צו טאָן אויף נאַסטיאַן, און טאָמער, חלילה, רירט ער זי אָן, וועט מען אים אויף יענער וועלט שמייסן מיט אייזערנע ריטער. הערשל האָט נאָכדעם באַטראַכט נאַסטיאַן פון ווייטנס, געזוכט אויף איר סימנים מיט וואָס זי איז אַן אַנדערע . . .

ווען הערשל איז געוואָרן עלטער, איז ביי אים אויסגערונען געוואָרן די שרעק פאַר די אייזערנע ריטער מיט וועלכע מען וועט אים שמייסן אויף יענער וועלט. ער איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. די בלאָנדע געלאָקטע טשופּרינע האָט צוגעגעבן אַ סך חן זיין אָפּגעברוינטן פּנים.

אַלע דאָרפישע מיידלעך האָבן געוואוסט, אַז דער ייד איז אַ שיינער יונג, אָבער ער איז ניט זייערס גלייכן : זיין טאַטע האָט אַ מיל, איז רייך, און פאַרן יונג וועט מען אוודאי אַראָפּברענגען פון שטאָט אַ שיינע יידישקע פאַר אַ ווייב. נאָר נאַסטיאַ האָט געשפּירט, אַז אינעם שיינעם בחור האָט זי אויך אַ חלק, און ניט געוואָלט מוותר זיין לטובת אַ צווייטער.

זי פלעגט אים אָפּט טרעפן ביי מאַקסימען אין שטוב. דער אַלטער איז געווען דער שומר פון זייער מיל, און הערשל פלעגט אָפּט אַניאָגן אַהין אויף דער ברוינער שקאַפּע. ער פלעגט פלינק אַראָפּשפּרינגען פון זאָטל און ביי יעדע באַגעגעניש

אַרייַנבליקן אין אירע אויגן, וואָס פלעגן זיך אָנצינדן מיט אַ פייערל און דאָס האַרץ פלעגט איר אַ צאַפּל טאָן.

זי איז מיט דער צייַט אויסגעוואַקסן, שלאַנק און הויך ווי אַ בעריאָזע. די רייַכסטע בחורים האָבן זיך צו איר געשאַרט, נאָר זי האָט זיי אַלע אָפּגעשטויסן, און אין די נעכט געחלומט פון הערשלען. זי האָט געוואוסט אַז זי געפעלט אים, און ווען ניט די מאַמע זייַנע, וואָלט ער געווען אירער. הערשל פלעגט די לעצטע צייַט קומען אָפטער צו מאַקסימען און דער אַלטער האָט געשמייכלט אונטער די וואָנצעס ווען נאַסטיאַ פלעגט זיך פּונקט דעמאָלט באַווייַזן. מאַקסימס ווייַב פלעגט שטעלן צום טיש וואַרעמע וואַרעניקעס מיט סמעטענע. נאַסטיאַ פלעגט עסן און שמייכלען צו הערשלען, ווי זי וואָלט געזאָגט: בייַ מיר זיסענקער, ועסטו אויך קריגן אַזעלכע וואַרעניקעס. נאָכן עסן פלעגן מאַקסים מיטן ווייַב ערגעץ-וואו פאַרשווינדן, און הערשל פלעגט דעמאָלט דערפילן ווי נאַסטיאַס בלויע אויגן פענטען אים, ער ווערט שוואַך ווי אַ קינד, און אויב נאַסטיאַ וועט אירע אָרעמס פאַרפלעכטן אַרום זייַן האַלדז וועט ער זיך ניט געגנשטעלן. עס איז אים ליב געווען צו הערן ווי איר ווייכע שטים רעדט צו אים מיט צערטלעכקייטן: טייַערער מייַנער; ליבינקער מייַנער; נשמה מייַנע.

דער יונגער וואַסיל, האָט זיך געגומען שדכנען צו נאַסטיאַן. זייַן טאַטע איז געווען דער רייַכסטער פּויער אין דאָרף, און זי די שענסטע מיידל. ער האָט געגלויבט אַז זי וועט אים ניט אָפּזאָגן. אויף די „זאַבאַוועס" האָט נאַסטיאַ זיך אויפגעפירט גרויסהאַלטעריש, ניט געוואָלט טאַנצן מיט אים. ער האָט געזוכט די סיבה און האָט אויסגעפונען, אַז זי האָט ליב דעם „זשיד"... — ער האָט זי בייַ דער ערשטער באַגעגעניש באַליידיקט, אָנגערופן „זשידיווקאַ", אָבער ער האָט זיך ניט געקענט פאַרמעסטן מיטן ייִד. הערשלס טאַטע איז רייַכער געווען פון זייַן טאַטן, הערשל איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן שענער פון אים, ער האָט געריטן אויפן פערד ווי אַן עכטער קאָזאַק, און אויף די „זאַבאַוועס" געטאַנצט מיט די שענסטע מיידלעך פון דאָרף. נאַסטיאַ האָט געוואוסט אַז וואַסיל האָט זיי ביידן פייַנט, אָבער דער יונג איז געווען אַזוי זיס אין די טונקעלע נעכט, אַז זי האָט אים ניט געוואָלט דערציילן פון וואַסילס שנאה, כדי ניט אַרייַנצוטריפן אַ טראָפּן זאָרג אין זייער פרייד.

נאָכן ליקווידירן די געטאָ האָט מען אין דאָרף געוואוסט, אַז דער אַלטער וואָלף איז אומגעקומען מיט דער גאַנצער משפחה. נאַסטיאַ האָט דאָס אויך געזען אין וואַסילס לאַכעדיקע אויגן. ער איז געווען אַ פּאָליציאַנט אין דער ראַיאָן-פּאָליציי, געטראָגן אַ טייַערן האַנט-זייגער, און די מיל איז איצט געוואָרן זייַן טאַטנס. ער האָט זיך גענומען שדכענען צו נאַסטיאַן, געוואָלט פאַרגעסן איר אַמאָליקן אָפּזאָג און געהאָפּט, אַז איצט וועט זי שוין זייַן קליגער ווי פריער. נאָר נאַסטיאַ האָט אים באַגעגנט מיט אַ בייזן בליק, איר האָט זיך געדוכט אַז וואַסיל האָט בכוונה אַרויסגעפירט די יידן פון דאָרף, כדי פּטור צו ווערן פון אַ קאָנקורענט.

דער אלטער מאקסים האָט געשמייכלט ווען נאסטיא האָט ביי אים געפּאַרשט צי הערשל לעבט. ער האָט ניט געוואָלט אז זי זאָל זיך ארומטראָגן מיט נארעשע חלומות, זי דאַרף אויסקלייבן איינעם פון די בחורים און חתונה האָבן.

נאסטיא האָט באשלאָסן אז הערשל איז טויט. זי האָט גענומען זיך דערנעענטערן צו א בחור, וועלכער האָט איר אָנגעהויבן געפעלן ווערן.

הערשלס פלוצימדיק דערשיינען האָט זי ממש אויפגעטרייסלט, זי האָט זיך געטוליעט צו אים ווי זי וואָלט ניט געגלויבט אז ס'איז טאקע אויף דער וואָר.

הערשל האָט זיך שנעל אויסגעניכטערט און זאכלעך א פרעג געטאָן ביי נאסטיאַן :

— וואסיל איז געקומען אויף דער „זאבאווע" מיט דער ביקס ?

נאסטיא האָט א ציטער געטאָן. זיין שטים האָט פארלוירן איר פריערדיקע ווארעמקייט, און געוואָרן שטרענג. זי האָט זיך דערפילט קליין און שוואך נעבן דעם שטארקן בחור, און האָט פארשטאנען אז זי דאַרף אים העלפן.

— ער צעשיידט זיך קיינמאָל ניט מיט דער ביקס, האָט זי געענטפערט.

— וואו שטייט זיין ביקס ?

— נעבן דעם פענצטער, האָט זי א שעפטשע געטאָן.

— וועסט מיר, נאסטינקא, עפענען דעם פענצטער ? האָט הערשל געפרעגט. מיט א ווייכער שטים.

— כ'וועל עפענען, כ'וועל עפענען, ליבינקער מיינער, האָט זי געענטפערט.

הערשל האָט זי א קוש געטאָן, געפילט אז זי שמעקט מיטן אראָמאט פון צייטיקע עפל, און ער איז אויף א מינוט געוואָרן ווי שיכור. ער האָט איר אָבער גאָרניט געזאָגט, ניט געוואָלט זי צעטומלען. נאסטיא האָט זיך לייכט א גליטש געטאָן אין דער ריכטונג פון דער כאטע.

הערשל מיט דניאלן האָבן זיך ווידער צוגעשארט צו דער כאטע און לאנג איז זיי ניט אויסגעקומען צו ווארטן. באלד האָט זיך געעפנט דער פענצטער. הערשל האָט צוגעפּויזעט צום פענצטער, ער האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן און דערזען די טאנצנדיקע. נאסטיאַן האָט ער ניט באמערקט, אָבער ער האָט געוואוסט אז זי שפּירט נאָך יעדע באוועגונג זיינע. ער האָט באקומען מער קוראזש, זיך נאָך העכער אויפגעהויבן און באמערקט די ביקס. ער האָט שנעל אויסגעצויגן די האנט און זי א צי געטאָן צו זיך. קיינער האָט דאָס ניט באמערקט, די פּאַרלעך האָבן זיך געדרייט אינעם טאנץ און גאָרניט געזען ארום זיך. ער איז צוגעשפרונגען צו דניאלן און א זאָג געטאָן :

— נו, דערווייל האָב איך נאָר זיין ביקס, אים אליין וועל איך שפעטער פאקן.

דניאל האָט שוין איצט ניט געצווייפלט אז די נאכט וועט זיך גיסן בלוט.

ער איז טאַקע געווען אַ קצב, אָבער הרגענען אַ מענטש? אים איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דער יונג איז פעאיק אויף דעם.

— הערשעלע, האָט ער זיך געגומען בעטן, לאָמיר אַנטלויפן! דאָס גאַנצע דאָרף וועט באַלד זיין אויף די פיס! מען וועט אונדז ביידן שעכטן!

— בהמה, ווער וועט אונדז עפּעס טאָן אַז מיר האָבן אַ ביקס! אַ נס נאָך, וואָס אַ באַקאַנטער וואַלד-וועכטער האָט מיך אַמאָל געלערנט צו שיסן פון אַ ביקס, ווען ניט וואָלט איך געדאַרפט בעטן וואַסילן אַז ער זאָל מיך אויסלערנען די מלאכה.

דניאל האָט געקוקט אויף הערשלען ווי אויף אַן אומנאָרמאַלן. זיין לצנותדיקער טאָן אין אַזאַ אָרט, איז לויט זיין דעה, אַ סימן פון משוגעת.

הערשל האָט שוין געוואָלט זאָגן דניאלן אַז מען דאַרף זיך אָפּטראָגן פון דאַנען און זיך באַהאַלטן בעבן דער סטעזשקע, נאָר פּלוצים האָבן זיך דערטראָגן טריט פון אַ שיכורן מענטשן, — ס'איז געווען וואַסיל. ביידע האָבן זיך צוגעדריקט צום וואַנט. הערשל האָט דניאלן איבערגעגעבן די ביקס ווי אַן איבעריקע זאַך און אַליין זיך אַ רוק געטאָן פאַראויס. דער שיכור האָט זיי ניט באַמערקט. ער איז געווען בייז, געוואַקלט זיך אויף די פיס און גערעדט צו זיך אַליין:

— וואו איז זי אַנטלאָפן די צויג? באַסטיאַ! באַסטיאַ! האָט ער זיך צעשריען.

דאָס האָט וואַסיל געזוכט באַסטיאַן. אַ גאַנצן אָוונט האָט זי געטאַנצט מיט אַנדערע בחורים און אים אויסגעמיטן. פאַר כעס האָט ער זיך אָנגעשכורט, און איצט האָט ער זי געזוכט אויפן הייף. ווייל אין כאַטע האָט ער זי ניט געפונען. ער האָט זיך דערנעענטערט צום שייער און הערשל איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. הינטערן שייער האָט וואַסיל גענומען שעלטן ווען ער האָט דאָרט באַסטיאַן ניט געפונען. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף צוריק און איז פּנים אל פּנים געבליבן שטיין געגנאיבער הערשלען. אַ וויילע האָט ער אים טעמפּ אָנגעקוקט און ניט דערקענט. נאָר ווען הערשל האָט זיך פאַרמאָסטן און פאַרפאָרן מיטן פויסט אים אין פּנים אריין, האָט וואַסיל זיך אויסגעניכטערט. ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו הערשלען און דראָענדיק אַ ברום געטאָן:

— ביסטו ניט אַמאָל דער פאַרשיווער זשיד, וואָס האָט דאָ געוואוינט?

הערשלען האָט די פראַגע אַ ברי געטאָן. אַ מעכטיקער זעץ צווישן די אויגן האָט וואַסילן אומגעוואָרפן צו דער ערד. דניאל האָט מיט שרעק צוגעקוקט ווי הערשל זעצט מיט די פויסטן אין וואַסילס קאָפּ. ער איז געשטאַנען ווי געליימט, ניט געוואוסט ווי אַזוי מען דאַרף דאָ העלפן הערשלען. אין דער מינוט האָט ער עפּעס ווי מיטלייד געהאַט מיט וואַסילן וואָס האָט ביטערלעך געקרעכצט:

— לאָז אָפּ, הערשקאַ, כ'וועל באַצאָלן מיט תבואה, מיט פלייש, כ'וועל דיך אין שייער באַהאַלטן, לאָז נאָר לעבן!

הערשלען האָבן וואַסילס רייד אַריינגעוואָרפן אין א רציחה, ער האָט געברומט:

— שווייג הינטישער זון! כ'וועל מיך שוין אַליין אַן עצה געבן! און נאָך פאַרביסענער געהאַקט אין וואַסילס קאָפּ ביז יענער איז געבליבן ליגן א פאַרחלשטער, אָן באַוואוסטזיין. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלייכט, באַטראַכט וואַסילן און א זאָג געטאָן צו דניאלן:

— קום, דניאל, לאָמיר גיין, איך האָב אים פאַרענדיקט, ער וועט שוין לאַנג ניט אָנציען. ביידע האָבן שנעל זיך אַריינגעוואָרפן אין דער נאָענטער קוקורוזע, אין דער ריכטונג צום וואַלד.

אין א וואָך אַרום האָט הערשל באַזוכט מאַקסימען. דער אַלטער האָט אים דערציילט, אַז וואַסיל איז געשטאָרבן פון זיינע קלעפּ. און האָט שטיל צוגעגעבן:

— די דאַרפסט נאָך, הערשקאַ, פאַרברענען די מיל און אוועקלאָזן מיטן פייער גאָוורילעס כאַטע.

הערשל האָט געוואָלט וויסן די סיבה פון מאַקסימס שנאה צו גאָווּרילען, נאָר ער האָט ניט געוואַגט צו פרעגן. דאָס מאָל האָט אים מאַקסים מיטגעגעבן א גרעסערע טאָרבע עסן, און ווען הערשל האָט זיך גענומען מיט אים געזעגענען, האָט ער ווידער דערמאָנט:

— הערשקאַ, פאַרגעס ניט צו פאַרברענען די מיל!

הערשל האָט א פרעג געטאָן:

— און וואו וועסטו מאָלן דיינע קערנער?

— כ'וועל זיך מאַכן א זשאַרנע. פאַר מיר זאָלסטו ניט זאָרגן! זע אַז די דייניקע זאָלן מנוחה האָבן אין קבר.

הערשל האָט זיך פאַרשעמט און געענטפערט:

— כ'וועל דיך פאָלגן, מאַקסים, כ'וועל די מיל פאַרברענען!

מאַקסים האָט זיך ברייט צעשמייכלט:

— איי, האָסטו אים צעקאַטעוועט! דער שטעטלשער דאָקטאָר האָט אים שוין ניט געקענט העלפן. אפּנים אַז דו האָסט שטאַרקע הענט, ווייל וואַסיל איז אויך ניט געווען פון די שוואַכינקע. אין דאָרף ווייסט מען ניט ווער ס'האָט אים געממיתט, דער כלב האָט קוים געזשיפּעט, ווען מען האָט אים געפונען. און זיין ביקס איז ווי אין דער ערד אַריין. יאָ, נאַסטיא איז דאָ געווען און זיך נאָכגעפרעגט ווען דו קומסט. די מויד וועט משוגע ווערן פון ליבע צו דיר. זאָג מיר הערשקאַ, זי האָט דיר צוגעהאָלפן?

הערשל האָט א שמייכל געטאָן, ווי איינער זאָגט, אז דו ווייסט טאָ וואָס זשע פרעגסטו? מאקסים האָט אים אָנגעכאפּט ביים אָרעם:

— זאָג, די ביקס איז ביי דיר?

— ביי מיר, האָט הערשל געשטילט זיין נייגעריקייט.

— ביסט א מאַלאַדיעץ! כ'בין ניט מקנא גאוורילען, ער וועט ניט דערלעבן אויפפּרעסן די פעסער תבואה, וואָס ער שיט אָן יעדע וואָך פון דער מיל.

הערשל האָט פעסט געדריקט מאקסימס האנט, געשמייכלט צום אלטנס ווייב, וועלכע האָט געווישט די אויגן מיט א שפּיץ פארטוך און אים שטיל געבענטשט און ער האָט איילִיק פארלאָזט די כאטע.

הערשלען האָט געצויגן צו באַסטיאַן. ער האָט זיך געגען איר געפילט שולדיק דערמיט, וואָס ער האָט ארויפגעלייגט אויף איר אזא שליחות און איר אפילו ניט באדאנקט פאר דעם. ער איז געווען זיכער, אז זי קומט יעדן אָוונט צו מאקסימען אין שטוב און וואַרט דאָרט אויף אים. ער האָט זיך ארומגעטראָגן מיט א באזונדער ווארעם געפיל פאר איר דערפאר, וואָס אין א צייט ווען אלע האָבן אים פיינט, טראָגט זי אין הארצן אזא ליבע צו אים. ער איז זיכער, אז אפילו די מאמע ווען זי וואָלט געלעבט, וואָלט זי זיך שווין ניט געגנגעשטעלט אזא ליבע. הערשל האָט זיך אָבער אָפּגעהאלטן צו באזוכן מאקסימען. ער האָט מורא געהאט אז מאקסים וועט אים מער ניט אויפנעמען פריינדלעך, ווייל ער האָט זיין צוזאָג ניט דערפילט און ניט פארברענט די מיל.

נאָך וואסילס טויט האָט זיך אין אים די שנאה צו גאוורילען גענומען לעשן. ער האָט פארלאָרן זיין צוגעבונדנקייט צו דער מיל און אים האָט מער ניט געאַרט, וועמ ס'איז איר בעל-הבית. ער איז איצט א וואלד-מענטש, וואָס איז ניט מער פארבונדן מיט א יישוב. די מיל מאָלט קערנער, די פּויערטעס באקן ברויט, און ער קומט אין די דערפער און נעמט, מיט דער הילף פון דער ביקס, גרייטע לעבלעך ברויט. טאָ פארוואָס זאָל ער פארברענען די מיל? אָבער דער געדאנק אז ער קען ניט באזוכן מאקסימען, מאכט אים אומרואיק. ער פארשטייט ניט פארוואָס איז מאקסים אזוי פאראינטערעסירט אז ער זאָל פארברענען די מיל?

ער האָט באשלאָסן צו באזוכן מאקסימען און פּרוּוון אים איבערצייגן, אז אפשר איז ניט כדאי זי צו פארברענען: די מלחמה וועט זיך אמאָל ענדיקן, דער דייטש וועט ליידן א מפּלה, דעמאָלט וועט ער זיך אומקערן און אָפּנעמען די מיל צוריק ביי גאוורילען.

דאָס מאָל איז דניאל מיטגעגאנגען מיט ווייניקער שרעק ווי דאָס ערשטע מאָל: וואסיל איז געווען טויט, הערשל איז באוואָפנט, און הינטער זיינע ברייטע פּלייצעס, איז דער פּחד פארשוואונדן געוואָרן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו מאַקסימס הויז און זיך געגרייט אַנצוקלאַפּן אין פענצטער, איז הערשל געבליבן שטיין ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען וואָס צו טאָן. אָבער פּלוצים האָט ער זיך א ריס געטאָן פון אָרט און גענומען זיך דערווייטערן פון דאָרט. דניאל איז אים נאָכגעגאַנגען שווייגעוודיק ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א גרויסער פויערישער כאַטע. הערשל האָט זיך צוגעשאַרט צום פענצטער און האָט אָנגעקלאַפּט. ס'האָבן זיך דערהערט באָרוועסע פיס דערנעענטערן זיך צו דער טיר, עפנט זי פּאַרזיכטיק און א דיקע שטים פרעגט:

— וואָס ווילט איר ?

הערשל טוט זיך א שפּאַר אריין אין דער אָפענער טיר און דער פויער רוקט זיך אויף צוריק מיט שרעק פאַרן באוואָפנטן גאַסט. דאָס ווייב זיינס רייסט זיך האַסטיק אויף פון בעט און ביידע קוקן זיי שטום אויף די געקומענע. הערשל צעלאַכט זיך:

— גאַווריליע, דערקענסט שוין ניט אַן אַלטן שכן ?

גאַווריליע שוידערט אויף:

— הערשקאַ ! ?

הערשל פאַלט אריין אין צאָרן:

— געמיינט אַז כ'בין שוין טויט, הא ? און מ'קען די מיל ירשענען !

גאַווריליע וויל עפּעס זאָגן, זיך פאַרענטפערן, נאָר הערשל האָט אים שוין אָנגעכאַפּט ביים העמד.

— טו אָן די הויזן און קום מיט מיר אין שייער אריין, איך דאַרף צוויי סנאָפּעס שטרוי !

גאַווריליע ברעכט אויס אין א געוויין:

— ליבינקער, ווילסט מיר די כאַטע פאַרברענען ?

הערשל חידושט זיך, וואָס דער אַלטער גאַווריליע קען אַזוי וויינען. אין דער מינוט האָט ער געוואָלט אַז דער טאַטע זאָל הערן ווי גאַווריליע בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל ניט פאַרברענען די כאַטע. ווען דער טאַטע לעבט, וואָלט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויף אַלץ קומט א צייט, אַפילו אויף גאַווריליען. דאָס וואָס דער טאַטע איז טויט און קען ניט זען ווי גאַווריליע בעט זיך ביי אים, פילט אים אָן מיט צאָרן. מיט כוח טוט ער א צי דעם פויער מיט זיך. גאַווריליעס ווייב וויל עפּעס זאָגן, נאָר הערשל גיט א קריץ מיט די ציין: — שווייג צו'ג ! און די גויע ווערט אַנטשוויגן.

גאַווריליע גייט הכנעהדיק צום שייער, נעמט אַרויס צוויי סנאָפּעס שטרוי און איז זיך מיאש פון דער כאַטע, נאָר הערשל באַפעלט אים נעמען די שטרוי און מיטגיין מיט אים. זיי דערווייטערן זיך פון גאַווריליעס הייף און דעם פויער

ווערט לייכטער אויפן הארצן, דער „זשיד״ גייט אוודאי פארברענען א צווייטע כאטע. ערשט ווען זיי בלייבן שטיין, און הערשל הייסט אים אראפּוואַרפן די סנאָפּעס פון אקסל, דערזעט ער אז זיי שטייען נעבן דער מיל, ס׳ווערט אים קלאָר, אז דאָס גייט דער ייד פארברענען די מיל. גאוורילע טראכט, אז אויב ער וועט בשלום ארויס פון הײנטיקער נאכט, וועט ער מאָרגן פאָרן אין דער ראיאָן-פּאָליציי און בעטן אז מען זאָל דורכקעמען דעם וואלד און דעם „זשיד״ א לעבעדיקן ברענגען צו אים...

— שליס אויף די מיל! הערט ער הערשלס באפעלערישע שטים.

אויפן האלדז הענגט ביי אים דער שליסל פון דער מיל, ער שיידט זיך ניט מיט דעם. ער שליסט אויף מיט ציטעריקע הענט און טראכט:

— הייסט עס, אז די מיל איז צוריק דעם „זשידס״, און די עטלעכע וואָכן וואָס ער איז געווען איר בעל-הבית איז נאָר געווען א חלום וואָס ס׳איז אים שווער צו פארשטיין. פויערים האָבן דאָך ביי אים געמאָלן זייערע קערנער און באצאָלט מיט פולע פּעסער תבואה. ער פלעגט זיך אליין חידושן, וואָס די פּעסער פילן זיך אָן. א שוטה געווען, געדארפט וויסן, אז א פויער קען ניט אָנפילן פּעסער מיט תבואה אָן צו זייען און צו שניידן.

דניאל טראָגט אריין דאָס שטרוי און צעשפּרייט עס אויף דער הילצערנער פּאָדלאָגע. אינעווייניק שמעקט מיט פרישע מעל. הערשל צינדט אָן דעם לאמטערן און אין מיל ווערט ליכטיק. ער נעמט ארום מיט זיין בליק די מיל, גלייך ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. און אז קיינער דערשיינט ניט, ברענגט ער פון א ווינקל א בלעכל נאפט, און באגיסט דאָס שטרוי. נאָכדעם צינדט ער אָן א שוועבעלע און ווארפט עס אויפן שטרוי. א פלאם נעמט לעקן דאָס שטרוי און גאוורילע נעמט זיך צלמען פאר שרעק. באלד גיט זיך דאָס פייער א וואָרף אויף די טרעפּ וואָס פירן צו די מיל-שטיינער, שפּרינגט פון טרעפּל צו טרעפּל און דערנעענטערט זיך צו די הילצערנע קוישן, וואו מען שיט אריין די קערנער. ווען עס ווערט גוט ליכטיק פונעם פייער, גיט הערשל א קוק אויף גאוורילען און זאָגט:

— האָסט געוואָלט, גאוורילע, א מיל? הא? ניט געקענט לעבן אָן איר, הא?

גאוורילע האָט מורא אויסצורײדן א וואָרט. הערשל וואקסט אויס אין זיינע אויגן צוויי מאָל גרעסער ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט. די פיס זיינען אים געלייקמט, נאָר ווען דאָס פייער נעמט אים ברען אין פנים אריין, לאָזט ער זיך לויפן צו דער אָפענער טיר.

הערשל גיט זיך א וואָרף נאָך אים, כאפּט אים אָן ביים קאָלנער, אין זיין צווייטער האנט באווייזט זיך א שטריק. ער פארבינדט שטארק אויף הינטן גאוורילעס הענט, פירט אים צו צו אן אייזערנעם האקן וואָס שטעקט אין דער

וואנט, און ביגדט אים דאָרט צו. א רגע איז שטיל, נאָר באלד ברעכט גאווריִלע אויס אין א יאָמער :

— הערשקאָ ראַטעווע !

הערשל שפּרייזט שנעל צו דער טיר, אינדרויסן פאַרשליסט ער זי, גלייך ווי ער זאָל מורא האָבן אז גאווריִלע וועט אנטלויפן.

אין דאָרף הייבט אָן קלינגען דער קלויסטער גלאָק. עס לויפן אָן פּויערים מיט עמערס וואסער אין די הענט. דאניאל וויל אנטלויפן, נאָר הערשל באַגעגנט זיי מיטן ביקס אין האַנט. א שרעק באַפאַלט די פּויערים ווען זיי דערבעענטערן זיך און דערקענען אים. זיי חידושן זיך וואָס דער „זשיד" לעבט און האָבן מורא זיך דערנעענטערן צו דער מיל טאָמער וועט ער שיסן. זיי לויפן צוריק אין דאָרף אריין ווי א צעפלאָשעטע סטאדע פייגל.

— — — — — — — — — —

אין עטלעכע נעכט ארום האָט הערשל באַזוכט מאקסימען. דאָס מאָל האָט דער אלטער געקוקט אויף אים מיט גרויס דרך־ארץ און מיט א ציטער אין זיין שטים זיך אָנגערופן :

— זון מיינער, איצט האָסטו אויסגעפילט דיין טאטנס צוואה. דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב אים געזען, האָט ער צו מיר אזוי געזאָגט : „כ'בין אלט און כ'גלויב ניט אז איך וועל נאָך קענען באַצאָלן די רויבערס פון מיין מיל. זע, מאקסים, אז מיין הערשל זאָל די מיל פאַרבּרענען. כ'האָב אים צוגעזאָגט, דעם אָרעמן, א ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, נאָר כ'האָב מורא געהאַט אז דו וועסט מיך ניט פאָלגן, און דיין טאטע וועט מיך אויף יענער וועלט באַשולדיקן, אז איך האָב מיין צוזאָג ניט דערפילט.

אין דער פינצטערניש וואָס האָט געהערשט אין כאטע, האָט זיך הערשלען געדוכט, אז דאָס רעדט צו אים דער טאטע אליין.

גייענדיק צוריק אין וואלד אריין, האָט ער מיט שנאה א קוק געטאָן אויפן שלאָפנדיקן דאָרף. ער האָט געטראכט וועגן דער גרויסער ענדערונג וואָס איז אין אים פאָרגעקומען : מען האָט אים פון דאָרף ארויסגעטריבן, און ער איז צוריק געקומען ווי א שטארקער נקמה נעמער, וואָס אלע האָבן פאַר אים מורא.



זאב ישכיל: א מנורה

זאב ישכיל געב. אין לייפציג, געלערנט מאָלעריי ביי זיין טאטן אברהם. פארענדיקט קונסט-אקאדעמיע אין האמבורג. מיטגליד פון חיפהער קינסטלער פאראיין.

אלישבע שיינפעלד

א מעשה מיט זיבן בעטלערס
פון
ר׳ נחמן בראסלאווער

פון העברעאיש:
דוד ראָדין

פונקט ווי די אגדה האָט געדינט דורך פילע דורות ווי א מיטל צו באַלייכטן דעם יידיש-רעליגיעזן וועלט-באַנעם, אַזוי האָט זי געדינט אין דער תקופה פון חסידות, — אין 17-טן און 18-טן י״ה. — אלס לבוש צו די מיסטישע לערעס פון די צדיקים: זיי האָבן אריינגעוועבט אין זייער תורה-זאָגן סיי דעם משל און סיי דאָס מעשהלע, כדי צו וועקן און באַלייכטן געדאַנקען און, כדי צו פאַרטיפן און פאַרוואָרצלען דעם גלויבן ביי זייערע נאָכפאָלגערס. אלס חומר פאַר זייערע מעשיות האָבן זיי גענוצט יעדע זאַך וואָס איז זיי אין דעם מאָמענט געקומען אויפן געדאַנק, ווייל — „הצדיק האמיתי אפשר לו להפוך את הכל ואפילו מילי דשטותא, לתורה שלמה״. — דער אמתער צדיק קען אומבייטן אפילו נאַרישע רייד אין ווערטער פון תורה.

„ווען יידן ריידן״, זאָגט דער בעש״ט, — „סיי אין זייערע רייד פון תורה ותפילה, און סיי אין זייערע רייד מיט א חבר אין מאַרק — געפינט זיך גאָט, ווייל גאָט איז אומעטום״.

אלס צוגאָב צום משל און צום קליינעם סיפור האָבן די חסידישע רביים אריינגעבראַכט אויך די לעגענדע און האָבן דערמוטיקט זייערע חסידים צו דערציילן די ניסים ונפלאות פון דעם אָדער פון יענעם צדיק. דאָס דערציילן די וואונדער פון די צדיקים האָט זיך ביי די בראַסלאַווער חסידים פאַרוואַנדלט ממש אין א רעליגיעזן קולט, זיי האָבן אפילו פאַרפאַסט א צוגאָב-תפילה, אַז — „זיי זאָלן זוכה זיין צו דערציילן מעשיות וועגן אמתע צדיקים״. אַן אגדה וועגן בעש״ט דערציילט, אַז פאַר זיין פטירה האָט ער געבענטשט איינעם פון זיינע מקורבים מיט דער ברכה, אַז ער זאָל מפרנס זיין זיך און זיינע בני בית בלויז פון דערציילן מעשיות וועגן ר׳ ישראל בעל שם טוב[1].

ר׳ נחמן בן שמחה, אַן אוראייניקל פונעם בעש״ט פון זיין מאַמעס צד, וועלכער איז אונדז באַוואוסט ווי דער „לעצטער מקובל״, איז געבוירן געוואָרן אין

יאַר 1772, אין מעזשיבוזש, און איז נפטר געוואָרן אין יאַר 1810, אין אומאַן. דער נאָמען פון דער שטאָט בראַסלאַוו, וואו ער האָט אָממערסטן געווירקט, איז צוגעגעבן געוואָרן צו זיין נאָמען און ער איז גערופן געוואָרן „דער בראַסלאַווער".

כאָטש ר' נחמן בראַסלאַווער איז זיך נוהג געווען ווי זיינע פאָרגייערס און מיטצייטלערס צו דערציילן מעשיות, משלים און אגדות, דאָך זיינען זיינע מעשיות געווען אנדערש פון די וואָס זיינע מיטצייטלערס האָבן דערציילט: זיינע מעשיות, וועלכע זיינען רייך אין פאַנטאַזיע, פול מיט שפּאַנענדיקער אַקציע און מיט סורפּריזן, האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג און שטוינונג ביי זיינע חסידים. דער פאַנטאַסטישער אינהאַלט — פול מיט סימבאָלן — און זיין קינסטלערישער כוח צו דערציילן אַ מעשה, האָט מיטגעריסן זיינע צוהערערס און זיי אַוועקגעטראָגן אין העכערע וועלטן. ניט אומזיסט האָבן די חסידים געזען אין זיינע מעשיות „סודות התורה".

דער עיקר פון ר' נחמנס תורה זיינען די י"ג מעשיות — די דרייצן מעשיות וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט. און מיט דעם, אויף וויפל ס'איז אונדז באַוואוסט, איז ער געווען דער איינציקער מחבר פון דער קינסטלעריש-פאַנטאַסטישער מעשה אין יידיש צווישן די חסידישע רביים.

✶

ר' נחמן האָט ניט געשריבן זיינע מעשיות, ער האָט זיי דערציילט בעל פּה אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. אַזוי, למשל, זיין מעשה וועגן אַ „בן מלך און אַ זון פון אַ דינסט", וואָס די הייב-אַם האָט פאַרביטן ביים געבורט: ווי דער בן מלך האָט פילע יאָרן געלעבט ווי דער זון פון דער דינסט, און דער זון פון דער דינסט — ווי דער בן מלך. דאָס מעשהלע האָט ר' נחמן דערציילט ווען ס'איז אַרויפגעקומען דער געשפּרעך וועגן נאַפּאָלעאָנען וואָס „צוערשט איז ער געווען אַ מענטש וואָס האָט אויסגעפאָלגט באַפעלן פון זיינע עלטסטע, נאָכדעם איז ער געוואָרן אַ קייסער". די מעשה וועגן די זיבן בעטלערס האָט ער אָנגעהויבן דערציילן איינמאָל אין אַ שבת אָוונט, ווען ס'איז דערמאָנט געוואָרן, אַז אינעם בריוו וואָס זיין תלמיד ר' נתן האָט געשריבן צו אייניעם פון זיינע פריינד, ווערט באַהאַנדלט דער ענין פון דער „פרייד". ביי דער געלעגנהייט האָט ר' נחמן זיך אויפגעשטעלט און האָט געזאָגט:

„איך וועל אייך דערציילן ווי אַזוי מען איז אַמאָל פריילעך געווען".[2]

ר' נחמן האָט דערציילט, און זיין איבערגעבענער תלמיד, ר' נתן פון נעמיראָוו, האָט די סיפורים פאַרצייכנט — וואָרט נאָך וואָרט — ווי זיי זיינען אַרויסגעקומען פון מויל פון זיין רבין. ר' נתן דערציילט:

„און אַזוי פלעג איך זיך נוהג זיין אין מיין שרייבן פאַר אים: אין דער זעלביקער צייט וואָס ער האָט געזאָגט די תורה, — ווי אין שבת חנוכה, — האָב איך עס פאַרשריבן. און בעת איך האָב עס געשריבן, האָט ער עס איבערגעחזרט

פאר מיר זאץ נאך זאץ. ער פלעגט זאגן עטלעכע ווערטער בלשון אשכנזי און איך פלעג עס פארשרייבן בלשון הקודש. און אזוי ביז איך האב געענדיקט פארשרייבן די גאנצע תורה וואס ער האט געזאגט. ווען געענדיקט, פלעג איך עס איבערלייענען פאר אים".

א דאנק ר' נתן איז אונדז באוואוסט אויך די ריכטיקע צייט — ווען און וואס פאר א מעשה ס'איז דערציילט געווארן. און מיט זיין אפגעהיטער פינקט-לעכקייט איז אויך ר' נתן איינער פון די זעלטענע פאלן אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראטור.

וועגן דער קינסטלערישער זייט פון ר' נחמנס סיפור שרייבט בערנהארד העלער [3] :

„ר' נחמן פארנעמט א באזונדער אריגינעל ארט צווישן די שאפער פון דער לעגענדע. דער ליטעראַרישער סטיל איז פאר אים ניט וויכטיק. דער העברעאישער טעקסט, ווי ער איז פארשריבן געווארן פון ר' נתן, איז געגן אלע כללים פון שפראך און געפיל פאר שפראך, — גערמאניזמען און סלאוויזמען זיינען איינגע-וועבט אין יעדער שורה. אבער די אויסערלעכע פעלערן פארלירן זיך אין פארגלייך מיט דער אינעווייניקסטער איניקייט, מיט דער קערנדיקייט, און דערהויבנקייט פון ווייטער וויזיע. זיין כוח הדמיון און זיין רייכער איינפאל גיבן ר' נחמנען דעם אויבנאן אין דער געשיכטע פון דער יידישער פאלקס-מעשה. ער שאפט אליין אלע זיינע מעשיות און גיט זיי, אין איין-און דערזעלבער צייט, אי א פאנטאסטישע און אי א רעאליסטישע געשטאלטונג : אט ברענגט ער אונדז קיין ווארשע, קיין לייפציג, קיין בראסלאוו, און אט — צום וואלד וואס לאכט, צום גאלדענעם בארג און צום פאלאץ פון פערל. די געשטאלטן דורך וועלכע ער פירט אויס זיינע מעשיות, זיינען ביי אים איינמאל — משרתים, תלמידים און סוחרים ; און א צווייט מאל — באשעפענישן פונעם לעגענדארן וואלד : רוחות, שדים, בעטלער-פייעס און חיות וואס פארנעמען זיך מיט מוזיק".

„ר' נחמן איז פול מיט דעם גייסט פון דער לעגענדע : אינעם געזאנג פון די פייגל און אין די קולות פון די חיות הערט ער א וואונדער-קלאנג, וואס איז בעסער פון א וואסער-עס-איז תענוג אין דער וועלט ; ער פארנעמט דעם געפיל פון דאנקבארקייט פון דער נאכט-חיה צו דער לבנה ; ער שפירט נאך אין געהיים די באגעגעניש צווישן דער לבנה און דער זון, און הערט דאס געלעכטער פונעם פרימארגן, ווען די נאכט איז געצוואונגען צוריקצוטרעטן. ער לערנט אונדז : אזוי ווי יעדע באשעפעניש האט איין הארץ, פונקט אזוי האט די גאנצע וועלט בלויז איין הארץ ; אז די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן — ניט דורך שיינקייט, ניט דורך גבורה און אויך ניט דורך דער וויסנשאפט, נאר — דורך דבקות אין גאט אליין".

„אין גייסט קען ר' נחמן אוועקגעשטעלט ווערן צווישן אזעלכע שעפער ווי — נאוואליס, ה. ק. אנדערסאן, אסקאר ווײַלד און מאריס מעטערלינג".

„דער אורשפּרינגלעכער קערנדל אין די מעשׂיות פֿון ר׳ נחמן איז די פּרוכט פֿון זיין גייסט. עס טרעפֿט און ער דערציילט אַ מעשׂה אַן אַלטע, אָבער ער גיט צו, — ווי ר׳ נתן דערציילט אין זיין הקדמה צו די מעשׂיות: „ער פֿאַרבײַט און פֿאַרריכט געשעענישן און שטעלט איבער דעם גאַנג פֿון דער מעשׂה אַזוי, אַז ס׳באַקומט זיך אַ גאָר אַנדער סיפּור המעשׂה לגמרי״.

ס׳איז אונדז באַוואוסט, אַז ר׳ נחמן האָט ליב געהאַט צו הערן נײַס פֿון דער וועלט און, ער האָט אויך ליב געהאַט צו לייענען פֿאַרשיידענע מעשׂיות — „סיפּורי שׂיחת חולין״. די מעשׂה-ביכלעך האָבן גערייצט זיין פֿאַנטאַזיע, געוועקט געדאַנקען אין אים, און ניט איינמאָל זיינען זיי געוואָרן דער רויער מאַטעריאַל פֿון וועלכן ער האָט געשאַפֿן זיינע פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות. אויף אַזאַ אופֿן זיינען אין ר׳ נחמנס מעשׂיות אַריינגעקומען מאָטיוון און געשטאַלטן פֿון מער ווי איין קוואַל, — פֿון די יידישע אגדות, פֿונעם פֿאָלקלאָר פֿון זיין סביבה און, פֿון דער יידיש-מיסטישער ליטעראַטור, ווייל ווי ער אַליין פֿלעגט זאָגן:

„די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט זיין כבוד, — אפֿילו פֿון די גויעשע סיפּורים שרייט אויך אַרויס השם יתברך״.

די זיבן בעטלערס

איינמאָל איז געווען אַ לויפֿעניש פֿון אַ מדינה, זיינען די מענטשן מיט זייערע קינדער געלאָפֿן דורך אַ וואַלד, האָט דאָרט איינער פֿאַרלאָרן אַ ייִנגעלע און איינער האָט פֿאַרלאָרן אַ מיידעלע, — ביידע זיינען געווען צו פֿינף יאָר אַלט. האָבן די קינדער ניט געהאַט וואָס צו עסן, האָבן זיי געוויינט און געשריִען. איז אָנגעקומען אַ בעטלער מיט טאָרבעס, דערהערט אַז קינדער וויינען „עסן״, האָט ער זיי געגעבן ברויט און האָט זיי געבענטשט מיט דער ברכה: „איר זאָלט זיין ווי איך״, און איז אַוועקגעגאַנגען. און אַזוי יעדן טאָג האָט זיך באַוויזן אַן אַנדער בעטלער, האָט זיי געגעבן ברויט און האָט זיי געבענטשט מיט דער ברכה: „איר זאָלט זיין ווי איך״.

יעדער איינער פֿון די בעטלערס איז געווען אַ בעל-מום: דער ערשטער איז געווען אַ בלינדער; דער צווייטער — אַ טויבער; דער דריטער — אַ שטאַמלער; דער פֿערטער האָט געהאַט אַ קרומען האַלדז; דער פֿינפֿטער — אַ הויקער; דער זעקסטער — שוואַכע הענט, און דער זיבעטער — געליימטע פֿיס. און פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן זיך באַוויזן פֿאַר די קינדער, אַזוי זיינען זיי פֿאַרשוואונדן געוואָרן. ערשט נאָך יאָרן שפּעטער דערשיינען זיי ווידער איינער נאָכן אַנדערן, צו דער חתונה פֿונעם ייִנגל מיט דעם מיידל, וועלכע זיינען דורך דער צייט אויסגעוואַקסן און זיינען אויך געוואָרן בעטלערס. און ווידער בענטשן די בעטלערס דאָס יונג פּאָרל מיט דער זעלביקער ברכה אַלס דרשה-געשאַנק — אַ וואונדערלעכע מתנה!

— און יעדערער פון זיי דערציילט ווער ער איז און אין וואָס עס באַשטייט זיין מום, וואָס איז גאָר קיין מום ניט.

— — — — — — — — — —

אין דאָס ווידער דערשיינען פון די בעטלערס זעען מיר א גרויסע ענלעכקייט צו די צוועלף פייעס, וועלכע דערשיינען צום געבוירנטאָג פון דער „איינגע-שלאָפענער שיינהייט" און בענטשן זי מיט פאַרשיידענע גוטע סגולות. אויך די בעטלערס בענטשן דאָס יונג פּאָרל מיט גוטע ברכות און מיט זעקס דערהויבענע סגולות.

ווער זיינען די בעטלערס ? — ס׳איז קלאָר אז דער „מום" זייערער איז בכלל ניט קיין מום ; ס׳איז אן אויסערלעכע דערשיינונג וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אָנגענומען, כדי בעסער צו קענען דורכפירן זיין מיסיע אין דער וועלט ; וואָרן יעדער איינער פון די בעטלערס פאַרקערפּערט אין זיך יענע הויך-רעליגיעזע ווערטן, וועלכע — לויט דעם באַגריף פון ר׳ נחמן — זיינען מסוגל צו ברענגען משיחן און די גאולה אויף דער וועלט :

דער „בלינדער" בעטלער איז ניט בלינד, ער איז א סגי נהור אין פולן זין פון וואָרט ; ער איז דער חכם „הרואה את הנולד" — ער זעט דעם אָנהייב פון דעם וואָס דאַרף ערשט ווערן.

דער „טויבער" בעטלער איז ניט טויב, ער הערט בלויז שירה און רייד וועלכע דריקן אויס די פרייד פון א ריין לעבן ;

דער בעטלער וואָס „שטאַמלט", הייבט ניט אָן צו שטאַמלען ווען ער זינגט שירה צו גאָט און ווען ער לויבט גאָטס מעשים מיט ווערטער ;

דער בעטלער מיט דעם „קרומען האַלדז", — דווקא ער האָט א קול וואָס איז א וואונדער אין דער גאַנצער וועלט : ער קען באַכמאַכן אלע קולות און אלע קלאַנגען וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט ; ער קען „וואַרפן" זיין קול אין די ווייטסטע ווייטן ; ער קען מיט זיין קול איבערבייטן טרויער אין פרייד ;

דער בעטלער דער „הויקער", איז ניט קיין הויקער, ער האָט א גלייכע פּלייצע, אָבער — ער טראָגט אויף איר די גאַנצע וועלט... ער איז דער צדיק, דער יסוד פון דער וועלט ;

דער בעטלער מיט די „שוואַכע הענט" האָט, אין דער אמתן, ביז גאָר שטאַרקע הענט, נאָר ער קען זיי נוצן בלויז אויף טאָן מעשי צדקה : ער קען מיט זיי פאַרהאַלטן די וויינטן און אַרויסזייען פון זיי דעם ניגון ; ער קען מיט זיי פילן דעם דופק פון דער בת-מלכה און אַרויסציען די סמיקע פיילן פון איר גוף.

דער זיבעטער בעטלער, דער מיט די געליימטע פיס, דערשיינט ניט צו דער חתונה פונעם יונגן פּאָרל. אויף דער סיבה צו דעם וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אביסל שפּעטער.

אויף די ספּעציפֿישע סגולות זייערע באַקומט יעדער בעטלער באַזונדער אַ באַשטעטיקונג: דער ערשטער בעטלער באַקומט עס פֿונעם גרויסן אַלטן אָדלער; דער צווייטער — פֿון די מענטשן פֿון דער רייכער מדינה; דער דריטער — פֿונעם איש חסד של אמת; און יעדער איינער פֿון די איבעריקע דריי בעטלערס באַקומט זיין באַשטעטיקונג אין אַ באַזונדער פֿאַרמעסט מיט אַ גרופּע, וועלכע פֿאַרמאָגט דעם זעלביקן צויבער-כוח, אָבער ניט אין זעלביקן פֿאַרנעם און ניט אויף דער זעלביקער הויך ווי עס שטייען דעם בעטלערס סגולות, דעריבער קומט זיי צו זיין די ערשטע אויף דעם גראַדאַציע-לייטער; און דער בעטלער, דער בעל הסגולה פֿונעם העכסטן גראַד, — ער איז דער לעצטער. יעדער איינער פֿון די זעקס בעטלערס דערציילט אין זיין סיפּור, ווי אַזוי ער האָט זיך דערוווּסט אַז ער איז דער בעל הסגולה פֿון דער העכסטער מדרגה.

ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם מום פֿון יעדן איינעם געפֿינען מיר, אַז אויך אין דעם איז פֿאַראַן אַ לייטער פֿון גראַדאַציעס:

דער ערשטער איז בלינד, — זיין מום איז אין די אויגן; דער צווייטער איז טויב, — זיין מום איז אין די אויערן; דער דריטער שטאַמלט, — זיין מום איז אין דער צונג; דער פֿערטער האָט אַ קרומען האַלדז; דער פֿינפֿטער איז אַ הויקער; דער זעקסטער האָט שוואַכע הענט, און דער זיבעטער — געליימטע פֿיס. מיר זעען דאָ, אַז די מומים דערשיינען אין אַ באַשטימטן סדר, — זיי הייבן זיך אָן פֿון קאָפּ און פֿאַרענדיקן זיך מיטן סוף פֿון גוף.

ווי מיר זעען דאָ, איז דער לייטער פֿון אויסוואַל פֿון אָנגענומענע טראַדיציאָנעלע ווערטן, אַ פֿאַרקערטער. לויט ר׳ נחמנס באַנעם איז, אַז דער וואָס איז מער חשוב, דער דאַרף זיין דער לעצטער. מיר זעען דאָס אין די אייגנשאַפֿטן און אויפֿטו וואָס ער גיט יעדן בעטלער:

דער בלינדער פֿאַרקערפּערט די חכמה; דער טויבער — די שמחה; דער שטאַמלער — דעם חסד אָדער גמילות חסדים; דער מיט דעם קרומען האַלדז — די אמונה; דער הויקער — די פֿעאיקייטן פֿונעם מדריך; און דער מיט די שוואַכע הענט פֿאַרקערפּערט די פֿעאיקייטן פֿון דעם היילער.

אויב מיר זאָלן זיך איצט פֿרעגן, פֿאַרוואָס דער זיבעטער בעטלער איז ניט דערשינען צום צווייטן מאָל, דאַרפֿן מיר אָננעמען די סברה, אַז דער זיבעטער בעטלער פֿאַרקערפּערט אין זיך אַלע סגולות וואָס זיינען צוגעשריבן געוואָרן צו די זעקס בעטלערס, מיט אַ צוגאָב פֿון נאָך איין סגולה וואָס איז נאָך ניט באַוווּסט אין דער וועלט, און דעריבער האָט ר׳ נחמן נאָך ניט געקענט דערציילן וועגן אים; ער איז דער „הנעלם הגדול" וואָס וועגן אים וועט גערעדט פֿון צייט צו צייט אין דער מיסטישער ליטעראַטור פֿון די יידן.

אין קורצן סך-הכל: אָט די בעטלערס, וואָס אויסערלעך זעען זיי אויס פֿאַרקריפּלט אין דערווידערדיק, זיינען אין דער אמתן צדיקים און מנהיגי דור.

ווייטער וועט דאַ געמאכט ווערן א פּרואוו צו געפינען דעם מקור פון די געשטאַלטן מיט וועלכע ר׳ נחמן באַנוצט זיך אין די מעשיות פון די בעטלערס און דורך וועלכע ער ברענגט ארויס זיין וועלט-באַנעם.

דער סיפור פון דעם בלינדן בעטלער

א שיף איז צעשמעטערט געוואָרן אין מיטן ים. די מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט אויף אן אייננזאַמען אינדזל. צווישן די געראַטעוועטע האָט זיך אויך געפונען דער בלינדער בעטלער. אויפן אינדזל האָבן זיי דערזען א טורעם, זיינען זיי אריין אהין. כּדי צו פאַרטרייבן די צייט האָט מען צווישן זיך געשמועסט, איז ארויפגעקומען די פראַגע : ווי ווייט קען דער זכרון דערגרייכן ? וואָס איז די ערשטע און די פריסטע זאַך וואָס יעדער אייגער פון זיי קען געדענקען ?

ענטפערן זיי אויף דער פראַגע איינער נאָכן אנדערן. דער ערשטער צו ענטפערן איז דער זקן, וואָס איז עלטער פון אלעמען ; דער צווייטער — איז דער וואָס איז יינגער פונעם זקן ; אזוי, ביז עס קומט די ריי פונעם לעצטן, פונעם בלינדן, וואָס איז דער יינגסטער פון אלעמען.

דער ערשטער — וואָס איז דער עלטסטער — ענטפערט אזוי : „איך געדענק נאָך ווען מ׳האָט אָפּגעשניטן דאָס עפּעלע פונעם צווייג״. דער צווייטער האָט געזאָגט : „און איך געדענק נאָך אפילו אז דאָס ליכט האָט געברענט״. דער דריטער האָט געזאָגט : „איך געדענק נאָך ווען די פּרי האָט ערשט אָנגעהויבן צו ווערן״. דער פערטער האָט געזאָגט : „און איך געדענק נאָך ווען מ׳האָט געפירט דאָס קערנדל צו פלאַנצן די פרי״. האָט זיך דער פינפטער אָנגערופן : „און איך געדענק נאָך אפילו די חכמים וועלכע האָבן אויסגעטראַכט דאָס קערנדל״. האָט דער זעקסטער געזאָגט : „און איך געדענק נאָך אפילו איידער דער טעם איז אריין אין דער פּרי״. האָט זיך דער זיבעטער אָנגערופן : „און איך געדענק נאָך אפילו איידער דער ריח איז אריין אין דער פּרי״. האָט זיך דער אכטער אָנגערופן : „און איך געדענק נאָך אפילו איידער די פּרי האָט אָנגעהויבן אָננעמען איר געשטאַלט״.

דער לעצטער צו ענטפערן איז געווען דער בלינדער בעטלער, האָט ער געזאָגט : „איך געדענק די אלע זאַכן וואָס איר אלע געדענקט, און איך געדענק אויך דאָס גאָרניט״. ד.מ. ער געדענקט אפילו דאָס גאָרניט וואָס איז געווען נאָך איידער דעם אָנהייב.

דערווייל איז אָנגעקומען א גרויסער אָדלער און האָט געהייסן אלעמען ארויסגיין פונעם טורעם ; ער האָט זיי ארויסגעפירט לויטן לייטער פון זייער עלטער — ניט לויט זייער אמתן עלטער אין יאָרן, נאָר לויט דעם עלטער — ווי ווייט צוריק ס׳האָט דערגרייכט זייער זכרון.

דעם ערשטן האָט ער ארויסגעפירט דעם בלינדן בעטלער, ווייל, לויט די רייד פונעם אָדלער, איז ער דער עלטסטער. באַכדעם האָט ער ארויסגעפירט דעם אכטן, דעם זיבעטן, און אזוי ווייטער, ביז דער וואָס איז געווען דער ערשטער צו דערציילן, איז געווען דער לעצטער ארויסצוגיין פונעם טורעם. און ווען זיי זיינען אלע ארויס, האָט דער גרויסער אָדלער זיך אָנגערופן:

„איך וועל אייך מפרש זיין די אלע מראות וואָס יעדער איינער פון אייך האָט אויפגעהיט אין זיין זכרון פון דעם ווייטסטן און פריסטן אָנהייב אָן:

דער ערשטער האָט געזאָגט אז ער געדענקט נאָך ווי מ'האָט אָפגעשניטן דאָס עפּעלע פונעם צווייג, מיינט עס: ער געדענקט ווי מ'האָט אָפגעשניטן דעם נאָפּל גלייך נאָך זיין געבוירן ווערן.

דער צווייטער געדענקט אז דאָס ליכט האָט געברענט, מיינט עס: ער געדענקט נאָך ווען ער איז געווען ביי זיין מוטער אין בויך, ווייל ס'שטייט אין דער גמרא, — ווען דאָס קינד איז ביי דער מוטער אין בויך ברענט א ליכט אויף זיין קאָפּ.

דער דריטער געדענקט ווי ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן א פרי, מיינט עס: ער געדענקט נאָך ווען די אברים פון זיין גוף האָבן אָנגעהויבן אָננעמען זייער אויסזען.

דער פערטער געדענקט ווען מ'האָט געפירט דאָס קערנדל צו פלאַנצן די פרי, מיינט עס: ער געדענקט ווי די טיפּה איז נמשך געוואָרן.

דער פינפטער געדענקט די חכמים וואָס האָבן אויסגעטראַכט דאָס קערנדל, מיינט עס: ער געדענקט ווען די טיפה איז נאָך געווען אין מוח.

און די איבעריקע דריי, זיי געדענקען די דריי טיילן פונעם נפש — דעם נפש, דעם רוח, און די נשמה — נאָך איידער זיי זיינען אריין אין דער זרע.

אָבער דער בלינדער בעטלער געדענקט ווייטער פון אייך אלעמען, — ער געדענקט דאָס גאָרניט, דעם אין איידער פון דעם איז באשאפן געוואָרן א יש”.

און דער אָדלער האָט געזאָגט צום בלינדן בעטלער: „דו ביסט אזוי ווי איך, — דו ביסט זייער אלט און דאָך ביסטו אזוי יונג אז דו האָסט נאָך גאָרניט אָנגעהויבן צו לעבן, און דאָך, ניט געקוקט אויף דעם, ביסטו זייער אלט...” [4]).

מיט דעם האָט דער גרויסער אָדלער געגעבן זיין הסכמה אויף די באזונדערע אייגנשאַפטן פון דעם בלינדן בעטלער, — אז זיין עלטער אין זכרון גרייכט ווייטער ווי זיין עלטער אין יאָרן, ווייל ער קען זען ווייטער ווי אלע אנדערע וואָס זיינען געזעסן אין טורעם.

פאַקטיש איז דער סיפור פונעם בלינדן בעטלער באזירט אויף דעם מאמר „איזהו חכם — הרואה את הנולד”. און ווען דער בלינדער בעטלער זעט זיין

געבוירט ווי א יש מאין, איז ער ניט נאָר א חכם, אלא, ער פאַרקערפּערט די חכמה אליין.

דער געבוי פונעם מעשהלע לאָזט זיך פאַרגלייכן מיטן דריטן טייל סיפור פונעם טיף וואָס, אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן שליסל פון אארנא טאָמפּסאָן, איז באַצייכנט מיטן נומער 471:

דער ייִנגסטער פון דריי ברידער גייט אריבער א בריק און קומט אָן אין אן אנדער וועלט וואו ער זעט משונהדיקע אימאַזשן, — בדרך כּלל דריי, — וואָס ווערן פאַר אים אויפגעקלערט אביסל שפּעטער.

אינעם סיפור פונעם בלינדן בעטלער געפינען זיך — אין איין אָרט — ניין מענטשן און יעדער איינער פון זיי זעט (אין זיין זכרון) א באַזונדער בילד. די בילדער הייבן אָן מיט טריט פון דער וועלט (דאָס געבוירט), זייענען ממשיך איבער דער בריק (די טראַכט), ביז צום סוף פון דער אנדער וועלט (צום „גאָרניט״).

אין געגנזאַץ צו דעם גיבור פון דעם אויבנדערמאָנטן סיפור, איז דער אריבערגאַנג פון די מענטשן, וועלכע זיצן אין טורעם, צו דער אנדער וועלט, ניט קיין פיזישער, אלא, זיי זעען די אימאַזשן דורך זייערע אינעווייניקסטע אויגן, דורך זייער זכרון.

אויך דער סוף פון די צוויי סיפורים איז ענלעך: אין ביידע דאַרפן די אימאַזשן אויסגעטייטשט ווערן; אינעם סיפור פונעם בעטלער ווערט די אויסטייטשונג געגעבן דורך דעם גרויסן אָדלער.

דער טורעם אויפן איינזאַמען אינדזל און דער אָדלער — אָט די צוויי מאָטיוון זייַנען פאַרשפּרייט אינעם פאָלקלאָר פון מער ווי איין פאָלק, און זייַנען אוודאי אריינגעקומען אין דעם סיפור פון ר׳ נחמן פון די יידישע מקורות. למשל, די אגדה וועגן שלמה המלכס טאָכטער, וועלכע איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין א טורעם אויף אן איינזאַמען אינדזל דורך איר פאָטער, ווייל ס׳איז אים באַוואוסט געוואָרן דורך די שטערן אז זי וועט חתונה האָבן מיט א פּשוטן מאַן פון פאָלק.

דער אָדלער ווערט דערמאָנט אין תהילים ק״ג, 5, אזוי: תתחדש כנשר נעוריכי — „עס זאָל זיך באַנייען מיין יוגנט ווי דער אָדלער״.

דער עיקר פון דער טעמע פונעם סיפור, — די פאָרמירונג פונעם מענטש ביז זיין געבוירט, — געפינט זיך אין מדרש תנחומה: „עיצובו של אָדם עד לידתו״:

„און דער מלאך וואָס איז דער ממונה אויף שוואַנגערשאַפט, — נאכט איז זיין נאָמען, — נעמט די טיפּה און שטעלט זי אוועק פאַר הקב״ה און זאָגט: ריבונו של עולם, אָט די טיפּה, וואָס וועט פון איר ארויסקומען, — א גיבור אָדער א שוואַכלינג, א חכם אָדער א טיפּש, א רייכער אָדער אן אָרעמאַן?״ א.א.וו.

דער סיפּור פון דעם טויבן בעטלער

איינמאָל איז דער בעטלער אָנגעקומען אין זייער אַ רייכן לאַנד, וואו יעדער איינער האָט זיך באַרימט מיט זיין גוט לעבן. רופט זיך אָן צו זיי דער בעטלער:

„אויב איר לעבט אַזאַ גוט לעבן, אפשר וואָלט איר געקענט העלפן יענער מדינה וואו די מענטשן זיינען געווען גליקלעך און זייער גליק איז צעשטערט געוואָרן?

אין יענער מדינה איז געווען אַ גאָרטן, אין דעם גאָרטן זיינען געוואַקסן פּירות וואָס האָבן פאַרמאָגט אַלערליי טעמים און ריחות פון דער וועלט. דאָרט זיינען אויך געווען כל מיני קווייטן פון כלערליי קאָלירן אין דער וועלט. דער גאָרטן האָט געהאַט אַ גערטנער וואָס פלעגט אויפּפּאַסן אויף אים, פלעגן די מענטשן לעבן אַ גוט לעבן דורך דעם גאָרטן.

איז דער גערטנער פאַרפאַלן געוואָרן; אַלץ אין גאָרטן האָט אָנגעהויבן קאַליע ווערן; אָבער נאָך האָבן די מענטשן געקענט לעבן פון דעם וואָס איז פאַרבליבן אין גאָרטן, און פון דעם וואָס איז פון זיך אַליין געוואַקסן.

איז אָנגעקומען אַ מלך אַן אכזר אויף דער מדינה. ער האָט גאָרניט געקענט טאָן צו די מענטשן, איז ער געגאַנגען און האָט קאַליע געמאַכט זייער גוט לעבן וואָס זיי האָבן געהאַט פונעם גאָרטן. ניט נאָר האָט ער צעשטערט דעם גאַנצן גאָרטן, נאָר ער האָט דאָרט אויך איבערגעלאָזט דריי כיתות קנעכט, און די קנעכט האָבן געטאָן דאָס וואָס דער מלך האָט זיי אָנגעזאָגט צו טאָן: זיי האָבן קאַליע געמאַכט דעם טעם אין דער גאַנצער מדינה אַזוי, אַז פון אַלץ האָט זיך געפילט דער טעם פון נבלה; זיי האָבן קאַליע געמאַכט דעם ריח אין דער גאַנצער מדינה אַזוי, אַז פון אַלץ האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון חלבנה; זיי האָבן קאַליע געמאַכט די מראה אין דער גאַנצער מדינה אַזוי, אַז ס'האָט אַלעמען פאַרטונקלט די אויגן ווי מיט געדיכטע וואָלקנס.

האָב איך געזאָגט צו די עשירים, אַז אויב איר וועט ניט העלפן די מענטשן פון יענער מדינה וואו מ'האָט קאַליע געמאַכט זייער גאָרטן, וועט זייער שאָדן אויך אייך ברענגען שאָדן.

האָבן זיך אויפגעהויבן די עשירים און זיינען געגאַנגען צו יענער מדינה, און איך בין אויך מיט זיי געגאַנגען. אין וועג האָט איטלעכער פון זיי געלעבט זיין גוט לעבן, אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו יענער מדינה, איז אויך ביי זיי קאַליע געוואָרן דער טעם, דער ריח און די מראה. האָב איך זיי געגעבן פון מיין ברויט און מיין וואַסער, האָבן זיי פון דעם געגעסן און געטרונקען, איז ביי זיי דער טעם, דער ריח און די מראה צוריק געוואָרן ווי געווען.

אין דערזעלביקער צייט האָבן די מענטשן פון דער מדינה, וואָס דער גאָרטן

איז בײַ זײַ קאַליע געוואָרן, זיך מײַשב געווען און האָבן באַשלאָסן צו גײן זוכן דעם גערטנער וואָס דורך אים האָבן זײַ געלעבט א גוט לעבן. האָבן זײַ אַרויסגעשיקט שליחים. גלײַך ווי די שליחים זײַנען אַרויס פֿון זײַער שטאָט, האָבן זײ אויפֿן וועג באַגעגנט די עשירים פֿון דעם רײַכן לאַנד און האָבן צו זײ געזאָגט:

— מיר גײען צו אײַער רײַכן לאַנד בעטן, אפֿשר קענט איר אונדז העלפֿן?

רופֿט זיך אָן צו זײ דער טויבער בעטלער: „איר באַדאַרפֿט דאָך צו מיר". און צו די עשירים פֿונעם רײַכן לאַנד האָט ער געזאָגט: „איר וועט ניט קענען אַרײַן אַהין, דעריבער בלײַבט איר דאָ און איך וועל גײן מיט די שליחים צו העלפֿן זײ".

איז דער בעטלער געגאַנגען מיט דער משלחת אין זײַער לאַנד אַרײַן, איז דאָרט געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט — אין דער גאַנצער לענג און ברײט פֿון לאַנד — און האָט אויסגעפֿונען, אַז די מענטשן זײַנען דאָרט פֿאַרדאָרבן געוואָרן דערפֿאַר, וואָס די דרײַ כּיתות קנעכט האָבן דאָרט פֿאַרשפּרײט ניבול פּה, שוחד, און ניאוף. ווײַל דורך ניבול פּה איז בײַ זײ קאַליע געוואָרן דער טעם; דורך שוחד איז בײַ זײ קאַליע געוואָרן די מראה און האָט זײ פֿאַרטונקלט די אויגן — „כּי השוחד יעוור עיני חכמים", שוחד מאַכט בלינד די אויגן פֿון חכמים; און דורך ניאוף איז בײַ זײ קאַליע געוואָרן דער ריח. האָט דער בעטלער געעצהט די מענטשן, אַז אויב זײ ווילן פֿאַרריכטן זײַער מדינה, דאַרפֿן זײ אַרויסטרײַבן די קנעכט וואָס דער מלך דער אכזר האָט דאָרט איבערגעלאָזן. און אַז די מדינה וועט ווערן רײן, וועט אפֿשר אויך דער גערטנער זיך אָפּזוכן.

האָבן די מענטשן אַזוי געטאָן. און דער בעטלער האָט זײ געלערנט ווי צו לעבן א גוט לעבן.

אַז די מדינה איז אָפּגערײניקט געוואָרן, האָט זיך דערהערט א רעש אין די גאַסן, — דאָרט האָט זיך באַוויזן א מענטש וואָס זאָגט אַז ער איז דער גערטנער, אָבער מ׳גלויבט אים ניט: איטלעכער האַלט אים פֿאַר משוגע, מ׳וואַרפֿט אים נאָך שטײנער און מ׳טרײַבט אים פֿון דאָרט.

האָט דער בעטלער געזאָגט צו די מענטשן: „אפֿשר איז ער טאַקע דער אמתער גערטנער? ברענגט אים צו מיר".

איז מען געגאַנגען און מ׳האָט דעם מענטשן געבראַכט. ווי נאָר דער בעטלער האָט אים דערזען, האָט ער אויסגערופֿן:

„אוודאי איז דאָס דער אמתער גערטנער!"

✶

דער טויבער בעטלער האָט אָנגעהויבן זײַן סיפּור מיט די ווערטער:

„... איר מײנט איך בין טויב? איך בין גאָר ניט טויב. נאָר די גאַנצע

וועלט טרעפט ביי מיר גאַרניט אָן, אַז איך זאָל הערן זייער חיסרון; וואָרן אַלע קולות פון דער וועלט זיינען נאָר פון חסרונות, וואָס איטלעכער שרייט אויף זיין חיסרון; און אפילו אַלע שמחות פון דער וועלט זיינען מחמת חסרונות, וואָס איטלעכער פרייט זיך מיט דעם וואָס זיין חיסרון איז פאַרפילט געוואָרן.

ס'איז קלאָר דעריבער, אַז דער בעטלער לעבט אַ גוט לעבן, און נאָך מער ווי דאָס, — ער איז אפילו רייך, ווייל ער איז צופרידן מיט זיין חלק.

אָן ענלעכע צופרידנקייט האָבן געגאַסן די מענטשן פון יענער מדינה, ווען זיי האָבן געלעבט פון דעם גאָרטן וואו ס'האָבן געוואַקסן די פיל-טעמיקע פירות, מיט גוטע ריחות, מיט שיינע מראות פון פאַרבן און בלומען — ממש אַ גן-עדן.

אין דעם גן-עדן וואָס גאָט אליין האָט געפלאַנצט, איז — „כל עץ נחמד למראה וטוב למאכל", יעדער בוים איז שיין אין אויסזען און גוט אין טעם. און די אגדה גיט צו:

„און ס'איז פאַראַן אין גן-עדן אַכציק מאָל צען-טויזנט מינים ביימער אין אַלע זייבע ווינקעלעך, דער קלענסטער פון זיי איז דער בעסטער פון אַלע ביימער אין דער וועלט... און דער עץ החיים שטייט אינמיטן, און זיינע צווייגן זיינען אויסגעשפרייט און דעקן צו דעם גאַנצן גן-עדן, און ער האָט אין זיך פינף הונדערט טויזנט טעמים, און איין טעם איז ניט ענלעך צום צווייטן, און איין ריח איז ניט ענלעך צום אַנדערן" [5].

ווען דער גערטנער פון יענער מדינה איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָט דער גאָרטן, מיט דעם וואָס איז איבערגעבליבן אין אים, נאָך אַלץ געשפייזט די מענטשן פון דער מדינה. אָט דער אידעאַלער מצב ווערט פאַרענדערט מיט דעם אריינדרינגען און באַזיגט ווערן דורך דעם פרעמדן מלך, וועלכער לאָזט דאָרט איבער דריי אַרמייען צו צעשטערן און פאַרדאַרבן.

ר' נחמן האָט געלעבט אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, וואָס זיינען געקומען אין אירע פוס-טריט. זיין וואַכזאַמקייט צו די געשעענישן פון זיין צייט קוקט אַרויס פון אָט דעם סיפור מיט דעם טויבן בעטלער, וואו ער מאָלט אַ ביז גאָר רעאַליסטיש בילד אריינגעפּאַסט אין דער ראַם פון אַ לעגענדע:

מלחמה. אַ לאַנד ווערט איינגענומען דורך אַ פרעמדן כוח; כּאָאָס נאָך דער מפּלה אין עקאָנאָמישן און, איבערהויבט, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער בעטלער רעכנט אויס בלויז דריי „עבירות" — ניבול פה, שוחד, ניאוף — אָבער די דריי זיינען גענוג צו געבן אַ קלאָר בילד פון חורבן און פאַרדאָרבנקייט וואָס הערשט, בדרך כלל, אין צייט פון, און באַלד נאָך אַ מלחמה אָדער אַ רעוואָלוציע.

און ביז גאָר נאַטירלעך איז די שטעלע אינעם סיפור וואָס ווייזט אונדז, אַז אַזאַ צייט הייבט אַרויס פון פאָלק פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, מנהיגים,

וועלכע זוכן צו „פאררריכטן” אַט דעם מצב און צו פאַרגרינגערן דיליידן פון די אונטערדריקטע. דעריבער איז דאָס שיקן שליחים צום רייכן לאַנד בעטן הילף, כדי צו פאַררריכטן די עקאָנאָמישע לאַגע פון זייער מדינה, — א רעאַליסטישע.

נאָענט צו זייער מדינה באַגעגענען די שליחים די גרופּע מענטשן פונעם רייכן לאַנד, און פון דאַן-אָן און ווייטער, קערט זיך אום דער סיפּור פונעם בעטלער צו דער וועלט פון דער לעגענדע: בשעת דער באַגעגעניש צווישן די צוויי גרופּעס מישט זיך אַריין דער בעטלער און זאָגט, אז בלויז ער איז מסוגל צו העלפן. און ער טוט עס טאַקע: ער עצהט די מענטשן פון יענער מדינה און ווייזט זיי ווי אַזוי צו לעבן א „גוט לעבן”. און ווען אַלץ אין לאַנד ווערט פאַרריכט, זוכט זיך אָפּ אויך דער גערטנער...

צי האָט דער גערטנער פאַרריכט דעם גאָרטן? צי האָט דער גאָרטן ווידער געשפּייזט די מענטשן פון יענער מדינה, ווי פריער? אויף דעם גיט דער סיפּור קיין ענטפער ניט, ווייל ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט.

די פּרטים וואָס זיינען באַוואוסט וועגן דעם גערטנער, זיינען ווייניק: ער איז דער אויפפּאַסער אויפן גאָרטן, מיטאַמאָל ווערט ער פאַרשוואונדן און מ'ווייסט ניט ווי אַזוי, און מ'ווייסט ניט די סיבה פון זיין ניט ווערן; און ווען ער קומט צוריק און באַווייזט זיך, באַטראַכטן אים די מענטשן פאַר משוגע.

עס קען זיין, אז מ'דאַרף אין דעם גערטנער זען דעם „מלך לשדה נעבד”, א מלך פאַרקנעכט צו זיין פעלד... אַט דער געדאַנק ווערט געבראַכט אין קהלת, ה' ח'. אויך שלמה המלך איז פּלוצים ניט געוואָרן, ווייל ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן פונעם אשמדאי, און אויך ער איז באַטראַכט געוואָרן ווי א משוגענער אין די אויגן פון זיין אייגן פאָלק, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ירושלים 5-א).

דער סיפּור פון דעם בעטלער דעם שטאַמלער

„...און עס איז פאַראַן א באַרג,
און אויף דעם באַרג שטייט א שטיין,
און פון דעם שטיין גייט א קוואַל...
און איטלעכע זאַך האָט א האַרץ.
און די וועלט אינגאַנצן האָט אויך א האַרץ.
און דאָס האַרץ פון דער וועלט איז א גאַנץ געשטאַלט —
מיט א פּנים, מיט הענט, און מיט פיס.
און נאָר דער נאָגל אליין
פון דעם פוס פון דעם האַרץ פון דער וועלט,
איז האַרציקער איידער אַן אַנדערנס האַרץ...

און דער בארג מיט דעם קוואַל
שטייט אין איין עק פון דער וועלט,
און דאָס האַרץ פון דער וועלט
שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט.
שטייט דאָס האַרץ אַנטקעגן דעם קוואַל
און גלוסט, און בענקט תמיד, זייער,
ווייל סע וויל קומען צו דעם קוואַל.
און דאָס בענקען און גלוסטן פון דעם האַרץ צו דעם קוואַל
איז גאָר ווילד,
און עס שרייט תמיד, אַז עס וויל קומען צו דעם קוואַל...
און דער קוואַל גלוסט צו דעם האַרץ אויך...

און דאָס האַרץ האָט צוויי שוואַכקייטן: איינס, וואָרן די זון יאָגט עס זייער, און ברענט עס; און דאָס צווייטע — ווייל עס בענקט און גלוסט און וויל קומען צום קוואַל.

און ווען דאָס האַרץ באַדאַרף זיך אַביסל אָפּרוען, קומט אַ גרויסער פויגל און פאַרשפּרייט די פליגל איבער אים און פאַרשטעלט אים פון דער זון, דעמאָלט רוט זיך אָפּ דאָס האַרץ אַביסל. און אפילו דעמאָלט קוקט עס אויך אַנטקעגן דעם קוואַל און בענקט צו אים.

ווען דאָס האַרץ שטייט אַנטקעגן באַרג, זעט עס דעם שפּיץ-באַרג, דעם שטיין און דעם קוואַל; אָבער, ווי באַלד עס וויל צוגיין נאָענט צום באַרג, זעט זיך ניט מער דער שטיין און דער קוואַל, קען דאָס האַרץ ניט קוקן צום קוואַל, און ווען דאָס האַרץ זאָל ניט קוקן אויף דעם קוואַל, קען עס, חס ושלום, אויסגיין; און אַז דאָס האַרץ זאָל, חס וחלילה, אויסגיין, וואָלט גאָר די וועלט חרוב געוואָרן, וואָרן דאָס האַרץ איז דאָס חיות פון איטלעכער זאַך. און ווי קען די וועלט אַ קיום האָבן אָן אַ האַרץ?... דעריבער קען ניט דאָס האַרץ זיך דערנעענטערן צום קוואַל, — עס קען נאָר שטיין אַנטקעגן דעם קוואַל און בענקען און שרייען צו אים...

און דער קוואַל האָט קיין שום צייט ניט אין דער וועלט, וואָרן ער שטייט אויסער דער צייט פון דער וועלט... זיין צייט נעמט זיך פון דעם וואָס דאָס האַרץ שענקט אים אַ טאָג במתנה.

און ווען דער טאָג הייבט אָן אויסגיין, אַזוי הייבן זיי אָן זיך געזעגענען איינער מיט דעם אַנדערן — דאָס האַרץ מיטן קוואַל — און זיי הייבן אָן צו פרעגן רעטענישן איינער דעם אַנדערן, און זיי הייבן אָן צו זינגען שירים מיט גרויס ליבשאַפט און מיט גרויס בענקשאַפט איינער צו דעם אַנדערן.

און דער איש חסד של אמת האָט די השגחה דערויף. וואָרן ווען ס'קומט דער טאָג צום סוף און האַלט זיך ביים אויסלאָזן, קומט אָן דער איש חסד של אמת און שענקט דעם האַרץ אַ טאָג. נעמט דאָס האַרץ דעם טאָג און שענקט עס

צום קוואל, — האָט שוין ווידער דער קוואל א טאָג צייט. און אויך דער טאָג גייט אוועק מיט רעטענישן און מיט שירים וואָס אין זיי איז דאָ אלע חכמות. און ניט אלע טעג זיינען גלייך, וואָרן עס איז דאָ זונטיק, מאָנטיק, א.א.וו. און אויך ראש חודש און ימים טובים, און ווערליק דעם טאָג, מיט אזוינע שירים קומט ער אָן...

און גאָר די צייט וואָס דער איש חסד של אמת האָט, — איז אלץ דורך מיר, דעם שטאמלער. וואָרן איך גיי זיך און נעם צונויף אלע חסדים של אמת, וואָס פון זיי ווערט געשאפן גאָר די צייט אויף דער וועלט, און גיב עס אוועק דעם איש חסד של אמת".

✶

מיטן פארענדיקן דאָס פאָעטיש מעשהלע, בעסער געזאָגט: די פאָעמע וועגן „דאָס הארץ פון דער וועלט און דער קוואל", וועגן דעם איש חסד של אמת און וועגן דעם בעטלער, וועלכער האלט אויף די וועלט דורך אויפזאמלען אלע מעשי חסד, לויכט אויף אין אונדזער געדאנק דער זאָג: „עולם חסד ייבנה" [6]

דער בעטלער זאָגט: „איך גיי זיך און נעם צונויף אלע אמתע חסדים" — די פונקען און פלעמלעך וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, — ווייל „כל מצווה נעשה ממנה נר". און, ווי דער בעקער באקט אויס א ברויט פון צענדליקער טויזנטער קערנדלעך ווייץ, אזוי נעמט צונויף דער איש חסד של אמת אלע ליכטיקע פונקען און פלעמלעך וואָס דער בעטלער ברענגט אים, און שאפט פון דעם דאָס ליכט פון טאָג. און מיט דעם זאָגט אונדז ר' נחמן, אז די עיקר עלעמענטן דורך וועלכע „צייט" ווערט באשאפן זיינען — „חסדים של אמת".

עס זעט אויס, אז דאָס פאָעטיש בילד מיט וועלכן ר' נחמן הייבט אָן זיין סיפּור, — „און עס איז פאראן א בארג, און אויף דעם בארג שטייט א שטיין, און פון דעם שטיין גייט א קוואל", — האָט זיינע וואָרצלען אין די ווייטער געבראכטע שטעלן פון תנ"ך און פון דער אגדה:

דער נביא יחזקאל זאָגט — פרק כ"ח, י"ג, י"ד: „בעדן, גן אלהים היית..." „ונתתיך בהר קודש" — אין גן-עדן, גאָטס גאָרטן, ביסטו געווען... און איך האָב דיך באזעצט אויפן הייליקן בארג. און דער נביא ישעיה — גלייך ווי ער וואָלט צוגעגעבן — פרק ב', פסוק ב': „והיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ד'." — און סע וועט געשען צום סוף פון די טעג, און דער בארג פון גאָטס הויז וועט ווערן אויפגעריכט. אויך די אגדה דערציילט: ווען דוד המלך האָט געגראָבן דעם יסוד פארן בית המקדש, האָט ער געפונען א שטיין אויפן אָפּגרונט, און אויף דעם שטיין איז געווען אויסגעקריצט דער „שם המפורש". האָט דוד גענומען דעם שטיין און עס ארויפגעלייגט אויף דעם גרונטשטיין וואו ס'וועט געבויט ווערן דער קודש הקדשים, ווייל — „גאָט האָט דעם שטיין דאָרט ארייַנגעזעצט אז די וועלט זאָל דורך דעם געבענטשט ווערן, ווי די וועלט

בענטשט זיך מיט אים, מיט השי״ת״.[7] און יואל, פרק ד׳, 18, זאָגט: „און ס׳וועט זיין אין יענעם טאָג, וועלן די בערג מיט זאַפטן טריפן... און פון גאָטס הויז וועט ארויס א קוואל״.

אין דעם אויבנגעבראכטן האָבן מיר א פול בילד פאר זיך: דער הר הקודש, אויף אים דער יסוד-שטיין פון וועלכן ס׳שטראָמען ארויס די מים החיים — דער סימבאָל פון אָנהייב און סוף פון דער וועלט. און דעריבער זאָגט ר׳ נחמן: „און דער קוואל האָט קיין שום צייט אין דער וועלט, וואָרן ער איז העכער פון דער צייט פון דער וועלט״.

ס׳איז דאָ א יסוד אָנצונעמען אז דער באַרג געפינט זיך אין צפון. דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם קאפיטל מ״ח, ב׳ און ג׳ פון תהלים, וואו ס׳ווערט גערעדט וועגן „הר הקודש בירכתי צפון״, און איבערהויפט אין דער באַשרייבונג פונעם ריזן-פויגל, וואָס שפּרייט אויס זיינע פליגל צו באַשיצן דאָס „הארץ״ פון דער זון. עס קען זיין אז די כוונה צו דעם פויגל, וואָס ווערט אָנגערופן אין דער אגדה „זיז שדי״, וועלכער שטייט ביז זיין ענקל טיף אין וואסער בעת זיין קאָפּ איז אין די הימלען. ווען דער זיז שדי שפּרייט אויס זיינע ריזן-פליגלען צו פארטונקלען די זון, באַשיצט ער די גאנצע וועלט געגן די ווינט-שטורעמס וועלכע קומען פון דרום, וואָרן, וואָלט ער ניט אויסגעשפּרייט זיינע פליגלען, וואָלט די וועלט ניט געקענט ביישטיין געגן די שטאַרקע ווינטן וואָס בלאָזן פון דאָרט[9].

דער בעטלער-דער שטאמלער מאָלט דאָס הארץ פון דער וועלט ווי עס שמאכט און דורשט צום קוואל וועלכער געפינט זיך אין צווייטן עק וועלט. דאָ איז בולט דער פארגלייך צווישן דעם געזאַנג פון ר׳ נחמן מיט דעם געזאַנג פונעם דיכטער פון תהלים — ס״ג און מ״ב:

„אלהים, אלי אתה, אשחריך, צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי״. — גאָט, מיין גאָט ביסטו, איך גאר צו דיר, מיין נפש דורשט צו דיר, מיין נשמה בענקט צו דיר.

און „כאיל תערוג על אפיקי מים, כן נפשי תערוג אליך, אלהים; צמאה נפשי לאלהים, לאל חי״. — ווי א הינד שמאכט ביי די טרוקענע בעטן פון וואסער, אזוי טוט שמאכטן מיין נפש צו דיר, גאָט; מיין נשמה דורשט צו גאָט, צו דעם לעבעדיקן גאָט.

אין די בענקענישן פונעם הארץ און אין זיינע גלוסטונגען ליגט דער רעיון וואָס ר׳ נתן האָט אזוי טרעפלעך אויסגעדריקט (לויט דער דראַמאַטיזירונג פון יונה ספּיוואַק —[10]): „דער עיקר חיות און קיום פון דער וועלט קומט נאָר פון דער אייביקער בענקשאפט...״

דער שטומער דיאלאָג פון בענקשאפט צווישן דעם הארץ און דעם קוואל, דארף געזען ווערן ווי א פלאסטיש בילד „וואָס האָט קיין פארגלייך צו זיך״, ווי מארטין בובער האָט עס באַצייכנט —[11]; „דאָס איז די געגנזייטיקע באַציאונג

צווישן מענטש און גאָט, די איבערלעבונגען צווישן דעם „איך" און דעם „דו" וועלכע ענדיקן זיך ביט אויף דער שוועל פון דעם אין-סוף".

ווען ביט די מתנה פון דעם „איש חסד של אמת", וואָלט דער קוואל ניט געהאט קיין „צייט" און וואָלט אויסגעגאנגען, און מיט אים — אויך דאָס הארץ פון דער וועלט. אָט די געשטאלט פון איש חסד של אמת, כאָטש זי דערשיינט צום סוף פונעם סיפור ווי „פון היבטער א פאָרהאנג", איז דאָך זייער א וויכטיקער פאקטאָר אין דעם קיום פון דער וועלט.

אין שאפן די געשטאלט וועלכע שפייזט דאָס הארץ פון דער וועלט מיט „טעג", ווייזט אויס, אז פאר ר' נחמנס גייסטיק אויג איז דעמאָלט געשטאנען דאָס אויסגעטרוימט בילד פון יוספן, יעקבס זון, אין זיין גאנצן גלאַנץ אלס הערשער פון מצרים, ווען ער עפנט די שפייכלערס פון די אָנגעזאמלטע תבואה-אוצרות און — „וישבור למצריים..." „וכל הארץ באו מצרימה לשבור אל יוסף" — בראשית, מ"א), און אויב מיר זאָלן נאָך צוגעבן דאָס, וואס ער האָט באצאָלט זיינע ברידער מיט גוטס פאר דעם שלעכטס וואָס זיי האָבן אים געטאָן, און איז אָנגערופן געוואָרן „צדיק", זעען מיר פאר זיך א געשטאלט פון א הערשער-א צדיק, וועלכער פארזאָרגט די גאנצע וועלט מיט שפייז.

ווען אפילו דער בעטלער-דער שטאמלער, דער „צונויפקלייבער פון אלע חסדים של אמת", וואָלט ניט פארמאָגט אין זיך דעם כוח פון דעם „איש חסד האמת" צו געבן זיין מתנה דעם הארץ פון דער וועלט, וואָלט ער — גיכער ווי די איבעריקע בעטלערס — געקענט פארגליכן ווערן צו משה רבינו. אויך משה איז געווען א שטאמלער (כבד לשון), און דאָך איז ער געווען א גוטער פארטיי-דיקער און ביז גאָר א וואונדערבארער רעדנער. ער, ווי משה — „זכה וזיכה את הרבים, זכות הרבים תלויה בו".[12]) — ער האָט אליין געטאָן גוטס און האָט געבראכט פילע צו טאָן גוטס, דערפאר ווערט דער פארדינסט פון די פילע אָנגעהאנגען אָן אים.

דער סיפור פון דעם בעטלער מיט דעם קרומען האלדז

דער בעטלער מיט דעם קרומען האלדז איז אָנגעקומען אין א מדינה, דאָרט האָט ער באגעגנט א גרופע מענטשן וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך באַרימט מיט די פארשיידענע מעגלעכקייטן וואָס ליגט אין זיין קול און מיט די פארשיידענע פעאיקייטן זיינע צו שפילן אויף אזא, אָדער אויף אן אנדער מוזיק-אינסטרומענט. דערציילט דער בעטלער:

„און איך בין דאָרט אויך געווען, האָב איך מיך אָנגערופן:

מיין קול איז בעסער פון אייערע קולות. והאָ ראיה, אז איר זייט יאָ אזעלכע קענער אין קול-נגינה, העלפט זשע יענע צוויי מדינות.

עס זיינען פאַראַן צוויי מדינות וואָס זיינען ווייט איינע פון דער אַנדערער טויזנט מייל, און ווען עס קומט אָן די נאַכט קען מען דאָרט ניט שלאָפן, ווייל ווי נאָר ס'ווערט נאַכט, אַזוי הייבן אָן אַלע צו קלאָגן מיט אַזאַ יללה, אַז אַ שטיין קען צעגיין. וואָרן יעדע נאַכט דערטראָגט זיך צו יענע צוויי מדינות אַזאַ גרויסע יללה, אַז אַלע — פון קליין ביז גרויס — מוזן אָנהייבן צו קלאָגן. בכן, אַז איר זייט יאָ אַזעלכע גרויסע חכמים אין דער תורה פון מוזיק, — איר קענט זינגען און איר קענט שפּילן, — טאָ העלפט יענע צוויי מדינות! אָדער, מאַכט כאָטש נאָך דאָס קול-יללה וואָס מען הערט דאָרט!"

האָבן זיי צו אים געזאָגט: — קענסטו אונדז פירן אַהין?

האָט ער געענטפערט: „יאָ, איך קען אייך פירן אַהין".

האָבן זיי אַלע זיך אויפגעהויבן צו גיין אַהין. זיינען זיי געגאַנגען ביז זיי זיינען אָנגעקומען נאָענט צו די צוויי מדינות. און ווי נאָר ס'איז געוואָרן נאַכט, אַזוי האָט זיך דערהערט דאָס קול-יללה און אַלע האָבן אָנגעהויבן צו קלאָגן, — אַפילו די חכמים אין קול-נגינה וואָס זיינען ערשט אַהין געקומען, האָבן אויך אָנגעהויבן צו קלאָגן.

האָט דער בעטלער מיט דעם קרומען האַלדז צו זיי געזאָגט:

„על כל פנים, זאָגט מיר כאָטש פון וואַנען ס'קומט דאָס קול-יללה?"

האָבן זיי צו אים געזאָגט: — און דו ווייסט?

האָט ער געענטפערט: „איך ווייס יאָ".

„עס זיינען פאַראַן צוויי פייגל, איינער אַן ער און איינע אַ זי. און די פייגל זיינען נאָר איין פּאָר אין דער וועלט. איז די זי פאַרפאַלן געוואָרן, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט זי זוכן, און זי האָט געזוכט אים. האָבן זיי אַזוי לאַנג געזוכט איינע די אַנדערע ביז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט און האָבן איינגעזען אַז זיי קענען זיך שוין ניט געפינען. איז יעדער פון זיי געבליבן דאָרט וואו ער האָט פאַרבלאָנדזשעט און האָט זיך דאָרט געמאַכט אַ נעסט: דער ער האָט זיך געמאַכט אַ נעסט נעבן איין מדינה — ניט גאָר נאָענט צו דער מדינה, נאָר וועדליק דאָס קול פון דעם פויגל איז עס נאָענט; און די זי האָט זיך געמאַכט אַ נעסט נעבן דער אַנדער מדינה — אויך ניט גאָר נאָענט. און ווי נאָר ס'קומט אָן די נאַכט, אַזוי הייבן אָן ביידע פייגל צו קלאָגן מיט אַ גרויס יללה, — וואָרן ער קלאָגט אויף איר, און זי קלאָגט אויף אים... און דאָס איז דאָס קול-יללה וואָס מען הערט אין די צוויי מדינות, וואָס איבער דעם מוזן דאָרט אַלע אָנהייבן צו קלאָגן און קענען ניט שלאָפן".

אַזוי האָט דער בעטלער מיטן קרומען האַלדז דערציילט. אָבער זיי האָבן דאָס אים ניט געוואָלט גלייבן און האָבן צו אים געזאָגט:

— ווּעסטו אונדז פירן אַהין?

האָט ער געזאָגט:

„יאָ, אָבער ווי קענט איר קומען אהין, אז אפילו דאָ קענט איר ניט ביישטיין דאָס קול-יללה און איר מוזט אלע קלאָגן, איז ווי נאָך ווען איר וועט קומען אהין? דאָרט וועט איר דאָך אוודאי און אוודאי ניט קענען ביישטיין די יללה! און בייטאָג קען מען דאָרט ניט אויסהאַלטן פון דער שמחה. ווארן בייטאָג קומען זיך צונויף פייגל צו אים, און צו איר, און מאַכן זיי פריילעך מיט גרויסע שמחות, און טרייסטן זיי, — איר וועט זיך נאָך אָפּזוכן איינע די אנדערע... ביז שפּעט בייטאָג איז דער טומל פון דער שמחה דאָרט ניט אויסצוהאַלטן! און זייער פרייד הערט זיך ניט אין דער ווייט, אָבער די יללה פון דעם פּאָר-פייגל טראָגט זיך אין די ווייטקייטן... און דערפאַר קענט איר ניט קומען אהין".

האָבן זיי צו אים געזאָגט: — קענסטו דאָס פאַרריכטן?

האָט ער געענטפערט:

„יאָ, איך קען דאָס פאַרריכטן, ווארן איך קען נאָכמאַכן אלע קולות פון דער וועלט. און איך קען אויך ווארפן מיין קול אזוי, אז דאָ, וואו איך שטיי, זאָל מען דאָס קול ניט הערן, נאָר דאָרט, אין דער ווייט, זאָל מען דאָס קול יאָ הערן. דעריבער קען איך נאָכמאַכן און ווארפן דאָס קול פון **איר צו אים**, און פון **אים צו איר**, און דורך דעם קען איך זיי צונויפברענגען".

נאָר ווער וועט דאָס אים גלויבן?...

האָט ער גענומען און האָט זיי געפירט אין א וואַלד אריין. האָבן זיי דאָרט געהערט ווי עמיצער עפנט א טיר און פאַרמאַכט זי צוריק מיט א קלאַפּ פון דער קליאַמקע; עמיצער שיסט מיט א ביקס און שיקט דעם הונט אז ער זאָל דאָס כאַפּן, און דער הונט גראַבלט זיך און שאַרט זיך אין שניי. און דאָס אלץ האָבן די חכמים וואָס ער האָט געפירט דורכן וואַלד געהערט, זיי האָבן זיך ארומגעקוקט און האָבן ניט געזען קיין שום זאַך, און פונעם בעטלער האָבן זיי ניט געהערט קיין שום קול. דאָס האָט ער, דער קרומער האַלדז, געוואָרפן אזוינע קולות.

— — — — — — — — — —

„סייג לחכמה — שתיקה", (אבות ג', י"ג), די צוים פון חכמה איז דאָס שווייגן. און אזוי איז נתגלה געוואָרן דער סוד פונעם בעטלער מיטן קרומען האַלדז, אז אין אים ליגט פאַרבאָרגן דער כוח נאָכצומאַכן יעדן מין קול וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, און אויך — צו „וואַרפן" זיין קול אין ווייטקייטן. און נאָך מער ווי דאָס: ער האָט מיט דעם באַוויזן אז „לא ברוח יהוה... לא ברעש... לא באש..." אלא, — „אחר האש, בקול דממה דקה", — ניט אין ווינט איז גאָט... ניט אין רעש... ניט אין פייער, אלא, נאָך דעם פייער, אינעם קול פון דינסטן שאָרך ליגט באַהאַלטן די טיפע שטילקייט פון גאָט.

דעריבער גלויבט דער בעטלער אז ער קען פאַרריכטן דעם מצב פון די צוויי מדינות, וואָס זיינען טויזנט מייל ווייט איינע פון דער אנדערער.

דאָס קלאָגן זייערס גייט אויף אין דער נאכט, ווייל „בכו תבכה בלילה".

פאַרוואָס עפּעס צווײ מאָל װײנען? ... אײנמאָל אויפן ערשטן חורבן, און אײנמאָל אויפן צווייטן חורבן בית המקדש. און פאַרוואָס „בלילה״? — װעגן „נאַכט״ װערט געזאָגט: „ותשא כל העדה ויתנו את קולם ויבכו בלילה ההוא״... האָט די גאַנצע עדה אויפגעהויבן איר קול און האָט געװײנט אין יענער נאַכט. אויף אַן אַנדער אָרט װערט געזאָגט: „שכל הבוכה בלילה, שומע קולו בוכה כנגדו״, יעדערער װאָס װײנט אין דער נאַכט הערט װי זײן קול װײנט אַנטקעגן אים. (סנהדרין, ק״ד).

בעמען מיר אָן, דעריבער, אַז דאָס געװײן מיט װעלכן די צווײ פײגלען שטעקן אָן די צווײ מדינות, איז דאָס קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש. װײל װען די צווײ פײגלען קלאָגן, דערהערן די צווײ מדינות און װײנען־מיט מיט זײ. און מ׳דאַרף צוגעבן, אַז חורבן בית המקדש, װי ר׳ נחמן באַצײכנט עס, איז דער סימבאָל פון „חורבן הדעת והמוחין״. מיט אַנדערע װערטער: דאָס פאַרלירן די מאָראַלע װערטן און די אמונה.

ס׳װערט געזאָגט: „גדולה תשובה שמביאה רפאות לעולם״, (יומא, פ״ו) — גרויס איז די תשובה װאָס ברענגט אַ רפואה דער װעלט. דער צער פון די צווײ מדינות שטאַמט פון דעם באַװאוסטזײן אַז עס פעלט זײ שלימות, און דעריבער איז דאָס קלאָגן זײערס דער אויסדרוק צו װעלן מתקן זײן, צו װעלן תשובה־טאָן. און די פאַסיקע צײט צו בעטן רחמים — איז די נאַכט. װײל „װען עס הײבט אָן שאַריען אויף טאָג, פאַרגײט די לבנה, ס׳פאַרגײען די שטערן און די מזלות פאַרשװינדן, — ס׳איז גאָר ניטאָ קײן גרעסערע פינצטערניש װי אין יענער שעה! און אין יענער שעה ענטפערט הקב״ה צו דער װעלט און צו אַלעם װאָס פילן איר אָן״, (יומא כ״ט). און ס׳װערט געזאָגט, אַז אין האַלבער נאַכט עפענען זיך די טויערן פון די הימלען און גאָטס בארעמהערציקײט איז דעמאָלט װאָך און גרײט אויפצונעמען די געבעטן פון די אײנוואוינער פון דער װעלט.

דער מצב פון בײדע פײגל איז דערזעלבער: דער נעסט פון אײנעם איז נאָענט צו אײן מדינה, און דער נעסט פונעם צווײטן איז נאָענט צו דער צווײטער מדינה, און בײדע װײנען פון צער װאָס זײ האָבן זיך פאַרלאָרן אײנע די אַנדערע. צו דעם פּאָר פײגלען איז גאָר ניטאָ קײן גלײכן, — זײ זײנען די אײנציקע פּאָר אין דער װעלט! און אַז די פײגל װײנען בײנאַכט, איז אַ סימן אַז אויך זײ האָבן אַ שײכות צום בית המקדש און זײ קלאָגן אויף זײן חורבן. און אפשר װײנען זײ גאָר אויף דעם װאָס זײער נעסט, אין װעלכן זײ האָבן צוזאַמען געװאױנט, איז פאַר זײ פאַרלאָרן געװאָרן... עס קען זײן אַז זײ זײנען מיט גוואַלד פון דאָרט פאַרטריבן געװאָרן און יעדער אײנער פון זײ איז געלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג... אַזוי, צי אַזוי — די זי איז פאַרלאָרן געװאָרן און דער ער זוכט זי, און זי זוכט אים אויך.

װען שלמה המלך האָט געבויט דעם בית המקדש, האָט ער „אַרײנגעשטעלט די כרובים אין דעם אינעװײניקסטן הויז, און מען האָט אויסגעשפּרײט די פליגלען

פון די כרובים אזוי, אז דער פליגל פון איינעם האָט אָנגערירט איין וואַנט, און דער פליגל פונעם צווייטן כרוב האָט אָנגערירט די צווייטע וואַנט, און אין מיטן הויז האָבן ביידנס פליגלען אָנגערירט אײנע די אַנדערע א פליגל צו א פליגל (מלכים א׳, ו׳, 27).

לויט אַט דער באַשרייבונג, האָבן די כרובים געהאַט פליגלען. דאָס זעען מיר אויך אינעם פסוק „וירכב על כרוב ויעף״ (תהלים י״ח, 11). איז ווי אזוי זאָל ר׳ נחמן ניט האָבן פאַרגליכן די כרובים צו פייגל, ווען ער האָט נאָך דערצו זיי געזען אין אַט דער געשטאַלט אויסגעהעפּט אויפן פרוכת אין בית הכנסת?

דעריבער מעגן מיר אָננעמען, אַז די צוויי פייגלען וואָס וויינען דורך דער נאַכט, זיינען ניט קיין אַנדערע ווי א פּאָר כרובים, וואָס אין בית המקדש זיינען זיי געווען געמאַכט פון האָלץ און באַפּוצט מיט גאָלד און, אין וועלכע ר׳ נחמן האָט אַרייַנגעבלאָזן א רוח חיים... די צוויי פייגלען קלאָגן אויפן חורבן הבית, און זייער געוויין איז משפּיע אויף די צוויי מדינות אַז אויך זיי זאָלן קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש און זאָלן אָנהייבן תשובה-טאָן.

בייטאָג הערשט א גרויסע שמחה אין די נעסטן פון די פייגל, אָבער דאָס ווערט ניט געהערט אין די צוויי מדינות. אַט די דערהויבנקייט פון גייסט קוועלט אַרויס פון דעם בטחון און דעם גלויבן אין גאָטס גענאָד, אַז ער וועט זיי איינזאַמלען ווען די צייט וועט קומען.

גייט דער בעטלער מיטן קרומען האַלדז און פירט די גרויסע חכמים אין וואַלד אַריין, ווייל „זיי קענען ניט פאַרטראָגן דאָס קלאָגן פון דער מדינה״: זיי האָבן פון דאָרט געהערט דאָס געוויין און האָבן מיטגעוויינט, ווייל זיי האָבן מיטגעפילט דעם צער, אָבער די אמתע כוונה פונעם געוויין האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען. דאָס ווערט קלאָר ווען זיי געפינען זיך אין וואַלד. דאָרט פּרובירט דער בעטלער משפּיע זיין אויף זיי דורך גלויבן, אָבער אומזיסט: זיי הערן דעם אפשהילך פון פוס-טריט פון דעם יעגער, זיי הערן דעם שאָס, און זיי הערן ווי דער הונט גראַבלט זיך אין שניי, אָבער דאָס קול פון „דינער שטילקייט״ איז בעלם געוואָרן פון זיי.

דער סיפּור פון דעם בעטלער דעם הויקער

אַמאָל איז געווען א כיתה חוקרים (א גרופּע פילאָזאָפן) וואָס האָט געקלערט: אַזוי ווי איטלעכע חיה האָט איר שאָטן, וואָס נאָר אין דעם שאָטן וויל זי רוען; און אַזוי ווי איטלעכעס עוף האָט זיך זיין צווייג, וואָס דווקא אויף דעם צווייג וויל עס רוען, דעריבער האָט די כיתה געקלערט, — צי עס געפינט זיך ניט אַזא בוים, וואָס אין זיין שאָטן זאָלן אַלע חיות קענען רוען און אויף זיינע צווייגן זאָלן אַלע פייגל קענען רוען. האָבן זיי געטראַכט און האָבן זיך דערטראַכט, אַז

עס געפינט זיך יאָ אַזאַ בוים. האָבן זיי געוואָלט גיין צו יענעם בוים, — וואָרן דער תענוג וואָס איז דאָרט ביי יענעם בוים האָט גאָר קיין שיעור ניט! ווייל דאָרט זיינען פאַראַן אַלע חיות פון דער וועלט און אַלע עופות פון דער וועלט און קיין שום חיה איז ניט מזיק דער צווייטער, — אַלע זיינען דאָרט אויסגעמישט... און אַלע שפּילן זיך דאָרט צוזאַמען...

האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו קלערן ווי אַזוי מ'קען קומען צו דעם בוים, איז געוואָרן צווישן זיי אַ מחלוקת: דער האָט געזאָגט אַז מען דאַרף גיין קיין מזרח, און דער האָט געזאָגט — קיין מערב דאַרף מען גיין; דער האָט געזאָגט: אַהער! און דער — אַהין! האָבן זיי ניט געקענט וויסן דעם ריכטיקן וועג...

איז געקומען אַ חכם און האָט צו זיי געזאָגט:

„איר קריגט זיך אומזיסט. בעסער וואָלט איר פריער געקלערט — ווער זיינען די מענטשן וואָס זאָלן קענען קומען צו דעם בוים... וואָרן צו דעם בוים קען ניט איטלעכער קומען; צו דעם בוים קען קומען נאָר דער וואָס האָט די מידות פון דעם בוים. וואָרן דער בוים האָט דריי וואָרצלען: איין שורש איז **אמונה**, דער צווייטער איז **יראה**, און דער דריטער שורש איז **ענוות**, און **אמת** איז דער גוף פון דעם בוים, און פון דעם גוף גייען אַרויס צווייגן. איבער דעם קען קיין אַנדערער ניט קומען צו דעם בוים, ווי נאָר דער וואָס האָט אין זיך די מידות פון דעם בוים — אמונה, יראה, און ענוות״.

אָבער ניט אַלע פון די חוקרים האָבן געהאַט די דריי מידות. איז אָבער צווישן זיי געווען גרויס אחדות און זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּטיילן איינע פון די אַנדערע, האָבן זיי געוואַרט ביז די אַנדערע פון דער כיתה האָבן זיך גענומען אין די הענט אַריין און האָבן דערגרייכט צו די מידות, כדי זיי זאָלן אַלע צוזאַמען קענען גיין צו דעם בוים. און ווי נאָר זיי זיינען אַלע געקומען צו די דריי מידות, אַזוי זיינען אַלע געקומען אויף איין דעה מיט וועלכן וועג מען זאָל גיין צו דעם בוים. האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

זיינען זיי געגאַנגען אַ צייט ביז זיי האָבן דערזען דעם בוים פון ווייטן. קוקן זיי זיך איין און דערזעען: דער בוים שטייט גאָר ניט אויף אַן אָרט! וואָרן דער בוים האָט גאָר קיין „אָרט״ ניט... און אַז דער בוים האָט גאָר קיין אָרט ניט, איז ווי אַזוי קען מען צו אים קומען?

„און איך, דער הויקער, בין דאָרט אויך געווען מיט זיי, האָב איך זיך אָנגערופן:

איך קען אייך יאָ ברענגען צו דעם בוים. דער בוים האָט קיין אָרט ניט אין דער וועלט, ווייל ער איז נאָך העכער פון דעם אָרט פון דער וועלט... און די זאַך פון „מועט מחזיק את המרובה״ איז, על כל פנים, דאָך עפּעס אַן אָרט. און איך, דער הויקער, האָב אַזאַ „מועט מחזיק את המרובה״ **וואָס איז דער סאַמע עק פון „אָרט״**, וואָס פון דאָרט און העכער איז שוין גאָר קיין אָרט ניט פאַראַן.

דעריבער קען איך אייך אלעמען טראָגן צו דעם בוים, וואָס שטייט העכער איבער דעם אָרט אויף דער וועלט".

— — — — — — — — — — —

מיר קענען זאָגן, אז דער „בוים" האָט ניט זיין אָרט אויף אונדזער וועלט, אלא, אין געדאַנק און אויף די פּלייצעס פונעם הויקער, וואָס איז דער „מועט המחזיק את המרובה" און דינט ווי א ווינקעלע פון דער וועלט, וואָס „פון דאָרט און העכער איז שוין גאָר קיין „אָרט" ניטאָ, — פאַראַן איז חלל". מיט אנדערע ווערטער: דער בעטלער איז דער „צדיק — יסוד עולם".

ניט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך ברייטער אויף דעם באַגריף פון ר' נחמן וועגן דעם צדיק אלס דער יסוד פון דער וועלט. אָנשטאָט דעם וועלן מיר דאָ ברענגען א פּאָר אויסצוגן פון הלל צייטלינס בוך „ר' נחמן מברצלב — חייו ותורתו" [13]:

„דער גרויסער צדיק, לויט ר' נחמנס באַגריף, דאַרף געשאַצט ווערן ניט פאַר דעם וואָס ער איז א גרויסער געלייטערטער גייסט אָן-און פאַר זיך, נאָר פאַר דעם וואָס ער איז אויך דער גואל האנושות — דער דערלייזער פון דער מענטשהייט; פאַר דעם וואָס ער ברענגט אריין אינהאַלט אינעם לעבן פון אלע מענטשן, — איבערהויפּט פון די וואָס זיינען איינגעטונקט אין זינד, אין טומאה, נידעריקייט און קליינלעכקייט... דער צדיק פירט ניט נאָר א ריינעם לעבן אין זיין גייסטיקער גאַנצקייט, נאָר ער איז אויך דער מנהיג הדור; ער ווייסט זיינע חסרונות און זיינע מעלות און ווייסט ווי אויפצופירן זיך, כדי צו זיין אביישפּיל פאַר זיין דור; ער טוט אלץ וואָס ער גלויבט אז ס'איז נייטיק צו טאָן און האָט תמיד פאַר זיין גייסטיק אויג דעם צער פון דער מענטשהייט".

אין זיין געמעל פון דעם בוים, וואָס שטייט העכער פון „אָרט" אויף דער וועלט, מיט וואָרצלען פון „אמונה", „יראה", „ענווה" און מיט דעם שטאַם פון „אמת", זעען מיר צוויי גרונט-באַזירטע ענלעכקייטן:

א) דער עץ החיים, ווי ער ווערט געשילדערט אין בראשית רבה, ט"ו: „דער עץ החיים שפּרייט אויס זיינע צווייגן איבער דעם גאַנצן לעבן... דער מהלך פונעם עץ החיים איז ת"ק יאָרן, און אלע וואַסערן פון ימי בראשית קוועלן ארויס פון אונטער אים און צעגיסן זיך אין באַזונדערע טייכן. און ניט נאָר זיינע צווייגן זיינען אויסגעשפּרייט אויף א מהלך פון ת"ק יאָרן, נאָר אפילו דער ארום פון זיין שטאַם איז אויך ת"ק יאָרן".

ב) לויט די רייד פון דעם נביא ישעיה, י"א, 6-9: „און ס'וועט זיין אין סוף פון די טעג, און א וואָלף וועט הויזן מיט א שעפּס, און א לעמפּערט מיט א ציגעלע וועט הויערן... זיי וועלן ניט בייז-טאָן און ניט פאַרדאַרבן אויף מיין גאַנצן הייליקן באַרג".

אמונה, יראה און ענווה זיינען די מידות וועלכע מען מוז פאַרמאָגן כדי

צו קענען קומען צום אמת, און נאר דורך די מידות איז מעגלעך צו דערגרייכן דעם „בוים" פון אזעלכע ווייט- ארומנעמעדיקע דימענסיעס. און די אויפגאבע פון דעם בעטלער דעם הויקער, דעם צדיק, איז — צו פירן און צו ברענגען די גרופע חוקרים צו דעם **אמת-בוים**, וואו אלע חיות און אלע פייגל רוען אין זיין שאטן און שפילן זיך דארטן און, וואס אין זיין שאטן „האט דער תענוג גאר קיין שיעור ניט"...

דער סיפור פון דעם בעטלער מיט די שוואכע הענט

איינמאל האט א מלך גרויס חשק געהאט צו א בת מלכה, האט ער געטאן אלץ אין דער וועלט ביז ער האט זי באקומען, און זי איז געווען ביי אים. איינמאל האט זיך דעם מלך געחלומט אז די בת מלכה איז אויף אים אויפגעשטאנען און האט אים געהרגעט, האט ער זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האט גערופן אלע זיינע פותרי חלומות, האבן זיי אים פותר געווען גאר פשוט, — אז דער חלום וועט מקויים ווערן.

האט זיך דער מלך קיין עצה ניט געקענט געבן, וואס ער זאל טאן מיט איר: זאל ער זי הרגענען, — טוט אים באנג; זאל ער זי אוועקשיקן פון זיך, — פארדריסט אים — טאמער וועט אן אנדערער זי נעמען; און ווידער, זאל ער זי האלטן ביי זיך, — האט ער מורא אז דער חלום וועט מקויים ווערן.

דערווייל האט זיין ליבע צו איר ביסלעכווייז זיך אנגעהויבן אפקילן, מחמת דעם חלום. און אויך איר ליבע צו אים האט זיך אנגעהויבן אפקילן אלץ מער און מער, ביז ס'האט זיך פארביטן אין א שנאה צו אים און זי איז אנטלאפן פון אים.

האט דער מלך ארויסגעשיקט מען זאל זי זוכן. איז מען געקומען און מ'האט אים געזאגט אז זי געפינט זיך נעבן דעם וואסער-שלאס.

ווארן עס איז פאראן א וואסער-שלאס וואס איז ארומגערינגלט מיט צען ווענט, וועלכע שטייען איינע אנטקעגן די אנדערע און — זיי זיינען אלע פון וואסער; און די ערד אויף וועלכער מען גייט צום שלאס, איז פון וואסער; און דער גארטן מיט די פירות איז אויך פון וואסער. און די שיינקייט פונעם שלאס, און די גרויס וואונדער פון דעם, איז ניט צו באמאלן, — עס איז א ווילדער חידוש!

אריינגיין אין דעם שלאס קען מען ניט, ווארן מ'וועט דערטרונקען ווערן. איז די בת מלכה ארומגעגאנגען ארום דעם שלאס. ווי זי גייט זיך אזוי, דערזעט זי, — דער מלך מיט זיין חייל קומט אן כדי זי צו כאפן. ווי די בת מלכה האט דאס דערזען, האט זי זיך מיישב געווען און האט באשלאסן אריינצולויפן אין דעם וואסער-שלאס, ווייל זי וויל בעסער דערטרונקען ווערן איידער נאכאמאל אריינפאלן צו דעם מלך אין די הענט.

ווען דער מלך האָט דערזען אַז זי לויפט אין וואַסער אַריין, האָט ער זיך געזאָגט : „זי פילט זיך שולדיק, דערפאַר אַנטלויפט זי״. און ער האָט באַפוילן אַז מען זאָל אויף איר שיסן. האָט מען אויף איר געשאָסן און מען האָט איר געטראָפן מיט צענערליי פיילן וואָס זיינען געווען באַשמירט מיט צענערליי סמען. אָבער זי איז דורכגעלאָפן דורך די צען וואַסער־טויערן וואָס געפינען זיך אין די צען וואַסער־ווענט, איז אַריינגעלאָפן אין דעם וואַסער־שלאָס, איז דאָרט אַנידערגעפאַלן און איז געבליבן ליגן אין חלשות.

„און איך (דער בעטלער מיט די שוואַכע הענט) היילן זי. וואָרן דער וואָס האָט ניט אין זיינע הענט די צענערליי צדקות, דער קען ניט אַדורכגיין די צען וואַסער־ווענט וואָס רינגלען אַרום דעם שלאָס, וואָרן ער וועט דערטרונקען ווערן אין די וואַסערן. דער מלך מיט זיין חייל, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט דער בת מלכה, זיינען טאַקע דערטרונקען געוואָרן. ווייל די וואַסער־ווענט זיינען פון כוואַליעס פון ים וואָס די ווינטן האָבן אויפגעבלאָזן, זיי אָנגעטראָגן און זיי דאָרט אויפגעשטעלט, און — זיי שטייען דאָרטן תמיד.

און איך קען אַדורכגיין אַלע צען וואַסער־ווענט און אַריינגיין אין דעם וואַסער־שלאָס ; און איך קען אַרויסציען פון איר אַלע צענערליי סמיקע פיילן ; און איך ווייס אַלע צענערליי דפיקין דורך מיינע צען פינגער, וואָרן דורך איטלעכן פינגער קען איך פילן אַ באַזונדערן דופק ; און איך קען זי היילן דורך אַלע צענערליי ניגונים — וואָרן איר רפואה איז דורך ניגונים — דעריבער הייל איך זי״.

אין אַ פוילישער פאָלקס־מעשה (at311a*) ווערט דערציילט וועגן צוויי שוועסטער וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון „בליוביערד״ (בלויע באָרד), אָבער די דריטע זעצט זיך אַריין אין אַ גלעזערנעם קירבעס, אַנטלויפט אויף אַן אינדזל, און דאָרט האָט זי חתונה מיט אַ בן מלך. „בליוביערד״ יאָגט זיך נאָך איר, ווייל ער וויל אויך זי הרגענען, אָבער ער פאַלט דורך אין זיין פּלאַן און ווערט געכאַפּט.

ווען מיר פאַרגלייכן דאָס מעשהלע מיט דעם סיפור פון ר׳ נחמנען, געפינען מיר אייניקע יסודותדיק שותּפותע שטעלן :

א) אַזוי ווי די דריי שוועסטער פאַלן אַריין אין די הענט פונעם אַכזריקן מערדער „בליוביערד״, פונקט אַזוי פאַלט אַריין די בת מלכה אין די הענט פון דעם מלך וועלכער זוכט זי צו הרגענען.

ב) פונקט ווי דער דריטער שוועסטער (אינעם פוילישן מעשהלע), אויך אַזוי געלינגט דער בת מלכה צו אַנטלויפן פון איר מערדער.

ג) ווי די דריטע שוועסטער אַנטלויפט איבער אַ וואַסער צו אַן אינדזל, ווייל זי וויל דערגרייכן אַ זיכערן אָרט, אַזוי אַנטלויפט די בת מלכה דורך די צען וואַסער־ווענט צום וואַסער־שלאָס, וואו זי געפינט אַ מקלט.

ד) אזוי ווי „בליובֿיערד" יאָגט זיך נאָך דעם מיידל, אזוי יאָגט זיך דער מלך נאָך דער בת מלכה — און ביידע מערדער פאַלן דורך אין זייערע פּלענער.

פון די אונטערשיידן צווישן די צוויי מעשׂיות וועל איך אונטערשטרייכן בלויז אייניקע, — ס'פעלט, בדרך כּלל, אין דעם יידישן פאָלקלאָר די ברוטאַליטעט:

דער מלך האָט א סיבה צו וועלן טויטן די בת מלכה, — ער האָט געזען אין חלום אז זי וועט אים הרגענען, און דער חלום ווערט פאַר אים פּאַרטייטשט אז זי וועט עס דורכפירן; די שרעק פאַר איר ברענגט אים צו דעם, אז ער זאָל באַפעלן זיינע מענטשן צו שיסן אויף איר, אָבער ער אליין שיסט ניט אויף איר.

„בליובֿיערד", פאַרקערט, הרגעט צוליב שטילן זיין תאווה צו מאָרד און צו בלוט, — ער ציט ארויס זיין שווערד און ער אליין האַקט אָפּ די קעפּ פון זיינע קרבנות.

א צווייטער פאַרגלייך: די סמיקע פיילן וואָס זיינען אין איר אריינגעשאָסן געוואָרן, האָבן געטראָפן אין הארץ פון דער בת מלכה, זי לויפט אריין אין וואַסער־שלאָס, פאַלט אוועק א פאַרחלשטע, און דער וואַסער־שלאָס ווערט ווי א טויטן־קאַסטן פאַר איר. צי דען איז זי, אין דעם פאַל, ניט גלייך צו „שניי־ווייס", וועלכע ליגט אן איינגעשלאָפענע אין א גלעזערנעם קאַסטן, נאָכדעם ווי איר שטיפמוטער האָט איר איינגעשלעפערט דורך פאַרשיידענע סמיקע מיטלען? „שניי־ווייס" וועקט זיך אויף נאָכדעם ווי דער בן מלך ציט ארויס פון איר גוף די סמיקע שפּילקע. פּונקט אזוי היילט דער בעטלער די בת מלכה, דורך ארויסציען פון איר הארץ די סמיקע פיילן.

די ליגט אין א קאַסטן פון גלאָז, און די — אין א קאַסטן פון וואַסער; ביידע זיינען דורכזיכטיק, נאָר וואַסער האָט ביי דעם ייד נאָך א קוואַליטעט וואָס איז פאַר אים פון גאָר א באַזונדערן באַדייט, — דאָס זיינען די וואַסערן פון לעבן — מי החיים, וואָס האָבן אים ניט איינמאָל געראַטעוועט זיין לעבן: ווען די בני ישׂראל זיינען אריבער דעם ירדן, זיינען די וואַסערן „געבליבן שטיין אין איין זייל"; און ווען די בני ישׂראל זיינען אריבער דעם ים־סוף, האָבן זיך די וואַסערן „אויפגעשטעלט ווי א וואַנט פון זייער רעכטער זייט און א וואַנט פון זייער לינקער זייט". אין ביידע פאַלן האָבן די וואַסערן באַשיצט דאָס לעבן פון די בני ישׂראל. אזוי שטייען די צען וואַסער־ווענט און די מויערן פונעם וואַסער־שלאָס, כּדי צו שיצן דאָס לעבן פון דער אין חלשות איינגעשלאָפענער בת מלכה.

און נאָך א פאַרגלייך: פּונקט ווי דער מלך מצרים מיט זיין חייל, ווען ער האָט זיך געיאָגט נאָך די בני ישׂראל, איז דערטרונקען געוואָרן אין ים, אזוי איז אויך דער מלך מיט זיין חייל, וועלכער האָט זיך געיאָגט נאָך דער בת מלכה, דערטרונקען געוואָרן אין די וואַסערן וועלכע רינגלען ארום דעם וואַסער־שלאָס.

די פיר מעלות:

כדי צו קענען היילן די בת מלכה, דארף דער בעטלער באזיצן די פאלגנדע פיר מעלות: 1) צו קענען טאן די צענערליי צדקה (כדי ער זאל קענען גיין איבערן פלאך פון וואסער און צוקומען צו איר); 2) צו קענען ארויסציען די צען סמיקע פיילן פון איר הארץ; 3) צו קענען די צענערליי נגינה; און 4) צו וויסן די צען באזונדערע דפיקין און קענען אנטאפן דעם ריכטיקן דופק.

די פיילן —

אין מדרש תנחומא הקדום ווערן די פיילן געגליכן צו יסורים אזוי: זאגט די כנסת ישראל: „אין וועג פון זיין בויגן האט ער מיך אויסגעשטעלט ווי א ציל פאר דער פייל. — צו וואס איז דאס געגליכן? — צו א גיבור וואס שטעלט אוועק א ציל-ברעט און ווארפט אין דעם זיינע פיילן; די פיילן טרעפן אין ציל און דאס ציל-ברעט שטייט. אויך אזוי איז דאס פאלק ישראל, — די יסורים טראגן זיך אויף אים, טרעפן אין אים, און — ער שטייט אויף זיין ארט".

די ניגונים —

אין מכילתא, מדרש צו יציאת מצרים, ווערט גערעדט וועגן צען געזאנגען: די ערשטע שירה איז געזונגען געווארן אין מצרים, א.א.וו., ביז דער צענטער שירה, וועלכע וועט געזונגען ווערן אין דעם עתיד וואס וועט קומען, ווי ס'איז געזאגט געווארן: „שירו לה' שיר חדש, תהילתו מקצה הארץ".

די דפיקין —

וועגן דעם דופק זאגט ר' נחמן אליין אין זיין תפילה:

„ס'זאל זיין דיין ווילן, ג', אונדזער גאט און דער גאט פון אונדזערע אבות, אז איך זאל שטענדיק זוכה זיין אויפצונעמען דורך מיין נשמה דעם הייליקן און ריינעם גייסט וואס קומט פון הייליקע רייד, און דורך דעם זאל איך זוכה זיין צום דופק פון קדושה. און דו זאלסט קערן דיין רחמנות צו מיר, או דו זאלסט מיר העלפן אז מיין דופק זאל אין מיר שלאגן לטובה, און זאל מיך דערמאנען דורך זיין קלאפן צו עבודת ה' יתברך".

עס זעט אבער אויס, אז צווישן די מעשי צדקה, די פיילן, און דעם דופק, וואס ווערט דא דערמאנט אין פארבינדונג מיט דער צאל „צען", איז ניטא קיין צוזאמענהאנג; אויך דאס געזאגטע וועגן די „צען געזאנגען", אין פארבינדונג מיט די נגונים, שטייט אונטער א פרעג-צייכן. עס קען אבער זיין, אז דער באשייד צו דעם וואס די צאל „צען" ווערט אזוי פיל מאל איבערגעחזרט אינעם סיפור איז, אז ר' נחמן האט דערמיט אנגעוואונקען צו כפלען די צאל צען אויף פיר (די פיר הויפט מעלות וואס דער בעטלער באזיצט און קען דעריבער היילן די בת מלכה), דאס גיט אונדז די צאל פערציק, וואס ווערט באצייכנט מיטן אות „מ", און מיט „מ" הייבט זיך אן דאסווארט „משיח"...

הייסט עס, אז דער בעטלער, דער ל"ו-ניק, דורך היילן די בת מלכה — די כנסת ישראל — ברענגט משיחן...

ס׳איז אַנגענומען צו רעכענען, אז מיטן וואָרט „בת מלך״ האָט ר׳ נחמן סימבאָליזירט די כנסת ישראל — „האב טיפּוס המיסטי של עדת ישראל״, לויט דער דעפיניציע פון פּראָפעסאָר שלום [14].

דער בעטלער זאָגט אינעם סיפור: „איך הייל די בת מלכה״. לויט דער אינטערפּרעטאַציע פון פּראָפעסאָר בובער, מיינט עס: „איך בין געגאַנגען היילן די בת מלכה״ [15].

אויב מיר זאָלן אָננעמען אז דער בעטלער ברענגט משיחן, פאָדערט זיך אַן ענטפער אויף דער פראַגע:

— ווי אַזוי? ווי איז דאָס מעגלעך? לויט דעם אָנגענומענעם גלויבן איז משיח נאָך ניט געקומען און קען נאָך ניט קומען.

וועגן דעם, אז ס׳איז יאָ מעגלעך דאָס דער בעטלער האָט געבראַכט משיחן, גיט אונדז ר׳ נחמן אַ רמז אין זיינע געדאַנקען וועגן דעם ענין משיח. מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן פון זיינע רייד:

„די וועלט דענקט, אז משיח וועט קומען וועט מען ניט שטאַרבן. דאָס איז ניט ריכטיק. אפילו משיח אליין וועט אויך שטאַרבן״.

„מען דענקט, אז מיטן קומען פון משיחן וועלן פאַרקומען איבעראַשנדיקע אויסערלעכע געשעענישן. אין דער אמתן וועט דעמאָלט אין יעדן מענטשן פאַרקומען אַ גרויסע אינערלעכע איבערקערעניש״.

„אָבער די אינעווייניקסטע איבערקערעניש דאַרף צוגרייטונג. דעריבער דאַרף דער צדיק, דער מנהיג הדור, כדי ער זאָל מסוגל זיין צו פירן דעם דור, פריער מאַכן די אינעווייניקסטע איבערקערעניש אויף זיך: ער דאַרף זיך פאַרפאָלקאָמען אין זיין גייסטיקן כוח און אין אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן וועלכע זיינען נייטיק צו דערציען דעם דור, — אין חכמה, אין ליבע צום מענטש, אין רחמים, און אין אויסוואָרצלען די יסורים פון זיין הארץ דורך עניוות און דורך דביקות צו גאָט״.

לויט דאָס אויבן געבראַכטע קענען מיר זיך דערלויבן צו זאָגן, אז ביאת המשיח, ווי ר׳ נחמן באַנעמט עס, איז אַן אינדיווידועל אינעווייניקסטער ענין: משיח איז דאָ, נאָר ער האָט געליימטע פיס, זיצט ער אונטער דעם „בוים״ וואָס האָט נאָך קיין „אָרט״ ניט אויף אונדזער וועלט... (זע סיפור וועגן דעם הויקער) אָבער דער וואָס קען זיך דערהייבן צו די דריי מידות פונעם בוים, דער קען צוקומען צו זיין שטאַם און זיצן אונטער זיין שאָטן „וואָס דער תענוג דאָרט האָט גאָר קיין שיעור ניט״...

און צום סוף:

אין לויבן זיין „מעשה מיט די זיבן בעטלערס״ האָט ר׳ נחמן געזאָגט:

„מיר מעגן פאָרן קיין בראַד, אריין אין בית-מדרש און הייסן דעם שמש

צוגופרופן דעם עולם צו א דרשה, א קלאפ טאָן אין טיש און דערציילן די דאָזיקע מעשה". און נאָך האָט ער געזאָגט: „אז איך זאָל מער ניט וויסן קיין שום זאך, נאָר די מעשה אליין, וואָלט איך אויך א ווילד חידוש געווען, וואָרן די מעשה איז א ווילד חידוש זייער".

אויב בערנארד העלער רעדט מיט ליב וועגן דער קונסט פון ר' נחמנס סיפור, וועגן דעם כוח פון זיין דמיון (פאנטאזיע) און וועגן זיין דערהויבענעם קוק אויף וועלט און מענטש, דארפן מיר בלויז צוגעבן, אז „דער בראסלאווער" האָט אויך געוואוסט ווי אזוי אָנצוקליידן זיין תורה מיט שיינע פארגלייכן און משלים, אויסגעטרוימטע פון דער טראדיציע אין זין פון „מסורת — סייג לתורה", — טראדיציע איז די ראַם צו דער תורה.

ביבליאָגראפיע

1) הקדמה פון ש. ניגער: „ר' נחמן בראסלאווער און זיינע סיפורי מעשיות", צום בוך פון יונה ספיוואק „ר' נחמן בראסלאווער אין געשטאלט פון זיין מעשה מיט די זיבן בעטלערס", ווילנע, 1932, ז' 15.

2) אויסצוגן פון די רייד פון ר' נתן פון נעמיראָוו זיינען גענומען פון: א) ש.א. האָראָדעצקי, „סיפורי מעשיות לרבי נחמן מברצלב", „עינות", בערלין, 1932; ב) הלל צייטלין, „רבי נחמן מברצלב — חייו ותורתו", „ספרות", ווארשאוו, תר"ע; ג) א. שטיינמאן, „כתבי רבי נחמן מברצלב", תל-אביב, 1951.

3) ב. העלער (אין דייטש): „העברעאישע מערכען", און י. באָלטע און ג. פאָליווקאס „אָנמערקונגען צו די קינדער-און הויזמערכען פון די ברידער גרים", ב-4, זייט 315, לייפציג, 1912.

4) וואו ס'ווערט געבראכט דער פולער טעקסט, איז עס גענומען פונעם אָריגינאל: „ספר סיפורי מעשיות", ווארשא, 1881.

5) ילקוט שמעוני, בראשית; 5-א) גיטין, ס"ח; 6) תהלים, פ"ט, 3; 7) „אגדות ארץ ישראל", ד"ר זאב ווילנאי ב-2, י"א, על-פי תרגום ארמי; 8) יואל ד', 18.

9) לואיס גינזבערג: „יידישע לעגענדעס" (אין ענגליש), ב-1, ז' 29.

10) יונה ספיוואק: „ר' נחמן בראסלאווער אין געשטאלט פון זיין מעשה מיט די זיבן בעטלערס", ז' 104.

11) מ. בובער: „מעשיות וועגן חסידים" (ענגליש), 2 בענדער, ניו-יאָרק, 1961, ב-1, ז' 3.

12) אבות, פרק ה', 21; 13) זע אָנוויַיזונג 2.

14) גרשון ג. שלום: „מאַיאָרע ריכטונגען אין יידישן מיסטיציזם", (ענגליש), לאָנדאָן, 1955, ז' 213.

15) מארטין בובער: „די חסידישע ביכער" (דייטש), בערלין, 1927.

די איבערזעצונגען פון תנ"ך זיינען גענומען געוואָרן פון יהואש.

די איבערזעצונגען פון תהלים און פון די מגילות, זיינען פון נפתלי גראָס.

מרדכי שטיינבערג

בלויע האָריזאָנטן

ווען אינזשינער אודי קריגער האָט מיט א צען יאָר צוריק פאַרענדיקט דעם חיפהער טכניון, האָט מען אים ממש „צעריסן אויף שטיקער". ער איז באַקאַנט געווען ווי איינער פון די אויסגעצייכנטע סטודענטן פונעם בוי-פאַקולטעט און האָט גלייך באַקומען אַרבעט אינעם גרויסן בוי-קאָנצערן, וואָס האָט געפירט א גאַר פאַרצווייגטע טעטיקייט אין גאַנצן לאַנד, ווי אויך אין די ניי-אויפגעקומענע מדינות פון דער שוואַרצער יבשה.

אודי האָט זיך געפילט ווי א פיש אין וואַסער, און האָט ניט געוואוסט פון קיין רו. ער האָט זיך אריינגעלאָזט אין גרויסע, טיף פאַרוויקלטע פּראָיעקטן, וועלכע האָבן געפאָדערט פּרעציזקייט און צייט. ער האָט געצייכנט די פּלענער מיט אייפער און מיט טיפן אינטערעס, ווי א מאָלער — א קינסטלער וואָס ווערט פאַרכאַפּט פון זיין ווערק.

אודי האָט זיך ארומגעטראָגן מיט פאַנטאַסטישע פּראָיעקטן אין וועלכע ער האָט געזען דאָס צוקונפטיקע געשטאַלט פון דער מדינה. ער האָט געלעבט אין א וועלט פון מאָדערנער מיסטיק וואו דיווירקלעכקייט האָט זיך געקייטלט מיט פאַנטאַזיע דורך פאַרוויקלטע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען וועגן דער אויסגע-האַלטנקייט פון דער מאַטעריע.

ווען ער האָט אויף א סטודענטישן טאַנץ-אָוונט דערזען די יונגע, צעשויבערטע נילי, מיט איר לייכטן און קלוגן בליק, האָט ער דערפילט אז אין זיין פאַנטאַסטישער וועלט פון ציפערן און פּראָיעקטן האָט זיך אריינגעקייטלט א פרישער עלעמענט, וואָס האָט נאָך ביז דעמאָלט ניט געפונען קיין אָרט אין זיין האַרץ און מוח.

זינט דעמאָלט איז שוין אריבער א היפּשע צייט: דער בוי-קאָנצערן האָט אים געהאָלפן אריבערצוגיין אין א פיר צימערדיקער וואוינונג אין איינעם פון די שענסטע ווינקעלעך אויפן כרמל-באַרג; אין גאַראַזש האָט געפינקלט א טונקל-גרינער „פּיזשאָ"; אין די גערוימע, ליכטיקע צימערן האָבן זיך ארומגעקוילערט אין געפּילדער יוסי און יורם — צוויי גוט געפּלעגטע יאַטלעך — געראָטענע אויף צוויי יאָר איינער פונעם צווייטן — און דער גוטער, עטוואָס שטרענגער, בליק פון נילין האָט זיי באַגלייט אין אַלע ווינקעלעך. אודיס האַרץ פלעגט זיך צעוואַקסן פאַר נחת ווען ער פלעגט קומען אהיים און די יאַטלעך פלעגן אים ארומרינגלען מיט נייגעריקע אייגעלעך:

— נו, אבא, האָסט עפּעס געבראַכט?

יורם, דער קלײנער מזיק, פּלעגט זיך דער ערשטער אָװעקזעצן אויף זײַנע קני און שטיפעריש צופּן זײַנע װאָנצעס, בעת יוסי, דער בכור, מיט די בלויע פאַרחלומטע אײגעלעך, פּלעגט אים נעמען דערצײלן װאָס ער האָט הײַנט געלערנט אין קינדער־גאָרטן.

אזוי פלעגט אודי קריגער פאַרברענגען א גאָר קורצע צײַט, נאָכדעם אויף גיך, װי מען װאָלט אים ממש געטריבן, אַפּגעקײט דאָס אָונטברויט, איבערגעװאָרפן זיך מיט עטלעכע װערטער מיט נילין, צומאָל אויך אויסגעהערט אַן אָנקלאָגע אויף די װילדע יורשים זײַנע, און גלײַך זיך פאַרמאַכט אין זײַן צימער.

ער האָט געאַרבעט אויף א פּראָיעקט צו א װעלט־קאָנקורס פון א מאָדערנער שטאָט, װאָס איז אויסגערעכנט אויף א פערטל מיליאָן אײַנװאוינער װעלכע באַשעפטיקן זיך ס׳רוב מיט לאַנדװירטשאַפט און געניסן אין דער זעלבער צײַט פון די נײַסטע טעכנישע דערפינדונגען.

אינזשינער אודי קריגער האָט אינעם דאָזיקן פּראָיעקט אַרײַנגעלײגט זײַער פיל געדאַנק און האַרץ; ער האָט געהאַט גאָר א באַזונדערן פאַרגעניגן פון באַאַרבעטן די דעטאַלן צו דעם דאָזיקן פּראָיעקט. ער האָט אַלץ געזען מיט אזא דעטאַליזירטער קלאָרקייט, אז די אויפגעשװאָומענע שװעריקײטן זײַנען צערונען געװאָרן װי א נעפּל. צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן האָט ער דערפילט דאָס, װאָס װערט אָנגערופן שאַפונגס־פרייד; אמתער גײַסטיקער גענוס, װאָס װירקט װי א באַלזאַם אויף דער מענטשלעכער פּסיכיק, רײצט די פאַנטאַזיע, באַפרוכפּערט דעם שאַפונגס־גײַסט און דינט װי עכטע נאַטירלעכע באַמיסטיקונג פאַרן צעאַקערטן פעלד. ערגעץ טיף אין זײַן אונטערבאַװאוסטזײַן האָט געגעסטעט א צאַרט און שטיל געפיל פאַר דעם דאָזיקן שטײַגער לעבן, און דער פּראָיעקט פון דער צוקונפטיקער שטאָט האָט עס אין אים אויפגעװעקט און אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך.

אודי האָט איצט קײן צײַט ניט געהאַט װעגן עפּעס אַנדערש צו טראַכטן, ער איז געװען פאַרטאָן מיט די טעכנישע אײנצלהײטן, און דער טערמין פון צושטעלן דעם פּראָיעקט האָט זיך דערנעענטערט.

שפּעטער, װען די צײַטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט זײַן בילד און די ראַדיאָ־סטאַנציע האָט זיך געריםמט מיטן ישראל אינזשינער װאָס האָט זיך דערשלאָגן צום ערשטן פּרײַז, האָט אודי דערפילט א דערלײַכטערונג, װי דאָס געפיל בײַ א מענטשן װאָס איז לאַנגע טעג געגאַנגען באַרג אַרויף און האָט ענדלעך געפונען א מקום־מנוחה.

נילי מיט די זינדלעך האָבן אים ממש פאַרמאַטערט מיט זײערע פּיעשטשע־דיקע קושן און ער האָט עטלעכע טעג געמוזט זיך באַפרײַען פון דער אַרבעט און געניסן פון א געצװאונגענעם אורלויב אין זײַן װאַרעמער משפּחה־נעסט.

✶

א לאנגער זלידנער קלונג פונעם טעלעפאָן האָט אודין אויפגעוועקט. נאָך אזויפיל שלאָפלאָזע נעכט איז ער געשלאָפן אָן חשבון, וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. ער האָט א סך געררוט, אָפגעלאָזט די גלידער ווי א זייגער-ספרונזשינע בעתן רעמאָנט. ווען ער האָט א האלב-פארשלאָפענער אָנגענומען דאָס טעלעפאָן-טרייבל, האָט א טיפער באס אים א פרעג געטאָן אין אויער:

— האלאָ! צי קען איך ריידן מיטן אינזשינער אודי קריגער?

— גוט מאָרגן, דאָס רעדט אודי קריגער.

— הא, גוט מאָרגן, דאָ רעדט טייכער, דער דירעקטאָר פונעם אויסלענדישן בוי-סעקטאָר. אויב דו האָסט היינט צייט כאפ זיך, ביטע, אריין צו מיר אין ביוראָ. זיי מוחל, וואס כ'האָב דיר געשטערט אזוי פרי, אָבער עס איז אין דיין אייגענעם אינטערעס. אלזאָ, קומסטו?! להתראות!

אודי האָט פארשטייט זיך, שפעטער אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון טייכערן. דאָס איז געווען אָן ארבעט אויף א צייט פון צוויי יאָר אין איינער פון די אפריקאַנישע נייע מדינות, צו בויען דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט-בנין.

די ערשטע זעקס חדשים ביז נילי מיט די קינדער זיינען אונטערגעקומען, האָט אודי זיך געפילט ווי אָן אָפגעריסענער מעטעאָר. ער האָט א סך געאַרבעט און געהאט אויך צייט אויף צוקוקן זיך צו דעם זעלטענעם לעבנס-שטייגער פון די איינגעזעסענע. ער האָט דערזען פאר זיך א נייע אומבאקאַנטע וועלט וועגן וועלכער ער האָט ביז איצט ניט געהאט די מינדסטע פאָרשטעלונג. צוזאמען מיט דער שרעקלעכער נויט האָט דאָרט געגנעסטעט פרימיטיווע הארציקע איבערגעגעבנקייט און מענטשלעכע פילבארקייט. ער האָט געפילט אָן אמתע באדערפעניש צו העלפן די דאָזיקע מענטשן, אָבער גלייכצייטיק דערמיט האָט אים אָנגעכאפט א מאָדנע בענקשאפט נאָך די אייגענע: ער האָט געבענקט נאָך נילין, נאָך די קינדער, און — ווי קאָמיש ס'איז אים אליין אויסגעקומען — ער האָט דערפילט א באדערפעניש אין א ביסעלע היימישע חמסין-לופט וואס צעגליט דאָס זאמד און פרעסט אויס דעם ים מיט שפיגלדיקן גלאַנץ. ווען נילי מיט די קינדער זיינען געקומען קיין אפריקע האָט ער געציילט די טעג ווען ער וועט שוין ווידער קענען זיך ארומוואלגערן מיט דער משפחה אויפן שטילן ים-ברעג פון חיפה.

✶

די שיף „מולדת" וואס האָט זיי צוריק געבראַכט קיין ישראל, האָט פארטאָג זיך דערנענטערט צום חיפהער פאָרט. נילי מיט אודין זיינען געשטאַנען ארומגענומען אויפן דעק, די פרימאָרגנדיקע פייכטע קילקייט פונעם ים האָט זיי אָפגעפרישט, זיי האָבן זיך געפילט לייכט און אָנגעזעטיקט מיט איינדרוקן און איבערלעבונגען.

— בשעה טובה! — האָט אודי אויסגערופן און אויסגעפרעסט א הייסן קוש אויף בילים ליפּן.

אין פּאָרט האָבן נייגעריקע און פריינד געזשמורעט די אויגן און געפּערלט די שניי-ווייסע ציין:

— בילי! אודי!

אָרעמס האָבן זיך פּארפלאָכטן אויף העלדזער און אמתע, אויפריכטיקע טרערן האָבן באַדעקט די פּנימער.

— — — — — — — — — — —

אודי איז געזעסן אָנגעלענט אויפן פּאָטעל און האָט מיט אן אומעטיקן בליק ארויסגעקוקט צו דער גאַס.

ס׳איז געווען א הארבסטיקער, ליכטיקער פארנאַכט און די גאַס איז געווען טומלדיק: מענטשן זיינען געגאַנגען הין און צוריק ווי געטריבן דורך עפּעס אן אומזעבארער קראַפט; די קינדער האָבן זיך אין געפילדער ארומגעוואָרפן מיט א האַנטבאַל און ווי די מאַלפּעס זיך געקוילערט אויפן גראָז; איבערן שאָסיי האָבן זיך געיאָגט אויטאָמאָבילן, ארויסלאָזנדיק פון צייט צו צייט א רעדער-סקריפּ ביים האַמעווען; די ביימלעך אויפן טראָטואַר האָבן געוואָרפן לייכטע שאָטנס און די זון, א רויט-צעפלאַמטע האָט זיך געגומען קייקלען אראָפּ דעם כרמל-בארג; דער בארג איז געווען באַלויכטן מיט א בלייכלעך-רויטן ליכט און די ווייסע שעפּסן-וואָלקנדלעך אין הימל מיט אָראַנזש-רויטער פארב.

אודי האָט געקוקט איבער דער לאַנגער גאַס מיט א מידן בליק. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט אז ער זעט זי היינט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. קען זיין, אז דאָס שטימט איצט מיט זיין געמיט, ווייל נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער געהאַט אזא מאָדנעם געפיל. סוף-כל-סוף איז ער דאָך א יונגער מענטש פאר וועמען דאָס גאַנצע לעבן ליגט נאָך אין פאָראויס. ער האָט דאָך געקענט זיצן אין דער פרעמד און פירן א באַקוועם און זאָרגלאָז לעבן, האָט אים אָבער א קליין פּינטעלע, ווי א ווערעמל, ניט געגעבן קיין רו: „דו ביסט א ייד און דו קענסט דאָ לאַנג ניט פארבלייבן! דיין אָרט איז ביי זיך אין דער היים!״

און ווען ער איז געקומען זיך ווייזן אין זיין ביוראָ, האָט אים דער דירעקטאָר טייכער באַגעגנט מיט דעם שיינעם אויסגעדרעסירטן שמייכל וואָס האָט זיך געצויגן דורך די ליפּן ביז צו די אויגן:

— א שאָד, אינזשינער אודי, וואָס דו האָסט ניט אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט אויף נאָך א צוויי יאָר... מיר פירן איצטער דורך א געוויסע רעאָרגאַניזאַציע... איך וואָלט דיר געעצהט זיך אויסרוען אביסל פון דער רייזע, נאָכדעם וועלן מיר זען וואָס מיר קענען טאָן פאר דיר...

אָפּגעזאָגט דאָס זייניקע האָט דירעקטאָר טייכער מיט טיפער ערנסטקייט געגומען בלעטערן די פּאַפּירן אויפן טיש, גלייך ווי ער וואָלט געזעסן איינער אליין אין זיין צימער.

אודי האָט אין דער ערשטער מינוט דערפילט ווי א בלייענע שווערקייט וואָלט אים אָנגעפילט די אָדערן: ס׳האָט אים אויסגעזען מאָדנע אומפאַרשטענדלעך די כמעט מעכאַנישע באַציאונג פון דירעקטאָר טייכער. צוויי יאָר האָט ער געדינט אין שליחות פונעם דאָזיקן מענטש, — טאָ וואָס האָט דאָ פּלוצלינג פּאַסירט? צווישן די פּרימיטיווע, האַלב-ווילדע מענטשן מיט וועלכע ער האָט דאָרט געאַרבעט, האָט ער געפונען א מענטשלעכע באַציאונג און א קלאָרע, אָפענע מענטשלעכע שפּראַך. און דאָ האָט די קינסטלעכע שטאָטישקייט אָפּגעטעמפּט אונדזער לשון. צו שנעל האָבן מיר געגומען שפּרינגען. מיר האָבן זיך נאָך אפילו ניט געגוג זיכער אוועקגעשטעלט אויף די אייגענע פיס. פיל, זייער פיל איז נאָך דאָ ביי אונדז צו טאָן: מען דאַרף פאַרפעסטיקן דעם יסוד; מען דאַרף אָפּריייניקן דעם באָדן וואָס הייבט אָן זיך באַדעקן מיט ווילדע געוויקסן. און פאַרוואָס זאָל ער, אודי, זיצן דאָ אין שטאָט מיט פאַרלייגטע הענט? ער איז נאָך געגוג יונג אויף אָנצוהייבן אַלץ פון דאָס ניי!

א באַהערשטער איז אודי אויפגעשטאַנען און מיט לאַנגזאַמע אָבער פעסטע טריט געגומען פאַרלאָזן טייכערס ביוראָ:

— זייט געזונט, דירעקטאָר טייכער, שלום!

איצט זיצט ער נאָך א שווייגעוודיקער אויף דער וועראַנדע, און די געדאַנקען, ווי גייענדיקע שאָטנס, לייגן זיך אָפּ אויף זיין געמיט.

✶

דאָס, וואָס איז נעכטן געווען פאַר אודין ווי א רעטעניש, איז היינט פאַר בײַדן געוואָרן קלאָר ווי דער טאָג: בילי האָט גאָר גיך אויפגעכאַפּט זיינע געדאַנקען, — זי איז שטענדיק געווען לייכט אויף באַשלוסן אויב נאָר זי האָט געזען אין זיי א געמיש פון פאַנטאַזיע און רעאַליטעט. פּונקט ווי זי האָט פריער זיך דעצידירט צו פאָרן קיין אַפריקע, צוליב איר נייגעריקייט אָנצוזען א וועלט, אַן אומבאַקאַנטע און עקזאָטישע, אַזוי האָט זי מסכים געווען צוריקצופאָרן אהיים ווייל די ליבע און טרייַשאַפט צו אודין האָט איבערגעוואויגן אַלע אירע אייגענע פאַרלאַנגען.

אָבער דער נייער געדאַנק אודיס האָט זי ממש איבעררשט. זי ווייסט אַז אודי ציט זיך ניט צוריק אַזוי גיך פון זיינע באַשלוסן. אָבער כאָטש זי האָט זיך גענומען באַציען צו דעם געדאַנק מיטן גאַנצן ערנסט, האָט זי אים דאָך אביסל געררייצט:

— נו, און אַזוי לייכט וועסטו רעזיגנירן פון דיין „פּיזשאַ״? אין קיבוץ וועסטו אַזעלכע באַדינגונגען ניט האָבן...

— מיין ליבינקע, האָט אודי זי צוגעצויגן צו זיך, איך בין גרייט צו רעזיגנירן פון א סך באַקוועמלעכקייטן, אויב נאָר דו וועסט מיטגיין מיט מיר! אין קיבוץ וועלן מיר געפינען די געגאַרטע רו וואָס וועט אונדז דערמעגלעכן זיך ווייטער צו אַנטוויקלען. די שטאָט איז צעפרעסן פון עגאָאיזם און איז אויסגעליידיקט פון יעדן געפיל; זי איז ווי דער פאַלשער גלאַנץ פון א שטיקל גלאָז וואָס ליגט אַנטקעגן דער זון.

✶

דער פרימאָרגן-שטערן האָט שעלמיש געפינקלט און דער ליכטיקער לבנה-סערפּ האָט שטיל זיך געהוידעט אין דער בלויקייט. די לאַנגע שפּיזן פון די פּאַלמען-ביימער האָבן עפּעס סודותפול געטוליעט צו זיך. א לייכט ווינטל האָט אַרומגעשטיפט צווישן די ביימער און געטרונקען דעם פרישן טוי פון די בלעטער און גראָזן. נעבן טראַקטאָר האָט זיך געפּאַרקעט אודי און דאָס אייזערנע פערד, גלייך ס׳וואָלט אַרויסגעפילט א „פרעמדן״, האָט זיך געעקשנט מיט א געבייזערטן וואָי און ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. נאָר פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א וואַרטשען, דאָס שטיקעניש האָט זיך באַפרייט פון דעם אייזערנעם אינגעווייד און ווי א יונגער לאָשעק האָט זיך דער טראַקטאָר צעבריקעט איבער דער פעטער, אויסגעבענקטער רויטער „חמרה״ ערד.

ווען ער האָט אַרומגעקרייזט דעם באָדן וואָס האָט זיך געצויגן העט ווייט אַראָפּ ביז צו די יונגע, ערשט פאַרפלאַנצטע ביימעלעך, האָט זיך די פרימאָרגנדיקע זון אַפּגערוקט פון הינטער די בערג. דער לופט האָט זיך געוועקט און דאָס פריילעכע קוואַקען פון די עופות האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם צעצויגענעם מוקען פון דער סטאַדע מעלה-גירהדיקע, האָלענדיש ראַסאַווע קי, וועלכע האָבן מיט געמאָסטענע טריט אַנגעהויבן זייער טעגלעכן שפּאַציר צו די פּאַשע-פעלדער.

פון ווייטנס האָט אודי דערזען נילין, אַן איילנדיקע צו דער אַרבעט. זי האָט פריילעך געפּאָכעט צו אים מיט דער האַנט:

— אודי, להתראות!

אודי איז געשטאַנען אַן אָנגעשפּאַרטער אויפן טראַקטאָר, געפילט ווי די לופט, וואָס שטראָמט אַריין אין זיינע לונגען, שמעקט מיט פרישער צעדרויבלטער ערד וואָס ער אַליין האָט אָקאָרשט געעפנט. עס האָט אים באַהערשט א מאָדנע פרייד. אַלץ אין אים האָט געזאָטן, זיך צעשפּרייט, געשטויסן און געשפּאַרט. דוכט זיך אַז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך געפילט נעענטער צו דער ערד, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַריינגעוואַקסן אין איר מיט ביידע פיס. א שפּאַגל-בייע וועלט האָט געגומען זיך אַנטפּלעקן פאַר אים, א וועלט וואָס הויבט זיך אָן ביי אים אין האַרץ און ציט זיך ערגעץ וואו אין דער ווייטקייט מיט פאַרביקייט און ליכט איבער ברייטע און בלויע האָריזאָנטן.

מנשה גפן

שמואל יוסף עגנון

געווינער פון נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור

מיט פרייד און מיט שטאָלץ האָבן מיר אַלע אויפגענומען די גרויסע זכיה, וואָס די העברעאישע ליטעראַטור האָט זוכה געווען צום ערשטן מאָל זינט זי עקזיסטירט: **דער גרעסטער העברעאישער שרייבער אין אונדזער דור, שמואל יוסף עגנון, איז באַקרוינט געוואָרן מיט דער נאָבעל-פּרעמיע.**

און אין דער אמתן איז עס ניט אַזאַ פּשוטע דערשיינונג: סיי די יידישע ליטעראַטור, סיי די העברעאישע, האָבן שוין באַוויזן אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט ערשטראַנגיקע דיכטער און פּראָזאַאיקער, וואָס קענען אָן צווייפל זיך פאַרגלייכן מיט מער ווי איינעם פון זייערע קאָלעגן פון אַנדערע ליטעראַטורן, וועלכע האָבן די נאָבעל-פּרעמיע פון לאַנג שוין באַקומען; מיט אַזעלכע טאַלאַנטן ווי אַש, לייוויק און אָפּאַטאָשו; ביאַליק, טשערניכאָווסקי און שניאור, מעגן שטאָלצירן אפילו די גרויסע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. ביאַליקס „הבריכה" (די סאַזשלקע) און לייוויקס „גולם" זיינען ניט נאָר הויכגראַדיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען, וואָס קענען פאַררעכנט ווערן אַלס פּערל אויך אין דער וועלט-ליטעראַטור, נאָר זיינען אויך אוניווערסאַל אין זייער טעמאַטיק. און דאָך האָט קיין איינער פון די דערמאָנטע ניט זוכה געווען מען זאָל זיי, ווייניקסטנס, פאָרלייגן אַלס קאַנדידאַטן צו דער נאָבעל-פּרעמיע.

עגנון האָט יאָ זוכה געווען. מיט וואָס האָט ער עס אַזוי אויסגענומען?

נאָך אַלס יינגל איז מיר אַריין אין די הענט עגנונס אַ קליין ביכל מיט אַ מאָדנעם נאָמען גענומען פון אַ פּסוק, און דאָס קעפּל אויפן שער-בלאַט איז געווען געדרוקט מיט סת"ם-שריפט. געהייסן האָט עס „והיה העקוב למישור" (און דאָס קרומע וועט אויסגעגלייכט ווערן). די טעמאַטיק פון ביכל איז פאַר מיר ניט געווען ניי. דאָך האָט קיין שום בוך, וואָס כ'האָב געהאַט געלייענט ביז דעמאָלט, ניט געמאַכט אַזאַ רושם אויף מיר; ס'איז פאַר מיר געווען אַ טיפע איבערלעבעניש. פון דעמאָלט אָן פלעג איך קיין שום זאַך, וואָס איז אַרויס פון עגנונס פען, ניט דורכלאָזן. מיך האָט באַצויבערט דער מילדער הומאָר וואָס באַהויכט זיינע שורות, דער יידיש פאָלקסטימלעכער חן וואָס איז אויסגעגאָסן איבער דער פאַבולע און וועלכער ס'זיינען אַריינגעפלאָכטן אָן אַ שיעור פּערל פון דור-דורותדיקן יידישן פאָלקלאָר; דער וואונדערבאַרער סטיל, וואָס איז געבויט, דוכט זיך, פון אַלטע און פאַרעלטערטע ציגל, און דאָך

זעט ער אויס אַזוי ביי און באַנייט, גאַנץ און אייגנהייטלעך, אַזוי ווי אַלטער וויין אין אַ נייעם קרוג, איבער וועלכן דער טרינקער מאַכט אַ ברכת־הנהנין אויף זיין געשמאַק און באַוואונדערט דעם שיינעם אויסזען פון דער כלי וועלכע אַנטהאַלט אים; די פאָלקאָמענע צופּאַסונג פון סטיל צום איבהאַלט (אפשר מיטן אויסנאַם פון „שבועת אמונים") און דאָס אַנטבלויזן די פאַרבאָרגנסטע סודות פון דער מענטשלעכער זעל, — דאָס האָט זעלטן ווער פון אונדזערע פּראָזאַאיקער, עד היום, באַוויזן צו טאָן.

ס'איז מיר גאָר קיינמאָל ביט געקומען אויפן זינען, אַז אָט די נאָוועלן, וועלכע זיינען אַזוי טיפּיש־יידיש און אַזוי פרעמד ביז גאָר דער ברייטער וועלט, זאָלן קענען מאַכן אַזאַ איינדרוק אויך אויף דעם ניט־יידישן לייענער. איך האָב געמיינט אַז „זר לא יבין את זאת" — דער פרעמדער וועט דאָס ניט פאַרשטיין; אַז ווער ס'האָט ניט געקענט עגנונס טיפן אין רעאַלן לעבן, וועט ניט זיין בכוח אָפּצושאַצן די שיינקייט וואָס ליגט באַהאַלטן אין די בילדער וואָס ער מאָלט. ביז ס'איז געקומען אַ געשעעניש וואָס האָט מיר באַוויזן מיין טעות: מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק איז דערשינען עגנונס „הכנסת כלה" אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. דאָס ווערק האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַרישער וועלט, אויף אַזוי ווייט, אַז קאָמפּעטענטע ליטעראַרישע קרייזן אין אַמעריקע האָבן פאַרגעשלאָגן עגנונען אַלס קאַנדידאַט פאַר דער נאָבעל־פּרעמיע. דעמאָלט איז עס ווייטער ניט געגאַנגען. דאָך איז דער פאַקט אַליין געווען פון גרויסן באַדייט, ס'איז געווען אַן אָנזאָג.

האָבן געמוזט אַריבערלויפן נאָך דרייסיק יאָר, אַ תקופה פון אַ גאַנצן דור, מיט אַלע זיינע קאַטאַקליזמען און איבערקערענישן; קאַלאָסאַלע דערגרייכונגען פון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע, וועלכע קרייצן זיך טיילמאָל מיט תהומישן אַראָפּגאַנג פון דער מענטשלעכער עטיק; אַ תקופה פון אומקום און אויפקום ביי אונדז יידן, ביז, — אין די קרייזן פון דער שוועדישער אַקאַדעמיע האָט מען זיך פלוצים דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ אַ יידיש פאָלק וואָס האָט אינצווישנצייט אויפגעלעבט אין זיין אַלט־נייעם היימלאַנד; וואָס שאַפט און אַנטוויקלט אַ ניי־באַנייטע העברעאישע ליטעראַטור, און דער אָנזעעוודיקסטער פון אירע שאַפער איז דער גרייז־גראָער שמואל יוסף עגנון, וועלכער האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק געשאַפן אַזאַ ווערק ווי „הכנסת כלה", — אָט דער יידישער עפּאָס, וואָס נאָר די מעטריק פעלט אין אים! און אַזאַ בוך ווי „מאז ומעתה", פון אַמאָל און פון היינט. אין אָט די צוויי ווערק האָט ער אוועקגעשטעלט אַ מאָנומענט פאַר דעם יידישן שטעטל אין דער תקופה פון פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג וואָס, ווען אַ היסטאָריקער וועט וועלן אַרויסברענגען אַ ניט געפעלשט בילד פון יענער צייט, וועט ער מוזן אָנקומען צו די צוויי ביכער.

זיין דערציילונג „בלבב ימים", אין מיטן ימען, איז אַ לויב־געזאַנג די גאולה־בענקענישן וואָס ברענען ווי אַ נר־תמיד אין יידישע הערצער דורך

אַלע דורות פון אונטערדריקונג און פאַרפאַלגונג. אין דער דערציילונג ברענגט ער אַרויס אַז דאָס יידישע פאָלק איז ניט קיין פאָלק פון ליידיקגייערס, נאָר פון געזונטע ערדישע טיפּן, וואָס מיט זייער גאַנצער תמימות זיינען זיי גאַרניט אַזוי אומבאַהאָלפן ווי אַ פרעמדן קען זיך דוכטן.

אין „סיפור פשוט" מאָלט ער אַ האַרציק בילד פון פּשוטן פאָלק, וואָס בעמט דאָס לעבן ווי סע קומט, — דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע. אין דעם דערמאָנטן ראָמאַן, ווי אויך אין „בדמי ימיה", אין אירע בליענדע יאָרן, פּראָטעסטירט ער גאָר שאַרף געגן דער אַכזריות און מיספּאַרשטייעניש וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין אונטערדריקן דאָס נאַטירלעכע, ספּאָנטאַנע ליבע-געפיל, דורך פאַנאַנדעררייסן נאָענטע הערצער און צוזאַמענברענגען, בעל כורחה, ווייט-פרעמדע, — זאַכן וועלכע פאַרוואַנדלען דאָס פאַמיליע-לעבן אין אַ גהינום, אַנשטאָט צו ברענגען דאָס אויסגעחלומטע גליק.

אין „אורח נטה ללון", אַ גאַסט וואָס האָט אָפּגעטרעטן אויף אַ נאַכטלעגער, האָט ער געזען דאָס וואָס אַנדערע זיינען געוועזן בלינד צו זען, און געהערט דאָס וואָס אַנדערע זיינען געוועזן טויב צו הערן. אין דעם בוך וואָס צעציטערט אַלע סטרונעס פון אונדזער האַרץ און נשמה, וואָס פון יעדן בלעטל אין אים שפּירט זיך אַ ריח פון בית-הקברות, ווייזט ער זיך אַרויס אַלס גרויסער וויזיאָנער וואָס זעט פאַר דעם חורבן; מיר הערן דאָרט אַ גרויסן ווײ-געשריי איבער דאָס אומפאַרמיידלעכע; דאָס אייביקע ליכט אין דער אַרומיקער פינצטערניש זיינען די חלוצים וועלכע זיינען זיך מכשיר צו עלייה און אויפבוי-אַרבעט.

אין זיין ראָמאַן „תמול שלשום", נעכטן און אייערנעכטן, באַהאַנדלט עגנון גאַנץ ברייט דעם יידישן יישוב אין ארץ-ישראל אין דער תקופה פון דער צווייטער עלייה. אָבער אין צענטער פון דער אַקציע פיגורירן טיפּן פון אַלטן יישוב, חוץ אייגעם, יצחק קומער, וועלכער איז געקומען מיטן ציל זיך אָנצושליסן אין די רייען פון די וועלכע בויען אַ נייע, אַרבעטער-געזעלשאַפט אין לאַנד. ער האָט געשטרעבט צו ווערן אַ פּויער, האָט אָבער זיין אידעאַל ניט דערגרייכט און האָט שלעכט געענדיקט. דעם נייעם לעבן און דער אויפבוי-אַרבעט שענקט עגנון דאָרטן ווייניק אויפמערקזאַמקייט. מער באַהאַנדלט ער דאָס נייע לעבן אין זיין אינטערעסאַנטער נאָוועלע „גבעת החול" (דאָס זאַמדבערגל).

ביי עגנונען פעלט אויך ניט קיין בייסיקע סאַטירע. זי ווענדט ער אָן געגן דעם נייעם דור, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון אַלטע טראַדיציעס, האָט אָבער נאָך ניט באַוויזן צו שאַפן נייע ווערטן; ספּעציעל געגן דער מחנה כלל-טוערס, וואָס ריידן מער ווי זיי טוען; מיט יאָרן שפּעטער ווענדט ער זי אָן אויך געגן דער ביוראָקראַטיע וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין לעבן פון אונדזער נייער מדינה („ספר המדינה").

★

עס בעט זיך ממש דורכצופירן א קורצן פּאראלעל צווישן עגנונען און מענדעלען, די צוויי ריזן פון אונדזער פּראָזע, וועלכע רעפּרעזענטירן צוויי פאַרשיידענע זשאַנערן, צוויי פאַרשיידענע לעבנס-אַנשויאונגען.

מענדעלע פירט אַרויס אויף דער ארענע א געוויסן טיפּ, באַשרייבט זיינע אַלע רמ״ח איברים און שס״ה גידים. זיין נאָז, זיינע העוויות מיטן גראָבן פינגער, די פלעקן מיטן שפּאַלט פון זיין קאַפּאָטע, און אַזוי ווי פון זיך מאָלט זיך אויס א בילד פון זיין אינערלעכקייט. אין דער הינזיכט איז מענדעלע געווען א ווירטואָז וואָס דוכט זיך, ס'איז ניטאָ זיין גלייכן.

עגנון, ווידער, מאָלט ווייניקער די אויסערלעכקייט, אָבער ער פירט אונדז אריין אין די טיפעניש פון מענטשנס נשמה א סך מער ווי מענדעלע.

אויך זייער צוגאַנג איז פאַרשיידן: מענדעלע האָט געזען דאָס געטאָ-לעבן אין זיין מיאוסקייט, ווי א געמויזעכץ, און טראָץ זיין וויטיק און ליבע צו זיינע אייגנוואוינער, האָט ער טיילמאָל געמוזט זיך פאַרשטאָפּן די נאָזלעכער.

עגנון איז אַרויף אויף דער ליטעראַרישער ארענע, ווען די מויערן פון געטאָ זיינען שוין געווען אינגאַנצן צעפאַלן ; פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען דער איבערגאַנגס-דור ; ניט א ניי לעבן מיט נייעם שטרעבן האָט ער געזען, נאָר פּוסטקייט און תלישות. אַנטוישט פון זיין דור, האָט זיין הארץ געצויגן צו די פריערדיקע דורות, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף א פעסטן באָדן.

★

יעדע ליטעראַרישע שאַפונג פאַרמאָגט צוויי מהותן : א נגלה, — דאָס איז דער קאָנקרעטער מאַטעריאַל פון וועלכן זי איז געבויט ; און א נסתר, — דאָס וואָס קען געלייענט ווערן צווישן די שורות. אויב די נגלה פון עגנונס שאַפונג אויף וועלכער ס'איז, לויט דער פאָרמולירונג פון א געוויסן קריטיקער, אויסגעשפּרייט דאָס שבתדיקע טישטעך, איז אן אָפּבילד פון א פאַרגאַנגענער וועלט וועלכע ליגט פאַרבאָרגן הינטער אים, איז עס אין דער אמתן, אן אויסערלעכער לבוש פון אן אינערלעכער וועלט וואָס וועט אויך ווייטער עקזיסטירן. אין אָט דער פאַרבאָרגענער וועלט, וואָס עגנון שילדערט, צעפלאַקערן זיך מענטשלעכע אַמביציעס, קאַפּריזן און באַגערן וואָס רייסן זיך אויסצולאָדן ; דאָרט שטראָמט, ווי אויף א לויפיקער לענטע, דער זיין פונעם יידישן מענטש ; די ראַנגלעניש פונעם ייד און מענטש מיטן גורל, מיט זיך אליין, און מיט דער זינד וואָס לויערט אויפן שוועל פון זיין טיר און דעם תהום וואָס עפנט זיך ניט איינמאָל פאַר זיינע פיס, סיי אין גרויסע און סיי אין קליינע טאָג-טעגלעכע געשעענישן אין לעבן.

וויל איך ניט זאָגן אַז די וועלט פון נגלה אין עגנונס דערציילונגען, דער פּשט פון זיי, איז מינדערווערטיק. כאָטש מיר ווילן ניט, און וועלן ניט, פאַרזעצן יענעם לעבנסוועג, זיינען אונדז די געשטאַלטן נאָענט צום הארצן, זיי זיינען דאָך די געשטאַלטן פון אונדזערע אָבות און אָבות אָבותינו. און ווער, ווי עגנון האָט זיי אונדז געוויזן אין אַזאַ לויכטנדן שפּיגל און אַנטדעקט, אַז אונטער דעם שלייער פון אויסערלעכער מיאוסקייט, איז פאַראַן אינערלעכע שיינקייט, שלווה, ביטחון און זעלישע גאַנצקייט, וועלכע באַלייכטן דעם מענטש זיין לעבנסוועג און גיבן אים כוח דורכצוגיין זיינע שטרויכלונגען.

ווי עגנון זאָל ניט זיין פאַראַנקערט אין יידישן עבר, לעבט ער דאָך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און איז באַווירקט פון געוויסע היינטצייטיקע שטימונגען און ליטעראַרישע שטרעמונגען, וואָס א טייל פון זיי קוקן אויף דעם לעבן בכלל און אויף דער צוקונפט, דורך שוואַרצע ברילן פון א פּעסימיסטיש-פּאַטאַליסטישן קוקווינקל. שטייענדיק אין דער מיט — צווישן דעם פאַרהערלעכטן פאַרגאַנגענעם און דעם געיעג פון די היינטצייטיקע געשעענישן און ניט-קלאָרע פּערספּעקטיוון — איז אויך ער מיטגעריסן געוואָרן מיט אַזעלכע שטרעמונגען. אַזוי האָט ער אָנגעשריבן א ריי נאָוועלן אין וועלכע ער מישט צונויף חלום מיט וואָר, און זיינע פּערסאָנאַזשן לעבן ווי אין כף הקלע. און אויב די העלדן פון זיינע קלאַסישע, פריער דערמאָנטע, שאַפונגען, באַהערשן ניט זייער גורל, נאָר ווערן געטריבן דורך אים — סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן, האָבן זיי אָבער יידישן ביטחון, זיי האָפן און גלויבן אַז דאָס גוטע מוז און וועט קומען, און דאָס איז א מעכטיק געצייג אינעם לעבנסקאַמף. להיפוך פון זיי, לעבן די נאָר וואָס דערמאָנטע, אין שטענדיקער אומזיכערקייט, ווי אונטער א טעראָר פון בייזווייליקע דעמאָנען, און אַלץ אויף דער וועלט און אין לעבן קומט פאַר נאָר ווי אויף צו להכעיס.

לאָמיר ווינטשן דעם גרויסן און ליבן „חתן בראשית" פון דער נאָבעל-פרעמיע אין אונדזער העברעאישער ליטעראַטור, אַז ער זאָל מאריך ימים זיין, און פאַרזעצן זיין געבענטשט שאַפן, און ער זאָל נאָך מקיים זיין די הבטחה צו געבן אונדז דאָס צוגעזאָגטע ווערק „חלקת השדה".

שמחה האמבורג

איר געבעט איז דערהערט געוואָרן

די אַלטעטשקע האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהייבן אויף איר געלעגער. יעדע באַוועגונג פון איר קערפּער האָט איר שטאַרק וויי געטאָן. געלעגן איז זי שוין עטלעכע חדשים אין איר קליינע דירה פון אָרעמען שיכון. די דאָקטוירים האָבן קיין שום האָפענונג ניט געגעבן.

מיט גרויס מי האָט זי זיך אַרויפגערוקט אויף איר בעט און געבליבן האַלב־זיצנדיק. זי האָט אויסגעשטרעקט איר אויסגעדאַרטע האַנט איבערן טיש, צוגעשלעפּט צו זיך אַן אַלט צעריסן תהילימל, און געזוכט מיט אויסגעלאָשענע אויגן אירעברילן. אָנגעטאָן די ברילן מיט ציטערדיקע הענט, האָט זי אויפגעמאַכט דאָס תהילימל, א פּיר געטאָן מיט אירע אויסגעטריקנטע פינגער איבער די ליפּן, א מיש געטאָן די בלעטלעך, און א טיפער, שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר קראַנק ברוסט.

אין צימער איז געווען שטיל. די אַלטע האָט אָנגעשפּאַרט איר עלנבויגן אָן קישן און אָנגעהויבן מיט א וויינענדיקן ניגון:

— רבונו של עולם, טו מיך ניט שטראָפן אין דיין צאָרן. דערבאַרעם זיך אויף מיר, פאָטער באַרעמהאַרציקער, וואָרעם איך בין אַזוי דערשלאָגן. טו מיך היילן, רבונו של עולם, אָדער נעם מיך צו דיר. ווייל איך בין שוין ווי א צעבראָכענער שאַרבן און איך קען שוין ניט אויסהאַלטן מער, פאָטער רחמנות־דיקער אין הימל!

אין דעם געוויין האָט זי געוואָלט פאַרגעסן אירע ווייטיקן. דער טרערן שטראָם האָט זיך פאַרשטאַרקט און זי האָט ווייטער געבעטן:

— ביז וואַנען, ביז וואַנען, גאָטעניו, וועסטו זיך טאָן דערווייטערן פון מיר! צי האָסטו שוין ניט קיין רפואה פאַר מיר? העלף מיר גאָט, ווייל נאָר פון דיר אַליין קען מיין ישועה קומען.

די טאָכטער, וואָס וואוינט אין שכנות, איז אַריין מיט איר קליין זונעלע. זי האָט זיך געזעצט אויף א שטול און זיך צוגעקוקט צו דעם טרויעריקן בילד. שווערע, שרעקלעכע געדאַנקען האָבן באַהערשט איר מוח. א טיפער ווייטיק האָט איר געפּייניקט. אויך זי האָט זיך געפרעגט די שרעקלעכע פראַגע: ביז וואַנען וועט די מאַמע דאַרפן איבערטראָגן אירע ווייטיקן? ביז וואַנען וועט זי רופן דעם

טויט, אז ער זאָל איר אויסלייזן? די דאָקטוירים קענען מער גאָרניט העלפֿן. און זי, די טאַטער, איז אזוי אומבאהאָלפֿן און מוז זיך צוקוקן ווי די מאַמע אירע מאַטערט זיך. א שרעקלעך גערעבגל איז פאַרגעקומען אין איר: מען דאַרף עפּעס טאָן! מען דאַרף איר העלפֿן, אז זי זאָל אזוי ניט ליידן! זי ווייסט גוט, אז זי וואָלט געקענט העלפֿן מיטן אייגעבן איר עטלעכע טראָפּנס מער ווי דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, — דאָס וואָלט איר באַפרייט... אָבער, וואו נעמט מען דעם מוט דערצו?

דער קליינער דודל, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון דער אלטערס בעט האָט מיט קינדערשער נייגעריקייט פאַרגאַפט געקוקט אויף דער קראַנקער באָבען. ער האָט זיך צוגעהערט צו דער באָבעס געבעט, און מיט זיינע ליכטיקע אויגעלעך נאָכגעקוקט ווי די טרערן ריגען אויף איר צעקנייטשט פּנים. דער אלטערס קאָפּ איז צוגעפאלן צום תהילים און איר געוויין האָט פול געמאַכט דעם צימער.

דודל איז מיט שטילע טריטעלעך צוגעגאַנגען צו דער אלטער, ארויפגעלייגט זיין הענטעלע אויף איר קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— באָבעשי!

די אלטע האָט אויפגעהייבן איר קאָפּ און האָט מיט פאַרוויינטע אויגן געקוקט אויפן קינד. דודל האָט מיט זיין הענטעלע געגלעט אירע נאַסע באַקן און זיך געבעטן:

— וויין ניט באָבעשי, וויין ניט.

די אלטע האָט דערפילט ווי א וואַרעמקייט נעמט ארום איר האַרץ און סע ווערט איר אביסל גרינגער.

— באָבעשי, האָט ער איר ווידער געפרעגט, — פאַרוואָס שרייסטו אזוי? פאַרוואָס וויינסטו באָבעשי? ס'טוט דיר אזוי וויי?

— יאָ, מיין קינד, עס טוט מיר זייער וויי. איך שריי, מיין קינד, און בעט ביי גאָט ער זאָל מיר שיקן א רפואה ווייל איך קען שוין די ווייטיקן ניט איבערטראָגן. די אלטע האָט געפילט, אז דאָס קינד איז דער אייבציקער פאַר וועמען זי וואָלט געקענט אויסריידן איר צעווייטיקט האַרץ, אויסגיסן איר פאַרביטערטע נשמה, אָבער א שרעקלעכער ווייטיק האָט אויסגעקרימט איר געל-גרוי פּנים און איר ניט געלאָזט ווייטער ריידן.

דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און איז צוגעלאָפן צו זיין מאַמען, זי ארומגענומען און זיך צוגעטוליעט צו איר. זיין מאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אירע געדאַנקען ווי פון אן אומרואיקן שלאָף, האָט אים מיט גרויס ליבשאַפט ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך זיין קליין קערפּערל. זי האָט אים באַדעקט מיט קושן און אוועקגעשיקט זיך שפּילן. דאָס קינד איז ארויס אין גאַס און איז באַלד מיטגעריסן געוואָרן מיטן געשריי פון די קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט.

די טאָכטער איז אויפגעשטאנען פון איר שטול, האָט זיך אויסגעגלייכט אין דער גאנצער לענג פון איר פעסט-געבויטן קערפער און האָט מיט א מאָדנעם פייערל אין די אויגן געקוקט אויף דער מאמען וועלכע האָט זיך געדרייט אין דרייען פון אירע ווייטיקן און ניט געהאט קיין כוח מער צו שרייען.

א מינוט איז זי געשטאנען רואיק, נאָר די שארפע שטריכן פון איר לענגלעך פנים האָבן נערוועז געצוקט. פלוצלינג זיינען זיי ווי פארשטיינערט געוואָרן אין אן אויסדרוק פון קראפט און אנטשלאָסנקייט.

— יאָ, נאָר איין-און-אייציקע מינוט פון מוט און פעסטקייט און איך וואָלט זי באפרייט פון אירע ליידן, האָט געשלאָגן א מחשבה אין איר מוח ; איך וואָלט געוועזן דער גאָט צו וועמען זי טוט תפילה און פארגיסט טרערן בעטנדיק זיין הילף. אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן א פייערל, א שרעקלעכס, א ווילדס, אזא וואָס מען זעט נאָר אין די אויגן פון פארברעכער אָדער משוגעים. אָבער ביסלעכווייז האָט עס זיך געלאָשן אין דער טונקלקייט וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט איבערן צימער.

די זון האָט זיך געזעגנט. די לעצטע שטראלן האָבן זיך ביסלעכווייז געלאָשן. א פינצטערניש האָט זיך אויסגעשפרייט ביז אין ווייטסטן ווינקל פון צימער.

— טאָכטער, האָט זיך געהערט די שוואכע שטים פון דער אלטער, — גיב מיר עפעס ס'זאָל מיר לייכטער ווערן, גיב מיר די רפואה. עס האָט אויסגעזען ווי די אלטע וואָלט פארשטאנען דעם געראנגל וואָס קומט פאָר ביי דער טאָכטער אין מוח און האָט געוואָלט איר צוגעבן מוט אויסצופירן איר שליחות.

די טאָכטער איז צוגעגאנגען צו דער קראנקער מוטער און איר גענומען געבן די רפואה. ביים ארייננגיסן די פליסיקייט אין לעפל, האָט עפעס ווי א געהיימע האנט איר א שטויס געטאָן און די טראָפן זיינען אריין מער ווי דער דאָקטאָר האָט פארשריבן.

די אלטע האָט אראָפּגעשלונגען די רפואה. ס'האָט איר פארכאפט דעם אָטעם. זי האָט געוואָלט זאָגן עפעס, אפשר אפילו דאנקען, זי האָט אָבער ניט געקענט ארויסברענגען קיין וואָרט. זי האָט זיך א כאפ געטאָן ביים הארץ און איז געבליבן ליגן רואיק, גלייך ווי זי וואָלט ארייננגעפאלן אין א טיפן שלאָף. די טאָכטער דערפילנדיק אז איר מוטערס אָטעם ווערט שוואכער, האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט א לאָז טאָן זיך איר העלפן, נאָר עפעס ווי עמיצער וואָלט איר צוריקגעהאלטן. זי האָט א ציטער געטאָן, מיט די הענט זיך פארשטעלט די אויגן און זיך געוואקלט ווי אין א פיבער.

דורך דעם פענצטער האָבן ארייננגעלויכטן די לעצטע שקיעה-שטראלן.

ערגעץ ווייט אויפן האָריזאָנט האָט זיך דער ים געטונקען אין רויטע פלאַמען ווי אין צעגאָסענעם בלוט.

אין צימער איז שוין פינצטער געווען. עפּעס האָט אַ שאַרכע געטאָן אין אַ ווינקל פון צימער. די טאָכטער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אוועקגענומען די הענט פון די אויגן און האָט מיט שרעק געקוקט צום בעט וואו די מוטער איז געלעגן. איר פאַרגליווערט פּנים האָט זיך געבלייכט אין דער פינצטערניש.

שפּעט אין אָוונט, ווען די טאָכטער איז אַרויס אין דרויסן אויף דעם רוף פון איר מאַן, איז שוין דער שיכון געשלאָפן איינגעהילט אין דער נאַכט. איבעם הימל האָבן בלויע וואָלקנס געשוועבט, באַלויכטענע פון אַ פולער זילבערנער לבנה. זי האָט אַרויפגעקוקט צום הימל און צוויי הייסע טרערן זײַנען אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד.

— מאַמע, האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן אַ געוויין, דײַן געבעט איז דערהערט געוואָרן...

משה ביק

מקורות און שליחות פון פאָלקס־ליד

די נשמה האָט איר באַזונדער שפּראַך. דער ווערטער-לשון איז ניט שטענדיק גענוג אויף אויסצודריקן און אַרויסברענגען די אַלע דינסטע ניואַנסן — פון גאַנצע און האַלבע טענער, אויבנאויפיקע און באַהאַלטענע געפילן — פון דעם מענטשלעכן געמיט. דאָרט, וואו דאָס געדעדטע וואָרט איז הילפלאָז אין אויסדריקן די איידלסטע מענטשלעכע עמאָציעס, דאָרט קומט צוהילף דאָס ליד.

דאָס ליד ציט איר יניקה פון דער מוזיק, וואָרן דאָרט וואו עס הייבט זיך אָן דאָס מענטשלעכע פילן, דאָרט הייבן זיך אָן שנירלעך-און קייטלען טענער אין טענער. ווען די טענער שטעלן זיך אויס אין א געוויסער לאָגישער אָרדענונג, הייבט זיך אָן די מעלאָדיע. (און מעלאָדיע איז די מאַמע פון דער מוזיק...). ווען דאָס וואָרט איז זיך משדך מיט קלאַנג און גיסט זיך צוזאַמען אין איין ריטמישער גאַנצקייט, ערשט דעמאָלט קען דאָס מענטשלעכע געפיל — פאַר וועלכן דער ווערטער-לשון אליין איז ניט גענוג — קומען צום אויסדרוק און, ס'ווערט דערפון א ליד.

דאָס ליד באַפרייט דעם וואָרט פון זיין זאַכלעכקייט, פון זיין תכליתדיקער בילדלעכקייט און ווערט העכער-וועלטיק. דאָס פאַרמינערט די שווערוואָגיקייט פון געמיט, וועלכער איז שטענדיק דאָ-וועלטיק, און באַפליגלט אים מיט קאָלירדייכע דימיונותדיקע מעטאַפאָרן...

ב.

דאָס ליד איז די שפּראַך פון דער נשמה. דאָס ליד דערהייבט דאָס גורלדיקע וואָס איז דאָ אין לעבן פונעם פּרט, ביז צו דער גורלדיקייט פונעם כלל. אין אַנדערע ווערטער: דאָס ליד פּראָטאָטיפּיזירט דעם איבערלעב פונעם איינצעלנעם און רופט אַרויס, דורך געזאַנג, די זעלביקע געפילן פון טרויער, אָדער פריידּ, ביים כלל. און דאָס איז דער מאַגנעטישער קוואַל פון ליבע ביים פאָלק צום פאָלקס-ליד; צום קלאַנגלעכן און מוזיקאַלן אויסדרוק פון וואָרט, וועלכעס דערציילט וועגן א געשעעניש פון זעלישער איפּטרייסלונג; צום וואָרט, וועלכעס גיסט איבער א געפיל פונעם איינצעלנעם אין די הערצער פונעם כלל, — דאָס וואָרט פון השתפכות הנפשדיקן אַריינטענה'ן פון מענטש אין חלל אַריין פון אייגענעם גורל. פון דאַנען הייבט זיך אָן דאָס פאָלקס-ליד.

דאָס פאָלקס-ליד באַרייכערט די פאָלקס-שפּראַך מיט נייעם אויסדרוק, מיט נייעם פאַרגלייך, מיט נייעם אידיאָם און מיט נייעם פאָלקס-ווערטל. דער דור וועלכער האָט ניט זיינע לידער, וועלכער איז ניט שעפעריש אין וואָרט און קלאַנג, — דער דור בלייבט טויב צו די קולות פון זיין אייגענער נשמה: זיין איבערלעב קומט ניט צום אויסדרוק; זיינע געפילן בלייבן פאַרשטומט; זיין פאַנטאַזיע איינגעצאַמט און — זיין שפּראַך הייבט אָן דעגראַדירן, ווערט אָרעמער אין אויסדרוק, אין זאַפטיקייט, אין פאַרביקייט.

אָבער יעדער דור מוז זיך אויסזינגען — אַפילו דער אָרעמסטער! — ווענדט ער זיך צום אוצר פון פאָלקס-ליד פון די פריערדיקע דורות. וואָרן אין אַלע דורות זיינען פאַראַן — שנאה און ליבשאַפט, טרערן און פרייד, הונגער און זעט, אָרעמקייט און עשירות, מלחמה און שלום — פאַקטאָרן וועלכע סטימולירן דאָס פאָלקס-ליד. וואַקסן אַריין די פאָלקס-לידער טיף אינעם געביין פון פאָלקס באַוואוסטזיין, ווערן ווי הייליקע פאַרמעטן אויפגעהיט אין פאָלקס מויל. גייען איבער בירושה פון דור צו דור און — אין אַ געוויסער מאָס — דינען אַפילו ווי היסטאָרישע דאָקומענטן, וועלכע דערציילן דורך געזאַנג פונעם פאָלקס נעכטן.

ג.

דאָס פאָלקס-ליד דינט ווי אַ צעעפנטע טיר, דורך וועלכער מ׳קען אַריינקוקן אין די טיפענישן פון פאָלקס לעבן, און דערגענצן ידיעות וועגן געשעענישן וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין די לאַנג פאַרגאַנגענע נעכטנס פונעם פאָלק; עס איז אַ טערמאָמעטער צו מעסטן די גייסטיק-עמאָציאָנעלע וואַרעמקייט פון פאָלקס-געמיט אין זיינע פאַרשיידענע תקופות; אַ מיטל צו דערגרונטעווען זיך צו די וואָרצלען פון דער פאָלקס-פּסיכיק.

דאָס יידישע פאָלקס-ליד באַזונדערס, שפּיגלט אָפּ די גורלדיקע געשעענישן פון אַ פאָלק, וואָס אין זיין געאָגראַפישער פונאַנדערגעשפּליטערטקייט האָט עס אָנגעהאַלטן און אויפגעהיט זיינע עטנישע כאַראַקטער שטריכן, וועלכע האָבן זיך ניט געלאָזט צוזאַמענגיסן מיט די פעלקער צווישן וועלכע עס האָט געלעבט. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די קולטור פון די פעלקער איז געווען אַ מער אַנטוויקלטע און אַ רייכערע. סיבות פאַר דעם זיינען דאָ מער ווי גענוג. אָבער דאָס האָט צו טאָן מיט געשיכטע און מיר ווועלן זיך דאָ אויף דעם ניט אָפּשטעלן.

און ווען אַפילו עס זיינען פאָרגעקומען געשעענישן און איבערלעבונגען בשותּפותדיקע מיט אַנדערע פעלקער, און די אַנדערע פעלקער האָבן פאַר די דאָזיקע געשעענישן געשאַפן פאָלקס-לידער, אַפילו דאַן, האָט דאָס יידישע פאָלק געשאַפן זיין אייגן פאָלקס-ליד פאַר דער זעלביקער געשעעניש, ווייל דאָס „פרעמדע״ פאָלקס-ליד האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט.

דאָס פאָלקס-ליד, ווי יעדע אַנדערע פאָלקס-שאַפונג, אָפּערירט מיט אייגנ-

אַרטיקע שפּראַך-אויסדרוקן, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געגעבענעם פאָלק. די פּסיכאָלאָגיע פון דעם געגעבענעם פאָלק גיט צו אירע סימנים צו דער שפּראַך, ווי — מימיק, אינטאָנאַציע, ריטם — אַזוי, אַז אין דער שפּראַך אַליין ליגן די דערקענען-צייכנס פון דער אייגנאַרטיקער פאָלקס פיזיאָנאָמיע. דעריבער איז פאַר אונדז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אַ מענטש פון אַן אַנדער פאָלק קען ניט-און רעדט ניט מיט דער זעלביקער זעלישער בילדלעכקייט — אַפילו וועגן נאַטור-דערשיינונגען — ווי עס רעדט אַ יידישער מענטש ביי שלום-עליכמען.

אַ גאָר וויכטיקער מקור פון וועלכן דאָס פאָלקס-ליד — פון יעדן פאָלק — שעפּט אייגנאַרט, איז די שפּראַכלעכע טאָנאַציע — די געראַדעטע זינגעוודיקייט — די אויבער-און אונטער טענער פון נאַציאָנאַל שפּראַכלעכן קלאַנג. מיר דערקענען די נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט פון אַ מענטש ווען מיר הערן אים ריידן מיט זיין נאַציאָנאַלער רייד-טאָנאַציע אַ פרעמדע שפּראַך.

פּונקט ווי יעדע שפּראַך האָט איר אייגנאַרטיקע טאָנאַציע, אַזוי אויך האָט יעדע שפּראַך איר אייגנאַרטיקן ריטם. די טאָנאַציע און דער ריטם שאַפן די אַנדערשקייט וועלכע טיילט אָפּ פאָלקס-ליד פון פאָלקס-ליד צווישן פעלקער. אָט די שפּראַכלעכע קלאַנג-טאָנאַציע און ריטמישע באַוועגלעכקייט פון זייער אינער-לעכן אָטעם, זיינען די פאַרזיי-קערנדלעך פון וועלכע סע וואַקסן אַרויס די באַזונדערע מוזיקאַלע אַנדערשקייטן ביי פעלקער. די תפילה-נוסחאות, פאָלקס-שטייגער ניגונים און פאָלקס-לידער — שאַפן דעם פאָלקלאָריש צעאַקערטן און באַפרוכפּערטן באָדן פאַר נאַציאָנאַלער מוזיקאַלער קולטור, וואָס סיי אויסערלעך און סיי אינערלעך איז זי אַ וועלט פאַר זיך, — אַ באַזונדערער פּלאַנעט אין דעם שטערן-בעץ פון צווישן פעלקערלעכן מוזיקאַלן וועלטאַל.

ד.

דאָס יידישע פאָלקס-ליד ווי אַ קאָלעקטיווע שאַפונג פון די פאָלקס-מאַסן אין די ווייטסטע היסטאָרישע נעכטנס, איז אויך אין אונדזערע צייטן דער באַליבטסטער און אינטימסטער אויסדרוק פון שעפערישן פאָלקס-אַנאָנים. ווי אין אַלע צייטן פון אונדזער פאָלקסלעבן, גייט אויך איצט אַרום צווישן אונדז דער נסתרדיקער שעפערישער כלל-גייסט, ווי איינער פון די ל״ו אין די קליידער פון אונדזער טאָג-טעגלעכקייט, ניט צו דערקענען אים ווי אַן אויסגעטיילטן און אויסדערוויילטן, מיט שעפערישע הענט, גרייט צו דינען אונדזער פאָלקס-לידער-דיקער השתפכות הנפשדיקער דערהויבנקייט אין וועלכער דער כלל און דער יחיד שותפותן גורלדיקע מזלות און אומפאַרמיידלעכקייטן.

און כאָטש זינט דעם פאַבריקן יאָרהונדערט טוען אָט די אַרבעט פון פאָלקס-ליד באַשאַף אויך נתגלהדיקע שעפערישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע קומען מיט אייגענע נטיותדיק-תכונהדיקע פאַספּאַרטן און שטעמפּלען זייער שליחות מיט

זייערע אינדיווידועלע חתימות — בערל בראַדער (מרגלית), וועלוועלע זבאַרזשער (בנימין זאב ערענקראַנץ), אליקום צונזער, אברהם גאָלדפאַדן, מאַרק וואַרשאַווסקי, זעליק באַרדיטשעווער, מרדכי געבירטיק, נחום שטערנהיים, שמשון פֿערסט און אַנדערע — ציִען זיי, ווי דער למד-וואָווישער אנאָנים, אויך זייער יניקה פֿון דער פֿאָלקס השראה, און זייַנען מקיים ציוויים פֿון דורותדיקן עבר און התחייבותן פֿאַרן דורותדיקן עתיד . . .

מנחם שמי: טבריה

יהושע גראָסבארד

מנחם שמי (שמידט)

(צו דער 15־טער יאָרצייט)

איך הייב אָן די פּאָרטרעטן פון חיפהער מאָלער מיט מנחם שמי, ביט דערפאר ווייל מ. שמי איז דער ערשטער מאָלער וואָס האָט געוואוינט אין חיפה, נאָר דערפאר וואָס ער איז איינער פון די באדייטנסטע מאָלער אין דער מאָדערנער ישראל מאָלעריי און איז א ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון דער ישראל מאָלעריי. אלס חיפהער בירגער און לאנג־יאָריקער לערער פון קונסט אין חיפה, האָט ער זייער א סך משפּיע געווען אויף דעם יונגן דור מאָלער פון ישראל בכלל, און באזונדער אויף די יונגע מאָלער אין חיפה מיט וועלכע ער פלעגט זיך אָפט טרעפן.

מנחם שמי איז געבוירן געוואָרן אין 1897, אין באָברויסק. שוין אלס ייִנגל האָט ער ליב געהאט צו מאָלן. ער האָט געלערנט אין אָדעס. אין עלטער פון זעכצן יאָר האָט ער באשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, בכדי ווייטער צו שטודירן קונסט אין דער „בצלאל־שולע" אין ירושלים.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים געצוואונגען צו איבעררייסן זיין לערנען. מ. שמי איז דאן ארייַנגעריסן־געוואָרן אין די געשעענישן פונעם לאנד. ער טרעט אריין פרייוויליק אין „גדוד־העברי" און נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין באפרייען דאָס לאנד פון דער טערקישער הערשאפט. אין אָנהייב פון די 20־קער יאָרן נעמט ער אָן די שטעלע אלס לערער פון מאָלעריי אין טבריה. ער ארבעט נאָכדעם אלס לערער פון קונסט קרוב צו דרייסיק יאָר און באמיט זיך, מיט גרויס איבערגע־געבנקייט, איינצופלאנצן אין זיינע שילער די ליבע צו קונסט.

אין 1922, באזעצט זיך מ. שמי אין חיפה. ער מאָלט דעמאָלט א סך בילדער פון חיפה און דעם כרמל. ער ארבעט אויך זייער א סך און מיט פלייס צו שאפן דעקאָראציעס פארן טעאטער, און אין קאָנקורס פון „הבימה", אין 1929, באקומט ער דעם ערשטן פריז פאר א דעקאָראציע צו „כתר דוד" פון קאַלדרון.

זינט דעמאָלט איז ער געווען פאררעכנט פאר איינעם פון די באדייטנסטע דעקאָראציע־מאָלער אין לאנד.

אין יאָר 1928, פארברענגט ער א קורצע צייט אין פאריז, וואו ער ווערט שטארק באאיינפלוסט פון די גרויסע מאָלערייען, איבערהויפּט פון פיקאסאָ. דאָס פילט זיך אין „די פישער", געמאָלן נאָך זיין צוריקקומען פון פאריז.

אין די 30-ער יאָרן אַרבעט מ. שמי אין חיפה און אין עכו. זיין פּאַלעטרע ווערט העלער און פאַרביקער. ער אַרבעט א סך אויף דער פאַקטור פון דער פאַרב און מאָלט א גרעסערע צאָל זאַפטיקע פייזאַזשן פון עכו און חיפה. ער מאָלט אויך א סך קאָלירפולע פּאָרטרעטן און אינטעריערן.

אין יאָר 1937, פאָרט מ. שמי צום צווייטן מאָל קיין פאַריז. ער שטעלט דאָרט אויס זיינע אַרבעטן. ער באַקענט זיך און שליסט פריינדשאַפט מיט פאַריזער יידישע מאָלער, ווי — סוטין, שאַגאַל, קרעמען, אַבערדאַם, פּרעסמאַן און אַנדערע. זייער ווירקונג אויף אים קומט צום אויסדרוק אין א געדעמפּפטער טיף-בלאָער פאַרבן-גאַמע אין וועלכע ער מאָלט א ריי „קינדער-קאָמפּאָזיציעס" און פּייזאַזשן.

בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה מאָביליזירט זיך מ. שמי פרייוויליק אין דער יידישער בריגאַדע. זייענדיק אין מצרים מאָלט ער א סך פּאָרטרעטן פון זעלנער און בילדער פון דער דאָרטיקער אַרעמקייט; ער אָרדנט איין אן אויס-שטעלונג פון זיינע אַרבעטן, וועלכע רופט אַרויס גרויס אָנזען ביי די באַזוכער, צווישן זיי א סך הויכע מיליטער-לייט פון דער אַרמיי פון די פאַראייניקטע פעלקער. שפּעטער, געפינענדיק זיך אין ליביע, בענגאַזי און קירינייקאַ, שאַפט ער דאָרט א סך זאַפטיקע און קאָלירפולע מזרחדיקע פייזאַזשן. אין איטאַליע מאָלט ער ווידער אין א טונקל געדעמפּפטער גאַמע בילדער פון פליטים און פייזאַזשן.

נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1946, אָרדנט איין דער תל-אביבער מוזייאום א גרויסע איינדרוקספולע אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן פון די מלחמה-יאָרן וועלכע ווייזט די קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג פון מ. שמי. אין יענער צייט באַזעצט ער זיך אין צפת, וואָס ווערט א באַזונדער קאַפּיטל אין זיין מאָלעריי.

אין יאָר 1948, ווען זיין זון דזשימי פאַלט אין באַפרייאונגס-קאַמף פון לאַנד, קאָנצענטרירט זיך מ. שמי און אַרבעט מיט א סך פלייס אויף דעם פּראָיעקט פון א דענקמאָל אין קרית-ענבים וואו ס'געפינט זיך דער קבר פון זיין זון און די חברים זיינע.

אין דער זעלבער צייט נעמט ער אויף ביי די חברים פון זיין זון פאַרשיידענע פאַקטן פון זייער צוזאַמענאַרבעט מיט דזשימין און שרייבט אָן דאָס בוך „חברים מספּרים על ג'ימי".

ער פאַרטיפט נאָך מער זיין קאָלאָריט און שאַפט וואונדערבאַרע קאָמפּאָ-זיציעס, אינטעריערן, וואו ס'קומט צום אויסדרוק זיין פּערזענלעכקייט און זיין טיפער הומאַניזם.

זומער, 1951, ווערט ער פּלוצים קראַנק און שטאַרבט אין עלטער פון פיר-און-פופציק יאָר. זיין טויט האָט דערשיטערט א סך מענטשן איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן אים הויך געשעצט און באַצויגן זיך מיט ליבע צום מענטש און קינסטלער מנחם שמי.

ווער עס פאָלגט נאָך מ. שמי'ס קרעאַטיוון גאַנג, זעט איין, אַז ער איז אַן אייגנאַרטיקער קינסטלער, פאַר וועמען דער שאַפונגס וועג ליגט אָפן; דאָס איז אַ וועג פון אַ גראַדליניקער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג. די איבערגענג זיינען אַ רעזולטאַט פון פאַרטיפטע זוכענישן צו געפינען די פּאַסנדסטע אויסדרוקס-פאָרמען.

שוין אין טבריהער פּעריאָד פילט זיך די שטאַרקע שפּרודלדיקע רעאַליסטישע אויפפאַסונג פון זיינע אַרבעטן. דערנאָך אין דער חיפהער תקופה זעט מען זיינע באַמיאונגען אויפצובויען אַ שטרענג-מאָלערישע קאָנסטרוקציע פון בילד (סעזאַן), ווי אויך די זיכונגען אויף אַן אומקמיטלבאַרן אויפנעמען פונעם וועזנטלעכן אין ארץ-ישראל פּייזאַזש. דער עכו פּעריאָד ווייזט אויף מ. שמי'ס באַמיאונגען אַרויס-צובאַקומען די אינטענסיווקייט פון די פאַרבשיכטן. מ. שמי מאָלט אַ סך פּאַסטאָז-אַרטיק און באַקומט אַרויס טיפן אויסדרוק און געפיל, איבערהויפּט אין די פיל-צאָליקע פּרעכטיקע פּאָרטרעטן וועלכע ער האָט צו יענער צייט געשאַפן.

נאָך זיין קומען פון פּאַריז און אין די מלחמה-יאָרן, ווערט זיין פּאַלעטרע געדעמפּט און טיפער, ניט איינטאָניק, דאָס קומט צום אויסדרוק אינעם גרעסטן טייל בילדער זיינע פון דער מלחמה-צייט, ווי: „פליטים", „קאָנצענטראַציע-לאַגערן", אין אַ סך פּייזאַזשן פון איטאַליע און אין די „נעגער-זעלנער". דאָ קומט אויך צום אויסדרוק זיין הומאַנישע באַציאונג צו די אַלע פּראָבלעמען וועלכע די מלחמה האָט אַרויסגערופן. און מ. שמי האָט אויף זיין באַשיידענעם קינסטלערישן אופן רעאַגירט אויף דעם.

אינעם נאָך-מלחמה-פּעריאָד, ווען ער באַזעצט זיך אין צפת, גייט אויף אין אים זיין גאַנצער מאָלערישער כוח, און מיט דער גרויסער ליבע צו צפת, ווי אין אַלגעמיין צום ישראל-פּייזאַזש, שאַפט ער אַ קאָלירפולע, ליריש-דיכטערישע-פּאָעמע וואָס אָטעמט מיט צפתער אַטמאָספער, — די מיסטעריעזע מזרח-שטאָט פון אַ סך יידישע לעגענדעס. צפת בלייבט דער פיינסטער און שענסטער אויסדרוק פון מנחם שמי'ס קינסטלערישער שאַפונג. דאָ האָבן זיך באַהאַפטן זיינע פילצאָליקע נסיונות, איינפלוסן און זעלבסטשטענדיקע דער-גרייכונגען צוזאַמען מיט זיין טיפער הומאַנישקייט און ליבע. דאָס אַלץ, אויסגעטייטשט אויף פּשוט מאָלערישע מיטלען, — ליניע און פאַרב, — שאַפן דעם כשוף וואָס באַווירקט אונדז אין זיינע צפתער בילדער.

די פּערזענלעכקייט פון מנחם שמי און זיין שטאַרקער כאַראַקטער ווי אַ זעלבסטשטענדיקער מאָלער, קומט אַרויס נאָך מער בולט, ווען מיר באַטראַכטן דעם צייט-אָפּשניט אין וועלכן ער האָט געשאַפן, — אַ צייט פון „איבערטרייסלען די ווערטן" פון די פאַרשיידנסטע אומפּרוכטבאַרע פאָרמאַליסטישע נסיונות, וואָס האָבן געלאָקט אַ סך ערנסטע קינסטלער און פון וועלכע אַ געוויסע צאָל זיינען טאַקע פאַרפירט געוואָרן. אין אַזאַ צייט האָט מנחם שמי באַוויזן צו פאַרטיפן זיינע אַרבעטן און געבן אונדז אמתע ריינע מאָלעריי.

אין אלגעמיין איז מנחם שמי געווען אן אימפולסיווער מענטש, א גוטער דעמאָקראַטישער מיטשמועסער, חבריש געזאָגט א גוט וואָרט פאַר א גוטער מאַלערישער אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט צו זען אויך ביי א צווייטן גוטע מאַלעריי און איז שטענדיק געווען פול מיט שאַפונגס-פּלענער.

ווי א דערגענצונג צו זיין מאַלערישן שאַפן, זיינען זיינע צאָליקע באַמערקונגען און אַרויסזאָגונגען — טיילמאָל כמעט לאַקאָנישע — אין פראַגן פון קונסט בכלל און פון יידישער קונסט בפרט. אויך זיינע מיינונגען וועגן קינסטלער, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין די 168 בריוו צו זיין פרוי רבקה, צו די קינדער, צו זיין ברודער אין פּאַריז און חברים קינסטלער, וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעכטיקער מאָנאָגראַפיע „מנחם שמי״, אַרויסגעגעבן דורך „הוצאת הקיבוץ-המאוחד״ — (אגב דעם גרעסטן יישר-כוח פאַרן דערשיינען פון דער מאָנאָגראַפיע, קומט זיין פרוי רבקה שמי, וועלכע האָט אריינגעלייגט א סך מסירת-נפש, אָנשטרענגונג און ליבע) — וואָס העלפט צו דערגענצן א סך שטריכן אין דעם וואונדערבארן פּאָרטרעט פון מאָלער און מענטש מנחם שמי.

איך וויל נאָך דאָ צוגעבן עטלעכע „ראַנד-באַמערקונגען״:

מנחם שמי האָט זוכה געווען, אז אויף זיין נאָמען איז אָנגערופן געוואָרן אן אויסשטעלונג-זאַל אין חיפהער שטאָטישן „מוזייאום פאַר מאָדערנער קונסט״. אין א טייל פונעם „משכן לאמנות״ אין קיבוץ עין-חרוד, איז כסדר אָפן אן אויסשטעלונג פון מנחם שמיס אַרבעטן. דער נאַציאָנאַלער ראַט פאַר קולטור און קונסט האָט אין 1965-סטן יאָר אַרויסגעגעבן א פיל-פאַרביקן פּייזאַזש פון מנחם שמי, אלס הויפּט-פּלאַקאַט צו דער „וואָך פאַר פּלאַסטישער קונסט״, וועלכער איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

ס׳ווערן געמאַכט הכנות צו א גרויסער אויסשטעלונג פון אלע שאַפונגען פון מנחם שמי.

איך האַלט, אז ס׳וואָלט געווען זייער פּאַסיק, אז די חיפהער און צפתער שטאָט-ראַטן זאָלן פון צייט צו צייט (יעדע פינף יאָר), פאַרטיילן א פּרייז פאַר א קינסטלערישער שאַפונג, אויפן נאָמען פון מנחם שמי.

א. גוטעס

„215 טעג"

„215 טעג, וואָס האָבן געענדערט דעם פּנים פון פּאַטערלאַנד" (215 יום ששינו את פני המולדת), הייסט דאָס לעצטע בוך פון מענדל זינגער, א ווערק פון 408 זייטן, ארויסגעגעבן פון חיפהער זשורנאַליסטן פאַראיין, בשותפות מיט דער אָפּטיילונג פאַר קולטור און דערציאונג ביים חיפהער ארבעטער-ראַט.

דאָס בוך דערמאָנט דזשאָן רידס „10 טעג, וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט" — די ערשטע 10 טעג פון דער נאָוועמבער רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד (לענינגראַד), אָבער צווישןביידע ווערק איז פאַראן א טיפער אונטערשייד: — דזשאָן ריד, א רעפּאָרטער פון א גרויסע אמעריקאַנער צייטונג איז ווי א פרעמדער בייגעוועזן 10 טעג רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד און האָט פּאַכמעניש קאַלט, פּאַראייביקט דאָס געזעענע אין א גלענצענדן רעפּאָרטאַזש, בעת מענדל זינגער, ווי אַן אייגענער, האָט ניט נאָר בייגעוועזן די 215 טעג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און באַפרייאונגס מלחמה אין חיפה, אלא, האָט אליין מיטגעמאַכט און מיטגעלעבט דעם ניט גלייכן קאַמף פון די יונגע יידישע שוץ-כּוחות געגן די אראבישע כּנופיות, געגן די בריטיש-בעוויניסטישע זשאַנדאַרן און מיליטער וואָס האָבן צוזאַמען מיטן אראבישן לעגיאָן, זיך פאַרמאָסטן צו פאַרלענדן די יידישע חיפה. דזשאָן ריד האָט געשריבן מיט טינט, און מענדל זינגער שרייבט מיטן בלוט פון זיין הארץ, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אז דאָ שפּילט זיך אָפּ א היסטאָרישע שלאַכט אויף לעבן און טויט!

מ. זינגער האָט דעם גאַנג פון די געשעענישן ארויסגעבראַכט אינעם בוך. ווי א טאָגבוך, באַטירט די פּאַסירונגען פון די בלוטיק-העראָאישע 215 טעג, פון סוף זומער 1947, ביז ערב פּסח, אַפּריל 1948, ווען די שטאָט אין באַפרייט געוואָרן און די ווייס בלויע פאָן פון ישראל איז ארויפגעצויגן געוואָרן אויף דער רעגירונגס-הויז און אויפן חיפהער שטאָט-ראַט.

די פּינקטלעכע טאָג טעגלעכע פאַרצייכענונגען פון מ. זינגער, וויקלען פאַנאַנדער די געשעענישן פון יעדער טאָג באַזונדער, ווי אזוי מען איז באַפאַלן די אָדער יענע גאַס, דעם אָדער יענעם קוואַרטאַל, דעם און יענעם יחיד אין זיין לעצטן גאַנג, און גיט אויך איבער דעם העראָאישן יידישן ווידערשטאַנד. דאָס אלץ לייענט זיך מיט ציטער און שפּאַנונג, ווער רעדט נאָך, די באַשרייבונג פון די מאָרד-אקטן פונעם אראבישן לעגיאָן, אָדער פון דעם דערשיטערנדן מאַסן מאָרד אין די נאַפט ראַפינעריעס פון חיפה, סוף דעצעמבער 1947, וואו א צווילדעוועטער

אראבישער המון פון 1600 מאן, איז באפאלן 400 שוצלאָזע יידישע ארבעטער. בעת מעשה זיינען די בריטישע פאָליציאַנטן מיט די באאמטע געבליבן אָן א זייט און זיך באוויזן ערשט נאָכן דערמאָרדן 41 יידישע ארבעטער. מ. זינגער פארפעלט ניט צו דערציילן, ווי די הגנה האָט שפעטער באצאָלט די רוצחים אין זייערע אייגענע נעסטן אין בעלאד אל שייך (היינט תל-חנן).

דער מחבר פארגעסט ניט ארייצואוועבן אין זיין גבורה-און קאמפס-כראָניק דעם פאראלעלן קאמף מיט די בריטן פארן אָפּלאָדן די שיפן מיט מעפילים, וואָס איז אין יענע טעג אין חיפה געווען אן אָרגאנישער פראָנט-אָפּשניט פונעם באפרייאונגס-קריג. דאָס נעמלעכע — דעם קאמף צו פארזיכערן די וועגן, וועלכע פירן קיין חיפה, און די פרטים פון דער פיבערהאפטער געזעלשאפטלעכער אקציע צו פארזאָרגן הונדערטער משפחות פון יידישע פליטים, די זאָרג פאר אפּראָוויזאציע, דאָס ניט לאָזן אויסלעשן די טאָג-טעגלעכע ארבעט אין די פאבריקן און ווארשטאטן, דאָס פארזעצן די לימודים אין אלע שולעס, א.א.וו. א.א.וו. ...און אלץ אונטער א האָגל פון קוילן, באָמבעס, און מינעס. אָדער די דראמאטישע אקטן פון איבערנעמען די אייזנבאַן, פאָסט און טעלעגראף, דעם עראָדראָם און דעם פאָרט. דער וואָפנשטילשטאנד אָפּמאך נאָך דער קאפיטולאציע פון די אראבער, און די אראבישע מאסן בריחה, וואָס די יידן האָבן זיך באמיט אָפּצושטעלן וכדומה.

מ. זינגער האָט אין זיין בוך אָנגעהויפט א גרויסן היסטאָרישן מאטעריאל, וואָס וועט מיט דורות שפעטער אלזייטיק אָפּשפיגלען די יידישע חיפה אין באלאגערונג און פייער אין לויף פון לאנגע 215 מעת-לעת פון דערהויבונג, און העכסטער מסירת-נפש.

די באפרייאונג פון חיפה איז געווען דער ערשטער גרויסער יידישער נצחון אין באפרייאונגס-קריג, וואָס האָט דערמונטערט אלע יידישע שוץ-כוחות אין לאנד, צו דערנעענטערן דעם טאָג פון עטאבלירן מדינת-ישראל, דעם 14-טן מאי, 1948.

אבישר ד. זכאי

צווישן מוזייאומס אין חיפה

חיפה, די צווייטע שטאָט אין לאַנד, לויט איר צאָל אייגוואוינער, איז אייגנטלעך א גאָר נייע שטאָט, וואָס ציילט קוים א פופציק יאָר, כאָטש דער יישוב עקזיסטירט דאָ פון דער תלמוד-תקופה אָן („רב אבדימי דמן חיפה״, אָדער פאַרקירצט: „רב דימי דמן חיפה״, — אין תלמוד בבלי, מסכת מגילה כ״ט ע״ב. דאַגעגן, אין תלמוד ירושלמי ווערט ער דערמאָנט פיל מאָל ניט פאַרקירצט) און נאָך פיל פריער, ווען איר אור-אַלטער נאָמען איז געווען שיקמונה.

ערשט ניט לאַנג, מיט עטלעכע צענדליק יאָר פריער, איז עס געווען א גאָר קליינער יישוב, פיל קלענער פון דער דערבייאיקער עכו, די איינציקע פּאָרט-שטאָטביים צפון-ברעג פון ארץ-ישראל, — דער ערשטער טויער פון לאַנד און טרעף-פונקט צווישן מזרח און מערב.

אין די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין תל-שיקמונה, וואָס גייען אָן שוין א פּאָר יאָר, זיינען געפונען געוואָרן איבערבלייבענישן און רעשטלעך פון דער אור-אַלטער שטאָט. אָבער די היינטיקע חיפה איז גאָר ניי, „פריש-געבאַקן״, זי איז אויפגעקומען און האָט זיך צעבליט אינעם דינאַמישן ווידעראויפבוי פון ארץ-ישראל, צוזאַמען מיט תל-אביב און די אַנדערע שטעט פון לאַנד.

אָבער בעת תל-אביב, — כראָנאָלאָגיש די ערשטע יידישע שטאָט אין לאַנד, — האָט זיך ראַשיק אַנטוויקלט געזעלשאַפטלעך און קולטורעל אַדאַנק די חלוציש-דינאַמישע כוחות וואָס זי האָט קאָנצענטרירט, איז די עטנאָגראַפיש-געמישטע חיפה, מיט איר יידיש-אַראַבישער באַפעלקערונג — אונטער דעם בריטיש-מאַנדאַ-טאָרישן שטאָט-ראַט, וואו די יידן זיינען געווען א פאַרשווינדנדיקע מינדערהייט, געבליבן הינטערשטעליק און געפּענטעט אין איר יידיש-געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. און נאָר מיטן עטאַבלירן די יידישע מדינה, זיינען געשאַפן געוואָרן די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן אָנצואָגן, אין א בליק-פאַרמעסט מיט דער צייט, דאָס פאַרנאַכלעסיקטע.

אַזוי ווי א לאַנג-פאַרשטאָפּטער קוואַל שפּאַרט פלוצים אַרויס מיט אויפסניי-דערוואַכטע שפּרודלדיקע כוחות, וועלכע האָבן פּאַרטייעט געדרימלט אין די פאַרבאָרגענע טיפענישן, אַזוי האָט אין דער נייער נאָר-וואָס באַפרייטער יידישער חיפה אויפגעפּראַלט א ברייט-פאַרצווייגטע דינאַמישע געזעלשאַפטלעכקייט; און צוזאַמען מיט אַנדערע אינסטיטוציעס און פאַקטאָרן, זיינען אויפגעקומען א

גאנצע ריי מוזייאומס וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צום פארוואנדלען די שטאָט אין א דערציערייש-קולטורעלן צענטער.

מוזייאום פאר מאָדערנער-קונסט

דער דאָזיקער מוזייאום, — כראָנאָלאָגיש דער ערשטער אין שטאָט, וואָס געפינט זיך אין א פליגל פון שטאָט-ראט בנין, — איז דערעפנט געוואָרן ערשט מיט א פופצן יאָר צוריק, מיט דער גרויסער אויסשטעלונג פון **מארק שאגאל**, וואָס האָט פארנומען אלע דריי שטאָק.

אָן דערפארונג, אָן טראדיציע און זאך-קענטעניש האָט אויפגעדייעט און געוואקסן דער קערן וואָס ס'האָבן פארזעצט אייניקע קונסט-טוער און ליבהאָבער. זינט 1955 האָט דאָ געווירקט אלס דירעקטאָר ד"ר פ. שיף ע"ה, וועלכער האָט פיל בייגעשטייערט צו דער אנטוויקלונג פון דעם מוזייאום.

כ'דערמאָן זיך די ערשטע איינשאפונג פונעם מוזייאום, — א זעלטענע געלעגנהייט און א גרויסע מציאה — דאָס אויל-בילד „כליזמרים" פון ישׂשכר בער ריבאק.

א לאנגע צייט איז דאָס בילד געהאנגען אין זיצונגס-זאל פון שטאָט-ראט. און איך, א רעפּאָרטער, נעבעך, פון א העברעאישער טאָג-צייטונג, האָב זיך פשוט מחיה-געווען בעת די לאנגע ענדלאָזע דיסקוסיעס פון די שטאָט-ראטלער, וועלכע ריידן, ווי באקאנט, פיל מער ווי זיי טוען...

בעת די לאנגווייליקע זיצונגען, ווען די טרוקענע סטאטיסטישע באריכטן דאקוטשען די נשמה, פלעג איך מיך „צוהערן" צו די „וויזועלע" אקאָרדן פון די קלעזמערס, צו זייערע ליבהארציקע בים-באָם און טשירי-באָם, מיט וועלכע די קאפעליע האָט אזוי הומאָרפול „צוגעצימבלט" צו די רייד פון די שטאָט-טאטעס, אמאָל מיט גוטמוטיקער צושטימונג; אמאָל מיט שפּאָטישן, סאטיריש-בייסיקן דיסאָנאנס... און ניט איינמאָל, ווען די דיסקוסיעס האָבן זיך צעפלאקערט אין א רוישיקער קאקאפאָניע, פלעגט זיך מיר אויפן שפּיץ-צונג לייגן דאָס באקאנטע פאָלקס-לידל אין דער ריכטונג פון ריבאקס קאפעליע:

"יידל מיטן פידל, בערל מיטן באס
שפּילט מיר אויס א לידל, אין דעם מיטן רעש".

דער מוזייאום ציילט שוין היינט צו טאָג מער ווי דריי-טויזנט קונסט-ווערק, אין בילד און שטיין. די ביבליאָטעק זיינע אנטהאלט איבער צוויי-טויזנט ביכער וואָס דינען די קרייזלעך פון קונסט-פריינד און די קונסט-פאָרשער. צווישן די לעקטאָרן זיינען אויך דאָ קינסטלער און זאך קענער פון אויסלאנד וואָס ווילן אין ישראל. ס'ווערן אויך אָרגאניזירט וואנדערנדיקע רעפּראָדוקציע-אויסשטעלונגען אין דער סביבה.

די אויסשטעלונגען אין מוזייאום בייטן זיך יעדן חודש. ס׳קומען פאַר יערלעכע אויסשטעלונגען פון יידישער קונסט פון ווערק פון אייגענעם באַזיץ, און אויך ספּעציעלע אויסלענדישע עקספּאָזיציעס פון וועלט-קינסטלער, — מיט דער הילף פון אויסערן-מיניסטעריום און די באַטרעפנדיקע דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער — ווי צום ביישפּיל די אויסשטעלונגען פון וואַן גאָך, פּיקאַסאָ, חנה אָרלאָף, וועלכע איז געקומען פון פּאַריז צו דער דערעפענונג פון איר אויסשטעלונג, מאַנע כץ, וואָס האָט פאַר זיין טויט איבערגעלאָזט פאַר דער שטאָט חיפה זיין פאַרמעגן. (אגב, אויפן כרמל-ראַנד, מיטן אַנבליק אויף דער שטאָט, דעם ים, עמק-זבולון און דעם מערבדיקן גליל, וועט זיך בקרוב עפענען דער „בית מאנה כץ״).

אפשר איז דאָ ניט איבעריק אַ קורצע באַמערקונג: דער טראָפּ זאָל זיין טאַקע אויף מאָדערנער קונסט, אָבער וואָס מער צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך פאַר די ברייטע פאָלקס-שיכטן און יוגנט און ניט נאָר פאַר פיינשמעקער און פאַר ענגערע קליינע קרייזן.

אַזוי איז אין אַ קורצער צייט, פאַרהעלטנישמעסיק, געשאַפן געוואָרן אין חיפה אַ וויכטיקער צענטער פאַר פּלאַסטישער-קונסט; אַ קולטורעל-דערציערישער פאַקטאָר אין לעבן פאַר דער חיפהער באַפעלקערונג, ווי אויך פאַר געסט און טוריסטן.

מוזייאום פאַר אַלטערטימלעכער-קונסט

דער ערשטער קערן פאַרן מוזייאום איז געווען די פּריוואַטע זאַמלונג פון דעם חיפהער תושב ה׳ ראש, וואָס ער האָט עס געשאָנקען פאַר דעם צוועק.

מיט פיל פלייס, ענערגיע, אומדערמידלעכע מי און זאַך-פאַרשטענדעניש האָט זיך אין משך פון יאָרן אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע ריי קאָלעקציעס: העלעניסטישע סטאַטועס; דאָקומענטאַרע עקספּאָנאַטן פון קיסריה; ביזאַנטינישע און קאָפּטישע האַנט-אַרבעטן און געוואַנטן; אַלטערטימלעכע בילדער פון פאַיום מיט אַ וואונדערלעכער קאָליר-פרישקייט; מאָזאַיִק-פּלאַטן פון שיקמונה; מטבעות, פיניקישע און גריכישע גלאָז-פּראָדוקטן א.א.וו.

די לעצטע איינשאַפונגען זיינען אַלט-פּערסישע כלים פון ליים און קעראַמיק, און ארץ-ישׂראלדיקע אוייל לעמפּלעך און מנורות.

דאָס אַלץ, סיסטעמאַטיש סאָרטירט און פאַרגעשטעלט אַלס פּלאַסטישע קונסט-ווערק אין בילד און פאָרם — ניט אין אַרכעאָלאָגישן זין און באַדייט — פירט אַריין דעם באַזוכער אין דער וועלט פון אַלטערטום, אין וועמעס אַנבליק די הייַנטצייטיקע אַזוי-גערופענע קולטור-עפּאָכע האָט גאָרניט וואָס צו שטאָלצירן...

דער לאָקאַל פון מוזייאום דינט אויך צו מאָל אַלס אכסניה פאַר פּאָפּולערע

ארכעאָלאָגישע אויסשטעלונגען פונעם אור-מענטש פון כרמל (דער אדם הקדמון), און פאַר דעמאָנסטרירן די עקסקאַוואַציעס אין דעם אַלטערטימלעכן פריער דערמאָנטן תל-שיקמונה.

ים-מוזייאום

חיפה, — דער הויפּט פּאָרט פון ישראל און צענטער פונעם ישראלדיקן ים-פלאָט, — איז דער נאַטירלעכער אָרט פאַרן דאָזיקן מוזייאום, וואָס איז פּאַקטיש דער איינציקער אין לאַנד, און אפשר אויך דער וויכטיקסטער אין זיין אינהאַלט און פאַרנעם.

זיינע פיל עקספּאָנאַטן: ארום 150 שיף-מוסטערן, צוממיינסטן רעקאָנסטרואירט לויט אויטענטישע מקורות; אַלטע מטבעות און זשעטאָנען וואָס סימבאָליזירן דעם שיפס-וועזן און ים-אָנגעלעגנהייטן; היסטאָרישע מאַפּעס פון די ים-ברעגן און א רייכע מאַרין-ביבליאָטעק; דאָס אַלץ צוזאַמען מיט די טיילן פון דעם באַזיגטן אין דער סיני אַקציע מצרישן צעשטערער „איבראהים-אל-אוול", — די גריבע פענער פון דער פלאָטילע, דער קאָמאַנדיר-שטעקן פונעם קאַפּיטאַן, און די מיליטערישע ים-מאַפּעס וועלכע באַצייכענען די אָנגריף פונקטן אויף די ישראל ברעגן. אויך צענדליקער מאָדעלן פון האַנדלס-שיפן, — גריכישע, פיניקישע, רוימישע, ביזאַנטינישע, ווענעציאַנישע א.א. דאָס אַלץ איז ענג צוזאַמענגעדריקט אין א פּאָר קליינע צימערן אין מאַטראָסן-היים „בית יורדי ים", וואָס געהערט צום „חבל ימי לישראל", וועלכער שטיצט צוזאַמען מיטן שטאָט-ראַט דעם מוזייאום.

אין דעם מוזייאום זיינען אויך אויסגעשטעלט: צענדליקער שיף-מאָדעלן פון איין ביז אָנדערטהאַלבן מעטער די לענג; אַן עגיפּטישע שיפל פון יאָר 2800 פאַר דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג; א שיפל, וואָס נאָר דער קערפּער אירער איז געבויט פון האָלץ — צוליבן מאַנגל אין האָלץ אינעם אור-אַלטן עגיפּטן — אָבער די אַנקערס און אַלע אַנדערע כלים און אינסטרומענטן זיינען פון שטיין, מיט א מאַסט-בוים באַהעפט פון צוויי באַלקנס; זעלטענע מוסטערן פון תרשיש-שיפן. לויט זייער מאָדעל האָט שלמה המלך געבויט זיין פלאָט אין דער פּראַכט-עפּאָכע פון ישראלס קעניגרייך. דאָס איז נאָר א קליינער טייל פונעם ים-מוזייאום וואָס איז, ווי געזאָגט, דער איינציקער אין ישראל.

דער „טאַטע" זיינער איז דער יונגער פלאָט-אָפיצער, מאַיאָר אריה בן-אלי. אין יאָר 1951, האָט ער פאַרגעלייגט אָפּצוגעבן זיין פּריוואַטע זאַמלונג פון אור-אַלטע שיף מאָדעלן, מאַפּעס, רייכע מאַרין-ביבליאָטעק און פיל אַנדערע היסטאָריש-ווערטפולע עקספּאָנאַטן דעם ישראלדיקן מיליטערישן ים-פלאָט ווי אן אָנהויב פאַר א ים-מוזייאום, מיטן ציל אָפּצושפּיגלען די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פונעם שיפס-וועזן, זינט די אַלטע צייטן ביזן אויפקום פון דער מדינה.

ערשט אין יאָר 1955, האָבן די צוויי פריער דערמאָנטע מוסדות, אָפּגעקויפט

דעם מוזייאום פונעם „חיל-הים" פאַרן סימבאָלישן פּרייז פון איין ישראל ליר״ה, און נאָמינירט אַלס דירעקטאָר זיין איניציאַטאָר, ה׳ אריה בן-אלי וועלכער האָט שוין באַוויזן צו ברענגען דעם מוזייאום אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג און אָפּשאַצונג. אין יאָר 1964, האָט דער מוזייאום אָנטיילגענומען מיט גרויס דערפאָלג אין אַן אויסשטעלונג אין צפון אַמעריקע, און אַלע גרויסע צייטונגען האָבן אים געווידמעט ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען.

דער דירעקטאָר פון מוזייאום האָט זיך באַטייליקט אין אַ נאָרוועגישער פאָרשונגס-דעלעגאַציע אויפן אַרקטיק און האָט געהאַלטן אַ ציקל לעקציעס אין נאָרוועגיע און אַנדערע סקאַנדינאַווישע לענדער. אין 1966, איז ער געווען אַן אָפיציעלער גאַסט אויפן קאָנגרעס פון מיליטערישע מוזייאומס אין ראַטנ-פאַרבאַנד.

מיר האָבן פריער דערמאָנט אַז די עקספּאָנאַטן זיינען ענג צוזאַמענגעדריקט אין אַ פּאָר קליינע צימערן איז דעריבער כדאי צו באַמערקן, אַז ווען נאָר אַ טייל עקספּאָנאַטן זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין תל-אביב, האָט עס פאַרנומען גאַנצע דריי עטאַזשן פונעם דיזענגאָף-מוזייאום, בעת אין זיין באַזע איז ער „איינגעקאָרטשעט" אין קוים אַ האַלבן שטאָק אויפן פינפטן עטאַזש — אַן אַ ווינדע.

אין דעם זין איז דער מוזיי דערשטיגן צו אַ הויכער מדרגה... צו וועלכער די פּאָטענציעלע מאַסן-באַזוכער קענען פּשוט ניט צוקומען.

מוזיק-מוזייאום

אינעם אָריענטאַליש-אַרטיקן שטיין בנין „בית שטרוק", וואָס דער פאַר-שטאָרבענער מאָלער, פּראָפעסאָר הערמאַן שטרוק, האָט געבויט דורכן אַרכיטעקט אַלעקס בערוואַלד אין סטיל פון זיינע טעכניקום-בנינים, געפינט זיך דער מוזייאום און די ביבליאָטעק פאַר מוזיק.

זיין גרינדער און דירעקטאָר, דער מוזיקאָלאָג ה׳ משה גורלי, שטעלט דעם טראָפּ אויפן קולטור-דערציערישן מאָמענט, מיטן ציל צו אַנטוויקלען און פאַר-שפּרייטן מוזיק-וויסן, און ניט נאָר ווי אַ וויזועל-מוזייאישער צענטער פאַרן צופּעליקן צושויער. און זיין ציל איז טאַקע אַ ברייט-פאַרצווייגטע טעטיקייט אויף דעם געביט.

איינע פון זיינע וויכטיקסטע סעקטאָרן איז די זאַמלונג פון מוזיק-אינסטרו-מענטן פון אַזיע, אַפריקע, אייראָפּע און אַמעריקע, וואָס חוץ זיין מוזייאַלן ווערט דינט ער ווי אַ מקור פאַר דערלערנען און פּאָפּולאַריזירן דעם מוזיק-וועזן און דערקענען די אינסטרומענטן פון פאַרשיידענע פעלקער, — זייער בוי, אַרט און קלאַנג.

דאָ ווערט אויך געפירט א טיכטיקע זאמלונג-ארבעט פון אלע מוזיק-שאפונגען אין דער וועלט, אין צוזאמענהאנג מיטן תנ״ך.

דער ארכיוו פאר יידישער מוזיק אויפן נאָמען פון א. פרידמאן-לוואוו, אנטהאלט דאָקומענטן, מאנוסקריפטן, בילדער און פאָטאָגראפיעס צו דער געשיכטע פון יידישער מוזיק אין אלע דורות.

די זאמלונג פון מטבעות און מעדאלן פון דער תקופה פון בית שני, אויך די וואָס מ׳האָט געפונען בעת די לעצטע ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, גיט אן אויטענטישע שילדערונג פון די מוזיק אינסטרומענטן אין דער דאָזיקער תקופה.

ס׳איז אויך פאראן א רייכע קאָלעקציע מאנוסקריפטן און אויטאָגראפן פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, מוזיקער און פאך-וויסנשאפטלער, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט אין די גלות לענדער; בילדער פון מוזיק-כלים; מארקעס א.א.

א באזונדער וויכטיקער פאקטאָר איז די פעריאָדישע צייטשריפט „תצליל״, פאר מוזיקאָלאָגיע און ביבליאָגראפיע, וואו ס׳ווערן אויך פארעפנטלעכט דאָקו-מענטן, בריוו, און זעלטענע, נאָך קיינמאָל ניט-געדרוקטע מאנוסקריפטן פון ארכיוון און אנדערע מקורות. „תצליל״ (געקלאנג) איז דער איינציקער אָרגאַן אין דער וועלט פאר דער פאָרשונג פון יידישער מוזיק, און ברענגט פיל-באלערנ-דיקע אָפּדרוקן פון בילדער, שריפטן און פארטיטורן.

די קאָלעקציע פון מוזיקאלישע אינסטרומענטן, היסטאָרישע און מאָדערנע, איז די איינציקע אין לאנד און ציילט איבער 500 אינסטרומענטן פון אלע וועלט-טיילן, אויך די וואָס דינען פארן ריטועלן קולט, צום ביישפיל, — דער שופר, פויקן (טאמבורן) און דאָס גלייכן.

די אָפּטיילונג „תנ״ך און מוזיק״ אנטהאלט צוויי סעקציעס: „מוזיק אין דער ביבל״ און „די ביבל אין דער מוזיק״. שוין עטלעכע יאָר ווערט געפירט א רעגיסטער-קארטאָטעק אין פיר טיילן, — צווישן זיי פאר שאפונגען פארטיטורן, קונסט-בילדער און מוזיק-פלאטן אויף תנ״ך-טעמעס — מיטן ציל צו פארפיקסירן אין צוואנציק טויזנט קארטן אלע מוזיק-ווערטן אויף דער דאָזיקער טעמאטיק אין אלע דורות און פעלקער. ס׳פונקציאָנירט אויך א ליי-ביבליאָטעק פון ביכער (אין זעקס שפראכן), נאָטן, און 1200 לאנגשפיל פלאטן פאר קונסט און פאָלקס-מוזיק.

באזונדערס וויכטיק איז די סעקציע פאר מוזיקאָלאָגישער עטנאָגראפיע פון אלע יידישע קיבוצים, שבטים און עדות אין דער דיאספאָרא, ווי אין ישראל גופא. דאָ ווערט געבראכט ווערן צום אויסדרוק דער וואריאנטן-רייכער פיל-פנימדיקער מעלאָס פון יידישן פאָלק, אין זיינע אלע היסטאָרישע און עטנישע אָפּצווייגונגען.

דער מוזייאום איז א מוזיקאליש-וויסנשאפטלעכער צענטער פאר פראָפעסיאָ-

נאלן און ליבהאָבער, שול-יוגנט און שילער פון די קאָנסערוואַטאָריעס אין חיפה און אומגעגנט.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז „בית שטרוק" דינט אויך ווי אַן אָנדענק פאַר דעם גרויסן פּאַטריאָט און קינסטלער, דעם יידישן מאָלער פון דייטשלאַנד, הערמאַן שטרוק.

עטנאָלאָגישער מוזייאום

כאָטש געגרינדעט אין יאָר 1955, האָט ער נאָך ניט באַוויזן צו ווערן אַ צענטער פאַר ברייטערע שיכטן, און זיין טעטיקייט אין דעמאָנסטרירן דורך אויסשטעלונגען עטנאָגראַפישע און פאָלקלאָריסטישע ווערטן איז זייער באַשרייַנקט. דאַגעגן אָרגאַניזירט ער אין די לערן-קרייזלעך סיסטעמאַטישע לעקציעס און רע-פעראַטן וועגן דער קונסט פון פּרימיטיווע פעלקער און ראַסן אין אפריקע און אַזיע, זייער שטייגער-לעבן און טראַכט, האַנט-אַרבעט, געווער, שטוב-און אַרבעט-כּלים, און דאָס גלייכן.

דער איינדרוק איז, אַז פון צופיל ביימער זעט מען ניט דעם וואַלד... ער וואָלט זיך געדאַרפט קאָנצענטרירן נאָר אויף די יידישע שבטים און עדות און אויף זייערע עטנישע אָפּצווייגונגען, — ווי די פאַלאַשן, בני-ישראל אין אינדיע, קאַראַימער, שומרונים, באַרג-יידן, יידן אין תימן, בוכאַרע און אַזוי ווייטער.

א וויכטיקע אויפגאַבע איז דאָס זאַמלען דעם פאָלקלאָר דורך פאַרשרייבן פאָלקס-לעגענדעס פון די יידישע שבטים אין גאַר דער וועלט, געהערטע פון די לעצטע „מאָהיקאַנער" פון יידישע קיבוצים, וועלכע האָבן עולה געווען מיט די גרויסע עליה כוואַליעס און ליקווידאַציע פון די יידישע קהילות. דער דאָזיקער אַרכיוו ציילט שוין ביי אַכט טויזנט מעשיות און לעגענדעס, פאַרצייכנט דורך אַ גרופּע פאָלקלאָריסטן און עטנאָגראַפן-ליבהאָבער, — צווישן זיי אויך אַליין אָפּשטאַמיקע פון די באַטרעפנדיקע עדות — אָן אַ סעלעקטיוון קריטעריום.

א שפע פון כּלים, טראַכטן און צירונג פון צענדליקער פעלקער און לענדער ליגן ווי מומיעס אין די שאַפעס.

דער מוזייאום פירט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, באַקומט רעגלמעסיק 362 צייטשריפטן פון 43 לענדער און זיין דירעקטאָר, ד"ר דב נוי פון עם ירושליימער אוניווערסיטעט, איז בולט מיט זיין ענערגישן אויפטו אויפן געביט פון פאַרפיקסירן און אַרויסגעבן אין בוך-פאָרם די פריער דערמאָנטע פאָלקס-מעשיות, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס יידישע לעבן אין די לענדער פון דער צעשפּרייטקייט.

צולעצט וויל איך נאָר דערמאָנען די מוזייאומס פאַר יאַפּאַנישער קונסט, פאַר פּרע-היסטאָריע, נאַטור, ביאָלאָגיע („בית פּנחס") און זאָאָלאָגיע, וואָס דערגענצן די ריי פון מוזייאומס אין חיפה.

מרדכי גומפעל: "ואספת דגנך" (מאזאיק)

ק. הלל

דער קערנער־מוזייאום פון „דגון"

דער מאָדערנער מענטש לערנט געשיכטע בכדי צו דערקענען און פאַרשטיין דעם עבר מיט זיינע געשעענישן און אנטוויקלונגען. נאָכמער שטרעבט דער מענטש אויפצודעקן דאָס וואָס ליגט פאַרבאָרגן ערגעץ־וואו צווישן די חורבות פונעם אמאָל. דורך דעם דערקענט ער דעם עבר, ניט נאָר ווי עפּעס א ווייטן באַגריף, נאָר ווי א ממשותדיק זאַך, וואָס לאָזט זיך זען מיט די אייגענע אויגן און אָנטאַפּן מיט די אייגענע פינגער.

דער דאָזיקער שטרעבן האָט ארויסגעבראַכט א וויסנשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט גראָבן צווישן חורבות פון אמאָליקע מענטשלעכע יישובים און אין די טיפענישן פון דער ערד, אויף וועלכער די מענטשלעכע יישובים זיינען געשטאַנען, — א וויסנשאַפט וואָס זאַמלט די רעשטלעך און איבערבלייבעכצן פונעם אמאָליקן מענטש, פאָרשט זיי און דערגרונטעוועט זיך צו די סודות פון זייער תקופה — דאָס איז די וויסנשאַפט פון דער מאָדערנער ארכעאָלאָגיע.

די דאָזיקע וויסנשאַפט גיט אונדז ממש א לעבעדיקן באַגריף ווי אַזוי ס'האָט געלעבט דער אמאָליקער מענטש; ווי אַזוי ער האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט די נאַטור־כוחות וואָס ארום אים; ווי אַזוי ער האָט געפונען וואַסער אין מדבריותדיקע לענדער; ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען זיין הויז, זיינע כלי־בית, זיין געצייג און געווער; ווי אַזוי ער האָט געקעמפט און זיך פאַרטיידיקט; ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַן אופן ער האָט אויסגעדריקט זיין געפיל און שטרעבן צו עפּעס העכערס און שענערס, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון דער בהמה „ומותר האדם מן הבהמה"; ווי אַזוי ער האָט געפייערט זיינע ימים־טובים, געבויט זיינע מזבחות און טעמפּלס, געקנאָטן, אויסגעהאַקט אָדער אויסגעשניצט זיינע געטער, מענטשן, חיות און פייגל וואָס ארום אים, ווייל אויך דער אמאָליקער פּרימיטיווער מענטש איז געבענטשט געווען מיט א הארץ וואָס איז געווען אָפן פאַר די שיינקייטן פון דער נאַטור און אירע באַשעפענישן.

די ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען דעקן אַזוי־ארום אויף דעם אָנהייב פון דער מענטשלעכער קולטור, איר גאַנג און אנטוויקלונג, די פאַרשיידענע תקופות וואָס זי האָט דורכגעמאַכט ביז צו דער מאָדערנער תקופה, וואָס לאָזט זיך פאַראייביקן מיט אנדערע מיטלען.

✶

אויב ביי אלע פעלקער איז שטארק דער ווילן צו דערקענען זייער עבר און זייער אלטע קולטור, איז דער דאָזיקער ווילן פילפאכיק שטארקער און גרעסער ביים יידישן פאָלק, — אַן אַלט פאָלק וואָס איז אין די פריע יאָרן פון זיין געשיכטע ווי דורך אַ שטורעם ארויסגעריסן געוואָרן פון זיין לאַנד, צעזייט און צעשפרייט געוואָרן איבער דער וועלט צווישן פרעמדע פעלקער און פרעמדע קולטורן, בעת זיין אייגן לאַנד מיט זיין אייגן קולטור איז חרוב געוואָרן ביזן יסוד, פארוויסט און אָפגעמעקט געוואָרן פון דער ערד.

און ס'איז פארשטענדלעך פארוואָס מיטן אויפקום פונעם יידישן יישוב אין א"י האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע ארכעאָלאָגישע טעטיקייט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצולעבן פון צווישן די חורבות כאָטש אַ ברוכטייל פון אונדזער אלטער נאציאָנאַלער קולטור, וואָס האָט אפילו שוין ליגנדיק אין חורבות נאָך גענערט פיל פעלקער אויף דער וועלט. די ארכעאָלאָגן אונדזערע האָבן מיט זייער גראָבן זיך אין דער ערד ארויסגעבראכט אומגעהויערע אוצרות פון אונדזער פאָלקס-שאפן און באשטעטיקט, ווי מיט לעבעדיקע עדות, אַ גרויסן טייל פון דעם וואָס ווערט דערציילט אינעם עפּאָס אונדזערן — דער תנ"ך.

איינער פון די פּאָפּולערסטע און חשובסטע ארכעאָלאָגן אונדזערע, איז אָן ספק, פראָפעסאָר יגאל ידין, וואָס האָט אויסגעביטן זיין גענעראלסקן מונדיר אויף די ארבעט-קליידער פון אַ מענטש וואָס גראָבט זיך אין דער ערד. אַ דאַנק זיין גרויסן וויסן און גרויסע קענטענישן אויף דעם געביט — וואָס איז אים געקומען בירושה פון זיין טאַטן, דעם ארכעאָלאָג פראָפעסאָר סוקעניק — אַ דאַנק זיין פלייס און ענערגיע, זיינען דורכגעפירט געוואָרן וויכטיקע ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, בפרט אין חצור (וואָס איז, לויט יגאל ידין, געווען אַ שטאָט פון 50 טויזנט איינוואוינער, די גרעסטע אינעם מיטעלן מזרח פון יענער תקופה), און אין די היילן פון מדבר יהודה, פון וועלכע מיר דערקענען און לערנען זייער אַ סך וועגן אונדזער רומרייכן עבר און פארבינדן אונדזער דור — ווי איין המשכדיקייט — מיט יענע דורות וואָס האָבן געלעבט, געשאפן, געקעמפט און העלדיש געפאלן אויף דער דאָזיקער ערד.

✶

אַ באזונדערן מזל האָט די שטאָט חיפה וואָס אין איר לעבט און שאפט אַ וואונדערלעכער מענטש. דאָס איז דער באקאנטער און וויכטיקער אינדוסטריעלער אָבער אויך עכטער באָהעמע-מענטש, דער קינסטלער און פארליבטער אין קונסט און אין דער ארכעאָלאָגישער וויסנשאפט, — ד"ר ראובן העכט.

ד"ר ראובן העכט האָט מיט א סך קאָסטן, מי און פלייס, — דערצו מיט א סך הארץ און ליבשאפט, — געזאמלט עקספאָנאט צו עקספאָנאט ביז ער האָט אינעם גייעם בנין פון דער „דגון" געזעלשאפט, בראש פון וועלכער ער שטייט, אויפגעשטעלט דעם קערנער-מוזייאום, וואָס איז דער איינציקער פון זיין מין אויף דער וועלט און וועלכער אנטהאלט א זאמלונג פון ארכעאָלאָגישע עקספאָנאטן וואָס דערציילן וועגן דער אנטוויקלונג פון די קערנער-קולטורן. זייער באארבעטונג און אויפזאמלונג; זייער מאגאזינירונג און טראנספּאָרטירונג מעבר לימים, און ווי אזוי דער אמאָליקער מענטש האָט זיי געזייט, געשניטן, געמאָלן און געבאקן זיין ברויט.

דער פּריוואטער מוזייאום פון "דגון" האָט באקומען די אָפיציעלע אנערקענונג פון דער רעגירונג, און ד"ר ראובן העכט איז אָפיציעל אנערקענט געוואָרן אלס מוזייאום דירעקטאָר אין ישראל.

לאָמיר מאכן א קורצן שפּאציר איבערן מוזייאום, וועלכער האָט, א דאנק דער אָפיציעלער אנערקענונג, צוגעקראָגן פון דער ישראל-רעגירונג נאָך א גאנצע ריי עקספּאָנאטן:

שוין די פארביקע גלאָז-וואנט, וואָס איז ספּעציעל באשטעלט געוואָרן אין פראנקרייך, אין דער זעלבער פאבריק וואָס האָט צוגעגרייט דאָס גלאָז פאר שאגאלס באריםטע וויטראזשן, אויסגעפירט פון דער קינסטלערין נעמי העניק, און די זאנגען, אָן אבסטראקט, פון דער קינסטלערין מרים קאראָלי, ווירקן אויפן באזוכער און פירן אים אריין אין א מין קדושהדיקער שטימונג; מען פילט, ווען מען קומט אריין אין אזא אָרט, ווי מען וואָלט געהערט ממש דעם פלאטער פון פליגל פון דער געשיכטע, וואָס דאָ אין מוזייאום הייבט זי זיך אָן מיט דער שטיין-תקופה און דערגייט, דורך דער קאלקוליטישער און כנענישער תקופות, צו דער ישראלדיקער תקופה — די תקופה פון אייזן; און פון איר צו די פּערסישע, העלעניסטישע, רוימישע און ביזאנטישע תקופות.

ליגן דאָ לאנדווירטשאפטלעכע מכשירים פון שטיין, — א זכר פון דער נעאָליטישער תקופה, — טאקע „הארטע ווי שטיין"; און מכשירים שוין מער „מאָדערנע", פונעם ביין פון אן אייזלס באק, און אין זיי אריינגעזעצט אן אָנגעשארפטער שטיין — דאָס איז דער זיידע פונעם מאָדערנעם סערפּ. שווארצע באזאלט-שטיינער אריינגעזעצטע אין דיקע צווייגן, — דאָס זיינען די זיידעס פונעם היינטיקן אקער.

א ברוכשטיק פון א ליימענעם קרוג מיט צייכנס פון זאנגען אויף אים, — א סימן-היכר אז ער האָט געדינט צום האלטן קערנער. און באלד טאקע זעט מען אמתע קערנער, זיי זיינען אלט, ביי פיר טויזנט יאָר. די מילשטיינער פון דער געשיכטע האָבן זיי ניט געקענט צעמאָלן און באוויזן נאָר צו פארשווארצן זייער פּנים.

וויזט זיך ארויס אז אונדזערע אבות, אברהם אבינו און זיינע קינדער, וועלכע האָבן שוין געלעבט אין א מער גליקלעכער צייט — די תקופה פון בראָנז, — האָבן פּראָדוצירט קליינע קערנער-קריג, באקוועמע צום איבערטראָגן פון אָרט צו אָרט. זיי האָבן שוין די קערנער „געוואויגן און געמאָסטן". און אָט איז טאקע די מאָס — א טעפּעלע וואס אנטהאלט א צענטל „איפה".

די אלטע עגיפּטער, אונדזערע אייביקע שכנים, האָבן, ווי ס׳פּירט זיך צווישן שכנים, געהאט זייער השפּעה אויף אונדזערע אבות. געפינט מען טאקע אין מוזייאום א מאקעט פון עגיפּטישע תבואה-שפּייכלערס, עגיפּטישע צייכענונגען אויף קברים, וועלכע באווייזן פארשיידענע פּראָצעסן פון ערד-ארבעט, יאגד א.א.וו. און אויך אן אָריגינעלע סקולפּטור פון אן עגיפּטישער דינסט ביים מאָלן קערנער. פון וואנען איז עס געדרונגען אז ס׳איז א מצרישע דינסט? אויף דעם ענטפערן די ווייסער: די דינסט האָט אן אָפּגעראזירטן קאָפּ און א לאנגן קאָפּשיידל.

אין א באזונדער ווינקל ליגן גרויסע קריג פון חצור — געטריקנטע אויף דער זון, — זיי שטאמען פון די צייטן פון גענעראל יהושע בן-נון. און גענעראל יגאל ידין האָט זיי אויפגעזוכט.

זעט אויס, אז די „שופטים" וועלכע האָבן אין זייער צייט אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן, זיינען טאקע געווען קלוגע מענטשן, ווייל זיי האָבן זיך דערטראכט אז מיט שטיינער קען מען אויסבויען אין דער ערד תבואה-שפּייכלערס, — אי ס׳איז לייכטער און באקוועמער, אי ס׳איז גרעסער און בעסער פון קריג. געפינען מיר דאָ טאקע אזא מין שפּייכלער, און דערנעבן אן אויוון פון יענער צייט, וואו אפילו די סאזשע ליגט נאָך אויף די שטיינער, — דוכט זיך אז ערשט ניט לאנג צוריק האָט מען דאָ געבאקן ברויט.

מען געפינט אין מוזייאום אייל-לעמפּלעך, אייניקע נאָך מיט צייכנס פון רויך אויף זיך. און אויך קריגלעך פאר פארשיידענע פליסיקייטן: קריגלעך פאר אייל, פאר וואסער, און אפילו א ווייז בעכער — די שטאָלץ פון א קעראמיק-קינסטלער. אזא „גלעזל" ווייז האָט מען, אָן עין-הרע, געדארפט קענען אויס-טרינקען... אָבער ווער וואונדערט זיך דען אויף די אמאָליקע יידן!

א כוואליע-ברעכער פון אכזיב, אין צפון, און א תבואה-שפּייכלער פונעם אלטן יישוב ערד (אראד), אין דרום, שטייען דאָ איינס נעבן אנדערן. מען געפינט דאָ א שטיק געשיכטע פונעם מיטעלן מזרח: קריג פונעם אלטן גריכנלאנד, פארביקע קריג, באדעקטע מיט געאָמעטרישע פיגורן פון ציפערן, עטרוסקישע קריג, און קריג ארויסגענומענע פון די ים-ברעגן אונדזערע.

סקולפּטורן פון געטער אור-ישראלדיקע, גריכישע, כנענישע און פלישתישע וואוינען דאָ בשלום. אפשר דערפאר ווייל זיי האָבן דרך-ארץ פאר זייער שכנה,



א ווינקל אין קערנער-מוזייאום פון „דגון".

דער קלײנינקער געטין פֿון פּרוכטבאַרקײט, אָדער אפשר פֿון מורא פֿאַרן װיכטיקסטן גאָט — „דגון": דער גאָט פֿון דער ערד און תבואות; דער גאָט װאָס האָט באַשפּײַזט און דערנערט אַלעמען און האָט זײַ אױך באַזאָרגט מיט קרבנות. װי עס זאָל ניט זײַן, די אַמאָליקע בײַזע געטער קריגן זיך ניט מער, זײ פֿאָדערן אַפֿילו ניט קײן קרבנות.

װער קען דען אין אַ קורצן אַרטיקל אױסרעכענען אַלץ װאָס געפֿינט זיך אינעם מוזײאום: די אַלע מטבעות מיט אָפּצײכנס פֿון זאַנגען און תבואה־שיפֿן אױף זײ; די פֿאַרשײדענע מיל־שטײנער, אָנהײבנדיק פֿון קלײנע שטײנער פֿאַר אײן פֿאַמיליע נאָר (װעלכע װערן נאָך אַפֿילו הײַנט באַנוצט בײַ געװיסע בעדואינער), ביז די גרױסע באַזאַלט־שטײנער געשפּאַנטע צו פֿערד און אָקסן; די מאָדעלן פֿון פֿעניקישע תבואה־שיפֿן; די פֿאַרשײדענע אַנדערע עקספּאָנאַטן; און די קערנער פֿון די הײלן אין מדבר יהודה, מיט װעלכע ס'האָבן זיך גענערט בר־כּוכבֿאס אױפֿשטענדלער.

כּדאַי נאָך צו דערמאָנען באַזונדער די קבלה פֿון שטײן, אױף װעלכער ס'װערט מיט פֿלעקל־שריפֿט באַשטעטיקט, אַז מען האָט דערהאַלטן דרײַ מעסטלעך תבואה, — דעם קרבן־עולה פֿאַרן בית־המקדש.

און װי עס פּאַסט פֿאַר אַ קערנער־מוזײאום, געפֿינט מען דאָ אױך פֿאַרשײדענע צײכענונגען און ציפֿערן װעגן קערנער; די זאַנגען פֿונעם ארץ־ישׂראלדיקן קערנער־פֿאָרשער אהרונסון; און דאָס אַלץ באַגלײט פֿון דער שאַפֿונגס־פֿרײד פֿון די „דגון"־אַרבעטער און מיטן געזאַנג פֿון די פֿאַרשײדענע מאָדערנע פֿנעאַמאַטישע מאַשינען, װעלכע שעפּן מיט אימפּעט די קערנער פֿון די שיפֿן אין די סילאָס פֿון „דגון", צו באַזאָרגן מיט ברױט די בירגער פֿון ישׂראל.

מען דאַרף נאָך צוגעבן די האַרציקע אױפֿנאַמע צו װעלכער ס'איז זוכה דער באַזוכער אינעם מוזײאום; די גוטע באַנעמונג פֿון דער צאַרט־אײדעלער װעגװײַזערין, פֿרױ מיקי שיטרית, װעלכע גיט דערקלערונגען אױף עטלעכע שפּראַכן; די אױפֿמערקזאַמקײט װעלכע די „דגון" געזעלשאַפֿט שענקט דעם באַזוכער, און דאָס אַלץ אָן װעלכן ס'איז אָפּצאָל.

דער קערנער־מוזײאום פֿון „דגון" איז אַ װיכטיקע קולטור־אינסטיטוציע מיט װעלכער די שטאָט חיפה מעג זיך גרױסן.

משה ביק

שלום־עליכם

(טעקסט און מוזיק פון משה ביק)

שלום עליכם מלאכי השרת —
אונדז מעשיות דערציילן געוועז שטענדיק גרייט.
אונדז מעשיות דערציילן געוועז שטענדיק גרייט —
פון גרויסע — די צרות, פון קינדער די פרייד.
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם! (2)
פון גרויסע — די צרות, פון קינדער די פרייד.

שלום עליכם מלאכי השרת —
מע הערט און מע לאכט און מע טרערנט פאר פרייד.
מע הערט און מע לאכט און מע טרערנט פאר פרייד —
אזוי ווי אום שבת אין יום־טובדיק קלייד.
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם! (2)
אזוי ווי אום שבת אין יום־טובדיק קלייד.

שלום עליכם מלאכי השרת —
די צרות זיינען מערער און ווייניק די פרייד.
די צרות זיינען מערער און ווייניק די פרייד —
מען איז דאָך אין גלות, וואָס איז דאָ די רייד!
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם! (2)
מען איז דאָך אין גלות, וואָס איז דאָ די רייד!

שלום עליכם מלאכי השרת —
דער גלות איז גלות, און לייד זיינען לייד.
דער גלות איז גלות, און לייד זיינען לייד —
שוין הונדערטער יאָרן "צעזייט און צעשפרייט".
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם! (2)
שוין הונדערטער יאָרן "צעזייט און צעשפרייט".

שלום עליכם מלאכי השרת —
מיט פשוטע ווערטער, מיט פראָסטינקע רייד.
מיט פשוטע ווערטער, מיט פראָסטינקע רייד —

„צי דארפן יידן א לאנד ?" — האָסט דערקלערט דעם באשייד.
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם ! (2)
„צי דארפן יידן א לאנד ?" — האָסט דערקלערט דעם באשייד.

שלום עליכם מלאכי השרת —
מיר הערן א רוף שוין, סע שאלט דער טרומייט.
מיר הערן א רוף שוין, סע שאלט דער טרומייט —
משיח וועט קומען, אוי, יידן זייט גרייט !
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם ! (2)
משיח וועט קומען, אוי, יידן זייט גרייט !



שלום עליכם מלאכי השרת —
אוי, קוקט אייך נאָר צו ווער אויסגעגלייכט גייט.
אוי, קוקט אייך נאָר צו ווער אויסגעגלייכט גייט —
אוי, גרויס איז די שמחה, און גרויס איז די פרייד.
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם ! (2)
אוי, גרויס איז די שמחה, און גרויס איז די פרייד.

שלום עליכם מלאכי השרת —
מנחם־מענדל דער לופט־מענטש מיט פּאַלעס צעשפּרייט.
מנחם־מענדל דער לופט־מענטש מיט פּאַלעס צעשפּרייט —
און אקסל ביי אקסל מיט טוביה׳ן ער גייט.
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם ! (2)
און אקסל ביי אקסל מיט טוביה׳ן ער גייט.

שלום עליכם מלאכי השרת —
און מאָטל דעם חזנס, ער קייכט אזש פאר פרייד.
און מאָטל דעם חזנס, ער קייכט אזש פאר פרייד —
אין לאנד פון די אָבות איז אויך זיין באשייד.
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם ! (2)
אין לאנד פון די אָבות איז אויך זיין באשייד.

שלום עליכם מלאכי השרת —
מע זיצט אויף די פעקלעך, מ׳איז עולה זיין גרייט.
מע זיצט אויף די פעקלעך, מ׳איז עולה זיין גרייט —
ס׳איז לאכן געזונט, אז סע לאכט זיך פאר פרייד.
באם־באם־באם, באם־באם־באם, באם־באם־באם ! (2)
ס׳איז לאכן געזונט, אז סע לאכט זיך פאר פרייד.

די טעטיקייט פון יידישן שרייבער־פאראיין אין חיפה

ווי אין די פריערדיקע יאָרביכער, אזוי אויך דאָ, ברענגען מיר פאר די לייענער א קורצן באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער חיפהער אָפּטיילונג פון יידישן ליטעראטן-און זשורנאליסטן-פאראיין אין ישראל. דער באריכט נעמט ארום די תקופה פון 1-טן סעפּטעמבער, 1965, ביז דעם 31-טן מערץ, 1967.

עפנטלעכע ליטעראַרישע אָוונטן:

2 אָוונטן געווידמעט דאָס דערשיינען פון „חיפה" נומער 2-3:

אין „ביתנו", חיפה, מיטן אנטייל פון נחמן מייזיל, לייב חיין-שמעוני, מרדכי קראַשניץ, דוד ראַדין און חיים וואַטשין.

אין קרית-מוצקין, מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ, לוי פּאפּיערניקאָוו, און שמחה האמבורג.

5 אָוונטן געווידמעט דעם 50-סטן יאָרטאָג פון שלום-עליכם:

אין קרית-חיים מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ, מרדכי שטיינבערג, און שמחה האמבורג. חיים וואַטשין האָט געלייענט פון שלום-עליכמס שאפונגען.

אין קרית-מוצקין מיטן אנטייל פון נאַטאן מארק, מרדכי שטיינבערג, און שמחה האמבורג.

אין קרית-ים — צוזאמען מיטן יידישן קולטור-קלוב ביי מפ"ם — מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ און נאַטאן מארק. פון ש"ע שאפונגען — פּ' גלינטארשטשיק.

אין דער פראנץ קורסקי ביבליאָטעק אין חיפה, מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ און מרדכי שטיינבערג. פון ש"ע שאפונגען — פּ' א. ש. מעלער.

אין קרית-שפּרינצאַק מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ.

אן אזכרה אין חיפה צו די שלושים פון נחמן מייזיל, צוזאמען מיטן יידישן קולטור-קלוב ביי מפ"ם, מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ, מרדכי חלמיש און בונים העלער (תל-אביב). פון נ. מייזילס ווערק — פּ' גלינטארשטשיק.

אן אָוונט אין קרית-חיים געווידמעט יוסף פּאפּיערניקאָווס 40 יאָר שאפן אין ארץ-ישראל. באטייליקטע: מרדכי קראַשניץ, רבקה קוויאטקאָווסקי-פּנחסיק, לייב חיין-שמעוני און דער יובילאַר.

אן אָוונט אין קולטור-הויז "ביתנו" אין חיפה, לכבוד רחל קאָרן. באטייליקטע: מרדכי קראַשניץ און די דיכטערין רחל קאָרן. פּ' ח. וואַטשין האָט געלייענט פון רחל קאָרנס לידער.

אָוונט פון קורצער נאָוועלע אין קרית-אליעזר, מיטן אנטייל פון רבקה קוויאטקאָווסקי-פּנחסיק, מרדכי קראַשניץ, חיים וואַטשין, לוי פּאפּיערניקאָוו און מרדכי שטיינבערג.

אָוונט פון קורצער נאָוועלע אין קרית-מוצקין, מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ און לוי פּאַפּיערניקאָוו.

אן אָוונט אין דער פראנץ קורסקי ביבליאָטעק אין חיפה געווידמעט דאָס בוך פון א. גאפּלאט "געשטויגן-געפלויגן", מיטן אנטייל פון רבקה קוויאטקאָווסקי-פּנחסיק און א. גאָפּלאַט. הומאָרעסקעס פון א. גאָפּלאט — פ' בוימאָוויטש.

2 אָוונטן צום פערטן יאָרטאָג פון ה. לייוויק:

אין "ביתנו" חיפה, מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ, לייב חיין-שמעוני. פון לייוויקס ווערק — פ' ח. וואַטשין.

אין קרית-חיים המערבית מיט די זעלבע באטייליקטע.

אָוונט אויף דער טעמע חסידות, צוזאמען מיטן קלוב פאר ליטעראטור און פאָלקלאָר אין קרית-חיים, געווידמעט דאָס בוך, "דערהויבנקייט" פון נאטאן מארק, מיטן אנטייל פון מרדכי לאזאר, מרדכי קראַשניץ און נאטאן מארק. חסידישע און יידישע פאָלקס-לידער — שולמית לבני.

אָוונט אין דער פראנץ קורסקי ביבליאָטעק אין חיפה א.ד.ט. "א באגעגעניש פון די לייענער מיטן שרייבער" געווידמעט לוי פּאַפּיערניקאָוו, מיטן אנטייל פון מרדכי קראַשניץ און דער קאָנצערט-גרופּע ביים ארבעטער-רינג.

שעפערישע אָוונטן:

מיר האָבן פאָרגעזעצט די שעפערישע אָוונטן וועלכע קומען פאָר יעדע פאָר-וואָכן, שבת-צו-נאכט, יעדעס מאָל ביי אן אנדער חבר שטוב, אין וועלכע ס'באטייליקן זיך אויך די מיטגלידער פון קולטור-קרייז ביי אונדזער פאראיין.

אויף די דאָזיקע אָוונטן האָבן חברים געלייענט פון זייערע נייע שאפונגען און עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן רעפעראטן, וועלכע האָבן ארויסגערופן ברייטערע שמועסן און דיסקוסיעס. עס זיינען פאר דער צייט פאָרגעקומען:

1 מסיבה געווידמעט די חברים מרדכי קראַשניץ און דוד ראָדין צום דערשיינען פון זייערע אויסגאבן.

1 מסיבה צום דערשיינען פון יאָרבוך "חיפה" נומער 2-3, מיטן אנטייל פון אלע מיטארבעטער און געלאַדענע קולטור-טוער.

2 אָוונטן געווידמעט נייע שאפונגען פון אונדזערע חברים.

1 מסיבה לכבוד דער דיכטערין רחל קאָרן.

2 חנוכה אָוונטן.

1 מסיבה לכבוד ל. חיין-שמעוני צו זיין אלט ווערן 65 יאָר.

1 מסיבה לכבוד דעם רעזשיסער פון די יידישע דראמקרייזן אין פוילן פ' פּנחס ערליך, וועלכער האָט דערציילט וועגן יידישן קולטור-לעבן אין פוילן און האָט אויך געגעבן א קינסטלערישן פּראָגראם.

א באגעגעניש ביי א גלעזל טיי מיטן דיכטער בעריש וויינשטיין פון ניו-יאָרק, און מיט זיין איבערזעצער אויף העברעאיש, ראָבינזאָן, וועלכער האָט גערעדט וועגן שאפן פון בעריש וויינשטיין.

א באגעגעניש ביי א גלעזל טיי מיט דער דיכטערין פעסיע פּאַמעראנץ און

איר מאַן, דער קולטור-טוער משה האַניגבוים פון מיאַמי-ביטש (פ.ש.א.).

א מסיבה לכבוד דעם מאָלער א. י. ראַפאַעל צום שלוס פון זיין ערשטער אויסשטעלונג אין ישראל.

א מסיבה אין הויז פון מאָלער אברהם ישכיל צו באַקענען זיך מיט זיינע שאַפונגען, באַגלייט מיט ליכטבילדער.

עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן רעפעראַטן אויף די טעמען:

לייב חיין-שמעוני — ״אין אן אטאָמישער תקופה״.

ד״ר דב נוי (פון ירושליימער אוניווערסיטעט) — ״דער יידישער פאָלקלאָר״.

יהושע גראָסבארד — ״פּיקאַסאָ און זיין שאַפן״, באַגלייט מיט ליכטבילדער.

מנשה גפן — ״הונדערט יאָר דוד עדעלשטאַט״.

רבקה קוויאטקאָווסקי-פּנחסיק — ״ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור״.

עמיל סעקולעץ — ״אַספּעקטן פון דער יידישער פאָלקס-מוזיק און פאָלקס-ליד״. מיט מוזיקאַלער באַגלייטונג.

ל. חיין-שמעוני — „ש. י. עגנון — צו זיין באַקומען די נאָבעל-פּרעמיע״

מיר האָבן אויך פאַרגעזעצט אונדזער טעטיקייט און מיטהילף צו די חיפהער קולטור-קרייזן אין דער יידישער שפּראַך. אויך האָבן מיר פאַרגעזעצט דאָס אַרויסגעבן ביכער פון יידישע שרייבער, ווי דאָס איז צו זען פון דער רשימה ביכער וואָס זיינען ביז איצט דערשינען אין אונדזער פאַרלאַג ״חיפה״.

*

ליידער פאַרענדיקן מיר דעם באַריכט פון אָנדערטהאַלבן יאָר טעטיקייטן מיט דערמאָנען די שווערע אבידה וואָס מיר האָבן געליטן מיטן טויט פון אונדזער חשובסטן מיטגליד — דעם שרייבער, ליטעראַטור-פאָרשער און ליטעראַטור-קריטיקער — נחמן מייזיל, וואָס איז דעם 27-סטן אַפּריל, 1966, אַזוי פּלוצלינג אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן אין דער סאַמער מיט פון זיין קוואַליקער שעפערישקייט.

מיר דערמאָנען אויך אין טיפן טרויער, דעם מיטגליד פון קולטור-קרייז ביי אונדזער פאַראיין, איינזש׳ ישעיהו קעניגשטיין ז״ל, וואָס איז פאַר דער צייט אוועקגעריסן געוואָרן פון זיין משפחה, פון זיינע חברים און פריינד.

עטלעכע בלעטלעך אינעם בוך זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין זיין אָנדענק.

*

מיר דריקן אויס אונדזער האַרציקסטן דאַנק דער פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן-און זשורנאַליסטן-פאַראיין אין ישראל פאַרן צוטיילן אונדז, אין די ראַמען פון ליטעראַטור-פאָנד, א סובסידיע פון —.500 (פינף הונדערט) לירות פאַרן פערטן נומער ״חיפה״.

מיטן טיפן גלויבן אַז מיר וועלן זוכה זיין אַרויסצוגעבן די ווייטערדיקע יאָרביכער אונדזערע און פאַרזעצן אונדזער אַרבעט, גיבן מיר איבער ״חיפה״ נומער 4 צו די לייענער.

אינהאלט:

	א בריוו פון שלום-עליכם	5
קלארא בראַט	מוטער און טאָכטער (סקולפּטור)	6
מרדכי קראַשניץ	נחלאים	7
אברהם ישכיל	איוב (בילד)	28
פעסיע פּאַמעראַנץ־האַניגבוים	לידער	29
עזרא להד	שלום-עליכם אויף דער העברעאישער בינע	33
בתיה גראַסבארד	א חיפהער פּייזאזש (בילד)	66
רבקה קוויאטקאָווסקי־פּנחסיק	עולים	67
מיכאל גראָס	א געשטאַלט (סקולפּטור)	82
פּרץ מיראַנסקי	לידער	83
גיטל מייזיל	נאָך א פּאָר ווערטער	85
ל. חיין־שמעוני	נצרת	89
שמחה פּאָליאַקעוויטש	גאָלדעס לעצטער גאנג	107
א. י. ראפאעל	אן איילבערט-בוים (בילד)	112
א. י. ראפאעל	לידער	113
מרדכי קראַשניץ	דריי תקופות אינעם שאפן פון רחל קאָרן	115
לוי פּאַפּיערניקאָוו	בלאָנדזשענדע נשמות	127
יהושע גראַסבארד	א הויז און א בוים (בילד)	142
נאטאן מארק (אבי אביר ציון)	דעם בעש"ט'ס באשערטע	143
א. י. ראפאעל	שטאם פון אן איילבערט-בוים (בילד)	150
יצחק ליכטנשטיין	דערמאָנונגען פון א וואנדערער	151
י. גרינבערג	פעדערן	167
יוסף סאָקולער, ז"ל	ירושה	175
ק. הלל	די פּערזענלעכקייט נחמן מייזיל	185
שלמה איצקאָוויטש	א ווינקל אין חיפהער פּאָרט (בילד)	192

עזרא להד	גראמען וועגן דער דריטער עליה . . .	193
שמואל לאם	א יינגל שפילט אויף א פייפל (בילד) . .	200
חיים וואַטשין	דעם מילגערס זון	201
זאב ישכיל	א מנורה (בילד)	224
אלישבע שיינפעלד	א מעשה מיט זיבן בעטלערס פון ר׳ נחמן בראסלאווער	225
מרדכי שטיינבערג	בלויע האָריזאָנטן	254
מנשה גפן	שמואל יוסף עגנון — געווינער פון נאָבעל-פרעמיע פאר ליטעראטור . .	260
שמחה האמבורג	איר געבעט איז דערהערט געוואָרן . . .	265
משה ביק	מקורות און שליחות פון פאָלקס-ליד . .	269
מנחם שמי (שמידט)	טבריה (בילד)	272
יהושע גראָסבארד	מנחם שמי (שמידט)	273
א. גוטעס	״215 טעג״	277
אבישר ד. זכאי	צווישן מוזייאומס אין חיפה	279
מרדכי גומפעל	״ואספת דגנך״ (מאָזאיק)	286
ק. הלל	דער קערנער-מוזייאום פון ״דגון״ . .	287
משה ביק	שלום-עליכם	293
	די טעטיקייט פון יידישן שרייבער-פאראיין אין חיפה	296

תיקון טעות:

אויף זייט 155 אין ארטיקל פון י. ליכטנשטיין, איז אריינגעפאלן אן איבעריקע שורה (שורה 22 פון אויבן אראָפּ ״אָנגעהויבן אָנקומען״ א.א.וו.). דאקעגן פעלט צווישן די שורות 24-25 א שורה: ״אָנגעהויבן באוויזן. אין ניו-יאָרק האָבן שוין געברויזט נייע ווינטן. כ׳האָב פארשטאנען״ א.א.וו.

דערשינען אין פארלאג "חיפה"
ביי דעם יידישן שרייבער-פאראיין אין חיפה :

מ. קראַשניץ און ד. ראַדין (רעד׳)	„חיפה" נומער 1
מרדכי קראַשניץ	אייגנס
רבקה קוויאטקאָווסקי-פּנחסיק	בידיים נאמנות (העברעאיש)
דוד ראַדין	דער שמעטערלינג
מרדכי קראַשניץ	נאטור און מענטש
מ. קראַשניץ און ד. ראַדין (רעד׳)	„חיפה" נומער 3—2
רבקה קוויאטקאָווסקי-פּנחסיק	אין זיכערע הענט
נחמן מייזיל	ד״ר חיים זשיטלאָווסקי 1965—1865
ד״ר ישראל חיים פּאָמעראַנץ	משיח-מאָטיוון אין דער אמעריקאנער-יידישער פּאָעזיע
מרדכי קראַשניץ	ערד
מ. קראַשניץ און ד. ראַדין (רעד׳)	„חיפה" נומער 4